STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 00936

# KLINTON STRIT

## Chaver-Paver

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Brian Inkeles*
*in honor of*
*Meredith & Marc Inkeles*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כאַווער
פּאַווער

# קלינטאָן סטריט

ראָמאַן
אין 2 טיילן

פאַרלאַג אידביוראָ
1937

# CLINTON STREET

*Copyright by*

GERSHON EINBINDER
New York, 1937

●

*Published by*
NATIONAL JEWISH BURO

*Distributed by*
FREIHEIT BOOK STORE
35 East 12th Street
New York, N. Y.
209

# ערשטער טייל

פוליע טשערנער׳ן.

# אין דעם הויז, וואו מען לאַכט און מען וויינט

אַ גרינער טראַמוויי מיט ליכטיקע פענצטער שטופּט זיך אַריין אין דער שמאָלער גאַס. קלינגט דער טראַמוויי צודרינגלעך און חוצפּה'דיק און קריכט טריט בײַ טריט. מענטשן צעשטופּן זיך און לאָזן אים דורך.

אַ שמאָלע גאַס מיט אָפּגעקראָכענע טענעמענט־הײַזער. קראָמען, פּושקאַרטס. אויסגעהאָרעוועטע טאַטעס, ברייטע, צעשוואומענע מאַמעס, עלטערע אידן מיט בערד, באָבעס אין די היימישע קאָפּן־טיכלעך. אינגעלעך, מיידעלעך, צעשויבערטע, צעווילדעוועטע, פּרעכע, שרייענדיקע, האָבן פאַרכאַפּט יעדער פּיצל טראָטואַר, יעדער שטיקל מיטן־גאַס. זיי קאָנען ניט אָפּשטעלן דעם טראַמוויי, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין זייער מענטשן־שטאָק, דערפאַר הענגען זיי זיך אָן פונהינטן און געוואַלדעווען און ליאַרעמען.

ס'איז אַ זומער־פאַרנאַכט. אויף די דעכער זיצן אידן פון אוקראַינע, פּוילן, רומעניע און גאַליציע, אידן פון גאָר דער וועלט, און האָבן אַ קאַפּעלע הנאה פון פאַרדעכטיקע ווינטלעך. די פאַרדעכטיקע ווינטלעך קומען ניט פון גרינע פעלדער, ניט פון קילע ים'ען. זיי קומען פון פאַר'עיפּוש'טן איסט־ריווער. הייסע און טוכלע ווינטלעך. אָבער די לופט־כאַפּער פאָכן זיך און קוויקן זיך: מילא, לאָז זיין אַזאַ ווינטעלע, אַבי ס'בלאָזט.

אַפן בלאָק שרייען קינדערלעך מיט שאַרפע, שניידנדיקע קולות. שרייען קינדער אויך פון אַנדערע בלאָקס אַרום דעם געגנט. די טאַטעס און מאַמעס אויף די דעכער, צעכראַסטעטע, אָפּגעשפּיליעטע, שמועסן צווישן זיך, קלאָגן זיך אויף דער שרעקלעכער היץ, אויף דעם שווערן ביטערן לעבן אין אַמעריקע. אייניקע שלאָפן איין, אייניקע וויגן זיך און זינגען אונטער די אַלטע ניגונים־לעך פון דער אַלטער היים.

שרייען הילכיק די גאַסן, ברומען די דעכער. און אין אַ הויז אויף קלינטאָן סטריט שטאַרבט אַ מענטש. אַ מענטש שטאַרבט אַפן פערטן שטאָק, און אַפן פינפטן שטאָק צעגייט זיך אַ וויקטראָלאַ מיט אַ לוסטיק ניגונ'דל. אַך, ווי ס'איז איר גוט דאָרטן, דער וויקטראָלאַ! אַ רעקאָרד אַזאַ דרייט זיך מיט אַ רוסישער קאַזאַטשקע און מען האָפּעט דאָרטן און מען שרייט: עך, עך, אַכטי דער־באַכטי.

עס ברענט דער גאַסן־לאָמפּ מיט אַ רויטלעכער מוטנער ליכט און גיסט אַף מיט אַ רויטלעכער מוטנער שיין די פּאַרהאַנגלעך, וואָס פלאַטערן ניט, וואָס הענגען טויטע, אָן אַן אָטעם, איינגעפּאַלענע לויזע שמאַטקעלעך.

בעסי וויינט אין דער פינצטערער קיך. די מאַמע הייסט בעסי און זי וויינט מיט אַ ציטערנדיקן, דינעם געוויין. דער מאַמעס געוויין דער־גייט שוין ניט צום טאַטן, וואָס ליגט אין פינצטערן אַלקערל אַפן הויכן בעט. דער געשריי פון דער גאַס און דער געברום פון די דעכער דער־גרייכט צו אים שוין אויך ניט. ער איז פאַרטאָן אין אַן אַנדער וועלט. אַן אומקלאָרע פינצטערע וועלט, און אומגעהויערע גרויסע שוואַרצע הינט האַווקען בייז. האַוו, האַוו! — בילן זיי אין די אויערן פון שמערלען דעם פעדלער, וואָס דאַרף איצט שטאַרבן און פאַרזאַמלט ווערן צו זיינע עלטערן, וועלכע ליגן אַף אַ וויטן בית־עולם ערגעץ אין אַ פוילישן שטעטל.

אַף אַ הויכן בעט ליגט ער מיטן פּנים אַרויף צו דער פינצטערער הוילעניש. די מאַמע האָט אים אויסגעבעט אַ הויך בעט. אַלע קישנס אונטער־געלייגט און אים צוגעדעקט מיט אַלע קאָלדרעס און מיטן פוילישן איבערבעט. ס׳טוט זיך איצט פון אים אַפּ די וואָרעמקייט פון לעבן.

שוין פיר טעג אַז ער צאַנקט און גייט אויס און וויל נאָך ניט אויסגיין. ער ראַנגלט זיך, ער ווערט זיך, ער האַלט זיך אָן. נאָך אַ קליין ברעקעלע לעבן איז געבליבן און ער האַלט זיך אָן דעם אָן מיטן לעצטן טראָפּעלע כח.

מרים, די עלטסטע, צוואַנציק־יאָריקע טאָכטער, זיצט אַף זיין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן און שרעקט זיך וואָס דער טאַטע אָטעמט אַזוי פּאַוואָליע. צו ביסלעכוויז, שטיקלעכוויז אָטעמט ער. אָ, איר טאַטע, וואָס זיינע טעג זיינען געגאַנגען פאַר אירע אויגן אַזוינע געמאַטערטע און געפּייניקטע.

מויש איז הונגעריק. דער 18־יאָריקער מויש מיט די לאַנגע אויערן און באַפּרישטשעטן פּנים. „אַ דזשי", קלאָגט ער צו דער פינצטערניש, און ווייסט אַפילו ניט צי אימיצער הערט אים. ער איז הונגעריק און אין הויז איז טרוקן, אָפּגעראַמט יעדער ברעקעלע. „אַ דזשי, אַ דזשי!" ווער איז צו אים דזשי? אפשר אַן אָנקל זיינער, אָדער אַן אַנדער קרוב? „דזשי" איז אים קיינער ניט. אַ „דזשי" איז דער, וואָס די קינדער פון קלינטאָן סטריט רופן אים, ווען ס׳איז זיי ניט גוט, און ווען מען ווייסט אַפילו ניט ווער עס איז אַזוינער דער „דזשי". ער וויל עסן, מויש. שטאַרק עסן וויל ער. „אַ דזשי!"

מילדרעד, אַ מיידל פון אַ יאָר 17, לאַכט. כי, כי, כי, ציִשעט זי זיך

ערגעץ אין דער פינצטער. זי האָט אַזוי לאַנג געטראַכט און געטראַכט ביז זי האָט דערזען אין געדאַנק טשאַרלי טשאַפּלינ׳ען אָנקומען. ער איז אָנגעקומען אין אַ פראַק, דרייענדיק זיין שטעקעלע צווישן די פינגער. מיט זיינע קרומע פיס איז די לאַנגע שיך, האָט ער זיך פאַרנויגט צו איר.

— „האַו דו יו דו," — האָט ער געמאַכט.

— כי, כי. — זי לאַכט, מילדרעד.

און ליוסי? די 12־יאָריקע ליוסי, די אינגסטע טאָכטער, די מוזינקע. יענע האָט אויסגעטריקנט. קיינער האָט ניט געהערט, ווי זי האָט זיך אַרויס־געגליטשט פון הויז, אַרויף אַפן פינפטן שטאָק און מיט מורא אַ קלאַפּ געטאָן אין דער טיר. מאַשע האָט פאַר איר געעפנט די טיר. מאַשע, אַ צעפּאַרעטע, אַ פאַרמאַטערטע פון טאַנצן. זי האָט דאָס אַזוי געטאַנצט די קאַזאַטשקע, פּנים קעגן פּנים מיט אַרקעלע׳ן.

ליוסי איז זיך מחיה, וואָס מען לאָזט זי אַריין, וואוהין מרים לאָזט זי ניט גיין.

ס׳איז אַ פּאַרטי דאָרטן. מאַשע׳ס געבורטס־טאָג. וויפיל זי ווערט אַלט, וועט זי ניט זאָגן, מאַשע. אָבער ס׳איז אַ געבורטס־טאָג. אַ ליטווישער טאַטע האָט איר געגעבן לעבן, אַ פרומע מאַמע האָט זי געבוירן ערגעץ אין אַן אוקראַינער שטעטל. דאָרטן זיינען געווען שיינע אויסגעשטערנטע הימלען און אַקאַציע־בוימער האָבן געבליט באַם פּריץ אין גאָרטן, און מען פלעגט פירן „כשר׳ע כלה־מיידלעך" צו דער חופּה און קלעזמער האָבן געשפּילט אַזוינע טרויעריקע ניגונימלעך. אין קליוולאַנד סטריט בליען ניט קיין אַקאַציע־בוימער און דער הימל איז ניט אויסגעשטערנט און זי, מאַשע — איר לעבן איז פאַרשפּילט.

די פאַרהענגלעך אַפן פערטן שטאָק האָבן זיך צעפלאַטערט, צעציטערט. זיי האָבן דערשמעקט ווינט. דער טאַטע האָט זיך אַ ריר געטאָן, אויפגעעפנט די אויגן און פאַרגעסן, וואו ער געפינט זיך. ער האָט ניט געדענקט דעם פריער און פאַרגעסן דעם איצט. אַ פינצטערניש, אַן אייביקע פינצטערניש. עס איז ניטאָ קיין גוף, ס׳איז ניטאָ קיין געשטאַלט, נאָר עפּעס אַ „איך" און דער „איך" איז אויך ניט קלאָר. ס׳האָבן געשטראָמט געדאַנקעלעך צום „איך". קליינע געדאַנקעלעך אָן אַ מיין.

— בעסי, בעסי, פאַרוואָס איז אַזוי פינצטער?

דער גאַז־רער ברענט פון דער וואַנט מיט אַ פלעמל. אַ שפּיצעכיק פלעמל, וואָס רייסט זיך צום אַנטלויפן. געוואָרן גרוי די באָרד באַם טאַטן. פאַר די לעצטע 4 טעג איז זי אַזוי גרוי געוואָרן און ער איז קוים 50 יאָר אַלט. די

באָרד אַליין איז געוואָרן גרוי, אָבער די האָר פון קאָפּ זיינען נאָך געבליבן שוואַרץ. שיטערע הערלעך אויף אַן איינגעפאַלענעם שאַרבן. איינגעפאַלן שמערל דער פעדלער. די באַקן פאַרזונקען. די ברוסט אַראָפּגעזעצט. עס זיינען דאָ בלויז אויגן מיט צוויי שטיקלעך וויטיק. איז כל־זמן עס זיינען נאָך דאָ די צוויי שטיקלעך וויטיק אין די אויגן, איז נאָך גוט. איז אַ סימן, אַז זיי לעבן נאָך, די אויגן.

אַ צימערל, ווי אַ קבר. אַ חוץ דעם בעט קען שוין ניט שטיין קיין שום זאַך. די וואַנט אַן אָנגעבלאָזענע מיט אַ בויך. אַן אַ פענצטער. די סטעליע נידעריק. אַט, אַט פאַלט זי אַפּן בעט.

— בעסי, בעסי — רופט ער און זיין קול קומט פון גאָר ווייט. זיין קול קומט פון די טיפענישן פון אַן אויסגעהוילטן טויטן גוף, וואו עס איז נאָך דאָ אַ ברעקעלע אָנהאַלט אין לעבן.

— בעסי, בעסי!

בעסי, דאָס אויסגעטריקנטע ווייבל זיינס מיט די צעשויבערטע האָר, מיטן קליינטשיקן נעזעלע, ווי באַ אַ הינטעלע. דאָס לעבן האָט איר ניט געגעבן קיין סך פייכטקייט, קיין סך זאַפט — אַ טרוקן ביימל, וואָס וואַקסט אויף שטיינער.

— בעסי, בעסי!

בעסי גייט צו.

— משה, משה!

עס גייט צו דער הויכער לאָפּאַק מיט די גרויסע אויגן. בייזע אויגן פון הונגער, ווי באַ אַ וואָלף. זיין טאַטע, „דזשוי״, זיין טאַטע.

ער פרעגט ניט, שמערל, באַ זיין זון, צי ער וועט זאָגן נאָך אים קדיש. ווייל ס'איז אַרויסגעוואָרפן. וואָס ווייסט ער פון קדיש? וואָס ווייסט ער פון אַ טאַטן?

ווען שמערל'ס טאַטע האָט געדאַרפט שטאַרבן און ער האָט אים צוגערופן, אים שמערל'ען, דעם עלטסטן זון, צו זיין קראַנקן־בעט, איז ער כאָטש געווען אַ זון מיט דעם געשטאַלט פון דעם אוועקגייענדיקן טאַטן. ער האָט גערעדט זיין טאַטנ'ס לשון. ער האָט פאַרמאָגט די ענלעכקייט אין די אויגן, אין די ברעמען.

דאָ גייט אוועק אַ טאַטע און ס'בלייבט אין זון גאָרניט פון טאַטן. דאָס לשון איז פרעמד, אין די אויגן — רויקייט, אין די פּלייצעס — פינצטערע עקשנות. אַ קלינטאָן סטריט זון.

— משה, מיין זון, משה'לע!

— „אַ דזשי".

— מלכה'לע, מלכה'לע טאָכטער!

מילדרעד לאַכט. מיט די דאַרע אַרויסגעשטעקטע באַקן־ביינער לאַכט זי. זי לאַכט אפשר ניט, נאָר די אַרויסגעשטעקטע באַקן־ביינער ווייזן אויס, ווי זיי שפּעטן פון עמיצן. אייביק שפּעטן זיי.

— ליוסי, ליוסי!

אַלע קוקן זיך אום. וואו איז ליוסי? מסתמא אויבן. די מאַמע גייט זי רופן.

— מרים, מרים, טאָכטער מיינע גרויסע. גיב אַכטונג אַף זיי.

מרים, זיין טאָכטער, וואָס איז אים געבוירן געוואָרן מיט קופּער־רויטע האָר, מיט אַ לאַנגן ווייסן האַלז, מיט אויגן אַזוינע, וואָס דערמאָנען אייך, אַז איר האָט זי ערגעץ וואו געזען, צי אַף אַן אַנדער גאַס, צי אין אַן אַנדער שטאָט, צי פּיליכט גאָר אין אַן אַנדער לאַנד. ברוינע אויגן, וואָס מאָנען בא אייך און איר ווייסט ניט וואָס זיי ווילן פון אייך. מרים, וואָס איז אַזוי אַנדערש ווי אַלע אַנדערע קינדער, אַקוראַט ווי זי וואָלט געוואַקסן ערגעץ אין אַ באַרגיק לאַנד מיט ליכטיקע טייכן, און ניט אין דער פינצטערניש פון די צוויי צימערלעך אַף קלינטאָן סטריט מיט די מייז און מיט די וואַנצן.

ליוסי איז אויך דאָ. זי איז שיכור'לעך. אַרקעלע גנב האָט איר גע־צוואונגען אויסצוטרינקען אַ גלאָז וויין. דאָס שוואַרצקייט פון וויין ליגט נאָך אַף אירע ליפּן. זי שמייכלט קרום, די מוזינקע ליוסי.

אַלע שטייען זיי אַרום אים, אָבער ער האָט שוין פאַרמאַכט די אויגן, און מען קען מיינען, אַז ער זעט זיי ניט. ער זעט זיי אָבער יאָ. אין זיין בלוט, אין זיין זינען זעט ער זיי.

די פאָרהאַנגלעך שיסן אויס. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער ווינט, אַ שטורעם. דאָס ליכט פון גאַז־דער וויל אַנטלויפן. עס איז אים גרינגער געוואָרן, שמערל'ען דעם פעדלער. „אַ, אַ", מאַכט ער און צעוויינט זיך. ווי זאַמדלעך, וואָס פאַלן אַף אַ שויב, אַזוי וויינט ער. ער וויינט וועגן דעם גורל פון זיינע טעכטער: מרים, ליוסי און מילדרעד, און אַ זון משה אַף קלינטאָן סטריט, וואָס וועלן דאַרפן לעבן נאָך אים.

# מאַיק אפרת מיטן אָפּגעביסענעם אויער

מאַיק אפרת איז אַרויס פון דער „רעפאָרמאַטאָרי" מיט אַן אָפּגעביסענעם אויער. די וואונד האָט זיך שוין לאַנג פאַרהיילט. געבליבן פון אויער איז בלויז אַ פאַרדאַרט שטיקל לעפּל מיט אַ פּיפּטשיקל אינדערמיטן.

צוויי יאָר געווען פאַרשפּאַרט און איצטער שפּאַנט ער איבער ניו יאָרק. יעדע גאַס איז פריי. קיין שום טויער פאַרמאַכט זיך ניט פאַר אים. קיין שום טיר שליסט זיך ניט צו. זיי לאָזן אים דורך די גאַסן וואוהין ער וויל. ער קען גיין אַרויף, אַרויף, בלאָק נאָך בלאָק אומגעשטערט. ער קען גיין אַראָפּ, אַראָפּ און פאַרגיין אין דער פרייער ווייטער וועלט אַריין. קיינער וועט אים ניט פאַרשטעלן דעם וועג.

מאַיק, דער אָרימער אינגל פון דער איסט־סאַיד, דער ווילדער, פרעכער אינגל, וואָס האָט ווי אַ גזלן אַריינגעשטאָכן אַ מעסערל אין זיין חבר'ס בויך, קערט זיך איצט אום אַהיים אַף קלינטאָן סטריט אַ שטילינקער און אַ פלאַטערנ־דיקער.

אין די היימישע קולות פון קלינטאָן סטריט איז ער געבוירן געוואָרן, זיי האָבן אים באַגלייט צו זיין שלאָף. זיי האָבן אים געגעבן רו און זיכערקייט.

צוזאַמען מיט זיין שוועסטער, האָבן זיי זיך ביידע אויפגעהאָדעוועט אין אַ פינצטערן קעלער. (זיין מאַמען געדענקט ער ניט. זי איז אַ יונגע אַוועק פון זיי.)

זיין שוועסטער האָט אים געלייגט קאָמפּרעסן, ווען ער איז געווען קראַנק אַף ניומאָניע. זיין שוועסטער אסתר, וואָס האָט אים אַריינגעאוכקעט אין אויער, ווען ער האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן און זיך געוואָרפן אַפן בעט. אַזאַ טבע האָט געהאַט די שוועסטער אסתר זיינע, אים אַריינאוכקען אין אויער מיט אַ וואַרעמקייט און הייסקייט, וואָס האָט דורכגענומען אַלע אברים דורך און דורך, און ס'איז אים געוואָרן גוט נאָכדעם.

אָבער אַף זיין טאַטן טראָגט ער אַ שרעקלעכן כעס. ער וועט קיינמאָל ניט פאַרשטילט ווערן, דער כעס. אַ האַס, צום טאַטן, וואָס איז נאָך שרעק־לעכער ווי דער האַס, וואָס מען טראָגט צו אַ פרעמדן מענטשן. זיין טאַטע איטשע מאיר אפרת, דער בוכבינדער מיט דער לאַנגער באָרד, וואָס איז פאַר־פּאָפּט און פאַרקלעפּט.

מאיק׳ס חברים פון קלינטאָן סטריט: זעקס זיינען זיי געווען. זעקס אינגלעך געבוירן געוואָרן אַף איין בלאָק: מאיק, בוטשי, מויש, האימי און בעניטאָ דער איטאַליענער. זעקס זיינען זיי געווען און זעקס זיינען זיי פאַר־בליבן פאַרבונדן מיט דעם בונד פון ווייסטער אָרעמקייט און נויט. זעקס זיינען זיי דערנאָכדעם צוזאַמען געגאַנגען אין לעבן און אָנגעטאָן אַ סך צרות זייערע מיטמענטשן. פינף זיינען זיי דערנאָכדעם אומגעקומען איינציק־ווייז. אָפּגעראַמט געוואָרן פון דער וועלט. אָבער מאיק וועט נאָך שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין לעבן.

ווייסט נאָך אָבער ניט מאיק, וואָס ער דערוואַרטעט אים אין זיינע ווייטערדיקע יאָרן. דערווייל איז ער דאָס אָרימע אינגל, וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון דער „רעפאָרמאַטאָרי”. אַלע גאַסן צענעמען זיך איצט פאַר אים. די בלאָקס צעלויפן זיך אין אַלע זייטן. מען מאַכט אים וועג.

אַט איז שוין האוסטאָן סטריט. אַף דער גאַס האָבן זיי אָפּגעהאַלטן מיט אַ פיר יאָר צוריק די גרויסע מלחמה מיט דער האוסטאָן־סטריט גענג. אַף דער גאַס האָט זיך געגאָסן בלוט פון מאיק׳ס שטערן. מען האָט אים צעגומען דעם שטערן מיט אַ ציגל. אָבער דער זיג איז געווען זייערער, דער זיג פון קלינטאָן סטריט. פיל כבוד האָט מאיק זיך דערוואָרבן. נאָך דעמאָלט האָט ער שוין אַרויסגעוויזן זיין בריליאַנטענע פירערשאַפט אַלס קריגס־פירער און סטראַטעג. מיט אַ צעקלאַפּטן שטערן איז ער דעמאָלט געקרוינט געוואָרן איינשטימיק פאַר דעם שטאַרקסטן אינגל אַף צען בלאָק אַרום און אַרום.

עוועניו „עי”. אויך אַ שטיק געשיכטע. אַף עוועניו „עי”, אין האַלאָווין, אין דעם דאָזיקן אַמעריקאַנער יום־טוב, וואָס זיי ווייסן אפילו ניט זיין באַדייט, האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אַלע זעקס חברים מיט זאָקן, אָנגעשטאָפּט מיט אַש, און מען האָט דערלאַנגט איבער די קעפּ יעדן איינעם, וואָס מען האָט באַגעגנט. פון אַזאַ שטייף־אָנגעשטאָפּטן זאָק מיט אַש האָט מען געקענט קריגן דעם אמת׳ן קאָפּ־ווייטיק, אָבער ס׳איז געווען אַזאַ הייליקער מנהג אַף דער איסט־סאַיד, און אַ מנהג טאָר מען ניט ברעכן.

אָבער פאַרוואָס־זשע איז ער געבליבן שטיין און גייט ניט ווייטער? ס׳פעלט אים מוט. שוואַך געוואָרן אין אַלע אברים. עפּעס אַזוי ניט מיר, ניט דיר, זיך באַווייזן אַף קלינטאָן סטריט. ער שעמט זיך. אָ, בוטשי קומט אָן. וואָס פאַר אַ גליקלעכער צופאַל!

מען גיט זיך בוקטשעס איינער דעם אַנדערן. די חברים האָבן זיך אַזוי שטאַרק דערפרייט, אַז זיי ממית׳ן זיך איינער דעם אַנדערן.

— בוטשי, בוטשי, אַלד באַי! וואָס מאַכט דער? וואָס מאַכט יענער? און ווי אַזוי איז דאָס? און ווי אַזוי זיינען אַנדערע זאַכן?

מען קוקט זיך אָן,ביידע חברים. בייזע, שלעכטע ברעמען פאַרמאַגט מאַיק. אין דער רעפאַרמאַטאָרי זיינען זיי נאָך שלעכטער און בייזער געוואָרן. אין זיינע בייזע ברעמען פאַרבאַהאַלט זיך אַ כעס, וואָס וועט אַמאָל אויפֿפלאַקערן און ער וועט אָפּטאָן אַ סך שלעכטסקייט, דער כעס. מען האָט אים דאָרטן געשמיסן, מאַיק'ן, אין דער רעפאָרמאַטאָרי. איבערן הוילן לייב האָט מען אים געקאַטעוועט. ער האָט ניט געליאַרעמט, ניט געשריען, נאָר פאַרבאַהאַלטן דעם גאַנצן כעס אין זיינע ברעמען אַף שפּעטערדיקע יאָרן. דער אָפּגעביסענער אויער איז אויך סטראַשענדיק. דאָס פאַרדאַרטע לעפּל פון אויער מיטן פּיפּטשיקל אינמיטן קוקט רוי, בייז און שפּעטנדיק. העכער געוואָרן מאַיק און דאָס פּנים איז לענגער געוואָרן. עס שניידן זיך אים שוין וואַנצעלעך. באַלד, באַלד אַ מאַן.

און בוטשי? בוטשי איז געוואָרן נאָך פולער. זיינע מוסקולן אַף די אָרעמס קריכן אַרויס פון די אַרבל ווי קענטעלאָפּס. זיין האַלז, ווי אַ גראָבער שטריק, וואָס מען באַנוצט אַף די שיפן און אין די באַרזשעס. אַן אָקס, אַ ריזיקער איז אויסגעוואַקסן בוטשי, מיט אַ פאַרשמירטער בלויער העמד, מיט צעקנייטשטע כאַקענע הויזן, אין גרויסע זעלנער שיך. צעשויבערטע האָר מיט שטרויעלעך און פעדערלעך. אַן אָרעמער בוטשי. דאָס אָרעמע אינגל פון קלינטאָן סטריט. אַזוי אָרעם ווי געווען און נאָך אָרעמער, וויילמען איז עלטער און די אַפּעטיטן זיינען שטאַרקער.

אָבער בוטשי פאַרבאַהאַלט עפּעס פון מאַיק'ן. מאַיק דערקענט דאָס גלייך אין זיינע אויגן. אפשר פאַרבאַהאַלט מען פון אים עפּעס וועגן זיין שוועסטער אסתר? בוטשי איז פון די פאַרשוינען, וואָס קענען ניט זיין באַהאַלטן, דערפאַר פאַררעדט ער אים, מאַיק'ן.

— און ווער האָט דיר אָפּגעביסן דעם אויער?

— אָ, ס'איז אַ קלייניקייט — גיט זיך מאַיק אַ מאַך אַזוי גלייכגילטיק און טוט אַ שפּיי. ס'איז געווען דער אמת'ער שפּיי. זייער ווייט איז ער געפאַלן, דער דאָזיקער קונציקער שפּיי.

בוטשי האָט געפּרובירט נאָכמאַכן זיין ליבן חבר'ס שפּיי, אָבער ס'איז ניט געגאַנגען. ער וועט שוין קיינמאָל ניט קענען איבערשפּייען מאַיק'ן.

אָבער פאַרוואָס־זשע וויל מאַיק ניט אַריינגיין אין בלאָק, וואו זיין היים איז? זיין היים — דער פינצטערער קעלער, וואָס דינט פאַר אַ וואוינונג און אויך פאַר אַ ווערקשטאַט פאַר איטשע מאיר דעם בוכבינדער. בוטשי קאָן

דאָס גאָרניט פאַרשטיין. בוטשי האָט אַזוי געוואָלט אַריינפירן מאַיק׳ן אין בלאָק אַריין. ס׳וואָלט געווען אַ גרויסער כבוד פאַר אים.

— דו, רוף מיר בעסער צונויף די חברה, בוטש, — באַפעלט מאַיק, — און מאַך דאָס שנעלער אויך.

דער באַפעלנדיקער טאָן האָט אויך געקלונגען ני׳י צו בוטשי׳ן, פונקט ווי מאַיק׳ס קונציקער שפּיי. אַ, מאַיק האָט זיך דאָרטן אויסגעלערנט אַ סך זאַכן. אַן אַנדער מאַיק געוואָרן. אַ בעסערער מענטש האָט ער אויסגעזען בא בוטשי׳ן אין די אויגן. ער וועט גלייך צונויפרופן די חברה. די מינוט וועט ער זיי צונויפרופן.

— און וואו זאָל מען זיך באַגעגענען?

— אַף דער וויליאַמסבורגער בריק.

— גוט, מאַיק. — און בוטשי לאָזט זיך לויפן מיט זיינע גרויסע רגלים אין די אומגעלומפּערטע זעלנערשע שיך, אַנצוזאָגן די גליקלעכע בשורה.

# פאַרגליווערט דאָס האַרץ און פאַרפראָרן די בלוטן

אוי, ווי דער דלות ווײַנט דאָס דאָרט אין די פינצטערע צוויי צימערלעך מיט דער ליידיקער קיך.

ניטאָ שוין מערער שמערל דער פּעדלער. מען האָט אים אַרויסגעטראָגן באַ די פיס און באַ די הענט.

שכנים זיינען זיך ניט צונויפגעלאָפן. ניטאָ קיין שכנים אין דעם הויז. אונטן איז אַ קליידער־קראָם און די אויבערשטע צוויי שטאָק זיינען פּוסט און ליידיק. אַן אַלט צעבראָכן הויז. קיינער וויל זיך שוין ניט אַהערצו אַריינציען.

בעסי זיצט אַף דער ערד אין צעריסענע זאָקן. פאַרגליווערט איז איר האַרץ, פאַרפרוירן זיינען איר די בלוטן. אירע אייגעלעך, ווי באַ אַ כינעזישער קוקלע, וואָס זיצט אַ פאַרגעסענע אַף דער ערד אין אַ ווינקעלע. אַ שטומע כינעזישע קוקלע מיט שוואַרצע אומעטיקע אויגן.

מילדרעד איז אויך געזעסן שבעה און אירע אַרויסגעשטעקטע דאַרע באַקן־ביינער האָבן נאָך אַלץ געשפּעט. די 17־יאָריקע מילדרעד מיט די קרומע ליפּעלעך און מיט די קאַליע ציינדלעך. אַ בלוטלאָז מיידעלע מיט גרויסע שוואַרצע אויגן. פייכטע אויגן מיט אַ מוטנע פייערל אין די שוואַרצ־אַפּלען. זי וועט זיך באַלד אויפהויבן, מילדרעד, און וועט אַוועקגיין. זי וועט אַוועקפליען פון דער צעבראָכענער חרוב'ער נעסט און וועט זיך שוין קיינמאָל ניט צוריקקערן. זי האָט שוין אַ מאַן, מילדרעד. אַן איטאַליענער פאַר אַ מאַן. זיי לעבן צוזאַמען פון פאַראַיאָרן אָן. קיינער קען אים ניט. מרים ווייסט אים ניט, די מאַמע האָט אים קיינמאָל ניט געזען. דערפאַר אָבער קאָן זי אים. מיט אַ ציטערניש אין די בלוטן קאָן זי אים. מיט אַ טיאָכקעניש אין האַרצן ווייסט זי אים. אַזאַ וואונדערבאַרע זאַך, אַ מאַן.

דער טאַטע איז ערשט נעכטן געשטאָרבן, אָבער מען קאָן ניט וואַרטן. וואָס וועט זי דאָ בלייבן? צווישן די קויטיקע טונקלע ווענט? צווישן די צעבראָכענע בענקלעך, וועלכע זי רוקט צונויף פאַר נאַכטלעגער? באַם מאַן וועט זי האָבן אַ גרויס בעט און אַ געראַמס. די פענצטער זיינען דאָרטן ליכטיקע און ברייטע, מיט אַ סך זון. זי וועט אַוועק צו איר מאַן אַנטאָניאָ'ן מיט די לאַנגע בלאַסע הענט. די הונגעריקע מייז אין די פינצטערע ווינקעלעך

פון דעם הויז ווען נאָך איר ניט וויינען. די הילפלאָזע דאַרינקע מאַמע מיט די צעשויבערטע האָר וועט אויך נאָך איר ניט קלאָגן. זי האָט זיך איינגערעדט, מילדרעד, אַז אַלע אין הויז האָבן זי דאָ פּיינט, אַז די גאַנצע ליבע האָבן טאַטע און מאַמע אוועקגעגעבן דער שיינער מרים׳ען. אַלץ איר. דאָס בעסטע און דאָס שענסטע פאַר מרים׳ען.

מויש ליגט צעליינגט אַף דער שבעה און כראָפּעט. ס׳איז ניטאָ וואָס צו עסן, שלאָפט ער בעסער. אין שלאָף ווערט פאַרטויבט דער הונגער.

און מרים? מרים איז ניטאָ. אין פינף־און־צען סענט סטאָר אַף צווייטער עוועניו שטייט זי איצט און פאַרקויפט נאַז־טיכלעך, פלעשעלעך פּערפיום, פאַרשיידענע זייפן. דער טאַטע אירער דער פעדלער איז געשטאָרבן, אָבער וואולוואָירט׳ס געשעפטן גייען אָן. קליק און טיק קלינגט דער רעדזשיסטער. נאָך אַ ניקעלע און נאָך אַ דאַים. יעדעס מאָל ווען דער רעדזשיסטער טוט אַ קלונג, ווערט איר ווי פאַרשטילטער. בלייבט רוען דער רעדזשיסטער, הויבט זי אויף איר ווי אין דער פולער גרויס. זי שטייט שבעה נאָך איר טאַטן לעבן טיש אָנגעשטעלט מיט די סחורות אין וואולוואָירט׳ס פינף־און־צען סענט סטאָר.

און ליוסי? ליוסי איז אויך ניטאָ. זי איז דאָס קינד פון דער גאַס. זי וויסט אַלע וועגן ביז פינפטער עוועניו און ביז בראָדוויי. אַ חבר׳טע האָט זי, די בלאָנדע בעטי מיט די זומער־שפּרינקלעך אַפן פּנים. גייען זיי אוםביידע קינדער פרייע און הונגעריקע. אַלע גאַסן זיינען אָפן פאַר זיי.

בוטשי איז אַריינגעקומען. אַריינגעקומען ענערגיש און זיכער. ער האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז מויש׳ס טאַטע איז געשטאָרבן. דערזעען, ווי מען זיצט אַף דער ערד, און זיך דערשראָקן.

— אָ, בוטשי, האַו דו יו דו, — מאַכט מילדרעד מיט די קאַליע ציינדלעך און מיט קרומע ליפּן. זיי האָבן מורא פאַר איר, די בחורים אַף דער גאַס. אַן אייביק שפּעטנדיקע מיט מוטנע פייכטע גרויסע אויגן.

— איך, איך, איך דאַרף האָבן מויש׳ן, — פאַרענטפערט זיך בוטשי, און ס׳איז אים אומהיימלעך, וואָס מען זיצט אַף דער ערד און ס׳איז טונקל אין הויז, ווען אַף דער גאַס ברענט און פלאַקערט אַ גרויסע הייסע זון, און וואָס אַט־די מיידל, מילדרעד, לאַכט פון אים.

— מויש, מויש, — קנייפּט מילדרעד איר ברודער, — מויש, דיין בעסטער פריינט בוטשי איז דאָ.

צום אַלעם ערשטן וויל מויש זי שלאָגן, מילדרעד׳ן, ווייל ער ווייס נאָך ניט צוליב וואָס זי האָט אים אויפגעוועקט. דערנאָכדעם, דערזעענדיק זיין

חבר בוטשי'ן, שפרינגט ער אויף און בלייבט שטיין פאר אים א נעבעכדיקער און אן ארעמער.

— מיין אלטער איז . . . — מאכט ער א שולדיקער צו בוטשי'ן און פארענדיקט ניט. ער ווייס ניט ווי אזוי צו זאגן דאס ווארט.

פילט אודאי מיט בוטשי מיט זיין חבר'ס אומגליק, אבער ס'איז דא א וויכטיקערע נייעס:

— מאיק איז שוין דא צוריק.

— מאיק! „שאקס", מאיק איז שוין דא צוריק!

— ער האט געפרעגט אף דיר.

— געפרעגט אף מיר? — לויכטן אויף פון פרייד אלע פרישטשעס אף זיין פנים.

א גדולה א גרויסע אף מויש'ן. מאיק האט געפרעגט אף אים. זיין בעסטער חבר מאיק. „א דזשי".

מען לויפט שוין, ביידע חברים, מען שפרינגט אראפ די טרעפ און מען איז שוין אף דער גאס. „א, דזשי, מאיק איז שוין דא."

נאכדעם איז מילדרעד אוועק. זי האט אויפגעזאטן וואסער און זיך גע־וואשן אירע שיינע, לאנגע, שווארצע האר. לאנג געוואשן און לאנג זיי גע־טריקנט. האבן זיי געבליצט דערנאכדעם און באשיינט דאס בלוטלאזע פנים מיט די קאליע צוינדלעך און מיט די אייביק־לאכנדיקע דארע באקן־ביינער. זי האט איבערגעביטן אירע אונטערוועש. זי האט ערגעץ אויסגעגראבן א קליין רענצעלע און אריינגעלייגט איר ביסל ארעמקייט: פודרע־קעסטעלעך, שטיקלעך ליפסטיק, א פאר קליידלעך און אויך פארכאפט מרים'ס אונטער־העמד, א ראזעווע אונטערהעמד, וואס זעט אויס ווי זייד.

די מאמע האט אלץ צוגעזען און זיך קיין ריר ניט געטאן. פונקט ווי א פאראליזירטער מענטש אף אלע אברים קען זען, קען זיך דערשרעקן, אבער שרייען קען ער ניט, אזוי האט בעסי אלץ געזען, זיך דערשראקן, אבער שרייען ניט געקענט. א דורכגענומענע פון ווייטיק דורך און דורך, אן א טראפעלע כח, אן א פיצעלע ווידערשטאנד.

די זון זעצט זיך אפן צעבראכענעם פייער־לייטער. די פארזשאווערטקייט ווערט רויט. א ליכטיקער פאס לייגט זיך אף דער קויטיקער וואנט.

דער גאנצער טאג איז געווען א שטיק ליידיקייט, א טונקעלע הוילקייט. איצט איז פארנאכט. די טונקלקייט ווערט פינצטערניש. עמיצער איז אריינגעקומען. אן עלטערע אידענע, א פרעמדע אידענע, איז אריינגעקומען, ניט געזאגט קיין ווארט, זיך אויסגעטאן די שיך און זיך געזעצט אף דער

ערד. די אידענע וויינט. פאַרוואָס וויינט פּלוצלונג די אידענע? די אידענע קלאָגט מיט דעם באַקאַנטן עכט־אידישן נוסח, ווי מען באַוויינט אַ מת.

— אוי ווי איז מיר און ווינד איז מיר, מיין טייערער ברודער שמערל, מיין ליובעזנער ברודער, אַף וועמען האָסטו מיר איבערגעלאָ־לאָ־ז־ט.

דאָס איז שמערל דעם פּעדלער׳ס שוועסטער, וואָס האָט 23 יאָר ניט געזען איר ברודער. בלויז אַף דער חתונה געווען. אין נוארק וואוינט זי און האַנדלט מיט געזייערטע אוגערקעס.

— און ווי איז צו מיר און ווינד איז צו מיר. ווי ס׳איז צו מיר גע־קומען אַ פּעדלער פון קלינטאָן סטריט, וואָס פאַרט קיין נוארק איינקויפן געזייערטע אוגערקעס. ווי ער האָט מיר דאָס אָפּגעטראָגן די וויסטע טרויעריקע בשורה. און ווי איז צו מיר און ווינד איז מיר, אַז אין דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד איז אַ ברודער ניט קיין ברודער און אַ שוועסטער איז ניט קיין שוועסטער. און דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט. באַנאַכט אין שלאָף קומט ער צו מיר צוגיין אין וויסן אָנגעטאָן. הויבט שוין אָן באַ מיר קלאַפּן דאָס האַרץ...

שטאָק פינצטער. מען זעט זיך שוין ניט איינער דעם צווייטן. אַ פרעמדע אידענע וויינט, וואָס זאָגט, אַז זי איז זיין שוועסטער. אַמאָל אפשר געווען זיין שוועסטער. דאָס אָרעמע לעבן האָט זיי אָפּגעפרעמדט. שמערל דער פּעדלער האָט זי אפילו קיינמאָל ניט דערמאָנט באַם לעבן.

— אוי ווי איז מיר און ווינד איז מיר, אַז אין דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד איז אַ ברודער ניט קיין ברודער און אַ שוועסטער ניט קיין שוועסטער...

## קינדער פון נויט און פון דלות

מאַיק אפרת און זיינע פריינט באַגעגענען זיך מיט שמחה און דער־הויבנקייט, ווי אַ צדיק מיט זיינע חסידים. אַ מין רעליגיעזע שטימונג. זעקס אָרעמע איינגלעך פון קלינטאָן סטריט ווערן צוריק פאַרבונדן מיט אַ געטרייען קנופּ און נאָר דער טויט קאָן זיי צעשיידן.

דער ערשטער איז אָנגעלאָפן מויש. אַלע פרישטשעס אַף זיין פּנים פול מיט שמייכל. זיינע לאַנגע אויערן אין אַ גרויסער גדולה: אָ, דזשי, מאַיק!

אָבער אויך מויש פאַרבאַהאַלט עפּעס פון מאַיק׳ן, פונקט ווי בוטשי. וואָס זאָל דאָס מיינען?

היימי איז אָנגעלאָפן. צוליב דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַסטמאַ פון זיין פריעסטער קינדהייט, איז ער ניט געוואַקסן, ווי די איבעריקע חברים. אַ שמאָלע ברוסט, אַ פיין־געשניצט מאָרדעלע, אַ שפּיציקס, וואָס פון אָפּט

הוסטן איז דאָס פּאַרריסן געוואָרן אַרויף־צו צו. ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ בחור׳ל פון יענער זייט ים. פון קליינערהייט אָן, אַז ס׳מאַטערט אים די פּאַרשאָלטענע קרענק מיט גרויס בייזקייט. היימי זאָגט, אַז ס׳נעמט זיך פון די פעדערן. פון וואָסערע פעדערן? שוין לאַנג ניטאָ דער שאַפּ פון פעדערן אונטער דעם הויז אויף קלינטאָן סטריט, וואו זיינע עלטערן האָבן געוואוינט. ס׳איז אַמאָל דאָרט אין קעלער געווען אַ שאַפּ פון פעדערן. מען האָט דאָרטן געמאַכט אַזוינע אָנגעשטאָפּטע קישעלעך מיט רויטע ציכן, און פון דעם, זאָגט ער, האָט זיך דאָס גענומען. אָבער דער שאַפּ פון פעדערן האָט זיך שוין פון לאַנג ערגעץ אַריבערגעצויגן. איצטער איז דאָרטן אַ שאַפּ פון שמאַטעס.

היימי וועט זיין דער, וואָס וועט אָנזאָגן מאַיק׳ן די טרויעריקע בשורה. אַזוי האָבן די חברה אויסגענומען, אַז היימי זאָל זיין דער אויסזאָגער. אַט־די קלינטאָן־סטריט אינגלעך, די פּרעבע, די צעווילדעוועטע הפקר־קינדער, האָבן אויך געקאָנט באַנעמען אַ דעליקאַטן ענין. זיי האָבן גוט געוואוסט ווי מאַיק איז צוגעבונדן צו זיין שוועסטער אסתר, ווילן זיי אים שאַנעווען איצט. זיי ווילן ניט צעשטערן די פרייד פון דער באַגעגעניש, די ווידער־פאַראייניקונג פון די זעקס. אויסזאָגן וועט אים היימי ערשט שפּעטער.

לואי איז אָנגעלאָפן אַ טאַנצנדיקער, אַ שיינענדיקער. לואי, וואָס שטאַמט פון אַ איטאַליענישן טאַטן און אַ אידישער מאַמע. דער שמאָלער, לאַנגער לואי. זיין „האָו־דו־יו־דו״ צו זיין ליבן חבר מאַיק׳ן האָט ער אויסגעקלאַפּט מיט די זוילן פון די שיך: טאַם־טי־די־ראַם־טאַם, טאַם־טאַם. לואי מיט די אויגן ווי ליכטיקער ווייַן אין אַ געשליפענעם קאַראַפין קעגן דער ליכט פון דער זון. אַ טאַלאַנט צום טאַנצן געהאַט, און מעגלעך, אַז ער וואָלט געווען אויס־געוואַקסן אַ גאָר באַרימטער טענצער.

און בעני, דער איטאַליענישער בחור מיטן שוואַרצן האַלז. יענער האָט זיך גאָר געקושט, און זיינע אויגן זיינען דערצו אויך געווען פייכט. בעניטאָ, האָבן אים טאַטע און מאַמע גערופן, און די אידישע חברים זיינע האָבן אים גערופן: בעני. אַ שוואַרצער האַלז, ווי באַ אַן אַפריקאַנער, און דאָס פּנים טונקל־מאַט.

זעקס קינדער פון קלינטאָן סטריט, געוואַקסן הויז לעבן הויז. קינדער פון נויט און וויסטן דלות. היימי האָט אויך ניט קיין טאַטן. זיין טאַטע, אַן אָפּערייטאָר, איז געשטאָרבן נאָך צוריק מיט יאָרן פון דער זעלבער קראַנקהייט, וואָס שמערל דער פּעדלער. זיין מאַמע האַנדלט מיט פּרעצלס אויף 14טער גאַס. אַן אַלטע מאַמע מיט רויטע טרערנדיקע אויגן פון ווינט, שניי און רעגן.

בוטשי׳ס טאטע. דער דאַזיקער ריזיקער בוטשי מיט שטאַלענע מוסקולן, האָט געהאַט אַ טאַטן, וואָס מען האָט געקאָנט אַוועקבלאָזן מיטן ווינט. אַ חלוש אַ איד, אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער. שטענדיק מיט אַ פאַרבונדענעם האַלז, אַ צוגעקילטער האַלז, וואָס קאָן זיך קיינמאָל ניט אויסהיילן. אַ פּעדלער פון פרוכט. „ווייבער, ווייבער, צוויי פאַר אַ ניקעלע" — שרייט ער פון טאָג ביז נאַכט אַף קאָרנער ריווינגטאָן סטריט. „ווייבער, ווייבער, צוויי פאַר אַ ניקעלע."

לואי האָט אויך ניט קיין טאַטן. ס׳הייסט זיין טאַטע לעבט ערגעץ, אָבער וואו ווייס מען ניט. אַנטלאָפן דער איטאַליענער פון זיין אידישער ווייב בערטאַ די נייטאָרין. בערטאַ מיט האָר איבערגעפאַרבט אַף געל, מיט בלאַסע באַקן צוגעשמינקט מיט רויטן. בערטאַ די נייטאָרין, וואָס נייט פּריוואַט קליידער פאַר די פאַרמעגלעכע ווייבער און מיידלעך פון קלינטאָן סטריט.

זעקס גרויסע בחורים, און זיי האָבן אַף זייער לעבן נאָך ניט פאַרדינט קיין פעני פון ערלעכער האָרעוואַניע. אַרבעטן אין די שעפּער ווי זייערע טאַטעס, שטייט זיי ניט אָן. זיי זיינען דאָך אייך ניט קיין גרינע — גאָט־געבענטשטע אַמעריקאַנער געבוירענע. אַ חוץ האָבן זיי דאָך שוין געזען ווי זייערע טאַטעס האָבן אויסגעמאַכט. שטענדיק פריי, ווילד און הפקר און ניט געצוימט, און די אַפּעטיטן זיינען גרויסע און מען וויל אַלעס. אין דער חברה׳שאַפט אַלע צוזאַמען פילט מען זיך גאוה׳דיק, בראַוו און שטאַרק. צו דער חברה׳שאַפט איז מען מער פאַראַנטוואָרטלעך ווי צו טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער.

גוט וואָס זיי זעען זיך אַלע צוריק געזונט און שטאַרק. מאַיק מיטן אָפּ־געריסענעם אויער וועט זיי שוין פירן אַפן ריכטיקן וועג. ער האָט אַ סך גע־לערנט אין דער „רעפאָרמאַטאָרי". אַ פייאיקער סטודענט געווען און גוט באַנומען מיט זיין שאַרפן קאָפּ וואָס מען דאַרף טאָן, כדי זיך אויפהאַלטן אין לעבן.

די זעקס אינגלעך שטייען אַפן וויליאַמסבורגער בריק, צווישן דעם גע־דונער פון דער גרויסער שטאָט ניו יאָרק. באַרזשעם שרייען מיט רויך און נייען זיך זייערע וועגן אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס. די מאַגאַזינען אַף דער האַפן־גאַס ווערן צעשפּאַרט פון איבערגעלאָדענער רייכקייט. גאָלד בליצט פון די הויכע ריזן־מויערן אַרום און אַרום מיט די טויזנטער פענצטער. טראָקס מיט סחורות און גלאַנציקע אָטאָמאָבילן לויפן, יאָגן פון מאַנהעטן קיין ברוקלין, און פון ברוקלין צוריק קיין מאַנהעטן. די רייכסטע שטאָט אַף דער וועלט.

# זיי גייען די זעקס אין קלינטאָן סטריט

סילוועסטראָ, דער פאַרסאַזשעטער סילוועסטראָ, וואָס בראָט זיסע קאַר־טאָפל אין זיין אויוועלע מיטן גרויסן קוימען אפן קאָרנער סטענטאָן סטריט. ער האָט זיך גאָר דערפרייט מיט מאַיק'ן, מיט זיין זון בעניטאָ'ס חבר. סיל־וועסטראָ מיטן פאַרסאַזשעטן פּנים און מיט די לאַכנדיקע אויגן.

— אָ מאַיקי, קינד, אַזא גרויסער ביזטו געוואָרן, אַזא שטאַרקער! און ווער האָט דיר אָפּגעביסן דעם אויער? כאַ, כאַ, כאַ.

סילוועסטראָ, דער דאָזיקער איטאַליענער, וואָס שטייט שוין יאָרן און יאָרן אף דעם דאָזיקן קאָרנער, קען שוין אפילו ריידן אידיש אַזוי גוט ווי די אַנדערע פּעדלער. אַ מענטש, וואָס שמייכלט מיט גוטמוטיקע אויגן צו אַלע קינדער און צו אַלע ווייבער, וואָס קומען קויפן בא אים זיסע קאַרטאָפל, אַ פּעני אַ שטיקעלע. אף קליינע שטיקעלעך צעשניידט ער די קאַרטאָפל און ס'טראָגט אים אַמאָל אויך אויס גאַנצע 8 פּענים פון איין קאַרטאָפל.

ער איז מכבד די חברה מיט זיין פּראָדוקט. ער וועט ניט נעמען בא זיי קיין געלט. דאָס נעמט ער אויף אַזוי זיין זון'ס חברים, בעניטאָ'ס חברים.

דער בעסטער כיבוד פאַר מאַיק'ן. נאָך דער דאָזיקער גאַשערייַ האָט ער אַזוי געלעכצט אין די יאָרן פון זיין געפענגעניש. ער בריט זיך די הענט און שמייכלט ווי אַ קליין אינגל, דער פרעכער, דער הפקר'דיקער מאַיק מיטן אָפּגעריסענעם אויער.

בענעדיקט איז אויך צוגעקומען צו דער חברה, און דאָס איז שוין געווען גאָר אַ גרויסער כבוד, גאָר אַ געהויבענע זאַך.

— העלאָו, מאַיק! ווילקאָמען צוריק אין אונזער בלאָק, — שטעקט בענעדיקט אויס אַ ווייסע קליינע האַנט.

„אין אונזער בלאָק". בענעדיקט וואוינט גאָר אין ברוקלין אין זייער אַ פיינעם אַפּאַרטמענט. אַמאָל האָט ער געוואוינט אף דעם בלאָק.

מאַיק פאַרשעמט זיך. ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן ווען אַ דערוואַקסענער מענטש און אויך אַזא וויכטיקע פּערזאָן ווי בענעדיקט גריסט זיך מיט אים ווי מיט אַ גלייכן.

— איך האָב געוואוסט, אַז מען לאָזט דיך שוין ארויס, — זאָגט זיך אָפּ אַזוי דער דאָזיקער בענעדיקט מיט אַ געהיימניספולער מינע.

פון דער דאָזיקער מינע קאָן אויסקומען, אַז מען וואָלט אים, מאַיק'ן, אפשר נאָך ניט ארויסגעלאָזט אף דער פריי, נאָר וואָס־זשע דען? ער, בענע־

דיקט, האָט זיך דאָ אריינגעמישט און אַלעס איז שוין געוואָרן גוט.

בענעדיקט וויינבערג מאַכט זיך אַ וועג צו דער אַסעמבלי. זיין לעבנס־ציל איז צו זיצן אַלס אַ געזעץ־מאַכער אין דער שטאַט־רעגירונג און שאַפן גערעכטע דעמאָקראַטישע געזעצן פאַר דער פיל־מיליאָניקער ניו יאָרק. דער־ווייל טוט ער טובות די אידן פון קלינטאָן סטריט. יעדע טובה'לע איז נאָך אַ צוקונפטיק שטימעלע פאַר אים, בענעדיקט וויינבערג'ן. דערווייל איז ער אַ מאַכער אין דעם דעמאָקראַטישן קלוב. פאַר די פעדלער און פאַר די קרעמער אַף קלינטאָן סטריט איז ער דער גוטער שליח. אַרעסטירט מען עמיצן, אַזוי באַלד מישט ער זיך אַריין און טוט שוין עפּעס אויף. דאַרף מען געבן אַ כאַבאַרל עמיצן פון די פּאָליציי־קעפּטנס פאַר די פעדלערס, כדי זיי זאָלן קענען אָנגיין מיט זייערע ביזנעס אומגעשטערט, איז, ער, בענעדיקט, דער פאַרמיטלער. וויפיל פון כאַבאַרל עס פאַלט אַריין אין זיינע קליינטשיקע פּוכינקע הענטלעך, ווייסט קיינער ניט. אָבער דערפאַר ווערט מען געהאָלפן.

בענעדיקט, דאָס נידעריקע אידעלע מיט די חנ'עוודיקע מאַנדל־אויגן, מיט די זיסע ליפּעלעך, מיט דעם זיידענעם שטימעלע.

— איך פריי מיך טאַקע באמת, וואָס דו ביזט שוין אַף דער פריי — זאָגן זיינע האָניקדיקע ליפּעלעך. — איך ווייס, אַז ס'איז ניט דיין שולד, אָבער פאַרפאַלן. און איצט, פאַרהאַף איך, וועלן מיר זיך זען אָפטער.

ער האָט אַ גוט אויג, בענעדיקט. ער האָט גלייך דערקענט אין מאַיק'ן אַ בחור'ל מיט „טאַלאַנט". גרייט ער זיך איצט אָן אַף שפּעטער.

די גרעסטע איבערראַשונג פאַר דער חברה איז אָבער געווען אַרקעלע. אַרקעלע מיט די שטעכיקע וואָנצעלעך, מיט דעם קאַלירטן קראַוואַט, מיט דעם אָנגעקראָכמאַלעטן קאָלנער, מיט דעם געפּרעסטן געקעסטלטן אָנצוג. אַרקעלע. ס'אָדעסער אַרקעלע. ער האָט מאַיק'ן אָוועקגעפירט אָן אַ זייט. ער דאַרף אים נויטיק עפּעס זאָגן. אַלע רייסן זיך איבער מאַיק'ן, אַלע דאַרפן אים נויטיק האָבן. די חברה זעען, ווי מאַיק קווינקלט זיך, מאַיק וויל עפּעס ניט איינגיין, מאַיק וואָרפט זיך. אָבער אַרקעלע האָט אים איינגערעדט, מאַיק'ן. אַרקעלע איז אַוועק אַ צופרידענער און מאַיק איז עפּעס ניט געווען אינגאַנצן צופרידן.

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט? — פרעגט היימי.

— אַ דזשאַבל, — זאָגט ער זיך גלייכגילטיק, מאַיק, אַקוראַט ווי ער וואָלט שוין דיר אָפּגעטאָן אַף זיין לעבן אַ סך דזשאַבלעך.

אָ, אַ דזשאַבעלע. דער חברה הויבט אָן יאָגן דאָס בלוט. זיי האָבן נאָך קיינמאָל אַף זייער לעבן קיין דזשאַבלעך ניט געמאַכט. סיידן לייכטע דזשאַב־לעך אַזוינע, ווי אַרויס'גנב'ענען די פּלאָמבינג פון אַן אָפּגעברענטע הויז און

דאָס פּאַרקויפֿן צו אַ געוויסן פּלאָמבער אויף דעלענסי סטריט, וואָס אונטער וויליאַמסבורג בריק.

די חברה שרעקן זיך, אָבער זיי ווייזן דאָס ניט אַרויס. פּאַרקערט, יעדער איינער מאַכט דעם אָנשטעל פֿון גרויסער בראַוואַקייט. דאָס דזשאַבל, וועגן וועלכן מאַיק האָט זיי איבערגעגעבן, איז גראָד אַ לייכט דזשאַבל, אָבער עפּעס אַ מאָדנע דזשאַבל. ס'האָט גאָר צו טאָן מיט אַ בית־מדרש, טאַקע מיט זייער בית־מדרש, וואָס אויף קלינטאָן סטריט. אַ „פֿאָני" דזשאַבל אַזאַ.

:: :: ::

מען האָט דעם בחור מאַיק'ן דערקענט, אַלע אין בלאָק האָבן אים דערקענט. דער פּעדלער פֿון קעמעלעך האָט געזאָגט צו זיין שכן, דעם פּעדלער פֿון עפּל:

— דער צדיק איז שוין דאָ צוריק.

— און אַז דער צדיק קומט צוריק אין שטאָט — האָט זיך געוויצלט דער פּעדלער פֿון עפּל — פֿרייען זיך אַוודאי אַלע חסידים'לעך.

— אוי, ווי איז מיר, און ווער האָט אים אָפּגעביסן דעם אויער? — האָט מיט מיטגעפֿיל געפֿרעגט די פּאַרקויפֿערין פֿון זון־קערלעך.

— מסתמא האָט דאָס דער לויתן געטאָן — האָט געענטפֿערט דער פּעדלער פֿון די קעמעלעך.

— און איך בין שוין ניט מקנא מאַיק'ס טאַטן, איטשע־מאיר'ן — האָט אַ זאָג געטאָן ווידער דער פּעדלער פֿון די עפּעלעך.

— אַזאַ ערלעכער איד דער טאַטע זיינער און דער זון אַ רעגולער גזלן — טוט אַ זיפֿץ די פּאַרקויפֿערין פֿון די זון־קערלעך.

— אַמעריקע גנבֿ! — גיט זיך אַ זאָג דער איד פֿון די קעמעלעך און הויבט אָן אויסצושרייען זיין סחורה.

:: :: ::

אַ פֿינצטערער קעלער, מאַיק'ס ליבע היים. איטשע־מאיר אפֿרת איז אַרוים מיט אַ פּאַק איינגעבונדענע ספֿרים, אַוועקצוטראָגן אין דער שול אויף סאַפֿאָלק סטריט. און אַז איטשע־מאיר איז אַוועק, זיינען די מייז אַרוים פֿון אַלע לעכער און אַרויף אויפֿן טיש, וואו די שיסל מיט פּאַפּ שטייט. די מייז האָבן נעבעך געמוזט גריזשען דעם פּאַרדאַרטן פּאַפּ כדי צו שטילן דעם הונגער. פּאַפּ צו גריזשען איז נאָך אַלץ בעסער, ווי די טרוקענע בלעטלעך פֿון די גמרות, סידורים און תהילים'לעך.

אַז מאַיק האָט אַראָפּגענידערט אין קעלער, זיינען די מייז ווידער זיך צעלאָפֿן. האָט אים קיינער שוין ניט באַגעגנט. ניט זיין טאַטע, אויף וועלכן

ער טראָגט אַ טויטלעכן האַס, ניט זיין שוועסטער, אסתר, וואָס אַ געוועזן ווי אַ מאַמע. הײַמי האָט אים דערציילט, אַז זי איז אויסגעגאַנגען, שווינדזוכט... אַ שוואַך מיידעלע, וואָס ווערט געבוירן אין אַזאַ פינצטערניש, אין אַזאַ טונקלקייט, קאָן זיך לאַנג ניט האַלטן.

אין דער דאָזיקער פינצטערניש איז מאַיק געבוירן געוואָרן. אין דער דאָזיקער פינצטערניש איז זיין שוועסטער, אסתר, געבוירן געוואָרן, געלעבט אַ ביסל און צוריק אַוועק צו דער פינצטערניש.

באַטראַכט זיך מאַיק און טוט אַ קלער און קאָן גאָר ניט פאַרשטיין. ער קאָן גאָר ניט באַגרייפן. אַ בלינד לעבן. אַזוי בלינד, ווי די וויַיטסטע ווינקלען פון קעלער, וואוהין קיין ליכט דערגרייכט ניט אין דעם שענסטן זוניקן טאָג. וואוהין די ליכט דערגרייכט ניט, ווען מען צינדט אפילו אָן דעם גאַז־רער, אויבן אונטער דער סטעליע...

מענטשן־קינדער, וואָס וואוינען אין טונקלקייט און אין פינצטערניש, געפאַנגענע פון נויט און אָרעמקייט...

# דער טאַטע האָט מורא, אַז דער זון וועט אים שלאָגן

איטשע־מאיר אפרת האָט עדות־געזאָגט קעגן זיין אייגענעם זון. איטשע־מאיר דער בוכבינדער מיט די פאַרשטויבטע ברעמען און דער פאַרפּלאָנטערטער געלער באָרד פון פּאַפּ און קליי. דעם פּאַפּ פון דער באָרד קען מען שוין נישט אַרויסקראַצן, און דעם שטויב פון די ברעמען קאָן מען שוין אויך נישט אַרויסטרייבן. אַ געפאַנגענער אַלע זיינע יאָרן צו דער דאָזיקער ווייסטער פּרנסה.

מאַיק האָט אונטערגעשטאָכן ווילי'ן, פּעני דער דזשעניטאָרינ'ס איין־און־איינציקן זון. ווילי איז שוין נישט געוואַקסן נאָכן שטאָך. דער שניט אין בויך האָט זיך טאַקע אויסגעהיילט, אָבער ער איז שוין פאַרבליבן אַף זיין גאַנץ לעבן אַ בלאַסער, אַ ניט־דערבאַקענער. דרייט זיך אַרום גאַנצענע טעג צווישן די פּושקאַרטס און קראָמען און אָרעמער און אַן אומעטיקער.

מאַיק האָט זיך נאָך געקענט אַרויסדרייען, ווייל ער האָט געהאַלטן אין איין טענה'ן פאַרן ריכטער, אַז ס'איז ניט זיין שולד. ניט ער האָט אים געשטאָכן, און דאָס מעסערל איז בכלל ניט זיין מעסערל. אַ פרעמד מעסערל אינגאַנצן.

האָט דער טאַטע גענומען פון ריכטער די שבועה פאַר גאָט און פאַרן אמת, און האָט געזאָגט מיט גרוים וויטיק:

— אָ, הער ריכטער, אַז ווי איז צו דעם פאָטער, וואָס דאַרף עדות־זאָגן קעגן זיין אייגענעם זון. אָבער אַז דער זון איז אַ רוצח, אַז ער שטעכט שוין איצט מענטשן, ווען ער איז נאָך קליין, וואָס־זשע וועט ער שוין טאָן אין זיינע עלטערע יאָרן?

— יאָ, דאָס האָט מיין אייגענער זון מאַיק אַריינגעשטאָכן דאָס מעסערל צו ווילי'ן אין בויך. זיין מעסערל. איך דערקען דאָס.

מען האָט מאַיק'ן פאַר'משפּט צו דער „רעפאָרמאַטאָרי". און אַז מען האָט אים אַוועקגעפירט פון ריכטער צו דער טיר, וואָס פירט צו דער געפענגעניש, און דער זון האָט געטאָן אַף זיין פאָטער אַ קוק, איז דאָס געווען אַ גיפטיקער קוק. אַ קוק פון טויטלעכן האַס. דער קוק האָט געזאָגט:

„טאַטע, מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען אויג אַף אויג, און פּונקט ווי דו האָסט ניט געשאַנעוועט דיין אייגענעם זון, אַזוי וועל איך ניט שאַנעווען מיין אייגענעם טאַטן."

דער גאַז־רער ברענט פון דער סטעליע אַרויס, און אין דער טיפעניש פון קעלער אַ געדיכטע פינצטערניש. אַ פינצטערניש פון די אוראַלטע צייטן, ניט קיין דורכדרינגלעכע. עס לויפן דאָרטן אַרום די מייז איבער אַלע ספרים, איבער די גמרא׳ס, איבער די חומשים, איבער די סידורים׳לעך און תהילים־לעך, וואָס דאַרפן איינגעבונדן ווערן.

איטשע־מאיר האָט אומיסטן געלאָזט ברענען דעם גאַז־רער. ווייל אפשר קומט אָן זיין זון אים טאָן שלעכטס, זאָל כאָטש זיין ליכטיק, וועט ער זיך קאָנען ווערן.

איטשע־מאיר שטאַמט פון אַ משפחה לויטער למדנים, רבנים, שוחטים און סופרים. ער אַליין דרשנ׳ט אין דער שול „אנשי צדק", וואָס אַף קלינטאָן סטריט, אַלע שבת צווישן מנחה און מעריב. ניט פאַר קיין געצאָלטס טוט ער דאָס, חלילה, נאָר מחמת דעם גרויסן פריידיקן געפיל פון צו לערנען די מענטשן גאָט׳ס וואָרט.

איטשע־מאיר אפרת, איינער פון די גאָר־ווייניק גלויביקע אידן, וואָס מאַכט נישט פון זיין גלויבן אַ פרנסה־זאַך. מיטן גאַנצן האַרצן מיינט ער דאָס צו לערנען די פאַרוואָגלטע אימיגראַנטן דאָס וואָרט פון גאָט.

איטשע־מאיר האָט געוואָלט, אַז זיין זון מאַיק זאָל אויך גיין אין די וועגן פון זיין גאָט. איז אָבער די אַמעריקאַנער גאַס מעכטיקער פון דעם גאָט פון זיינע עלטערן. מעכטיק איז די אָרעמקייט פון קלינטאָן סטריט מיט אירע איינגעגע געשאַפענע געזעצן, מיט די פּאָליטישנס, גענגסטער, הולטאַיעס און אויסוואורפן, מיט דער גאַנצער פאַרדאָרבענער אָרדענונג.

אָט איצט אין דער מינוט, ווען איטשע־מאיר ליגט אין גרויס ציטערניש, אַז זיין זון מעכעלע וועט קומען אַהיים און אים שלעכטס טאָן, אין דער מינוט פאָרעט זיך זיין זון מעכעלע אין דער זעלבער שול „אנשי צדק" אַף קלינטאָן סטריט. לואי שטייט פאַר די טרעפּ פון דער שול און קלאַפּט אויס מיט די זוילן פון זיינע שיך פאַרשיידענע דזשיגס. אַ וואונדערבאַרער טענצער — לואי. אַ גרויסער עולם יונגוואַרג איז פאַרזאַמלט און מ׳קלאַפּט אים בראַוואָ. ער וואַרפט אומרואיקע אויגן, לואי, אין אַלע זייטן. ניט גלאַט אַזוי זיך טאַנצט ער. ס׳איז דאָ אַ מיין דערביי, אָבער דער פאַרזאַמלטער עולם איז קיין שום זאַך ניט חושד. זיי טראַכטן, אַז דאָס טאַנצט ער גלאַט אַזוי, פאַר זייער הנאה וועגן.

היימי ליגט צעלייגט אַף אַ דאַך און קוקט אַראָפּ צו דער גאַס. היימי האַלט וואַך איבערן גאַנצן בלאָק. בוטשי שטייט אַן איינגעבויגענער אין הויף

פון יענער זייט שול איבער זיינע אַנגעבויגענע פּלייצעס קריכן מאַיק, מויש און בעני דער איטאַליענער אריין אין פענצטער.

שרעקנדיק איז די פינצטערניש אין שול פאַר זיי. אַן אבערגלויבערישע שרעקעניש. זיי קריכן דורך די פענצטער און ס'קריכן נאָך מיט זיי אַזוינע זשוקעלעך מיט אייז־קאַלטע פיסלעך. זיי לויפן, די אייז־קאַלטע פיסלעך איבערן בויך און די איינגעווייד פּרירן. ניט מאַיק און ניט מויש האָבן קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען דעם זינען פון אַ שול. אַ גרויסע אומפאַרשטענדלעכקייט פאַר זיי. אַ פינצטערניש אין זייערע מחות צו אַן אָרט, וואוהין זייערע טאַטעס קומען מורמלען און בוקן זיך. אָבער ס'איז שרעקנדיק דאָס ליידיקע הויז מיט די שטומע פינצטערע בענק. מאַיק גייט פאָראויס מיט אַ סווירטשלאַיט און די איבעריקע צוויי נאָך אים. די ערשטע לעקציע פאַר זיי אין הלכות גנב'ענען. מאַיק איז דער רבי. אין דער „רעפאָרמאַטאָרי" האָט מען זיך דערציילט מעשיות פון גנב'ענען. איבערגעטריבענע מעשיות, אָבער מאַיק מיט זיין קלוגשאַפט האָט פאַרשטאַנען ווי אָפּצושיידן דעם אמת פון דער איבערגעטריבנקייט.

מיט אַן אייזערנעם נאָגל צעברעכט מאַיק דעם שלאָס פון שופלאָד. דאָס קריצעניש פון נאָגל בויערט דעם שלאָס און בויערט באַ זיי אין די שאַרבנס. מויש און בעני וואָלטן זיך גלייך געלאָזט לויפן, שפּרינגען דורך די פענצטער און אַוועקיאָגן זיך ווייט, ווייט פון דעם שרעקלעכן אָרט.

אויפגערוקט דעם שופלאָד מיט אַ שטילן לאַנגן קרעכץ. מען פּאַקט אין אַ זאַק אריין. ס'ווערט היים אין די שיך. עס ברענט די פּאָדלאָגע. די גאַנצע פינצטערניש רוקט זיך אויף זיי און שטיקט און ווארגט. אָבער מיט גרויס העלדנטום האָבן זיי דורכגעפירט זייער מיסיע. מען רוקט זיך ארויס. מען קריכט פון פענצטער, ווידער אויף בוטשי'ן. בוטשי ציטערט. וואַרטנדיק איננ־דרויסן האָט ער נאָך מערער געציטערט ווי זיינע חברים אינעווייניק. ער האָט אַזש געוואָלט וויינען, בוטשי. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן און איבער־לאָזן די חברים. אָבער בוטשי ווייסט אַז זאָך ניט טאָן. זאָל מען אים שיסן, זאָל מען אים דערשטעכן, זיין פאַסטן וועט ער ניט פאַרלאָזן.

אַזאַ פרייד געווען אויף די חברים, ווען זיי האָבן זיך ווידער געטראָפן אויף זיכערן באָדן. אַזאַ דערהאַבענער געפיל איינער צום אַנדערן. אַזאַ פייער־לעכקייט אין זייער בלוט, פּונקט ווי אַן עקספּעדיציע פון פאָרשער, וואָס דער־גרייכט איר ציל נאָך פיל טויטלעכע געפאַרן. בעני דער איטאַליענער, דער סענטימענטאַלער בעני, קושט זיך מיט מאַיק'ן, קושט זיך מיט מויש'ן,

האַלזט זיך מיט אַלע חברים. פריילעכע קינדער, זיי האָבן געזינגט. דער ערשטער באַדייטנדיקער זיג אין זייער לעבן.

דער פּאָדעם פון אידישקייט האָט זיך אָפּגעהאַקט אין קלינטאָן סטריט. איטשע־מאיר׳ס זיידע, ר׳ מעכעלע, איז געווען דער רב פון שטאָט, זיין זיידע ר׳ מעכעלע מיט דער לאַנגער גרויער באָרד, וואָס האָט געפּאַסט תעניתים אפילו אין מיטנוואָך, געגאַנגען אין מרחץ אַריין מיט ווייסע זאָקן. אַ הייליקער מענטש.

זיין טאַטע ר׳ אביגדור׳ל איז געווען אַ סופר. אַריינגעשריבן יעדן אות אין דער תורה מיט קדוש, קדוש (הייליק, הייליק), וואָס האָט צו זיין ווייב, צו זיין מאַמע ניט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט אַלע זיינע יאָרן, מחמת פרומקייט.

איז געוואַקסן דאָס מעכעלע מיט אַ גזלנ׳יש פּנים. אַ פּנים אַ פרעמדער צו זיין שטאַם, ניט ענלעך צו די פּנימ׳ער פון זיין יחוס, וואָס קוקן מיט זעליקייט, וואָס שיינען מיט פרומקייט און מיט געבעט צו גאָט און צו מענטשן. אַ פּנים פון אַ רשע פאַרמאָגט זיין זון מעכעלע, אויגן בייזע, שטעכיקע און אַ קול אַ הויכס, אַ שרייענדיקס, אַ מאַנענדיקס.

ער וויינט, איטשע־מאיר, אין קעלער מיט די מייז, אַף זיין גרויסן בראָך:

„אוי און וויי איז צו מיר, וואָס איך האָב אויפגעהאָדעוועט אַ בייזע חיה, אָנשטאָט אַ קינד. און וויי איז צו מיר, וואָס איך וועל ניט איבערלאָזן קיין זון, וואָס וועט ציען ווייטער די קייט פון אידישקייט. אוי, וויי איז צו מיר, וואָס פאַרדאָרבן געוואָרן איז מיין שטאַם.”

איינגעשלאָפן איטשע־מאיר. פון גרויס שרעק האָט ער גענומען און איינגעדרעמלט. מיטן פּנים אַרויף צום גאַז־רער איינגעשלאָפן.

אַריינגעקומען איז מאַיק שטילערהייט. נאָך דעם שטיקל „אַרבעט”, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, איז ער צעטומלט. אַ מורא איז אים באַפאַלן, ווען עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען, נאָכדעם וואָס ער האָט אָפּגעשטעקט דעם זאַק מיט די גע׳גנב׳עטע זאַכן צו אַרקעלע׳ן דעם אָדעסער. ער איז אַוועק פון זיינע חברים, זיי זאָלן ניט זען זיין שוואַכקייט. אַ שוואַך הילפלאָז אינגל איז מאַיק אַריין צום טאַטן אין קעלער. באַם טאַטן אין קעלער וועט די מורא אפשר אַוועק. דער געדאַנק אַליין, אַז ער איז אונטערן דאַך פון זיין היים, וועט אים באַשיצן.

אָט ליגט דער טאַטע מיט דער באָרד אַרויף צום ברענענדיקן גאַז־רער און דרעמלט. מאַיק איז איצט ניט בייז אַפן טאַטן. פאַרקערט, ער וואָלט

געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל צו אים איצט ריידן. זאָל אים זאָגן: „מיין זון.“ זאָל זיך פרייען מיט זיין אַהיימקומען.

אָט איז דאָס צווייטע בעט. דאָס בעט, וואו זיין שוועסטער אסתר פלעגט שלאָפן. אסתר זיין שוועסטער און מאַמע, וואָס האָט אים געלייגט קאָמפּרעסן צום קאָפּ, ווען ער איז געווען קראַנק, וואָס האָט אים געטוליעט צו זיך, ווען ער האָט געפילט שלעכט, וואָס האָט ליב געהאַט אַריינצואוכקען אין זיינע אויערן מיט אַזאַ מין ווארעמקייט, וואָס האָט געמאַכט ציטערן פון פאַרגעניגן יעדן אָדערל.

מאַיק ליגט זיך אַפּן בעט און פול מיט ווייטיק איז זיין האַרץ. אַ ווייטיק, וואָס קיינער קאָן אים ניט אויסקויפן.

— או, או, — רעוועט ער, — או, או, — וויינט ער, און זיין טאַטע איז אין אַ טיפן שלאָף מיט דער באָרד פאַרריסן צום ברענענדיקן גאַז־רער.

# דער גאַנצער בלאָק ווייסט שוין

אפֿן צווייטן טאָג ערשט פֿאַרנאַכט האָט מען זיך דערוואוסט וועגן דער גנבה אין שול, ווייל דער מנין דאַוונט ניט אין דער גרויסער שול. דער מנין דאַוונט אַלע גאַנץ פֿרי און פֿאַרנאַכט אונטן, אין קעלער, פֿאַרן פֿאַררויכערטן ברודיקן עמוד. דער שמש איז אַריינגעקומען עפּעס נעמען. ער גיט אַ קוק, און עס ווערט אים שוין רעכט פֿינצטער אין די אויגן.

— געוואַלד און געוואַלד! — האָט ער זיך צעשריען און איז גלייך הייזעריק געוואָרן פֿון שרעק.

די נייעס האָט זיך מאָמענטאַל אַ טראָג געטאָן צו די פּושקאַרטס, צו די קראָמען, צו אַנדערע בלאָקס אַרום און אַרום.

— אַזאַ שאַנדע באַ אידן, אַזאַ שאַנדע...

— אודאי דעם צדיק׳ס אַרבעט — האָט אַ זאָג געטאָן אין דער הויך דער פּעדלער פֿון די קעמעלעך צום פּעדלער פֿון די עפּעלעך.

— ש־ש־ש־ש! — מאַכט יענער מיט שרעק און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן.

ער ווייסט שוין, דער פּעדלער פֿון די עפּעלעך, אַז אַף קלינטאָן סטריט טאָר מען ניט זיין אַזוי האָפֿערדיק. ווייל אַנומלטן איז אויך געשען אַ גנבה אין בלאָק. מען האָט אויסגעליידיקט אַ קראָם פֿון פּרויען־אונטערוועש און דער פּעדלער פֿון די מזוזות און סידורים׳לעך אַף קאָרנער ריווינגטאָן סטריט האָט גראַדע געוואוסט, ווער עס האָט אַרבעט ס׳איז, און ער האָט זיך באַרימט פֿאַר דער גאַנצער גאַס, אַז ער ווייסט ווער עס איז. נו, נו, פֿרעגט שוין ניט. ער האָט שוין נאָכדעם מערער קיין כח ניט געהאַט זיך צו באַרימען. אינמיטן העלן טאָג זיינען צוגעגאַנגען צוויי איטאַליענער, פֿרעמדע איטאַליענער פֿון אַן אַנדער גאַס, און גלייך אין קאָפּ אַריין מיט אַ שטיק אייזן.

— יאָ, אָבער מען טאָר ניט שווייגן — צאָרנט דער פּעדלער פֿון קעמעלעך.

— אַ שול! עס איז דאָך שוין עק וועלט.

— ש־ש־ש־ש! — מאַכט צו אים דער פּעדלער פֿון די עפּעלעך מיט קאַלטער חכמה. — ש־ש־ש!

— ש־ש־ש־ש! — האָט מען זיך געשושקעט איינער צום אַנדערן אַף

קלינטאָן סטריט און תיכף האָט יעדער איינער געוואוסט, אַז עס איז די אַרבעט פון דעם צדיק מאַיק מיטן אָפּגעביסענעם אויער.

די זעקס גוטע פריינט האָבן גלייך דערשמעקט, אַז מען ווייסט, ווייל וואו זיי האָבן זיך באַוויזן איז געוואָרן שטיל אַרום זיי. אָפּגעהאַקט דעם געשפּרעך, פאַרגליווערט געוואָרן די לופט. אָפּגעפּרוירן פון די איבעריקע מענטשן מיט אַ קאַלטער געהיימניספולער שווייגעניש.

וואָס האָבן זיי איינגאַנצן געקראָגן פאַר דעם דזשאַב ? — צען דאָלאַר. ס'אָדעסער אַרקעלע האָט זיך געשוואוירן :

— אַז מערער קאָן איך ניט אָפּאָרדן, מערער האָט דאָס ניט די ווערט, און אַז איר ווילט ניט, קאָנט איר דאָס נעמען צוריק.

אַ חכם, אַרקעלע. דאָס נעמען צוריק, אַז ס'ברית די הענט, דער זאַק. אַז ס'איז פונקט ווי מען האַלט אין דער האַנט אַ הייסע גלאָז טיי אָן אַ שעלכל.

— יאָ, מען ווייסט — האָט בוטשי געזאָגט צו מאַיק'ן מיט אומגליקלעכע טרויעריקע אויגן.

— ש־ש־ש ! — האָט היימי געמאַכט. — ש־ש־ש ! קיינער ווייסט ניט, און דו ווייסט ניט, און מיר אַלע וויסן ניט. פאַרשטאַנען ?

יאָ. בוטשי האָט פאַרשטאַנען, אָבער די לעבער בא אים איז עפּעס ווי איינגעפאַלן. אַ קיצלדיק ווינטל האָט דאָרטן געבלאָזן און בוטשי איז געוואָרן אומעטיק.

אַלע האָבן זיך געפילט אומבאַקוועם, אחוץ מויש. מויש מיטן שמאָלן שטערן און די לאַנגע אויערן האָט שוין מער ניט וועגן דעם געטראַכט. די נעבעכיקע געשעעניש האָט זיך אָפּגערוקט פון אים מיט יאָרן ווייט. ער איז הונגעריק, מויש, און ער וויל עסן. אוי, וויל ער עסן ! לאָז אים מאַיק געבן זיין חלק, וועט ער זיך גיין קויפן עסן.

מען וועט אַלע עסן, און מען וועט טרינקען וויין אויך. אַ גרויסע וועטשערע וועלן זיי באַשטעלן פאַר אַלעמען, אַ מין באַנקעט אַזאַ לכבוד מאַיק'ס צוריקקער. לכבוד דעם, וואָס זיי זיינען שוין גרויסע בחורים, דערוואַקסענע מענטשן און זיי זיינען געוואָרן די מייסטערס פון זייער אייגן לעבן. אַי, דאָס וואָס מען ווייסט ? לאָזן אַנדערע וויסן, אָבער זיי אַליין ווייסן פון גאָרניט...

# שפיל-זשע מיר אַ דוינעלע...

דער וואָס שפּילט אפן קלאַרנעט האָט אַ גוליע אפן האַלז, אַ גוליע ווי אַן עפּל די גרויס. דער האַלז זיינער קנייטשט זיך אין פאַלדן, רויטלעכע שוויסיקע פאַלדן. ער קוקט אַף קיינעם נישט בעת ער שפּילט אפן קלאַרנעט און די גוליע קוקט אויך אַף קיינעם ניט. זי איז גלייכגילטיק צו דער וועלט, די גוליע. די אויגן האַלט ער אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און שפּילט אויס די אידישע ניגונים'לעך, ווי דאָס „פּינטעלע איד", „גאָט און זיין משפּט", און „איך בין אַ באָרדער באַ מיין ווייב".

דער מיטן פידל איז דער געלט-זאַמלער. מיט אַ צעבראָסטעטען ראָק, מיט אַ טעלערל אין דער האַנט גייט ער צו צו יעדן טישל, פאַרנויגט זיך זייער ליבלעך מיט די גרויסע וואָנצעס און מיט אַן אײדל שמייכעלע דערלאַנגט ער דאָס טעלערל גלייך אונטער דער נאָז.

אַף טרעפּלעך דאַרף מען אַרויפגיין אין דעם שענקל. אפן ערשטן שטאָק איז דאָס, מיט אַ נידעריקער סטעליע. דאָס פענצטער איז פאַרהאַנגען מיט אַ רויטן טישטוך. פאַרדעקט פון די אויגן פון דער גאַס. ווייל דאַרטן שיכור'ט מען און מען פרעסט סטייקס און די פאַרבייגייער קאָנען נאָך אַריינקוקן אין פענצטער און ניט פאַרגינען. נאָך אַ טעם איז דאָ, וואָס דאָס פענצטער איז פאַרהאַנגען: ס'איז פּראָהיבישאָן, און אפילו די פּאָליסלייט פון דעם געגנט ווייסן, וואָס ס'קומט דאָרטן פאָר אינעווייניק, אָבער דערפאַר זעען זיי כאָטש ניט די זינד מיט זייערע אייגענע אויגן, ווייל ווי קענען זיי זען, אַז דאָס פענצטער איז גאָר פאַרהאַנגען.

זי איז אַ רומענישע, באַשע. מיט גרויסע אוירינגלעך. מיט אַ טונקעלער שמירעכץ אַף די ברעמען און אונטער די וויעס. אַ הויכע פרוי, אַ ברייטע און אַן אָנגעזעענע. אין אַן אָפּגעצויגענער שוואַרצער קלייד אַף אַ שטייפן קאָרעסט. אין אַ גרין קאַפּטל מיט רויטע קרעלן. זעלבסט-זיכער און באַוואוסטזיניק אין איר אויטאָריטעט שפּאַנט זי פון טישל צו טישל און זידלט די געסט. אַ שיין גוידערל פאַרמאָגט זי. אַ גוידערל אַזאַ ליבס און אַ גע-פּעשטשעטס, און ס'חנ'דלט זיך דאָס גוידערל צו אַלע מיטל-יאָריקע אידן — אירע שטענדיקע באַזוכער.

שוואַרצן רומענישן ווײַן טרינקען דאָרטן די געסט. אַזאַ ווײַן, וואָס שרפ'עט די געדערים, רײַסט אין האַלז און לאָזט איבער אַזאַ פֿאַרב אױף די ליפּן, ווי פֿון טונקל־רויטלעכן טינט. גרויסע, פֿעטע סטייקס מיט גריוונס עסט מען דאָרט, און מען קרעכצט פֿון פֿאַרגעניגן.

די זעקס חברה־לײַטלעך האָבן פֿאַרנומען אַ גאַנצן טיש. וואַויל־יונגעריש און הפקר'דיק האָבן זיי זיך צעזעצט, ווי דערפֿאַרענע שענק־גייער. דאָס ערשטע מאָל ווי זיי באַזוכן אַזאַ פּלאַץ און מען לעבט איבער דעם ערשטן ציטער פֿון בחור'שאַפֿט, פֿון דער ריכטיקער פֿיל־פֿאַרביקער בחור'שאַפֿט.

— וואָס וועט איר זאָגן, באַיעס? — שווימט־צו צו זיי באַשע די רומענערן, אַ מאַיעסטעטישע מיט דעם ליבלעכן גוידער. — און ווער האָט דיר אָפּגעביסן ס'אויערל, אַצע־קלאַץ מיינער?

דאָס רעדט זי אַזוי ליבלעך צו מאַיק'ן, און מאַיק'ן איז גאָרניט געפֿעלן אַזאַ אויפֿנאַמע. עפּעס רעדט זי צו אים, ווי צו אַ שנעק. אָבער גאָרניט, לאָז זיינס איבערגיין.

וואָס ווילן זיי? ווײַן ווילן זיי און די גרויסע רומענישע סטייקס מיט אַ סך פֿעפֿער און גריוונעס.

— נו, געלט האָט איר, יונגעלײַטלעך מיינע? — איז איר גוידער פֿול מיט פֿאַרדאַכט אױף זיי.

— שור האָבן מיר — מאַכט בעני דער איטאַליענער און שמייכלט ליבלעך צו באַשע'ן. ער שמייכלט, פּונקט ווי זײַן טאַטע סילוועסטראַ, מיט גוטמוטיקע אויגן, מיט ווײַסע ציין.

— ביז איך זע ניט דאָס געלט, ווייס איך ניט צי עס איז געלט — איז איר גוידער שאַרף און געשעפֿטסמעסיק.

צו אַנדערע געסט רעדט זי ניט אַזוי. זי ווייסט, אַז מען וועט איר באַצאָלן, אָבער מיט די יונגע שנעקעס איז זי שוין פֿאָרזיכטיקער. יונגע שנעקעס, וואָס האָבן ערשט נעכטן גע'גנב'עט פֿון די פּושקאַרטס און איצט פֿאַרשטעלן זיי זיך פֿאַר גוואַלדיקע הולאַיקעס.

מאַיק וויל ניט לײַדן פֿאַרוואָס מען גלויבט זיי ניט. ער טוט שוין דעם באַרימטן שפּיי, און וויל שוין דערלאַנגען אַ זעץ אין טיש. אָבער היימי דערלאָזט ניט. היימי, דער גלײַכער שכל פֿון דער דאָזיקער חברה, פֿאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז מען וועט זיי צע'מזיק'ן, צעבלוטיקן און זיי אַרויסוואַרפֿן ווי די שפּענדלעך, ווײַל דאָס פּלאַץ איז באַשיצט און באַשירעמט פֿון דעם וואָס רופֿט זיך „זויג דאָס בלוט („דזשיפּ דהי בלאָד").

„שפּיל זשע מיר אַ דוינעלע, אוי אַ דוינעלע", פֿאַרגייט זיך מיט כריפּלענ־

דיקע טענער דער קלאַרנעט־שפּילער. און די גוליע זיינע אַפן האַלז זינגט אויך מיט. זי באַקומט אויסדרוק, די גוליע, און ווערט לירישׁ און טרויעריק. ער זינגט, דער קלאַרנעט־שפּילער און שפּאַנט זיך צו אַלע טישלעך. בײַ יעדער טישל שטעלט ער זיך אָפּ און פאַרנויגט זיך. דאָס גיט ער אָפּ כבוד צו יעדן טישעלע. צו דער חברה׳ס טישל איז ער אויך צוגעגאַנגען און זיך פאַרנויגט, און די אינגלעך האָבן זיך דערפילט גוואַלדיק דערהויבן. „אַ שפּיל זשע מיר אַ דוינעלע״ — אַ אידיש לידל פון בעסאַראַביע, וואָס צעגיט זיך אין אַלע אברים, וואָס צופּט אין האַרצן און סע ווערט אַ מחיה טרויעריק פון דעם.

אין דעם פּלאַץ גייען אַריין מיטליאָריקע פּעדלער און אַרבעטער, וואָס לעבן ניט בשלום מיט זייערע ווייבער. אַנטוישטע און אומעטיקע, קומען זיי צו פאַרטרינקען זייער מרה־שחורה. מיט באַשע׳ן פילן זיי זיך זייער היימיש. זי זידלט זיי אַפילו, אָבער אין איר זידלען פילן זיי איר גוט גרויס האַרץ. אַ גרויסע משפּחה אַנטוישטע און פאַרצווייפלטע אין זייערע פאַמיליע־לעבנס, און די הויכע באַשע מיט אירע זיבעצן רינגלעך אויף די פינגער און מיט איר מאַיעסטעטישן גוידער, איז די ברייטהאַרציקע מאַמע צו זיי אַלעמען.

מויש איז טאַקע גוט הונגעריק. אַלע פרישטשעס צעגייען זיך פון תענוג. זיינע לאַנגע אויערן פלאַמען. זיין מויל ברייט צעעפנט. איידער נאָך דער בים אַפן גאָפּל דערגייט צום מויל, שטעקט ער אַרויס אַ גרויסע צונג צו באַגעגענען מיט ליבע דאָס געשמאַקע שטיקעלע, וואָס טריפט מיט בלוט און מיט פעטס. ער איז זיך אַזוי מחיה, מויש. געבענטשט איז די פריינטשאַפט פון אַזאַ חברה. געלויבט איז מאַיק דער פריינט זיינער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעיאָוועט צו זיי מיט זיין גרויסער לעבנס־דערפאַרונג.

מאַיק, צענומען פון דעם זויערן ווין און פון די הייסע זאַפטן פון סטייק אין זיינע אינגעווייידן, שטעלט זיך איצט אויס פאַר דער חברה. ער דערציילט מעשה׳לעך פון דער „רעפאָרמאַטאָרי״. ער דערציילט אויך די געשיכטע פון אָפּגעביסענעם אויער, וועגן דעם קובאַנישן אינגל, וועמען ער האָט גוט אָנגע׳הרג׳עט. דאָס האָט אים טאַקע יענער אָפּגעביסן דעם אויער. אַריינגע־כאַפּט דעם אויער אין זיינע שאַרפע ציינדלעך. מאַיק שלאָגט אים אין קאָפּ און אין בויך, יענער וויל ניט אָפּלאָזן. אַנדערע אינגלעך רייסן אים. דער קובאַנער חלש׳ט פון די קלעפּ, אָבער אַזוי חלש׳נדיק וויל ער נאָך אַלץ ניט אָפּלאָזן דעם אויער...

אָבער פּלוצלונג ווערט שטיל. אַלע דרייען אוים די קעפּ. אויף דעם שוועל שטייען פרעמדע מענער. הויכע ברייטע מענער מיט גזלנ׳ישע מאָרדעס. אין דעם אופן, ווי באַשע לאָזט זיך צו זיי, ליגט שוין אַליין אַ גרויסע שרעק.

— האָו דו יו דו, מיסטער אָניעל — באַגריסט איר גוידער, זייער ליבלעך, דעם מיסטער אָניעל.

— האָו דו יו דו יורסעלף — ענטפערט אָניעל און וויל אפילו ניט קוקן אף איר.

מויש האָט דעמאָלט געהאַלטן אין קייען אַ געשמאַקן ביסן פון פעטן סטייק. האָט ער אים שוין ניט צעקייט, דעם ביסן. ער האָט אים אַרויס־געשפּיגן, ווען אָניעל האָט אים גענומען שלאָגן. ניט נאָר אָניעל האָט געשלאָגן — אַלע פרעמדע מענער זיינען אַרויפגעפאַלן אף דער חברה, ווי בייזע חיות, און האָבן גענומען שלאָגן. שנעל און גיך. ניט געגעבן קיין צייט זיך אפילו צו באַטראַכטן. בוטשי האָט געפּרובירט דערלאַנגען צוריק. האָט מען אים געגעבן מיט אַן אייזערנער הענטשקע אַ טשמעליע איבערן קאָפּ און ער האָט אַ קראַך געטאָן צו דער ערד. דער ריזיקער בוטשי איז געפאַלן צוזאַמען מיטן טיש.

דער וויין איז ערגעץ אַפּגעפלאָסן. בלאַסע, צע'הרג'עטע אינגלעך זיינען געשטאַנען מיט קאַלעמוטנע אויגן און אָניעל האָט געזוכט בא זיי אין די קעשענעס. זיי האָבן גאָרניט געהאַט אין די קעשענעס, אַ חוץ די עטלעכע דאָלאַר, וואָס אַרקעלע האָט זיי אָפּגעצאָלט פאַר זייער אַרבעט.

דער פּאָליציי־וואָגן יאָגט זיך מיט זיי איבער די איסט־סאַידער גאַסן, און זיי, די זעקס גוטע פריינט פון קלינטאָן סטריט, ליגן איינער אפן אַנדערן צע'מזיק'טע, צעבוכטשעטע. זיי וויינען ניט, זיי קרעכצן ניט. העלדיש טראָגן זיי זייערע וויטיקן...

# מילדרעד האָט זיך ניט געקאָנט ווערן

דאָס קליינע מיידעלע מילדרעד מיטן רענצעלע אין דער האַנט פאַרלאָזט דאָס הויז, אָן אַ געפּיל פון חרטה. ס'טוט איר ניט באַנג די פינצטערע אָרעמע היים, וואו אַזוי פיל יאָרן האָט געהוסט און געשפּיגן אַ קראַנקער טאַטע, וואו אַ מאַמע, אויסגעצערט פון האָרעוואַניע, האָט שוין ניט געהאַט קיין רייד פאַר אירע קינדער. יעדער איינער אין דער דאָזיקער היים האָט געדאַרפט טראַכטן פאַר זיך. יעדער איינער האָט זיך געדאַרפט אָנהאַלטן אין לעבן מיט איינגענע כחות.

שוואַכע כחות פאַרמאָגט די 17־יאָריקע קליינע מילדרעד, מיט די אייביק־לאַכנדיקע באַקן־ביינער, מיט די קאַליע ציינדלעך און קרומע ליפּן.

פון דער פּאָבליק־סקול איז מילדרעד פיל מאָל פאַרשוואונדן געוואָרן. נאָך זייענדיק אין זעקסטן גרעיד איז זי פאַרשוואונדן. די סקול־באַאַמטע האָבן זי געזוכט די ערשטע צייט. זי אויסגעפונען און אַריינגעפּאַקט צוריק אין סקול. אָבער דערנאָך איז זי ווידער פאַרשוואונדן און נאָך אַמאָל פאַרלוירן געוואָרן, און מען האָט זי אויפגעגעבן.

די אָנגעשטעלטע פון דער באָאַרד אָוו עדיוקיישאָן פלעגן זיך דערשרעקן פאַר דער שרעקלעכער אָרעמקייט פון שמערל דעם פּעדלער'ס הויז, ווען זיי פלעגן קומען אַהין זוכן די ווידערשפּעניקע מילדרעד. זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן קראַנקן ריח פון דער פאַר'עיפּושט'טער לופט. ער האָט געהוסט שמערל דער פּעדלער מיט באַצילן, און געשפּיגן מיט באַקטעריעס און האָט זיך אפילו ניט געוואָלט אומקוקן אַף זיי.

די מאַמע איז קיינמאָל ניט געווען אין הויז. זי האָט געשוויצט אין אַן ענגער קיך פון אַ ביליקן רעסטאָראַן. געאַרבעט אַלס אַן אונטער־קעכין.

די בלוטלאָזע מילדרעד גייט איצט ווערן אַ ווייב צו אַנטאָנינאָ'ן, און זי ווייסט אפילו ניט פאַרוואָס מען רופט אַ פרוי—ווייב. וואָס זי ווייסט, אַז מען שלאָפט צוזאַמען קערפּער לעבן קערפּער, און אַז אַ זינדיקע וואַרעמקייט כאַפּט אַרום אַלע גלידער, און ס'איז אַ וואונדערבאַרער געפיל אַזאַ און אַ שעמעוודיקער געפיל, וואָס מען דאַרף באַהאַלטן פאַר טאַטע און מאַמע און פאַר די שוועסטער און ברודער. פאַר אַלע מענטשן דאַרף מען דאָס באַהאַלטן. מען

מעג דעם געפיל בלויז ארומטראָגן אין זיך מיט אַן אינערלעכער שעמעוודיקער פרייד.

ס'האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין פרייד אַט די מילדרעד מיט די קאַליע ציינדלעך. אום ווינטער גליווערן די בלוטן פון קעלט. זומער חלש'ט אַוועק יעדער אבר פון היץ. אין די רעגנדיקע וועטערן ניסט מען, ס'איז ענג אין האַלז און דער קאָפּ ברעכט. אַז מען איז הונגעריק טוען וויי די גדערים. אַז מען עסט זיך אָן ווערט איבלדיק און אַ שוואַכקייט באַפאַלט דעם קערפּער. אַ לעבן, וואָס איז ניט גוט אַזוי און ניט גוט אַזוי. לעבן רעכטן אויג האַלט אין איין ציטערן אַזאַ מין אָדערל, וואָס נאָגט און נאָגט. די הענטלעך אַזוינע דאַרינקע און געלע, און די פינגער, ווען זי בויגט זיי איין, זעען אויס ווי איבערגעבראָכן. די הנאה פון הייסע וואַסער, ווען מען לאָזט אַפּ די אברים און מען ווערט מחיה'דיק שוואַך, האָט זי קיינמאָל ניט געוואוסט. ס'איז ניט געווען קיין וואַש־צימער אין הויז. דער וואַש־צימער איז געווען אין האַל, און דאָרטן איז געווען איבלדיק, שטיקנדיק און פאַרפעסטעט און פינצטער, און גרויסע שטשורעס האָבן אַרומגעיאָגט.

אָבער אפשר וועט אַנטאָנינאַ איר אינגאַנצן ניט אַריינלאָזן צו זיך. מילדרעד האָט מורא צו טראַכטן וועגן דעם. ניין, ער וועט זי אַריינלאָזן, ווייל שטענדיק, ווען זי קומט צו אים, נעמט ער זי אַרום און קושט זי און רעדט צו איר אַזוינע ליבע ווערטער. שטענדיק, ווען זי קומט צו אים, וויל ער זי פאַרהאַלטן, זי זאָל בּאַ אים בלייבן אין צימער.

מילדרעד מיט די קאַליע ציינדלעך גייט צו אַ מאַן, און זי האָט אים גאָרניט געפרעגט צי וויל ער אַז זי זאָל זיין זיין ווייב און זאָל וואוינען מיט אים אין איין צימער, און ער זאָל איר געבן עסן און טרינקען, און קליידן און שיכן. מילדרעד, דאָס אָרים־בלוטיק מיידעלע, לאָזט זיך אָפּ גאָט'ס באַראָט. די איינציקע שטאַרקייט אירע, וואָס זי איז אַ פרוי און ער באַגערט זי. וועט ער זי איצטער אויך באַגערן.

די געוואַלדיקע פרוי וואָס זי איז, מילדרעד, וואָס קוקט אויס ווי אַ ניט־דערבאַקן מיידעלע. קליינע מיידעלעך שעמען זיך און ברענען, און גליען אין פלאַמען, און מיינען אַז זיי טוען דאָ אַ זאַך וואָס איז איבערגעקערט צום לעבן.

זי איז אָרעם, מילדרעד. אַלע אירע יאָרן געווען אָרעם. געווען אָרעם אין פּאָבליק־סקול, ניט גוט פאַרשטאַנען די תורה, וואָס מען האָט זי געלערנט אין פּאָבליק־סקול. געווען אָרעם צו איר מאַמען און צו אירע שוועסטער און צו איר ברודער. אַלע האָבן געקאָנט עפּעס אויפטאָן. זי האָט גאָרניט געקאָנט

אויפטאָן — אַפילו ניט העלפן דער מאַמען צו ראַמען די הויז. זי האָט גאָרניט געהאַט צו געבן. האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט קיין חבר'טעס. אַז מען שפילט זיך מיט חבר'טעס דאַרף מען אויך עפּעס געבן, כאָטש אַן איינפאַל, אַ געדאַנק.

אַן אָרעם מיידעלע. און דעם איינציקן פאַרמעגן, וואָס זי פאַרמאָגט, וואָס אַ מאַן באַגערט זי. אין זכות פון דעם פאַרמעגן, וועט זי עקזיסטירן.

אַן אָפּגעריבן רענצעלע טראָגט זי אין דער האַנט, און איר גאַנצע רייכקייט באַשטייט פון פודרע־קעסטעלעך, ליפּסטיק־רערלעך, און מרים'ס אונטערהעמד. דאָס ראָזעווע אונטערהעמד, וואָס קוקט אויס ווי זייד.

:: :: ::

ס'איז געווען פאַראַיאָרן אין אַ זומער אינדערפרי. באַם איסט־ריווער איז אַנטאָנינאָ געשטאַנען פאַרטיפט אין מאָלן. פאַרטיפט און פאַרטאָן אין אַ פיינלעכער וועלט. אוי, ווי ס'איז אים שווער אַרויסצוקריגן די אַלע פאַר־באָרגענע קאָלירן, וואָס ער, אַנטאָנינאָ, קאָן זען, אָבער אַרויסברענגען אויפן לייוונט איז אים געוואַלדיק שווער. ס'איז קיינמאָל ניט דאָס, ווי אַזוי ער האָט דאָס געזען.

אַ הויכער, אַ דינער אַטאָנינאָ מיט אַ נערוועזן שטערן, אַן אָנגעשטרענגטן שטערן. ער איז אַרויסגעקראָכן, דער שטערן, פון דעם שאַרבן כדי צו כאַפּן די פאַרבאָרגנסטע שאַטירונגען פון דער גרינער שפּרינגענדיקער וואַסער. די אויגן זיינע זיינען פול מיט ווייטיק. אויגן, וואָס ווילן אַריינגעמען יעדער געזעען פיצעלע און דאָס אַרויפכאַפּן אויפן לייוונט. אָבער זיי גליטשן זיך אַרויס, די געזעענע פיצלעך. ווערן אויסגערונען. דערפאַר קריכט אַרויס אַזוי דער הויכער שטערן פון שאַרבן. שטרענגט זיך אָן צו כאַפּן צוריק דאָס פריער געזעענע. דערפאַר לויפן אַזוי די אָדערלעך לעבן די שלייפן.

דאָס וואַסער איז געשפּרונגען מיט ווייסע פייגל, און מיט שפּענדלעך און מיט צעבראָכענע פיאָלעטעווע רינגען. אַ באַרזשע האָט זיך געהוידעט מיט אַ ליכטיקער זון־באַגאָסענער דעק. מילדרעד איז אַהין פאַרקראָכן מיט די לאַכנדיקע באַקן־ביינער. אומעטום איז זי געקראָכן מיט איר אָרעם געקעסטלטן ציצן קליידל, אין די איבערגעקערטע שיכלעך, אין די צעפּאַטלטע האָר. אַ מיידעלע פון זעכצן יאָר מיט פייכטע גרויסע אויגן, מיט אַ מוטנע פייערל אין די שוואַרצאַפּלען.

אַנטלאָפן פון דער שטוב, וואו דער טאַטע הוסט און שפּייט, אַנטלאָפן פון דעם בלאָק, וואָס הרודעוועט מיט אַן אייביקער אומרו. זיך געגאַנגען פון גאַס צו גאַס, אַ שפּעטנדיקע, אַן אָרעם־בלוטיקע מיט די קאַליע ציינדלעך.

אַלע האָבן זי פיינט, אַזוי גלויבט זי. די מיידלעך פון דער גאַס האָבן

זי אויך פיינט. מען חבר'ט זיך מיט איר ניט. שפּאַצירט זי זיך אום איינע אַליין און אַזוי פאַרקריכט מען צום איסט־ריווער.

אַף יענער זייט איסט־ריווער שטייט אַ שטאָט אַ פרעמדע און אַ ווייטע. אַן אַנדער לאַנד. קלעצער הוידען זיך אין וואַסער און שפּייען מיט אַזאַ גרינער פעטער פליסיקייט. אַ ליידיקער, פּאַרוואָרפענער, פּוסטער לאָט. און דאָ שטייט גאָר אַ הויכער דינער בחור מיט אַ בלאַסן פּנים, וואָס ס'איז שוין ניט געשלאָפן חדשים און יאָרן. אַ לענגלעך פּנים מיט אַ חן־גריבעלע אַף דער באַק.

שטיל איז זי געשטאַנען הינטער אים און האָט אים געהאָלפן מאָלן אין איר געדאַנק. יעדער נייער שטריך, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט, האָט זי דערפרייט, אַקוראַט ווי זי אַליין וואָלט דאָס געמאָלן. און נאָך גרעסער איז געווען די פרייד און דער וואונדער, ווען די אומדייטלעכע שטיקער פאַרב האָבן אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ פאָרמע. די פאָרמע פון אַ בארזשע מיט אַ לאַנגן שטריק צוגעבונדן צו אַן אייזערנעם סלופּ.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו איר און מילדרעד האָט זיך פאַרשעמט. פאַרשעמט, אָבער די דאַרע באַקן־ביינער האָבן נאָך אַלץ געלאַכט.

— ס'געפעלט דיר? — פרעגט ער מיט צעלאָפענע, צעשיינענדיקע אויגן.

מילדרעד ענטפערט ניט. זי שווייגט מיט די בלוטלאָזע ליפּעלעך, און דאָס אָדערל לעבן רעכטן אויג האָט זיך נאָך שנעלער צעציטערט און עס האָט גענאָגט און גענאָגט.

— דו ווילסט, וועל איך דיך אויך מאָלן.

מילדרעד דערהערט אַזוינע זאַכן, אַנטלויפט זי. און ער שרייט איר נאָך:

— האָב ניט קיין מורא, יונגע ליידי, אַנטלויף ניט, איך וועל דיר גאָרניט ניט טאָן.

„יונגע ליידי" האָט ער זי גערופן, כי, כי, כי — האָט זי זיך צעלאַכט. אָבער אַפן צווייטן אינדערפרי איז זי ווידער אַהין פאַרקראָכן. ס'איז איר בלויז געווען טשיקאַווע צו זען, צי זי וועט אים דאָרטן ווידער טרעפן.

ווי אַ וועוועריקל אין פּאַרק — אַ וועוועריקל, וואָס עס געוואוינט זיך צו צו אַ מענטשן, וועלכער קומט אַלע טאָג און זעצט זיך אַף דער זעלבער באַנק, אַזוי האָט מילדרעד זיך צוגעוואוינט צו דעם אויסטערלישן מענטשן, וואָס קאָן אויפטאָן אַזאַ גרויסן וואונדער, ווי אַראָפּכאַפּן דעם טייך מיט דער באַרזשע, מיט דעם שטריק.

ער האָט מילדרעד'ן אויך געמאָלן, אָבער ניט לעבן איסט־ריווער. באַ זיך אין סטודיאָ האָט ער זי געמאָלן. אַ גרויסער ברייטער צימער מיט אַ

גלעזערנעם דאַך. אַף די ווענט אַזוינע שרעקלעכע בילדער: שלענג וואָס שפּייען מיט גרינעם פייער, נאַקעטע מענטשן, וואָס בראָטן זיך אין גיהנום און שרייען מיט בלוטיקע מיילער און מיט אויסגעשפּרייטע הענט.

ווען ער האָט זי אַראָפּגעכאַפּט, און זי האָט דערזען אַפן לייוונט זיך אַליין, אַזוי ווי זי שטייט און גייט, מיט דעם אמת'ן קאָליר פון אירע אויגן, פון אירע האָר, פון איר קליידל, פון איר ברודיקן האַלז, האָט זי זיך צעלאַכט. דאָס מאָל אמת'דיק און עכט. מיט גרויס פרייד, מיט אַן אנגענעמען ציטער.

אין יענעם טאָג ווען זי האָט זיך אַזוי אמת'דיק און עכט צעלאַכט, האָט זי זיך דערוואוסט נאָך אַ זאַך, וואָס דאָס איז געווען אַ גאַנצע וועלט־איבער־קערעניש. זי האָט זיך ניט געקאָנט ווערן, געציטערט מיט געבעט און מיט וויי. ס'איז שוין דעמאָלט געווען פאַרנאַכט. די שלענג, וואָס האָבן געשפּיגן גרינעם פייער, זיינען פינצטער געוואָרן, אויסגעלאָשן האָט זיך אויך דאָס פייער אין גיהנום, און די נאַקעטע מענטשן מיט די בלוטיקע מיילער האָבן מער ניט געשריען. גאָר ווייט האָט געאָטעמט אַ שטאָט. פינצטער און היים. און עס ווערט צעשטערט דער גאַנצער סדר פון דער וועלט. מען קאָן ניט אַנלויפן, מען קאָן זיך ניט ראַטעווען, מען מוז בלייבן אַפן פּלאַץ. און אַ ברענענדיקע גיפט אַזאַ קריכט איבערן לייב, וואָס סמ'ט מיט אַזאַ זיסקייט און פּיין.

# ווי מילדרעד גייט ווערן אַ ווייב

דער ערשטער עוועניו הויך־באַן לויפט אָן מיט דונערן. אַנטלויפט אַרויף, אַרויף, און די דונערן יאָגן אים נאָך. דער ערשטער עוועניו הויך־באַן לויפט אַף צוריק און די דונערן יאָגן שוין אויך אַף צוריק. די דעכער פון טענעמענט־הייזער ציטערן. דער גאַנצער בלאָק ענטפערט מיט אַ פאַרדעמפטן געברום, פונקט ווי ס'וואָלט געקומען פון דער טיפעניש פון דער ערד. דער באַן קאָן ניט איבערשרעקן דעם בלאָק מיט די דונערדיקע געשרייען. ער זידט סיי ווי סיי, דער בלאָק, קאָכט און פרעגלט זיך און קנוילט צונויף אַלע קולות צוזאַמען אין איין קנויל, און עס דרייט זיך דער קנויל מיט די קולות, איבער אַלע דעכער, איבער אַלעמענס קעפּ.

די איטאַליענישע קינדערלעך אַף דער גאַס שווענקען זיך אין אַ שטראָם יאָגנדיקער שטורעמדיקער וואַסער. דער גאַסן־רייניקער מיט דעם ברעזענטענעם היטל און גומענע שטיוול שפריצט אַף זיי מיט אַ גראָבן גערדיכטן שטראָם. אַ שטראָם מחיה'דיקע קילע אימפּעטיקע וואַסער פון דעם גאַסן־קראַן. די שטאָט קילט דאָס אַזוי אָפּ די איטאַליענישע קינדערלעך פון דער עלפטער גאַס.

ווי אַ גרויסע ריזיקע נעסט פון מוראַשקעס, קריכן זיי, די מענטשן און מענטשעלעך אומעטום, אַף די פייער־לייטערס, אַף די דעכער, אַף די שטיינער פון דער גאַס, אַף אַלע טרעפּ פון די סטופּעס. אַרום די פושקאַרטס און די קינדער־וועגעלעך. און פליגן, איסט־סאַידער פליגן, ווי די וואָלקנס היישעריקן, הויערן זיי איבער די פענצטער, איבער ריטשקעלעך וואַסער, איבער די זיסע פרוכט פון די פושקאַרטס, איבער טוכלע פיש, איבער ברויטעלעך מיט קעז, איבער געפּרעגלטע קנישעס, וואָס לאָזן זיך פילן איבער דעם גאַנצן בלאָק. אַרום דעם גאַנצן טומל שפּילט די קאַטערינקע צו צו אַ קאַרוסעל אַף אַ וואָגן מיט פאָרצעלייענע פערדלעך, וואָס דרייען זיך איינער נאָכן אַנדערן ביסטרינקע און בייזינקע מיט צעשיינטע ציטערנדיקע קינדערלעך.

זעקס שטאָק האָט דאָס הויז. אַף יעדן שטאָק איז פינצטער און היים. הונדערטער ברודיקע טרעפּ. אַ ריח פון קעז, פון מייז, פון קאַליע־געוואָרענער מילך. עס האָבן זיך אהינצו פאַרקליבן אָט די ריחות, סאַמע דעמאָלט, ווען די איטאַליענער האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל אַריינגעצויגן אין נייעם אויפ־

געבויטן הויז, אין די לײדיקע צימערן. פון דעמאָלט אָן זײַנען אַװעק אַ פּאָר צענדליק יאָר און עס האָבן זיך געהאַלטן אין איין זאַמלען דאָרטן די ריחות. אַרויסגיין האָבן זיי ניט געקאָנט. ניטאָ קיין עפענונג, ניטאָ קיין פענצטערל. ריינע לופט גייט בלויז אַריין אונטן אין האָל, און אויבן, וואו דער דאַך עפנט זיך.

זי הויבט זיך, מילדרעד, פון שטאָק צו שטאָק, ביזן דאַך אַזוי. אָפן דאַך איז פריי די גאַנצע וועלט. אַ וועלט פון אָפּגעלישעטע, אָפּגעקראָכענע הייזער־קאַסטנס. אַ וועלט פון שטריק. שטריק אויסגעצויגן אין דער לענג און אין דער ברייט. זיי קרייצן זיך די שטריק. זיי פאַרבינדן הייזער מיט הייזער. מען האָט אויסגעטאָן אַלע איטאַליענער פון די בלאָקס אַרום און מען האָט צעהאַנגען זייער וועש אַף די שטריק. אַ רייכקייט פון אונטערוועש. טאַטעס, מאַמעס מיט זייערע אינגלעך און מיידלעך הענגען אַף די דאָזיקע שטריק. דעם טאַטנס אַ גרויסער יוניאָן־סוט מיט דעם אינגל׳ס קליינינקע הייזקעלעך. דער מאַמעס אַ לאַנגע ברייטע העמד, מיטן טעכטערל׳ס פיצעלע העמדעלע.

גאָר פונדערווייטנס הויערן אונטערן הימל הייזער, ווי הויכע שמאָלע בערג, מיט גאַניקעס און מיט ווערענדעס, און מיט פענצטער אין טורעמלעך, און גערטנדלעך. יעדע הויז דאָרטן פונדערווייטנס — אַ באַזונדערע שטאָט אין דער הויך. שטעט אין דער הויך, וואָס געהערן צו אַן אַנדער ראַסע, די ראַסע פון די מעכטיקסטע און רייכסטע פון לאַנד.

אַנטאָנינאָ׳ן איז היים און איבלדיק. ביז פאַרטאָג האָט ער נעכטן גע־שיכור׳ט. איצט קאָן ער ניט שלאָפן צוליב דער דושנעקייט פון טאָג, צוליב דער גרויסער היץ פון אָנגעגליטן גלאָז. ער זיצט אָפן בעט, אַ בלאָסער, אַ צעבראָכענער, אַ קוויטיקער, אַ ניט־געגאָלטער און טראַכט פון זעלבסטמאָרד. וואָס טויג אים שוין אינגאַנצן דאָס לעבן, אַז ער האָט קיין טאַלאַנט ניט, אַז אַלע בילדער פון די ווענט קוקן צו אים זינלאָזע, פּוסטע. ער האָט דאָרטן אָנגעשמירט, אָנגעפּאַטשקעט, און צו וואָס טויגן זיי? און דאָס לעבן איז נאָך אַזוי איבלדיק און שטיקנדיק. ער וועט גיין אַף וויליאַמסבורג בריק און וועט זיך אַראָפּוואַרפן אין איסט־ריווער, ער וועט גיין אין סאָבווײ און וועט זיך אַראָפּוואַרפן אונטער די לויפנדיקע רעדער פון אַן עקספּרעס. ער וועט זיך איבערשניידן דעם האַלז מיט זיין גאָל־מעסער. ער דאַרף ניט לעבן און קאָן ניט לעבן. ניין, ער וועט פריער צעשניידן אַלע בילדער, וואָס הענגען אַף די ווענט; די בילדער, אַף וועלכע ער האָט געפּיבערט, אָפּגעצערט זיך, דעם אָטעם ניט געקאָנט כאַפּן פון באַוואָסטזיין, אַז ער גייט איצט מאָלן אַ בילד מיט אַזאַ מין קאָלאָסאַלער אידייע, אַז די וועלט וועט שטוינען.

איצטער וועט ער זיי צעשניידן אַף פּיץ־פּיצלעך און וועט צוזאַמען מיט די צעשניטענע בילדער שפּרינגען פון וויליאַמסבורג בריק, און לאָז די וועלט וויסן.

אַנטאָנינאַ גייט פאַרניכטן זיין אייגן לעבן. די פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך בא אים מיט אַלע איינצלהייטן אין צעפלאַמטן ניט־אויסגערוטן מארך. מיט פאַרגלייזטע אויגן דרייט ער זיך אַ טויטער צווישן די וואַסער־פלאַנצן אַפן גרונט פון איסט־ריווער.

אָבער ער מוז דאָס טאָן. דער געדאַנק, וואָס האָט אים איינגערעדט דאָס צו טאָן, לאָזט אים שוין ניט אָפּ. ס'ציט אים, ס'שלעפּט אים, ס'באַפעלט אים. ער דערשרעקט זיך, ער האָט שוין חרטה, ער וויל ניט אומקומען. ער איז נאָך אַזוי יונג. ער האָט אַזוי פיל טאַלאַנט.

אָבער דער געדאַנק ציט, הייסט, באַפעלט: אומקומען, אומקומען. די וועלט איז היים, קלעפּיק און נאַריש. אין מויל איז איבלדיק. די שלייפן האַקן. זינלאָז, אַבסורד. צעשטערן זיך דאַרף מען.

שוין, ער טרינקט זיך שוין אין איסט־ריווער. דאָס לייב גליווערט, די אויגן קריכן אַרויס, גרויסע און גלעזערנע. די וואַסערן ציען אים אַראָפּ.

— מילדרעד?

יאָ, ס'איז מילדרעד. שטייט און לאַכט מיט מאָגערע באַקן־ביינער און מיט די קאַליע ציינדלעך. שטייט מיט אַ רענצעלע.

וואָס טוסטו דאָ? און וואָס איז דאָס פאַר אַ רענצעלע? און ער שטויסט זיך שוין אָן, אַנטאָנינאַ, און עס גיט אים אַ פּאַל איין דאָס האַרץ.

— דו ווילסט מיך ניט? — שטאַמלט מילדרעד און דאָס אָדערל לעבן רעכטן אויג לויפט שנעל און צופּט זי און קנייפּט זי.

— אָבער, מילדרעד... — ווייסט ער ניט וואָס ווייטער צו זאָגן.

— מיין טאַטע איז געשטאָרבן — צעוויינט זי זיך. — ערשט איצט האָט זי רחמנות געקראָגן אַף זיך אַליין, און ערשט איצטער האָט זי זיך צעוויינט מיט ביטערע טרערן.

וואָלט אַטאָנינאַ געווען איר אמת'ער פריינט, וואָלט ער זי אַרומגענומען, געגלעט, געצערטלט און וואָלט איר געזאָגט:

— נו, שאַ, מילדרעד, נו, שאַ, איך וועל זיין דיין טאַטע, דיין מאַן, דיין פריינט, איך וועל דיך באַשיצן.

אָבער אַנטאָנינאָ צאָרנט. אַ גרויסע בייזקייט צו אָט־דער קליינער מיידל, וואָס וויל זיך אָנלייגן אַף אים, אַז אים אַליין איז אַזוי שווער. ס'ווערט אים קאַלט אין בויך. זיין פאַנטאַזיע אַרבעט גיך, גיך: אַ געפּענטעטער, אַ צו־

געשמידטער צו אַ מיידעלע, וואָס ער האָט אַפילו ניט ליב. זי וועט אים בינדן די הענט, זי וועט אים אָנטאָן קייטן. אַ געבונדענער וועט ער שוין איצט זיין אין לעבן. שוין — אויס מאָלן. ער וועט שוין גאָרניט קענען מאָלן. ער וועט שוין מוזן אויפגעבן זיין הייליקע קונסט. ער האָט זיך אַזוי פיל מקריב געווען וועגן דער קונסט, אַזוי דערהויבן אים געמאַכט. זי וועט ליגן באַ אים שטענדיק אין צימער, זי וועט מאַכן וואָכנדיק דאָס לעבן. אוי־ווי צו אים, אַנטאָנינאַ׳ן. ער מוז זיך ראַטעווען. אפשר אַנטלויפן און זי איבערלאָזן גאָר דאָ. אָבער זי קאָן אים נאָך נאָכיאָגן. אומעטום וועט זי אים נאָכלויפן. אַ פאַרפאַלענער אַף אייביק. ניין, לאָז זי גיין.

— גיי מילדרעד, גיי, די מינוט זאָלסטו גיין. — און ער פאַרבאַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט זיינע און ער גלויבט זיך אַפילו ניט, צי זי וועט גיין.

אָבער ס׳איז שטיל אין צימער. ער האָט טאַקע ניט געהערט, ווי זי איז אַרויסגעגאַנגען, אָבער עפּעס איז געשען אין צימער. ער האָט מורא צונעמען די הענט פון פּנים. שטיל איז אין צימער. קיינער וויינט ניט, קיינער אָטעמט ניט. איז זי טאַקע ניטאָ? יאָ, זי איז ניטאָ. די טיר איז פאַרמאַכט. קיינער איז ניטאָ. ער אָטעמט אָפּ לייכטער. אַ קילער ווינט האָט אָנגעהויבן צו גיין איבער די דעכער. די פאַרצווייפלונג לאָזט אָפּ. די זון זעצט זיך אַף דעם גלעזערנעם דאַך. זיינע בילדער אַף די ווענט הויבן צו אים אָן ריידן, לעבעדיקע און שיינענדיקע. זיינע בילדער, זיינע אייגענע, מיט זיין מאַרך, מיט זיינע וויזיעס. ווי ס׳איז אים גוט, אַנטאָנינאַ׳ן. ער איז אַזאַ גרויסער מענטש. ער פאַרמאָגט דאָך אַזוי פיל טאַלאַנט. וואַרט אויס, ער וועט נאָך ווערן ערשט גרעסער און נאָך באַרימטער. אָבער, וואוהין איז זי אַוועק, אָט די מילדרעד? אפשר האָט זי זיך גאָר אַראָפּגעוואָרפן פון דאַך. יאָ, זי איז פּייאַיק אַף דעם, מילדרעד! זי וועט זיך טויטן. צוליב אים וועט אַן אָרעם מיידל פאַרלירן איר לעבן!

אוי ווי, וואָס וועט ער טאָן, אַנאָנינאַ, אויב ס׳איז טאַקע אמת. אַ פאַר־שאָלטענער מענטש וועט ער זיין אַף זיין גאַנץ לעבן. יעדער איינער וועט טייטלען אַף אים מיט די פינגער און וועט זאָגן: „מערדער, מערדער!" און ער האָט זי גאָר ליב. ער בענקט גאָר נאָך איר, נאָך אָט־דער קליינער מיידעלע. אָ, מילדרעד, מילדרעד! ער וועט זי גיין זוכן — ווייל אָן איר וועט אים דאָס לעבן זיין פינצטער. ער וועט שוין ניט קענען מאָלן! ווי קין וועט ער וואָגלען איבער דער וועלט מיט דעם בלוטיקן צייכן. ער מוז זי גיין זוכן, ער וועט לויפן נאָך איר!

אויסגעלאָשן האָט זיך דער טאָג אין ניו יאָרק. איבער די דעכער גייט

אום דער ווינט. די ווייסע הייזער־בערג ברענען אין מיליאָנען קליינטשינקע פייערלעך, די טורעמס שיקן ליכטיקע בליצן צו די הויכע וואָלקנס.

— אָ, מילדרעד, וואו ביזטו? וואו ביזטו?

אימיצער בניקעט. זאָל דאָס זיין מילדרעד, פּונקט ווי אַ קעצל, וואָס מען וואַרפט אַרויס פון הויז? אַף אירע פיס זיצט זי מיט פאַרמאַכטע אויגן אַפן דאַך און וויינט.

— אָ, מילדרעד, — דערפרייט ער זיך. — מיין מילדרעד.

ערשט דעמאָלט צעוויינט זי זיך נאָך העכער, אַף אַ קול וויינט זי, און ער גלעט זי און ער קושט זי.

— נו, שאַ, מילדרעד. וועסט זיין מיט מיר. שטענדיק וועסטו שוין זיין מיט מיר. דו וועסט מיר געבן אינספּיראַציע. אַלע בילדער וועל איך מאָלן פאַר דיר. נאָר פאַר דיר. און אפשר ביזטו הונגעריק, מילדרעד? קום, לאָמיר גיין אַראָפּ. ווי מאַן און ווייב וועלן מיר איצטער זיין.

ער איז זייער העפלעך צו איר, אַנטאָנינאַ. געאָרעמט פירט ער זי אַראָפּ די טרעפּ און איר איז קאַלט געוואָרן, מילדרעד'ן. נאָכדעם ווי זי האָט זיך גוט אָנגעוויינט, איז איר קאַלט געוואָרן מיטאַמאָל. ער נעמט זי אַרום דער טאַליע און אַזוי פירט ער זי אַראָפּ די טרעפּ.

דער טומל אין בלאָק האָט שוין געפּויזעט אין דער הויך. באַטאָג דרייט זיך דער טומל אַף דעם בלאָק נידעריק צו דער ערד, פאַרנאַכט־צו דער־ווייטערט זיך דער טומל און הויבט זיך אויף אַ ביסעלע העכער. גראָבע אי־טאַליענישע פרויען זיצן מיט ברייטע הינטנס אַף די טרעפּ פון די סטופּס, צעבאַרסטעטע און צעשויבערטע, זיי שיינען, זיי קוועלן. אוי ווי זיי איז גוט. דער קילער ווינט קריכט אומעטום און מען ציטערט אַזש אויף פון פאַר־געניגן. דאַרע, ביינערדיקע איטאַליענער זיצן און ציען די פּיפּקעס. זיי איז אויך גוט. אַזאַ גרויסע פאַרגעסנקייט נאָך דעם שווערן טאָג אַרבעט. זייערע ווייבער זיצן לעבן זיי, זייערע קינדערלעך לויפן אום איבערן בלאָק, און קוויטשען און שפּרינגען, און דרייען זיך אין אַ ראָד, און באַגראָבן זיך און ראַנגלען זיך.

מילדרעד און אַטאָנינאַ, צוויי קינדער פון דער איסט סאַיד. ער האַלט זי אַרומגענומען באַ דער טאַליע, אָבער זיין האַנט איז שוין אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ס'איז אים ווידער געוואָרן שווער. אַ געפּענטעטער איז ער שוין איצט, אַנטאָנינאַ, און וואָס וועט ער טאָן? וואָס וועט ער טאָן?

## „אַ קעפּטעין, מאַי קעפּטעין!"

אוי, ווי דער טאָג איז לאַנג און הייס און ציט זיך, דורך די גרויסע טירן פון וואָוילוואָירט'ס פינף־און־צען־סענט סטאָר, מיט ווייבער און מיידלעך אָן אַן עק און אָן אַ סוף. אָן אייביקייט דער טאָג. אייביק שטייט זי שוין דאָ, מרים. אייביק שטראָמען אַריין און אַרויס דורך די אָפענע טירן, פרויען און יונגע מיידלעך. אייביק דרייען זיי זיך אין אַ גרויסער ראָד אַרום די טישן מיט די אויסגעשטעלטע סחורות.

זי האָט שוין פאַרגעסן, מרים, ווען איר טאַטע איז געשטאָרבן: צי דאָס איז געשען נעכטן פאַרטאָג, צי דאָס האָט זיך פאַרלאָפן מיט יאָרן און יאָרן צוריק. אַזוי פיל פרויען זיינען געקומען צו איר טיש, איבערגעטאַפּט די אויסגעשטעלטע סחורות, צעוואָרפן און צעראָיעט. ווי אַן אָנגעגליטער בלעך איז די סטעליע און ס'שלאָגט פון דאָרטן מיט הייסן טומל, פאַרמישט פון טויזנטער אַלערליי קולות, קוויטשענדיקע, הייזעריקע, דינע און נערוועזע. די רעדזשיסטערס אָן אַן אָפּרו — קליק און טיק. אַ שפּרונג אַרויס און אַ פאַר־מאַך — קליק און טיק.

— אַ פלעשעלע פּאַרפיום פאַר אַ ניקעלע, גרינער פּאַרפיום מיט אַ רויט קאָלפּאַקל, אַ ניקעלע, בלויז אַ ניקעלע.

און די אויגן זיינען פייכט, טרערן שפּראָצן אויף די וויעס און פאַלן ניט אַראָפּ.

— יאָ, עכטע זייף, שמעקנדיקע זייף, מאַכט די הויט צאַרטער און גלאַטער, צען סענט, אַ דאַים, בלויז איין דאַים.

און דאָס האַרץ איז פאַרקלעמט און אין האַלז וואָרגט.

— אַ קעסטעלע מיט פּאָודער, פיינע פּאָודער פון יאַפּאַנעזישער רייז גע־מאַכט. אַ ניקעלע, בלויז אַ ניקעלע, קליק און טיק.

וואָס זשע וועט זיין איצט? ווער וועט אויסהאָדעווען די קליינע ליוסי? ווער וועט אַכטונג געבן אויף דער בלוט־אָרעמער מילדרעד? מויש, דער טעמפּער ברודער אירער מיט די פרישטשעס אויפן פּנים, וואָס וועט פון אים ווערן? און די מאַמע? די קליינינקע, אויסגעדאַרטע מאַמע. פאַר איר וועט שוין דאָס לעבן זיין איין שוואַרצער טאָג. זי וועט זיך אָפּלאָזן צום אומעט,

זי וועט זיך איבערגעבן דעם טרויער און וועט שוין נאָך זעלטענער ווי פריער לאָזן הערן פון זיך. זי וועט שווייגן מיט אַ פאַרבאַהאַלטענער שווייגעניש.

— אַ רערל ליפּסטיק, פיינע קוואַליטעט, גלאַט און קיל, און דערפרישנדיק. אַ ניקעלע, אַ ניקעלע. אַ, יע, פּליז. פיין, עקסטרא פיין. קליק און טיק.

און זי, מרים, וואָס איז אַזוי דורשטיק נאָך וויסן? איר חלום פון גיין באַנאַכט אין האַי־סקול, דערענדיקן האַי־סקול און נאָכדעם אפשר אין קאָ־לעדזש, האָט זיך אָפּגערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער. אַן אומדערגרייכבארער חלום, פּונקט ווי אַ שיין הויז אַף פינפטער עוועניו, אַ הויז מיט הויכע ברייטע פענצטער, מיט גאָלדענער עלעקטריק אינעווייניק, מיט הויכע שפּיגלען און קאַרפּעטס און בילדער. ניט דערגרייכבאַר ווי אַ פּוטערנער מאַנטל, וואָס ווערט געוויזן אין די שוי־פענצטער אַף פינפטער עוועניו. ניט דערגרייכבאַר ווי דער טענים־רעקעט אין די הענט פון די גליקלעכע מיידלעך, וואָס שפּרינגען אין דער לופטן, פאַרפלאַמטע, צעשיינטע און שפּילן אין פלינקייט און אין בויגעוודיקייט. ניט דערגרייכבאַר ווי די פרייל‏עכע געלעכטערס אין די אָפענע ספּאָרט־אָטאָמאָבילן וואָס יאָגן זיך דורך דער עוועניו מיט בחורים און מייד־לעך, פאַרברענט פון דער זון און פון פאַרברענגען גאַנצענע טעג אַף גרינע פעלדער און פון באָדן זיך אין די קילע וואַסערן פון טייכן און ים'ען. ניט דערגרייכבאַר ווי די וואָלקן־קראַצערס, די פעסטונגען פון אוצרות און פון גאָלד.

מרים נעמט ביכער פון דער ביבליאָטעק. זי שלינגט זיי, די ביכער. באַזונדערס די פּאָעזיע־ביכלעך. עס ריידן צו איר פון די ביכער מענטשן מיט גרויסע הערצער. דער אַמעריקאַנער פּאָעט וואָלט וויטמאַן מיט דער ברייטער צעשפּרייטער באָרד איז צו איר, ווי אַ ליבער זיידע. זי האָט ניט געהאַט קיין זיידן, האָט זי זיך אויסגעקליבן וואָלט וויטמאַנ'ען פאַר איר זיידע. „אָ קעפּטעין, מאַי קעפּטעין", אַ ליד אַזאַ פון דעם דאָזיקן זיידן, וואָס ס'האָט זיך איר פאַרגעדענקט מערער פון אַלע איבעריקע לידער. אַ ליד אַזאַ, וואו עס דערציילט זיך, ווי אַ קאַפּיטאַן האָט געפירט זיין שיף דורך שטורעמ־דיקע כוואַליעס, דורך קאָכנדיקע ים'ען, דורך אומדורכדרינגלעכע טומאַנען. געקעמפט מיט דער ווילדער נאַטור, מיט די רויע עלעמענטן פון דעם זודיקן אָקעאַן. געפירט זיין שיף מיט גרוים קוראַזש און העלדנטום. ענדלעך האָט ער געזיגט. וואַרטן באַם האַפן טויזנטער מענטשן מיט בלומען־קרענץ, וואָס ווילן באַגעגענען דעם בראַוון קאַפּיטאַן מיט גרוים דאַנקבאַרקייט און פרייד. אָבער, „אָ קעפּטעין, מאַי קעפּטעין", דער קאַפּיטאַן ליגט מיט צוגעשלאָסענע אויגן. „אָ קעפּטעין, מאַי קעפּטעין", דער קאַפּיטאַן איז שוין טויט.

איר טאטע, שמערל דער פעדלער — א קאנסאמפשאניק געווען. אבער ער האט אויך העלדיש געקעמפט מיט די שטורמישע כוואליעס פון דעם שווערן לעבן. געווען אין זיינע יונגע יארן א קלאוקמאכער. זיך אנגעזאפט מיט די פארדארבענע ריחות און גיפטיקע שטויבן. דערנאכדעם געווארן א פעדלער פון פרוכט און אויסגעשריען די לונגען: „קויפט, ווייבער, קויפט! צוויי פאר א ניקעלע.” אבער מרים'ס טרוים איז געווען צו ווערן רייך. ווי אזוי וועט זי ווערן רייך? זי האט אויך הייליק געגלויבט, און גלויבט נאך איצט ווי יעדער נאאיוו אמעריקאנער קינד, אז ס'ווארט אף איר א סך רייכטום אין לעבן. איר טרוים איז געווען צו פארענדיקן האי־סקול אין די אוונטן נאך דער ארבעט. דערנאכדעם וועט זי אריין אין קאלעדזש. זי וועט אויפנעמען א לערער־קורס. אלס לערערין וועט זי פארדינען גענוג געלט און מען וועט זיך ארויסציען פון קלינטאן סטריט ערגעץ אין א שטילן שיינעם געגנט. מען וועט דינגען א הויז מיט גרויסע ליכטיקע צימערן, מיט עלעקטריק, מיט הייסער וואסער. זי וועט שיקן דעם טאטן אין א סאניטאריום אין די בערג מיט דער קרעפטיקער פרישער לופט. דער בלוטלאזער מילדרעד'ן וועט זי פילנעווען, אנהאדעווען און אויך שיקן אף לופט. ליוסי'ן וועט זי לערנען, שיקן אין האי־סקול און אין קאלעדזש און מאכן פון איר א קלוגע, געלערנטע מיידל. און די מאמע? די מאמע וועט ארויפציען פלייש אף זיך, וועט שוין ניט זיין אזוי דאר, זי וועט מערער ניט זיין אומעטיק. זי וועט שמייכלען אפטער און וועט שטיפן מיט די קינדער, ווי זי פלעגט דאס אמאל טאן, מיט יארן און יארן צוריק.

—א פיילעכל וואס פיילט די נעגל. א פליז, פיין, זייער פיין. קליק און טיק. „א קעפטעין, מאי קעפטעין”.

מרים וויינט. א מיידל א פארקויפערין אין א וואולוואירט־קראם טאר ניט וויינען. זי דארף שמייכלען. מיט פריינטשאפט דארף זי אויפנעמען יעדער פרוי און נויגן זיך פאר איר און בוקן זיך צו איר. אירע פינגער דארפן זיין פלינק און בויגעוודיק. אירע אויגן דארפן ארומלויפן איבער דער גאנצער לענג פון טיש, וואו עס זיינען אויסגעלייגט די סחורות. זי וויינט, און די מיידל וואס איז געקומען קויפן דאס פיילעכל פאר די נעגל, קוקט זי אן א פארוואונדערטע. פארוואונדערט קוקט אף איר דער מענטש, וואס זעט אלעס און אליין ווערט ער ניט געזען. דער מענטש, וואס איז ספעציעל אנגעשטעלט געווארן אכטונג צו געבן אף די מיידלעך, ס'זאל אלץ גיין ווי עס באדארף צו זיין. קיינער ווייס נישט וואו ער געפינט זיך. אומעטום איז ער דא. פלוצלונג וואקסט ער אויס. א יונגער מאן מיט א פיינעם גלאטן פריש־

אָפּגעראַזירטן פּנים. א הויכער, א ברייטער, מיט א גלאַנציקן פּאַרקעמטן ליכטיקן קאָפּ האָר. מען צאָלט אים גוטע ווײַדזשעס ער זאָל זײַן געהיימנים־פול. זיך שלײַכן בײַ די טישן, ווי דאָס אײַביקע סטראַשענדיקע אויג. ער וואַקסט אויס פֿאַר מרים׳ען. ער זאָגט איר גאָרניט, נאָר קוקט אַף איר א העפּלעכער און א קאַלטער.

— מײַן טאַטע איז געשטאָרבן, — ברעכט זי אויס אין א פֿרישן שטראָם מיט טרערן.

— ס׳טוט מיר זייער לייד, אין אמת׳ן זייער לייד, אָבער ס׳איז נישט שיין פֿאַר די קאָסטימער. באַהערשט זיך, יונגע ליידי, באַהערשט זיך.

ער גייט אַוועק א הויכער און א העפּלעכער. אָבער מרים ווייסט שוין, אַז ער שטייט ערגעץ און קוקט אַף איר. ער וועט שוין קוקן אַף איר א גאַנצן טאָג.

— יאָ, שמעקנדיקע זייף, די בעסטע קוואַליטעט, יעס פּליז. פּיין, א ניקעלע. קליק און טיק...

## וואָס ביזטו טרויעריק, מאַיקל?

מאַיקל׳ס אויגן ברענען צו איר, צו מרימ׳ען. וואַרימע אויגן. דער ליבער מאַיקל מיטן איינגעבויגענעם האַלז און נאַקן. אין דעם איינגעבויגענעם האַלז־און־נאַקן איז פאַראַן אַ סך גוטסקייט. די גאַנצע שיינקייט פון זיין פערזאָן האַלט זיך אויף אין דעם איינגעבויגענעם האַלז־און־נאַקן. גראָבלעכע ליפּן, וואָס באַ׳טעמ׳ען יעדער וואָרט, וואָס ער זאָגט אַרויס. אַ שעמעוודיקער מאַיקל מיט ווילדע אויפגעלאָפענע האָר. מאַיקל קופּער, מרימ׳ס אַ יוגנט־פריינט. אַנטקעגנאיבער וואוינט ער, אַף דעמזעלביקן בלאָק אין קלינטאָן סטריט.

צוויי קינדער אַף קלינטאָן סטריט, וואָס וואַקסן צוזאַמען. ביידע לייענען ביכער אין דער ביבליאָטעק. ביידע האָבן ליב פּאָעזיע. אפשר וועט מאַיקל אויך אַמאָל שרייבן ביכער. ער שרייבט שוין פון לאַנג. אַ סך לידער שוין אָנגעשריבן, ווייסן פון די לידער בלויז פיר מענטשן — זיין טאַטע חיים קופּער דער זייגערמאַכער, זיין מאַמע ווערא מיט די גרייז־גרויע האָר, ער אַליין, מאַיקל, און מרים, זיין געטרייער פריינט. קלינטאָן סטריט ווייסט ניט, ווייל וואָלט קלינטאָן סטריט געוואוסט, וואָלט זי געלאַכט, קלינטאָן סטריט. גראָב און הויך וואָלט זי געלאַכט, און אַלע וואָלטן זיך געהאַלטן באַ די זייטן, און מען וואָלט מאַיקל׳ען ניט געלאָזט דורכגיין די גאַס. מען לאַכט שוין איצט אויך, וואָס מאַיקל, אַן אַמעריקאַנער־געבוירענער בחור, דאָס הייסט אַ קלינטאָן־סטריט געבוירענער בחור, און איז נישט ווי אַלע איבעריקע, רעדט אידיש מיט זיין מאַמען און טאַטן און שעמט זיך גאָרניט. טראָגט זיך שטענדיק אַרום מיט ביכער און איז אַזאַ שטילער. לאַכן זיי. ניט אַלע לאַכן. פּאַרקערט, די פּעדלער און די קרעמער פון דעם בלאָק געפעלט ער. מאַמעס ווינטשעווען זיך צו האָבן אַזאַ זון, ווי מאַיקל, פּונקט ווי אַ „יוראָפּישער שטילער באָי״. לאַכן, לאַכן פון אים די אינגלעך און מיידלעך פון זיין עלטער. אָבער ס׳אַרט אים ניט, אַבי מרים לאַכט ניט פון אים. צוזאַמען גייען זיי שפּאַצירן, צוזאַמען לייענען זיי די שיינע ביכער.

מאַיקל׳ס אויגן ברענען איצט צו איר, צו מירמ׳ען, אין דער פינצטערניש פון אַלקערל. די מאַמע שלאָפט אַף דער ערד, אַף דער שבעה נאָך איר מאַן,

שמערל'עך דעם פעדלער. די מאמע שלאָפט, אָבער צוליב דעם, וואָס זי האָט געשווינן די גאנצע צייט, ווייסט מען ניט, צי דאָס שלאָפט זי טאקע אזוי אין אן אמת'ן, אָדער צי דאָס האָט זי פארמאכט די אויגן, כדי צו קענען נאָך שטארקער שווייגן.

די מומעביילע פון נוארק שלאָפט אויך. זי האָט זיך שוין אָנגערעדט, ווי א פויק. זי האָט שוין אפילו פארטראכט א פלאן פאר מרים'ען. אויב דער פלאן וועט זיך אויסלאָזן גוט, וועט זי דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן, וואָס ער פארלאָזט ניט די אָרעמע יתומה.

ליוסי שלאָפט אויך. ארייננעדרוקט איר ווילד צעשויבערט קעפל צווישן דער מאמע'ן און דער מומע'ן און שנאָרכעט מיטן פאררינסענעם נעזל. איר, ליוסי'ן, איז אַלץ איינס, וואו מען זאָל זי ניט לייגן, צי אין א בעט, צי אף דער ערד, צי אף שטיינער. אבי א פלאָץ צום לייגן זיך, פארשליסן זיך שוין די אויגן פון זיך אַליין, און זי ווערט גלייך פארטאָן אין דער זיסקייט פון דעם געשמאַקן קינדערשן שלאָף.

עס שלאָפט נאָך ניט מרים און עס שלאָפט נאָך ניט מאיקל. מאיקל איז טרויעריק.

— וואָס זשע ביזטו טרויעריק, מאיקל? דער זייגער איז שוין באלד איינס און דו דארפסט פארפרי אויפשטיין צו דער ארבעט.

מאיקל איז טרויעריק, ווייל מרים טרייבט אים. ער וויל זי גאָר גלעטן, מרים'ען, און זאָל זי שווייגן, ווייל גרויס איז דער געפיל, ווען איין מענטש גלעט א צווייטן. ווען איין מענטש רעדט בלויז צום צווייטן מיט גוטסקייט, איז דאָס שוין אויך א גרויסע ברכה. הײַנט נאָך ווען איין מענטש טוט גלעטן דעם צווייטן, איז דאָס דאָך א געוואלדיקע פרייד.

ווי שיין ער רעדט דאָס אזוי, דער מאיקל. יאָ, זאָל ער זי גלעטן. ס'איז ריכטיק אזוי. וואָס פאר א געוואלדיקע פרייד, ווען מאיקל גלעט זי.

און זאָל זיך מרים ניט שרעקן, אויב ער וועט זי קושן. מיט גרויס גוטסקייט פון זיין מענטשלעכקייט קושט ער זי דאָס אזוי, ווייל אין דער ליבע פון איין מענטש צום צווייטן דערהויבט מען זיך צו דער גרויסער גרויסקייט. אָ, זאָל זי ניט אָפּקערן אירע ליפּן, ווייל ס'איז א באליידיקונג פאר דעם מין מענטש. זאָל זי פארמאכן די אויגן און זיך פארגעסן, ווייל זי האָט שוין גענוג געטרויערט, זיין מרים.

ווי ער פארטייטשט דאָס, דער מאיקל, צו מרים'ען יעדן קוש. ווי עס פוועלט אין איר, ווי עס זינגט אין איר יעדער גליד. אזא קלוגער מאיקל.

## שמערל דעם פעדלער׳ם גרויסע ירושה

זי האָט גאָרניט געוואוסט, מרים, אַז זי איז אַזוי רייך. די מומעביילע פון נוארק האָט יאָ געוואוסט. פון דעם ערשטן אויגנבליק פאַרשטאַנען, ווי רייך מרים איז. די מומע פון נוארק. אַ מומע, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל. מרים איז געקומען אַהיים פון דער אַרבעט און געטראָפן אַ מומע׳ן, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז מיט דעם ריח פון געזייערטע אוגערקעס.

און אַז די מומע ביילע האָט צום ערשטן מאָל דערזען מרים׳ען, האָט זי געוואָלט זיך וואַשן די הענט און מאַכן אַ ברכה:

— אַז געבענטשט זאָלסטו זיין, האַר פון דער וועלט, פאַר די שיינע מענטשן, וואָס דו טוסט באַשאַפן.

אַ גרויסע ירושה האָט איר ברודער דער פעדלער איבערגעלאָזט, און אַ ירושה מוז ניט זיין נאָר פון גאָלד און זילבער. ס׳וועט שוין זיין גאָלד און זילבער אויך. זי האָט זיך דערמאָנט, די מומע, אין אייב באַרנעצ׳ן פון נוארק. אַ פאַרמעגלעכער מענטש, אַ לייטישער אַזאַ. אַ ביסל אַן עלטערער בחור. ער איז דער באָס פון אַלע פושקאַרטס אין נוארק און פון אַלע פעדלער־וואָגנס, און פון אַלע קליאַטשעס, וואָס שלעפּן די פעדלער־וואָגנס. אַזש אַף צווי בלאָק ציט זיך זיין רייכטום; פושקאַרטס און וועגעלעך, און שטאַלן פאַר די פערד און קאַמערן פאַר היי און שטרוי. יאָ, זי זאָגט נאָך גאָרניט צו מרים׳ען וועגן דעם, אָבער זי טראַכט וועגן דעם. דער געדאַנק לאָזט ניט אָפּ דער מומע ביילע׳ן. און ווען דער אויבערשטער זאָל נאָר וועלן וואָלט איר ברודער׳ס משפחה אויפגעריכט געוואָרן. איי, דאָס וואָס זי האָט געזען קומען אין הויז אַריין צו מרים׳ען אַ בחור׳ל, וואָס הייסט מאַיקל קופּער? איז ער אָבער אַן אָרעם בחור׳ל, קוקט אפילו אויס צו זיין אַ לייטישער און אַ שטילער, אָבער וואָס איז דער תכלית? צוויי מתים גייען ניט טאַנצן.

אייב באַרנעץ מיט די לאַנגע וואָנצעס און מיטן הוילן נאַקעטן קאָפּ. אַ בחור פון 35 יאָר און דער קאָפּ איז אים שוין הויל און נאַקעט. מעג אים דער קאָפּ זיין הויל און נאַקעט, אָבער אַ גבורה פאַרמאָגט ער אין רויטן אָנגעפּרעסענעם קאַרק, אַז ער קאָן אויפהויבן אַ פערד און דאָס טראָגן אַף די הענט, ווי אַ קליין קינד. די אויגן זיינע זיינען בלוילעכע און שמייכלענדיקע. פון זינט ער איז געוואָרן רייך זיינען זיינע אויגן געוואָרן שמייכלענדיקע און ווייכע. אַמאָל זיינען די אויגן געווען אייביק־צעשראָקענע, פאַרי־אָגטע, אַלע האָבן אים געיאָגט, אַלע האָבן אים געשלאָגן. אָבער מען שלאָגט

שוין איצט ניט. איצט רופט מען אים „מיסטער אייב בארנעץ", און בריוו קומען אָן צו אים מיט „דיער סער".

ווייסט ניט אייב בארנעץ, אז עס וואַרט אַף אים אין קלינטאָן סטריט א בת־מלכה, וואָס וועט אים פאַרגיטיקן פאַר אַלע זיינע אַמאָליקע שווערע און גניאָנגטע יאָרן. דערווייל איז אים אומעטיק. רייך איז ער, פרנסה וועט זיין, אָבער קיין ווייב האָט ער נאָך ניט. ער איז נאָך אַן איבערקלייבער אויך, דער דאָזיקער אייב בארנעץ. ניט אַזוי גיך קאָן אים א מיידל געפעלן. איז אים אומעטיק. און אין זומער־נעכט זיצט ער זיך אַפן גאַניק און סוויסטשעט אויס פון בענקשאַפט פאַרשיידענע ניגונים'לעך פון דערהיים. דאָס אויססוויס־טשען די ניגונים'לעך שטאַמט נאָך פון יענער צייט, ווען ער אַלס א אינגל פלעגט פאָיען איך טייך פייוויש דעם רויטנ'ס פערד.

ווענן אָט דעם בארנעצ'ן האַלט אין איין טראַכטן די מומעביילע.

# די מומע ביילע מיט די געזייערטע אוגערקעס

די מומע ביילע פון נוארק. די אויסגעדארטע, אויסגעהארעוועטע מומע ביילע, קוקט גאר ניט אויס ווי קיין פרוי. קוקט אויך ניט אויס ווי קיין מאן. עפעס א באשעפעניש פון א דריטן, אומבאשטימטן געשלעכט. דאס שווערע לעבן אירס האט דורכגעמאכט אן אפעראציע אף איר גוף. אויסגעשניטן אין איר דאס פרויעשע און זי געלאזט בלויז א מענטשן אן א געשלעכט.

נאכדעם ווי איר מאן איז אפגעשטארבן, מיט פופצן יאר צוריק, פון זינט דעמאלט האט זיך די פרוי פון איר גענומען ביסלעכווייז אפטאן. די ווינטן אף דער פושקארט־גאס האבן אויסגעקארבט א סך שטריכן אין איר פנים. פארוואגלטע שטריכן אזוינע. א פארוואגלט, צעקנייטשט, פארדארט פנים — א שטיק לעדער. די נעצן האבן הייזעריק געמאכט דעם באזונדערן מעטאל פון איר פרויענשער שטימע. א הייזעריק, הארט קול, ווען זי רופט אויס איר סחורה צו אלע דורכגייער:

— געזייערטע אוגערקעס, ווייבעלעך, טייערינקע, געזייערטע אוגערקעלעך, א מחיה אין אלע אברים, אזא געזונט זאל איך האבן!...

די היצן האבן אויסגעטריקנט יעדן טראפעלע זאפט פון אירע ביינער. ניט די אויסגעקיילעכדיקטע אברים פון דער פרוי — נאר שפיצעדיקע אויסגעדארטע אברים. דער ריח פון איינגעזייערטע אוגערקעס האט זיך שוין אריינגעזאפט אין אירע בלוטן. געזאלצענע הענט. די זאלץ איז שוין דורכגעקראכן דורך און דורך. געזאלצן בלוט. אלע קליידער, די אלטע און די נייע, טראגן מיט זיך דעם ריח פון אוגערקעס. ער גייט איר נאך, דער ריח, אומעטום. אן איינגעזייערטע מומע ביילע.

מארגן פארט זי שוין צוריק קיין נוארק, די מומע ביילע. אבער זי וועט אינגיכן קומען צוריק און אז זי וועט קומען צוריק, וועט זי שוין עמיצן ברענגען.

— און אויב גאט וועט נאר וועלן, מרים׳ל... אי, ווען דער אויבערשטער זאל נאר וועלן. ער קען דאך יא, אז ער וויל...

מרים אבער גלויבט נאך אלץ ניט, אז די דאזיקע פרוי קער איר אן א מומע. וואלט זי כאטש געהאט אין זיך עפעס פון איר טאטן. כאטש איין שטריך אן ענלעכן.

פונוואַנעט שטאַמט זי טאַקע אָפּ, מרים? ווי אַזוי קומען אויס די מענטשן פון איר משפּחה? ווער זיינען געווען אירע זיידע און באָבע? פון וועמען האָט זי, מרים, גענומען איר אַנבליק? און וואָס מיינט אַזוינס אייגן בלוט?

און אָט איז מויש איר אויך אַ ברודער. אַ שוואַכזיניקער מויש מיט לאַנגע אויערן און מיט אַ שמאָלן שטערן. זיינען אין איר משפּחה אויך געווען אַזוינע ענלעכע צו מויש'ן? איז מויש בלויז אַ פּראָדוקט פון קלינטאָן סטריט, צי ער האָט נאָך אַ שייכות מיט דער משפּחה פון יענער זייט ים? אָט האָט איר טאַטע געהאַט גרויסע, טרויעריקע, פּאַרקלערטע אויגן, מיט אַ גוט קול. און מויש'ס אויגן זיינען ווי באַ אַ פויגל, אָן געדאַנקען. זיין שטימע איז אַ גרילצנדיקע און שרייענדיקע.

אין וועמען איז זי געראָטן? און וואָס האָבן אַזוינס אויפגעטאָן אין לעבן אירע זיידע און באָבע? זי ווייסט גאָרניט, מרים, זי איז בלינד צו איר אייגענער משפּחה. פונוואַנעט ראַקעפעלער שטאַמט, ווייסט מרים גראָדע יאָ, עס איז וועגן אים אָנגעשריבן אַ גרויסער, גראָבער בוך, וואָס זי האָט אָנומעלטן געלייענט אין דער ביבליאָטעק. זי האָט געלייענט וועגן דער אָפּ־שטאַמונג פון אַנדערע מענער — לאָרדן, פּרינצן, מיליאָנערן. אָבער פונ־וואַנעט איר טאַטע שטאַמט ווייסט זי ניט, מרים. אפשר וועט די מומע איר דערציילן. זי, מרים, איז דאָך געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע, איר אָפּ־שטאַמונג איז אַף יענער זייט ים. וואָס פּאַר אַ פּאָדעם ציט זיך, ווי אַזוי ווערט זי פאַרבונדן?

זי האָט זיך אָבער גאָרניט געקענט דערוויסן פון איר מומע'ן. די מומע האָט שוין אפשר אַליין אויך פאַרגעסן פון וועמען זי שטאַמט. ערגעץ געהאַט אַ טאַטן מיט אַ מאַמען אין אַ פּויליש שטעטל. אַ ווייט לעבן אַזאַ, ווי דורך אַ טומאַן. אַז מען קומט קיין אַמעריקע און אַז מען שטייט גאַנצענע טעג אין אַ גאַס אַזאַ — אַ שרייענדיקע גאַס. אַלע פּעדלער שטייען דאָרטן. און אַז מען ווייסט ניט ווי דער טאָג ווערט פאַרטאָן. אין די נעכט ווייסט מען דאָך ניט צי מען לעבט. און אַז יאָרן גייען זיך אַזוי אַוועק, מיינט מען, אַז ס'איז אינגאַנצן אַ טעות, אַ טעות געווען דאָס שטעטעלע אין פּוילן, אַ חלום געווען דאָס פריערדיקע לעבן. וואָס־זשע קען זי דערציילן? און וועגן איר ברודער אַף קלינטאָן סטריט, וועגן איר אומגליקלעכן ברודער, וואָס איז אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט. זי האָט זיך אָפּטמאָל געקליבן צו פאָרן צום ברודער, פאַלן אים אָפּן האַלז און וויינען:

— ברודער, ברודער.

ווייל בלויז אין וויינען „ברודער, ברודער" וואָלט שוין געווען כדאי

דאָס דורכפאָרן זיך. זי האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געזאָגט הויך אַף אַ קול „ברודער". און אַז אַ מענטש קען זאָגן הויך אַף אַ קול „ברודער", פילט מען, אַז מען איז ניט פון אַ שטיין געבוירן.

— אָבער אַז ווי איז צו מיר און ווינד איז צו מיר, אַז אין דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד איז אַ ברודער ניט קיין ברודער און אַ שוועסטער ניט קיין שוועסטער.

אוי, ווי דאָס לעבן איז שווער אומעטום. נויט און פאַרצווייפלונג אַרום און אַרום. דלות און פינצטערניש. זאָל זי שוין גאַרניט טראַכטן, מרים, פון דעם דלות און פינצטערניש. די נאַכט האָט זיי פאַרטאָן, מרים'ען און מאַיקל'ען, אין אַ ווייטער וועלט. אַ ליכטיקער זייל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און פאַרשטעלט זיי ביידע פון דעם דלות און דער פינצטערניש. פּנים לעבן פּנים ליגן זיי ביידע.

— אָ, מאַיקל, ס'איז שוין אַזוי שפּעט. ס'איז אפשר צוויי דער זייגער.

— אָ, מרים, דערמאָן מיר ניט וועגן קיין צייט. צייט איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך. ס'איז אַן אייביקייט, מרים. אפילו אַ מינוט קען זיין אַן אייביקייט, ווען זי, די מינוט, איז פול מיט אינהאַלט.

אַזאַ קלוגער, איר מאַיקל. זי פאַרשטייט אפילו ניט וואָס ער רעדט, אָבער ער איז שוין מסתמא גערעכט.

— אָ, מאַיקל, מאַיקל.

# ווי אייב באַרנעץ קומט אָנקוקן אַ כלה

אוי, ווי ס'טוען איר וויי די פיס, בעסי'ן. זיי שטעכן די פיס מיט אַזוינע נאָגנדיקע שטעכעלעך. בייזע בינען לויפן דאָרטן צווישן די בלוטן און לאָזן גיפט. זי ליגט צו בעט. זי קאָן זיך ניט רירן.

אַ חתן איז געקומען אָנקוקן מרים'ען. אַ חתן מיט לאַנגע וואָנצעס און מיט אַ נאַקעטן קאָפּ, מיט אַ רויטן בייזן קאַרק און מיט אַ היפּשן בויך.

אייב באַרנעץ באַטראַכט דער כלה'ס מאַמען, און ווי קלוגע מענטשן זאָגן: אויב דו ווילסט וויסן ווי אַזוי די כלה וועט אויסזען שפּעטער מיט יאָרן, קוק אַף איר מאַמען. נו, נו, קוקט ער אַף דער מאַמען און ס'ווערט אים דאָ זייער ניט גוט. ער איז בייז אַף דער מומע ביילע'ן, און די מומע ביילע פאַרשטייט שוין זיין מיין. אָבער זי זאָרגט זיך שוין גאָרניט. לאָז נאָר די כלה קומען, וועט שוין דעמאָלט אַנדערש אויסקוקן דער דאָזיקער אייב באַרנעץ.

די צוועלף־יאָריקע ליוסי ווייסט שוין אַלץ. מרים אַליין ווייסט נאָך ניט, אָבער זי, ליוסי, ווייסט. שמייכלט זי צו דעם דאָזיקן חתן חוצפּה'דיק און פאַרשייט. ליוסי קוקט אַף זיין נאַקעטן קאָפּ זייער צודרינגלעך. דאָס הייסט, אַז זי וויל אונטערשטרייכן מיט איר קוקן, אַז זי ווייסט, אַז ער האָט אַ נאַקעטן קאָפּ. אייב באַרנעץ פאַרשעמט זיך פאַר דער דאָזיקער מיידעלע. זעט שוין ליוסי, אַז דער דאָזיקער מאַן שעמט זיך פאַר איר, לאָזט זי שוין אַזוי גיך ניט אָפּ איר קרבן. זי קוקט אַף אים מיט רינגעלעך־אייגעלעך. ברוינע שוואַרצאַפּעלעך, וואָס דרייען זיך אַרום און רוען ניט איין.

אַ מיידעלע זאָל קענען אַזוי דרייען מיט די אויגעלעך. ס'אמת'ע מיידעלע וועט זי שוין אויסוואַקסן, טראַכט בא זיך אייב באַרנעץ. ער האָט שוין מורא. דער רוח ווייס, וואוהין די דאָזיקע ביילע די פּעדלערקע האָט אים פאַרשלעפּט. אַז אין הויז איז אַזא אָרעמקייט. די מאַמע אַזא קליינטשינקע און אַן איינגעשרומפּטע, דאָס שוועסטערל האָט אַזוינע אויגעלעך, ווי אַזוי וועט אויסקוקן די כלה אַליין ?

און די כלה שפּאַצירט זיך גאָר מיט איר ליבן בחור אַף וויליאַמסבורגער בריק, דער שפּאַציר־גאַנג פון דער גאַנצער געגנט אַרום און אַרום. אַ פּראַכט־

פולע איסט־סאַידער נאַכט. פּאַרפּוצטע פּאַרלעך ציען זיך אַהין פון נאָרפּאָלק, קאַפּאַלק, סטענטאַן און ריווינגטאַן און ברום און גרענד סטריט. די בחורים אין שטרויענע שליאַפּעס, מיידלעך אין ווייסע היטעלעך. וויליאַמסבורגער בריק האָט אויסגעשניטן פון דער נאַכט די פּאַרמע פון אַ ריזיקן פידל מיט אומגעהויער פילע סטרונעס. ציטערן די עלעקטרישע לעמפּעלעך אויף די סטרונעס, הוידען זיך און וויגן זיך. ברומען די סטרונעס אַ געזאַנג. גייט דער געזאַנג אַרויף־צו אין דער הויך און שפּרייט זיך איבער אַלע דעכער, איבער אַלע טורעמלעך.

די ריזיקע מויערן מיט די טויזנטער פענצטערלעך, מיט די גאָלדענע בליציקע שפּילקעלעך אין די שויבן האָבן אויסגעמאָלן פון דער ניו־יאָרקער נאַכט אַ צויבער־מעשה. זיי האָבן צעטיילט די ווייטקייט אין קייטן־בערג מיט אַ ברייטן טאָל.. זיי, די ריזיקע מויערן, זיינען די בערג און פּאַרלירן זיך מיט זייערע ליכטיקע שפּיצן אין טונקל־בלויען חלל. אינדערנידער איז דער ברייטער טאָל מיט אַ לאַנגן שמאָלן טייך, מיט אַ שלאַנקן בריק אַן אַקראָבאַטישן, מיט מיליאַנען סטרונעס. אויף די בערג בליצן פייערלעך, אין טאָל לויפן אַרום מערעזשקעלעך. מערעזשקעלעך וואַרפן זיך אין קליינטשינקע הייזקעלעך, מערעזשקעלעך פּאָרן זיך אַרום אין אַזוינע פּיצינקע מאַשינעלעך.

מאַיקל און מרים זיינען זיך אויך צוויי מערעזשקעלעך. חתן־כלה מערעזשקעלעך, וואָס האַלטן זיך בײַ די הענט און קריכן זיך איבער דער גאַנצער גרויסער לענג פון דעם אַקראָבאַטישן סטרונענדיקן בריק.

אַ גרויסע פּאַסירונג האָט היינט געטראָפן אין מאַיקל׳ס לעבן. ער, ער אַליין, זיך גאָרניט געשעמט, ער פּערזענלעך, איז געווען בײַ דעם רעדאַקטאָר פון די „מעסעס״. מען האָט אים אפילו ניט געוואָלט אַריינלאָזן, אָבער ער האָט געוואַרט אין אויפנאַם־צימער. געוואַרט און געפּלאַטערט, און אין בוזעם־קעשענע האָט אויך געפּלאַטערט דאָס בלעטל מיט דעם ליד.

— און אַז דער רעדאַקטאָר פון די „מעסעס״ האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט טיפע, קלוגע אויגן, — דערציילט ער מרים׳ען, — האָב איך זיך דערפילט אַזוי נישטיק און קליין; איך האָב גלייך געוואָלט אַנטלויפן, ווייל וואָס בין איך און ווער בין איך?...

ער האָט גלייך געוואָלט אַנטלויפן, מאַיקל קופער, אָבער דאָך האָט ער אים דערלאַנגט דאָס בלעטל מיט דעם ליד.

— ער האָט געלייענט דאָס ליד פאַר מיר אין די אויגן, — דערציילט ער ווייטער מרים׳ען, — און מיר האָט געברענט דאָס פּנים פון בושה. זיינע

אויגן האָבן נאָך גאָרניט געזאָגט. געלייענט זיך אזוי גלייכגילטיק. אָבער פּלוצים יאַוועט זיך אַ שמייכל אַף זיינע ליפּן.

— אַ שמייכל? — פרעגט אים איבער מרים און זי ציטערט פאַר דעם גורל פון דעם ליד.

— יאָ, אַ שמייכל, — דערקלערט איר מאַיקל. — אָבער ניט קיין אָפּשפּעטנדיקער שמייכל, נאָר אַ גוטער שמייכל. און אַז ער ענדיקט דאָס ליד, שטרעקט ער מיר אויס אַ האַנט און זאָגט מיר: „מיסטער מאַיקל קופּער, איר האָט עפּעס!"

— אזוי האָט ער געזאָגט? — איז מרים גאָלע ציטערניש.

— יאָ, אזוי האָט ער געזאָגט, אַז איך האָב עפּעס און ער וועט דאָס דרוקן אין איינעם פון די צוקונפטיקע נומערן.

„צו מיינע ברידער פון קלינטאָן סטריט", הייסט דאָס ליד. מרים קען שוין אַף אויסנווייניק דאָס ליד, וואו עס ווערט געזונגען פון דער אָרעמקייט און פון דער פינצטערניש און פון דער אומוויסנקייט. און דעם פּאָעט'ס וואונטש איז, אַז מען זאָל קלינטאָן סטריט צעוואַרפן אין פּיצלעך און שטיקלעך און מען זאָל אויפבויען אַן אנדער קלינטאָן סטריט, וואו עס וועט הערשן שיינקייט און צופרידנקייט, וואו אַלע וועלן זיין גליך, וואו עס וועט ניט זיין קיין אָרעם און רייך. אָט די אידייע וועגן אָרעם און רייך האָט ער שוין איבערגענומען פון זיין מאַמע ווערא, די גרייז־גרויע מאַמע מיט די יונגטלעכע ברוינע אויגן. אין סיביר איז זי געזעסן, אין די פינצטערע תפיסות, פאַר דער זעלבער אידייע — „ס'זאָל ניט זיין קיין אָרעם און רייך".

„צו מיינע ברידער פון קלינטאָן סטריט", זינגט איצט מאַיקל און ער וויל אויפוועקן זיינע ברידער פון קלינטאָן סטריט. אָבער דערווייל האָט ער ערשט גאָר אויפגעוועקט בלויז אַ שוועסטער פון קלינטאָן סטריט.

איבער וויליאַמסבורג בריק שפּאַצירן זיי ביידע האַנט אין האַנט. ער, דער צוקונפטיקער באַרימטער פּאָעט, און זי, מרים, זיין פריינט. ער וועט ברענגען פרייד די מענטשן און זי, מרים, וועט אים העלפן. ער באַשטימט שוין איצט אירע ראָלע, וואָס זי וועט שפּילן אין זיין לעבן.

— יעדעם ליד, וואָס איך וועל שאַפן, וועל איך פריער איבערלייענען פאַר דיר, מרים, און אויב דיר וועט עס געפעלן, אַרט מיך שוין ניט, מעג די גאַנצע וועלט עס אויסלאַכן, אַרט מיך שוין ניט, אבי דיר וועט עס געפעלן. ביידע וועלן מיר שרייבן לידער. דו וועסט אויך האָבן אַ חלק אין זיי.

בלויז פאַר מרים'ען וועט ער זיי לייענען, און אויב איר געפעלן זיי, וועט אים שוין ניט אַרן. און ער האָט גאָר פאַרגעסן אין דער מינוט וועגן

זיין מאַמען. ווייל זיין מאַמען דאַרפֿן אויך געפֿעלן די לידער. ווייל אויב זיין מאַמען געפֿעלט ניט אַ ליד, צערייסט ער עס גלייך.

יאָ, מרים וועט אים געבן מוט און קוראַזש און באַגייסטערונג. זיי מעגן זיך אַרומנעמען פֿאַר אַלע אין די אויגן. ס'מאַכט ניט אויס, ליבשאַפֿט איז ניט קיין שאַנדע. ער וועט זי אַפֿילו אַ קוש טאָן אינמיטן דעם וויליאַמסבורגער בריק, לאָזן מענטשן לאַכן, ס'מאַכט ניט אויס.

ווי פֿאַרשעמט מרים איז געוואָרן — אינמיטן וויליאַמסבורגער בריק. זי שעמט זיך און פֿרייט זיך, און ס'וואַקסט אויס אַ קרעפֿטיקייט אין אַלע גלידער. אין דערהיים וואַרט אַף איר גאָרניט קיין קראַנקע מאַמע, מייז לויפֿן ניט אַרום אין די ווינקעלעך. ס'איז גאָר ניטאָ קיין פֿינצטערער דלות און ס'איז ניטאָ קיין טרויער.

דער ווינט פֿון איסט־ריווער טראָגט זיך דורך דער גאַס פֿון דער נאַכט. די פּראַכטפֿולע נאַכט. מיט אַ שלייער איז פֿאַרהאַנגען די גאַנצע שטאָט. די וועלט איז בלוי, און זיי גייען ביידע דורך דער בלויקייט מיט זינגענדיקע טריט.

# ווי אייב באַרנעץ פירט אַ געשפּרעך מיט דער כלה

מיט זינגענדיקע טריט איז מרים געשפּרונגען איבער די טרעפּ. מרים מיטן שיינעם ווייסן האַלז, מיט די קופּער־רויטע האָר, מיט שטראַלנדיקע אויגן. עס גייט אויף פאַר איר דאָס לעבן. עס שפּילט דאָס לעבן אין יעדן אבר. בויגעוודיק און קרעפטיק איז יעדער גליד. ס׳וועט איר נאָך זיין גוט, מרים׳ען. מרים, דעם פעדלער׳ס טאָכטער. מ־מ־מ, ברומט זי זיך אונטער, שפּרינגענדיק איבער די הילצערנע טרעפּ, מ־מ־מ.

זי האָט איבערגעלאָזט אַף וויליאַמסבורגער בריק אַ גרויסע פריידיקע נאַכט, אַ בלויע פאַרשלייערטע פינצטערניש. זי האָט געבראַכט פון דאָרטן דעם טעם פון מאַיקל׳ס קושן אַף אירע ליפּן. זי וועט גלייך ארײַנלויפן אין הויז, אַראָפּוואַרפן פון זיך די קליידער, זיך אַרײַנטאָן אין דיוואַן, פאַרמאַכן די אויגן, כדי צוצוהאַלטן דאָס גליק. זי וועט אַזוי אַנטשלאָפן ווערן מיט איר גליק. זיין טיפע גלעטנדיקע שטימע וועט נאָך האַלטן אין איין אַרײַנ־ריידן אין אירע אויערן. זיין האַנט וועט נאָך האַלטן אין איין אַרומנעמען זי אַרום דער טאַליע. אין אירע בלוטן וועט שפּילן דאָס ליד פון אַלע לידער.

דאָס ליד פון אַלע לידער. די קינדער פון דער איסט־סאַיד האָבן זיך זייערע זכרונות, ווען שפּעטער מיט יאָרן דערמאָנען זיי זיך וועגן זייער יוגנט, וועגן זייערע ליבעס־יאָרן. ניט אין קיין גאָרטן מיט בוימער און מיט שמעקנדיקע בלומען, און ניט אין גרינע פעלדער אַרוים דער שטאָט. זייערע זכרונות פון זייערע ליבעס־יאָרן איז וויליאַמסבורגער בריק, אין דעם ריח פון הייסן שטויב און טוכלעקייט פון איסט־ריווער. אַ בריק, ווי אַ ריזיקער פידל מיט טויזנטער און טויזנטער סטרונעס, וואָס ברומען אַ געזאַנג צו זיי, אַ געזאַנג צו זייערע ליבעס־יאָרן.

און די בליצנדיקע גאָלדענע שויבן־שפּילעכלעך און די ריזן־מויערן שיקן האָפענונג צו זיי, צו די קינדער פון דער איסט־סאַיד. אַ לאַנגע בריק מיט קינדער פון דער איסט־סאַיד. ס׳איז זייער קעניגרייך. דערנאָכדעם וועלן זיי זיך צעזייען און צעשפּרייטן איבער אַלע עקן און וועלן בענקען נאָך זייערע יונגע זומער־נעכט אַף וויליאַמסבורגער בריק.

זי האָט איבערגעלאָזט, מרים, הינטער זיך אַ גרויסע פריידיקע נאַכט און

פרעמדע מענטשן זיינען גאָר דאָ אין הויז. אַ מענטש מיט לאַנגע וואָנצעס און מיט אַ נאַקעטן קאָפּ. ער שמייכלט צו איר, דער מענטש. ער שטעלט זיך אויף.

— מרים׳ל קינד, — מאַכט די מומע ליבלעך, — באַקען זיך מיט מר. באַרנעצ׳ן, מיינער אַ באַקאַנטער פון נואַרק.

— הואַ דו יו דו, — שטרעקט ער אויס אַ לאַנגע ברייטע האַנט און נעמט אָן מרים׳ס שמאָלע שלאַנקע פינגער, קאַלטלעכע און ציטערדיקע.

ווי ליוסי קוקט דאָס אָן איר גרויסער שוועסטער מיט אירע רינגעלעך־איינגעלעך. זיי לויפן, די רינגעלעך, מיט שפּאַס און מיט חוצפּה. זיי ווילן אומיסטן זען, די רינגעלעך־איינגעלעך, ווי מרים וועט האַנדלען.

מרים ווערט בלאַס, אויסגעקילט געוואָרן מיטאַמאָל די זינגעוודיקייט. זי לאָזט זיך אַראָפּ צום בענקל, זעצט זיך אַנידער אַ געהאַרכזאַמע. אייב באַרנעץ שטייט נאָך אַלץ און שמייכלט. שמייכלט מיט די לאַנגע וואָנצעס און מיט די גרינלעכע אויגן.

— זעצן זיי זיך, מיסטער באַרנעץ, — איז די מומע גאַסטפּריינטלעך. — און דו, ליוסעלע, קום מיט מיר, וועסטו מיר העלפן עפּעס איינקויפן אין קענדי־סטאָר.

— איך וויל נים גיין אין קענדי־סטאָר, — ענטפערט ליוסי און לאַכט.

— קום, קום, איך וועל דיר קויפן אַן אייז־קרים, — פּאַרנאַרט זי די מומע, ווינקט צו איר מיט אַ פינגער, מאַכט צו איר מיט די אויגן, זי זאָל פאַרשטיין.

די מאַמע בעסי ווינקט אויך צו ליוסי׳ן. מוז זי שוין גיין.

צישעט דאָס פּלעמל פון גאַז־רער, אונטער דער סטעליע. די מאַמע האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט. אַ פיינלעכע שווייגעניש.

אייב באַרנעצ׳ן טיאַכקעט אין האַרצן: „אַי, אַי, ווי שיין זי איז.‟ ער קוקט אָן אַ זייט און זיין נאָז פּלאַמט.

אַן אייביקייט שווייגן זיי ביידע אויס. מרים וויל וויינען.

— איך קום פון נואַרק, — הייבט ער ענדלעך אָן דעם געשפּרעך, קוקנדיק נאָך אַלץ אָן אַ זייט.

מרים׳ס פּנים איז פאַרפרוירן. זי גיט נים קיין פינטל מיטן אויג, זי גיט אפילו נים קיין ריר מיט אַ וויע, אַקוראַט ווי זי וואָלט פאַרשטיינערט געוואָרן.

— הייסט דאָס, אַ נואַרקער בין איך, — מיינט ער, אַז זי האָט דאָס ערשטע מאָל אים נים דערהערט.

## ווי מען שלאָגט אין דער פּאָליציי די זעקס קלינטאָן-סטריט אינגלעך

אין פּאָליציי־סטאַנציע. דער פּאָליסמאַן־קלווירק איז זייער מענטשלעך צו די זעקס געכאַפּטע פאַרברעכער. זיין אויפגאַבע איז צו רעגיסטרירן יעדן איינעם, וואָס מען ברענגט אַריין. ער טוט דאָס זייער מעכאַניש. עס איז אַ געוויינלעכע רוטינע באַ אים. ער שרייט ניט אָף זיי מיט בייזקייט, ער זידלט זיי ניט. העפלעך און גוטמוטיק, פּונקט ווי אַ קלווירק אין אַ האָטעל, וואָס פאַרשרייבט די נאָר־וואָס אָנגעקומענע געסט. אַזוי טוט ער זיין אַרבעט רעגל־מעסיק, פּינקטלעך.

ער איז אַפילו צופרידן, וואָס מען האָט זיי געבראַכט, די זעקס. ס'איז אים ביז איצט געווען אומעטיק. געשלאָפן מיטן קאָפּ אָפן טיש, ווייל באַנאַכט איז פאַראַן ווינציק אַרבעט און דאָס צימער איז פאַרלאָזט. די צייטונג האָט ער שוין אינגאַנצן דורכגעלייענט. דאָס בלעכענע שפּיי־קעסטל איז שוין פאַרשפּיגן ביז אַרויף מיט דער פליסיקייט פון געקייעטן טאַבאַק. אַ פּאָליסמאַן מט געשוואָלענע בלאַסע באַקן, מיט קישעלעך אונטער די אויגן.

זעקס בחורים האָט מען געבראַכט. ס'ערשטע מאָל זעט ער זיי. ער ווייסט שוין אָבער, אַז ער וועט זיי זען אָפטער. און ווער ווייסט, וואָס עס וועט נאָך אויסוואַקסן פון די זעקס? ווער ווייסט, צי איינער פון זיי וועט אַמאָל ניט אַרויפקריכן סאַמע העט אויבן אָפן שפּיץ פון לייטער און אַלע אין פּאָליציי־סטיישאָן וועלן כאַפּן מתנה'לעך פון אים. פּעטינקע מתנה'לעך. ער ווייסט שוין גאַנץ גוט די זאַכן. שוין דרייסיק יאָר באַ דעמזעלבן רעגיס־טראַציע־טיש.

אָניעל, וואָס האָט זיי געבראַכט, איז זייער גערולדיק. ס'אַרט אים ניט, וואָס די פּראָצעדור פון רעגיסטרירן די דאָזיקע זעקס חברה'לייטלעך געדויערט אַ ביסעלע לענגער. ער שפּאַצירט זיך אַרום אַהין און צוריק, אָניעל, מיט די הענט אין די קעשענעס. אַזוינע גרויסע, ברייטע הענט האָט ער באַהאַלטן אין די קעשענעס. די גרויסע, ברייטע הענט זיינען זיין געצייג. זאָלן זשע זיי זיך איצטער אָפּרוען. ווען ער וועט זיי דאַרפן באַנוצן, זאָלן זיי זיין אויסגערוט און געקרעפּטיקט.

דרייט זיך אזוי אַניעל אַרום אַהין און צוריק איבערן גרויסן צימער א פּאַרטראַכטער, א פאַרקלערטער. מען קאָן אפילו זאָגן: א לירישער, א פילאָזאָפישער. פון דער פילאָזאָפישקייט, וואָס קומט צו א מענטשן, ווען ער רוט זיך אָפּ אין די צווישן־מינוטן פון איין שטיקל אַרבעט ביזן צווייטן שטיקל אַרבעט.

נאָך צוויי זיינען פאַראַן, וואָס ווען דאַרפן טאָן די אַרבעט, וואָס אַניעל וועט טאָן. יענע צוויי פאַרשווינען שפּילן אין טשעקערס. ערלעכע צוויי מענטשן, וואָס זיצן זיך גוט־ברודעריש אין פייניקונגס־צימער און פאַרברענגען זיך דערווייל די צייט, איידער ס׳קומען אָן אַרעסטירטע און זיי ווען דאַרפן אויפשטיין צו דער „אַרבעט״.

זיי שפּילן זיך טשעקערס און שמייכלען איינער צום אַנדערן. גרויסע פאַרשווינען, האַריקע, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל. ברייטע פּנים׳ער, געזונטע מאָרדעס מיט שטיקלעך גוידער פון אונטן.

מען פירט אַריין די זעקס חברים. אַלע מיטאַמאָל האָט מען אַריינגעפירט, כדי אַז מען וועט איינעם פייניקן, זאָלן זיך די איבעריקע אַראָפּנעמען א ביישפּיל און פאַרלירן די „נאָטס״ (דעם מוט). מען האָט זיי אויסגעשטעלט לעבן דער וואַנט, זיינען זיי געשטאַנען מיט פאַרקרעמפּעוועטע ליפּן, מיט בלאַסע פּנים׳ער, מיט גייענדיקע אויגן. אַרויסגעסטאַרטשעטע, גייענדיקע אויגן און גלאַנציקע מיט קליינטשינקע מורא־פייערלעך. בוטשי׳ן איז געוואָרן נאָס אין די הויזן. פון דער שרעק אַזוי. אָבער ס׳איז אים גוט, וואָס קיינער פון די חברים האָט ניט באַמערקט. באַ דעם ריזיקן בוטשי׳ן מיטן מעכטיקן האַלז האָט זיך דאָרט איבערגעקערט אין די געדערים. אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כחות, די שאַנדע זיינע זאָל זיך ניט וואַרפן אַלעמען אין די אויגן. גרויס העלדישקייט האָט זיך געפאָדערט דערצו און ער האָט דאָס דערגרייכט אויך. אָבער א ביסל נאַס זיינען אים די הויזן דאָך געוואָרן.

# מען שלאָגט מאַיק׳ן

דער ערשטער, וואָס האָט זיך געוואָרפן די פייניקער אין די אויגן, איז געווען מאַיק, צוליב זיין אָפּגעביסענעם אויער און צוליב זיינע בייזע ברעמען. די דאָזיקע ברעמען האָבן פאַרמאָגט אין זיך אַ סך שלעכטסקייט און גיפט. אַ בלאַס פּנים באַ מאַיק׳ן און שוואַרצע ברעמען. שוואַרץ ווי קוילן. ניט נאָר איז דער אָפּגעביסענער אויער מיט זיינע ברעמען זיי געפעלן געוואָרן, נאָר אויך זיין גאַנצע האַלטונג, זיין צוקומען צום בענקל. אַ פאַרזיכטיק גאַנגעלע און אין דערזעלבער צייט פול מיט אַנגרייפנדיקייט. אַ גאַנגעלע, וואָס איז גרייט אין אַן אויגנבליק אַ שפּרונג טאָן אַף צוריק און דערנאָכדעם פּילייכט אָנפאַלן אַפן געגנער.

— אָו, אָו! אַ רעגעלער טיגער, — האָט אָניעל באַמערקט צו זיינע פריינט.

— יאָ, אַ בלוטיקער, — האָט איינער פון זיי מסכים געווען.

— קום נאָר אהער, דו בלוטיקער! — האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופן.

און דער טיגער איז צוגעגאַנגען מיט אָנגעלאָדענע פּיס און מיט אָנגע־שטרענגטע אַקסלען. זיי, די פייניקער, זיינען שוין גרויסע מבינים אַף אַזעלכע חברה־לייטלעך. זיי האָבן אַן אויג דערצו.

מען האָט דעם טיגערל געגעבן אַ פאַרפאַר אונטערן קאָפּ, איז דאָס טיגערל גלייך אומגעפאַלן צו דער ערד. האָט מען אים אויפגעשטעלט און זיך געהייסן זעצן אַפן בענקל.

— וואוהין האָסטו אהינגעטאָן די גע׳גנב׳עטע זאַכן פון דער שול?

מאַיק איז צעטומלט פון דעם קלאַפּ. די געדאַנקען מישן זיך. אָבער איין געדאַנק מישט זיך ניט באַ אים. איין געדאַנק האָט זיך אריינגעקלאַפּט אין זיין מאַרך ווי אַ טשוואָק — שווייגן. גאָרניט ניט זאָגן.

בוטשי׳ן האָט שוין איצט ניט געהאָלפן קיין שום קאָנטראָל. ס׳האָבן פון אים געדונען ריטשקעלעך, אָבער קיינער האָט נאָך אַלץ ניט באַמערקט זיין שאַנדע. מויש האָט געוואָלט רעווען ווי אַ חיה, ווען מ׳האָט זיין בעסטן חבר געפייניקט. ווי אַזוי מען האָט אים אַליין, מויש׳ן, געשלאָגן, האָט ער דערנאָכדעם גיך פאַרגעסן. אָבער ווי אַזוי מען האָט זיין חבר געפייניקט,

איז אים שטענדיק פֿאַרבליבן אין זכרון. און פֿון דעמאָלט אָן איז זיין ליב־שאַפֿט צו מאיק'ן נאָך שטאַרקער געוואָרן. ליבשאַפֿט און גרויס רעספּעקט. מען האָט אים אין קאָפּ — יענער שווייגט. זיין פּנים גיט אַ פּאָר אין אַ זייט — יענער שווייגט. פּונקט ווי אַ טויטער, אַ גולם. ער איז געפֿאַלן פֿון איין פֿייניקער צום צווייטן. מען האָט אים ניט געלאָזט פֿאַלן. מען האָט אים אונטערגעכאַפּט מיט אַ זעץ, איז ער געפֿאַלן צום צווייטן, האָט דער צווייטער אים אונטערגעכאַפּט מיט אַ קלאַפּ, איז ער געפֿאַלן צום ערשטן.

פֿון בעניטאָ'ס אויגן האָבן זיך געגאָסן גרויסע טרערן. ער האָט געוויינט אַף דעם גרויסן אומגליק פֿון זיין אידישן פֿריינט און אַף זיין אייגענעם אומגליק, וואָס עס דערוואַרטעט אים.

לואי האָט באַקומען שמאָלע אויגעלעך, ווי שפּילקעלעך. זיינע פֿיס האָבן אים ניט געקאָנט האַלטן אַפֿן דיל. ער האָט געוואָלט שפּרינגען. ער האָט געוואָלט לויפֿן, זיך צעיאָגן. ער האָט אָבער ניט געקענט אָטעמען. די גרויסע כוואַליע פֿון שרעק האָט אים פֿאַרגאָסן דעם האַלז און ס'איז אים דאָרטן געוואָרן ענג.

היימי האָט גאָר אינגאַנצן פֿאַרמאַכט די אויגן. דער קליינטשינקער היימי, מיט דער שמאָלער ברוסט, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און אין די אויערן זיינען אים אומגעלאָפֿן דונערן און אין די פֿאַרמאַכטע אויגן האָבן אויפֿגעריסן בליצן.

מען האָט אויסגעקלאַפּט פֿון מאיק'ן יעדער פּיצעלע כח. אָבער דעם כח פֿון עקשנות האָט מען ניט אַרויסגעקלאַפּט. געשווייגן, און טוט אים וואָס איר ווילט. מען האָט אים אַריינגעשלעפּט אין אַ צווייטן צימער.

## מען שלאָגט בוטשי׳ן

א מענטש, אז ער שרייט און גוואַלדעוועט, קען מען אים בעסער שלאָגן, ווייל ער צערייצט די נערוון. דערפאר האָט מען בוטשי׳ן געשלאָגן אָן רחמנות. דער ריז בוטשי האָט געשריען מיטן גאַנצן פּנים. דאָס מויל איז אים געוואָרן ברייט און גרויס. די אויגן זיינען זיך צעלאָפן אין פארשיידענע ריכטונגען. ער האָט געשריען, ווי א ביק וואָס מען קוילעט. מיט גרויסע צייט האָט ער געשריען. דער האַלז זיינער, דער מעכטיקער, דער בלוטיקער, איז זיי שטאַרק געפּעלן געוואָרן און די מערסטע קלעפּ זיינען געפאַלן אף זיין האַלז...

— דערלאַנג אין דער אַקסענער האַלז, — האָט אַניעל אונטערגעגעבן מוט זיינע צוויי פריינט.

— וואוהין האָט איר אהינגעטאָן די גע׳גנב׳עטע זאַכן ?

— איך ווייס ניט ; איך ווייס ניט ! איך ווייס ניט !

ער ווייסט ניט און ער רייסט די סטעליע מיט זיינע געוואַלדן. דאָס שלאָגן טוט טאַקע וויי. אָבער זיין פארפליכטונג צו דער קליינער געמיינדע פון די זעקס איז איינגעקריצט אין זיין באוואוסטזיין. א פאַררעטער צו זיינע אייגענע ברידער וועט בוטשי ניט זיין, לאָז מען אים דער׳הרג׳ענען.

## מען שלאָגט בעניטאָ׳ן

בעניטאַ האָט געגרעוועט. מיט גרויסע טרערן געליאַפּעט און געשריען :

— איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, איך ווייס ניט !

— גיב אים, גיב אים, דעם „קראַי־בייבי“, דעם וויין־קינד ! — האָט אַניעל אליין געבוכטשעט און אונטערגעגעבן מוט די איבעריקע, מען זאָל אויך בוכטשען.

האָט בעניטאָ אזוי רחמנות׳דיק געוויינט, פּונקט ווי אַן אומשולדיק קינד, וואָס כאַפּט קלעפּ פאַר גאָרנישט און נישט. אַן אויסגעטראַכטער בלבול אף אים.

## מען שלאָגט לואי׳ן

מיט לואי׳ן האָבן זיי געהאַט די ריכטיקע אַרבעט. זיי האָבן אים נאָכגעיאָגט אַרום און אַרום דעם טיש. ער איז אַרויסגעשפּרונגען אַפן ביישטידל פון פענצטער, פון דאָרטן איז ער אַרויף אַפן טיש, פון טיש אַפן בענקל, זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער די הענט. ער האָט זיי מיד געמאַכט, די שווער־ליביקע היצעלס. דערפאַר אָבער, אַז זיי האָבן אים געכאַפּט, האָבן זיי זיך אַרויפגעוואָרפן אַף אים מיט גרוים רציחה, ביז לואי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און אַוועקגע׳חלש׳ט פון די קלעפּ.

— טראָגט אים אַרוים, דעם טענצער! — האָט אָניעל באַפוילן.

דעם טענצער האָט מען אַרויסגעטראָגן לייכט ווי אַ שטרויעלע. אַ גרינגער לואי, אָן קערפּער.

## מויש בייסט זיך

מויש האָט אַריינגעכאַפּט אַ פינגער צווישן די ציין און אים רעכט צעביסן. יענעם האָט זיך אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן, אַזוינע רחמנות־דיקע טרערן. בלוט האָט גערונען פון זיין פינגער און די ווינקלען פון זיין מויל האָבן אויסגעקוקט זייער נעבעכדיק. אָניעל האָט זיך דערשראָקן, ווען ער האָט געזען באַם חבר בלוט. ווי אַ באַרמהערציקע שוועסטער האָט ער זיך געפּאָרעט מיטן חבר׳ס צעבלוטיקטן פינגער, אים אָפּגעוואַשן, פאַרבאַנדאַזשירט. דערנאָך זיך גענומען שלאָגן מויש׳ן. מאַיק איז געווען אַ גוטער ביישפּיל פאַר מויש׳ן. ער האָט זיך געלערנט פון אים זיינע מידות. ער האָט געשוויגן, מויש. מיט פאַרקרעמפּעוועטע ליפּן געשוויגן און אָניעל האָט געשריען:

— גיב אים, דעם „מעד דאָג" (דעם משוגע׳נעם הונט), גיב אים, ער וויל זיך גאָר בייסן!

## הײמי האָט מזל

דער קלײנטשינקער הײמי, מיט דער אַסטמאַ, װאָס האָט אױסגעקוקט װי אַ „יוראָפּשער" ניט־דערװאַקסן אינגל, האָט זיך געלאָזט גײן צו זײ װי אַ מאַרטירער. זײַן שװאַכן גוף האָט ער זײ אונטערגעשטעלט, װי אײנער װאָס לאָזט זיך פּײניקן פֿאַר זײַן אידײע. אַזאַ פֿרומקײט אױף זײַן פּנים. אַ געריכטער מענטש איז צוגעגאַנגען צו זײ מיט געשלאָסענע אױגן.

— נאָט, שלאָגט, קױלעט מיך, און איך װעל אײַך סײ װי סײ גאָרניט זאָגן.

„ענדזשל פּעיס" (מלאך־פּנים) האָבן זײ אים אַ נאָמען געגעבן. זײ האָבן זיך שױן גענומען אים צו דערלאַנגען, װי דער טעלעפֿאָן האָט אָנגעהױבן צו קלינגען זײער דרינגענדיק. אַניעל איז צוגעלאָפֿן. װי ער האָט דערהערט די ערשטע װערטער, אַזױ האָט ער גלײַך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט מען זאָל אָפּשטעלן. אין דעם אופֿן װי ער האָט זיך צוגעהערט צום טרײַבל און אין דעם אופֿן װי ער האָט געזאָגט „יעס סער", „אָ־קעי סער", האָט מען זיך שױן אָנגעשטױסן, אַז ער רעדט איצט צו זײער אַ װיכטיקער פּערזאָן.

## אומזיסט געשלאָגן

אומזיסט געשלאָגן די אינגלעך. די שלעגער האָבן געהאַט גרױס פֿאַר־דרוס דערפֿון. זײ װאָלטן דען ניט אַרױסגעקװעטשט פֿון זײדי גאַנצע מעשה?

— מישט מען זיך אַרײַן.

אַניעל האָט געהײסן די חברה גוט אָפּװישן די פּנים'ער, פֿאַרקעמען זיך די האָר, אױסקוקן לײַטיש, װי גאָרנישט ניט איז געשען. די חברה האָבן ניט פֿאַרשטאַנען. מיט שלאָבערדיקע צעװײטיקטע הענט האָבן זײ זיך געװאַשט זײערע פּנים'ער, מיט ציטערדיקע פֿינגער פֿאַרקעמט זיך די האָר. אַניעל האָט זײ אַרײַנגעפֿירט צוריק אין פֿאָדער־צימער.

דער „טאַטע" בענעדיקט װײנבערג איז געשטאַנען מיט שײַנענדיקע אױגן. װי צו אײגענע קינדער האָט ער צו זײ געשמײכלט, אַלעמען געטרײסט. באַ־דױערט דעם פֿאַל, שטאַרק באַדױערט און געבעטן מאַיק'ן ער זאָל מאָרגן אַרױפֿקומען צו אים. ער דאַרף זיך דורכשמועסן מיט אים װעגן אַ געװיסן ענין.

# די געשלאָגענע גייען אַהיים

שוואכע הילפלאָזע קינדער. זיי האָבן זיך געשלעפּט אַהיים צעוויטיקטע און צעבראָכענע. בעניטאָ האָט אין דער היים זיך נאָכאַמאָל צעוויינט. זיך געלייגט אַפן אויפשטעל־בעטל און געוויינט. זיין מאַמע האָט גאָרניט געקענט פאַרשטיין. זי האָט צו אים גערעדט ווי צו אַ פּיצל קינד.

— וואָס איז דיר, באַמבינאָ? זאָג דיין מאַמען, וואָס איז דיר?

בעניטאָ האָט גאָרניט געזאָגט, בלויז געכניקעט. עס האָבן אים אַזוי שטאַרק ווי געטאָן די ביינער, אַז אַף וואָסער זייט ער איז געלעגן איז אים געווען שלעכט.

בערטאַ די נייטאָריז האָט אַ גאַנצע נאַכט געבערענט די גאַז. דער גאַנצער קערפּער באַ לואי'ן איז געווען הייס. זיין מאַמע האָט אים געגלעט, געקושט און ער האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן.

— מאַמע, מאַמע, — האָט ער זי אַלע מאָל גערופן, — ס'טוט וויי, עס טוט וויי.

— וואו, מיין קינד? וואו, מיין נחת?

— אָט דאָ, און אָט דאָ, און אָט דאָ.

די מאַמע האָט אים געלייגט קאָמפּרעסן, אים אויפגעזאָטן שטאַרקע טיי מיט געטריקנטע ווײַנשעלעך. אָבער ער האָט גאָרניט געהאָלפן. ער האָט זיך געוואָרפן און געקרעכצט:

— מאַמע, מאַמע, ס'טוט וויי, אָט דאָ און אָט דאָ.

מויש איז איינגעשלאָפן מיט גרויס רציחה. ער האָט אפילו ניט געוואָלט קיין קרעכץ טאָן. ער האָט זיך אַריינגע'גנב'עט אין צימער אַ שטילער, אַ געלאַסענער, זיך צונויפגעשטעלט די בענקלעך און איינגעשלאָפן מיט גרויס בעס. ער וועט ניט קרעכצן, ער וועט ניט זיפצן, ווייל זיין חבר מאַיק זיפצט מסתמא אויך ניט און קרעכצט מסתמא אויך ניט. אָבער אינמיטן שלאָף האָט ער יאָ אָנגעהויבן צו קרעכצן און צו זיפצן און ער האָט אויפגעוועקט זיין שוועסטער מרים'ען מיט זיין קרעכצן און זיפצן.

אַ געטרייע שוועסטער, מרים. מיט אַזוי פיל ליבע אין קול האָט זי אים געוועקט און אים גערופן אין אידיש:

— מוישעלע, מוישעלע, וואָס איז דיר?

„מוישעלע" האָט זי אים גערופן, פּונקט ווי די מאַמע פלעגט אים רופן, ווען ער איז געווען אַ קליין קינד. מויש האָט זיך אויפגעכאַפּט, ניט פאַר־שטאַנען וואָס עס טוט זיך דאָ.

— וואָס ווילסטו? — האָט ער געפרעגט בייז.

— ס'טוט דיר עפּעס ווי, מוישעלע? — האָט זי זיך איבערגעבויגן צו אים, ווי אַ מאַמע.

— ס'טוט מיר גאָרניט ווי, — איז מויש געווען אומצופרידן.

— פאַרוואָס־זשע קרעכצסטו אַזוי, מוישעלע?

— וואָס דולסטו מיר אַ קאָפּ? קיינער קרעכצט ניט. גיי, לייג זיך און באַדער מיך ניט.

ער האָט אָפּגעטריבן די שוועסטער. זי האָט זיך צוריק געלייגט אויפן דיוואַן מיט ליוסי'ן. מויש איז איינגיכן צוריק איינגעשלאָפן. ער איז שוין ניט בייז געווען ווי פריער. ס'איז אים געוואָרן אַ ביסל בעסער. ס'איז אים געפעלן וואָס זיין שוועסטער האָט זיך געזאָרגט וועגן אים.

ס'איז ניט געווען ס'ערשטע מאָל, וואָס מען האָט מאַיק'ן אַזוי שטאַרק געשמיסן. אין „רעפאָרמאַטאָרי" האָט מען נאָך ערגער געפייניקט. אָבער איצטיק מאָל האָט ער געוויינט. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין זיין שוועסטער אסתר. ער האָט איצט שטאַרק געבענקט נאָך איר.

דערפאַר אָבער איז בוטשי געשלאָפן די גאַנצע נאַכט ווי אַ גבור. ער מעג טאַקע גוואַלדעווען מערער פון אַלע, אָבער ער פאַרגעסט קלעפּ זייער שנעל. די קלעפּ האָבן אים אַזוי שטאַרק מיד געמאַכט, אַז איידער ער איז נאָך אַוועקגעפאַלן אויפן בעטל, זיינען זיינע אויגן שוין געווען צוגעשלאָסן. פון די קלעפּ און פון אַ גאַנצער נאַכט שטאַרק שלאָפן, האָט ער זיך אויפ־געכאַפּט אין פרימאָרגן אַ טויט־הונגעריקער, און ער האָט געשלונגען דעם פרישטיק. עס איז נאָר געווען ווייניק: אַ בייגל מיט פּוטער און אַ טעפּעלע קאַווע. ער האָט דאָס צורעכט געמאַכט מיט גרויס בריה'שקייט, און זיין טאַטע, דער חלוש, האָט שטאַרק מקנא געווען דעם זון, וואָס עסט מיט אַזוי פיל אַפּעטיט. ער, דער טאַטע, האָט גאָרניט קיין אַפּעטיט אין די פרימאָרגנס. אים איז איבלדיק און חלשות'דיק אויפן האַרצן.

# אַ קילער ווינט אַף קלינטאָן סטריט

אַ קילער ווינט, נאָך אַ טאָג פון ברענענדיקער היץ. גאַנץ ניו יאָרק האָט זיך דערקוויקט מיטן קילן ווינט. די נאַטור איז מיטאַמאָל גוט געוואָרן נאָך די ברענענדיקע, שרפ׳נדיקע טעג. די גאַנצע איסט־סאַיד האָט אויפגעשפּיליעט די קנעפּלעך, צעבראַסטעט די העמדער און אַרויסגעשטעלט די לייבער צום ווינט.

— אַ! — מאַכט אַ איד מיט אַ שוואַרצער באָרד און מיט אַ יאַרמולקע אַפן קאָפּ. — אַ קילער ווינט, אַ מחיה! שוין געבראָכן די היץ.

אַ גרייז־גרויער איד, וואָס האָט שוין עטלעכע טעג, פון זינט די היץ האָט אָנגעהאַלטן, ניט אַרויסגערעדט צו קיינעם קיין וואָרט מחמת גרויס שוואַכקייט, מחמת ער האָט קיין כח ניט געהאַט צו ריידן, און ער האָט שוין געמיינט, אַז ער עקט זיך, איז איצט מיטאַמאָל שטאַרק באַריידעוודיק געוואָרן:

— אַ, אַ! — מאַכט ער צו די איבעריקע אידן. — עס וועט נאָך זיין גוט. וואָס אַרט אייך, מיר וועלן נאָך, מירצעשעם, אויפגעריכט ווערן אויך. וועט איר זען, אידן, ווי עס וועט זיין גוט.

— אמן, הלואי — ווינטשעוועט פרום דער איד מיט דער שוואַרצער באָרד און מיט דער יאַרמולקע אַפן קאָפּ.

— ווי אַ קאַלך־אויוון, זאָג איך אייך, — האָט זיך געטיילט מיט זיינע איינדרוקן אַ איד אַ פּרעסער, — ממש, ווי אַ קאַלך־אויוון האָט דאָס געברענט. אַ שטיקעניש נאָך דערצו. און דאָ דאַרף מען נאָך שטיין איבערן ביגל־ברעט מיט דעם הייסן אייזן, איז שוין מיך ניט געווען וואָס צו מקנא זיין. עס האָט געערונען גאַנצע פּאָטיאָקעס.

מען שמועסט זיך אַזוי וואויל אַף די סטופּס פון קלינטאָן סטריט. מען איז געוואָרן פריינטלעך איינער צום אַנדערן. אַ ברודערשאַפט פילט זיך אין זייער ריידן. אַ קילער ווינט, וואָס האָט געבראַכט דערלייזונג אַלעמען אין העסטער פּאַרק.

— אַ, אַ קיל ווינטעלע, — מאַכט אַן עלטערע אידישע פרוי אין אַ קאָפּן־טיכל, — אַ קיל ווינטעלע, אַקוראַט ווי מען וואָלט זיך געבאָדן אין ים.

זי האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געבאָדן אין ים, אָבער דעם פאַרגלייך האָט זי בלויז גענעבן פון איר פאַנטאַזיע. זי שטעלט זיך פאָר, אַז אין ים דאַרף זיין אַזוי קיל, ווי דאָס ווינטעלע איצט.

# ווי אַזוי די זעקס גוטע פריינט רייסן אַראָפּ
# אַ סאָציאַליסטישן מיטינג

אידן פון קלינטאָן סטריט, אָן די רעקלעך, מיט די הענט אין די ווייסע אַרבל פאַרלייגט פון הינטן, שטייען זיי פונדערווייטנס און הערן זיך צו מיט איין אויער צו דער סאָציאַליסטישער רעדנערין אַף דער פּלאַטפאָרמע. בלויז די געטרייע סימפּאַטיקער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי טוליען זיך ענג אַרום דער פּלאַטפאָרמע. די איבעריקע שטייען פונדערווייטנס. מען קאָן זיי אַזוי לייכט ניט אַריינגאַרן. זיי זיינען שוין געוואוינט צו די אָפענע מיטינגען, וואו מען זאָגט זיי צו גאָלדענע גליקן און דערנאָכדעם בלייבט אַזוי ווי געווען. שטייען זיי פונדערווייטנס און האָבן ניט קיין צוטרוי. אָבער די רעדנערין ווייסט ווי אַזוי צו פאַרטשעפּען זייער אויפמערקזאַמקייט. די אידן אָן די רעקלעך דערנענטערן זיך נאָך אַ פּאָר טריט, אָבער נאָך אַלץ ווייט און אומצוטרוילעך.

די רעדנערין איז וויערא קופער, מאַיקל'ס מאַמע. אַ שיינע פרוי מיט זילבערנע האָר און יוגנטלעכע ברוינע אויגן. מען קאָן זי דאָ אין קלינטאָן סטריט. מען ווייסט, אַז זי איז געווען פאַרשיקט אין צארישן סיביר, און אַז זי איז אַנטלאָפן פון דאָרטן. מען ווייסט, אַז זי איז אַ זעלטענער מענטש.

פאַר די, וואָס וואוינען נאָענט דערביי אין די טענעמענט-הייזער, איז גאָר אַ פּיקניק. מען לייגט אַנידער קישעלעך אַף די ביישטידלעך פון די אָפענע פענצטער. מען שפּאַרט זיך אָן אַף זיי און מען קוקט אַרויס, פּונקט ווי פון לאָזשעס אין אַ טעאַטער.

מאַיק'ן איז דאָ זייער ניט גוט. ער קאָן ניט אויספירן וויינבערג'ס אינסטרוקציעס. אַ היימישע פרוי, די וויערא קופער. ער האָט פאַר איר אויך אָפּשיי. זי שמייכלט צו אים שטענדיק, ווען זי באַגעגנט אים. אַזאַ שמייכל מאַכט דערפילן דעם צווייטן, אַז מען איז ווירדיק און וויכטיק אין לעבן.

בוטשי אָבער ווייסט ניט פון קיין חכמות. ער וויל גלייך פאַרפירן אַ געשלעג מיט עמיצן, כדי צו צעשטערן דעם מיטינג. מאַיק לאָזט אים ניט. לאָז זי רייִדן. ס'איז אים אויך טשיקאַווע צו הערן, וואָס זי וועט זאָגן. אָ, זי רעדט וועגן דער אָרעמקייט אַף דער איסט-סאַיד, ווענן די פאַרשטיקטע

הייזער, ווענן די פייער־פּאַסטקעס, ווענן די קראַנקע קינדער אַף קלינטאָן סטריט. דער מיטינג ווערט ענג. אַלע שטופּן זיך שוין נעענטער צו דער רעדנערין. איר הארציק קול און אירע גערעכטע רייד ווענן זייער אייגענעם לעבן ציט זיי צו.

— ריכטיק ווי גאָלד! — מאַכט אַ איד מיט אַ אויסגעצופּטער באָרד. גאָלן זיך טאָר מען דאָך ניט לויטן אידישן דין, צופּט ער זי אויס, די באָרד.

— שאַט, לאָזט הערן אַ וואָרט! — שרייט אָן אַף אים אַ צווייטער, וואָס הערט ניט גוט אַף איין אויער, האַלט ער דעם צווייטן אויער מיט דער האַנט און שטעקט אים אַרויס ווי אַ טרובקעלע, ס'זאָל דאָרטן אַריין אין איינוועגס פאַרן צווייטן אויער אויך.

ווערא קופּער רעדט אויך צו זיי ווענן שמערל דעם פּעדלער'ס טויט. מויש כמורעט זיך אָן, וואָס מען רעדט ווענן זיין טאַטן. ער דראַדלט זיך אָן, גרייט אָנצופאַלן, אויב מען וועט דערציילן ווענן זיין טאַטן עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז ניט שיין. אָבער זי רעדט שוין די ריכטיקע ווערטער ווענן זיין טאַטן, און מויש וואונדערט זיך. געקומען איז ער אַהער ווי אַ שונא, און דאָ שלעפּט זי אים אויך אַריין, און ער מוז שוין האַלטן מיט איר.

— שמערל דער פּעדלער, — זאָגט זי, — וואָלט נאָך געוועזן געלעבט און וואָלט געוועזן אַ טאַטע צו זיינע קינדער, אָבער די דאָזיקע פינצטערע הייזער, וואָס זיינען פאַרפּעסטעט פון ווערים און מיקראָבן, זיי האָבן אים געמאַכט אַ גיכן סוף. אַן ערלעכער מענטש געוועזן שמערל דער פּעדלער און דאָס האַרץ טוט מיר ווי אַף זיין ווייב די אַלמנה און די קינדער די יתומים'לעך...

בוטשי'ן רירן אויך אירע רייד און דערפאַר האָט ער זי פיינט, די דאָזיקע פרוי, וואָס רעדט אַזוינע ווייכע רייד. ער קאָן ניט פאַרליידן קיין ווייכע רייד, וואָס מאַכן אים קיצלען אין האַלז.

בעניטאָ פאַרווילט זיך גאַנץ נישקשהדיק. ער פאַרשטייט אַ ביסל אידיש, איז אים טשיקאַווע זיך צוצוהערן און כאַפּן די פאַרשטענדלעכע ווערטער. און אַז ער כאַפּט אַ פאַרשטענדלעך אידיש וואָרט, ווערן זיינע אויגן אויפ־געלויכטן און ער טיילט זיך באַלד מיט מאַיס'ן.

— געשטאָרבן, שי סעיד, דאַיד, יו סי...

דער „יו סי" מיינט טריאומף: דו זעסט, אַז איך פאַרשטיי?

ניין, מיט ווערא קופּער האָט מאַיס גאָרניט געקאָנט טאָן. ער האָט זי געלאָזט ריידן, אַליין אויך הנאה געהאַט פון אירע רייד, און אַז זי האָט פאַר־ענדיקט איר רעדע, האָבן אַלע אַפּלאָדירט זייער וואַרעם.

אָבער דאָ איז אַרויפגעקומען אַ יונגערמאַן מיט קליינטשינקע חנ'עוודיקע

וואַנצעלעך, אַן אַמעריקאַנער געבוירענער. דערפאַר איז ער אַרויף אַזוי זיכער אַף דער פּלאַטפאָרמע. זיכער און סנאָביש. ס'האָט זיך תיכף דערפילט אַ ווייטקייט צו אָט דעם יונגנמאַן. די היימישקייט, וואָס ווערא האָט איבער־געלאָזט, איז אַנטרונען. ענגליש האָט ער גערעדט. הויכע געפליגלטע רייד האָט ער געוואָרפן צו די קלאָוקמאַכער, אָפּערייטאָרס, היטלמאַכערס, פּעדלערס, דזשעניטאָרס און גלאַט אַזוי אַרעמקייט. ער האָט תיכף אָנגעהויבן צו אַטאַקירן בענעדיקט וויינבערג'ן. דאָס איז אויך ניט געפעלן די פּאַרזאַמלטע. בענעדיקט וויינבערג איז גראָד בּאַ זיי באַליבט. ער טוט אַלעמען טובות. ער איז אַזאַ העפלעכער מענטש און גריסט זיך אַזוי ליבלעך מיט יעדן איינעם, אפילו מיט די קינדער אַף דער גאַס.

— לאָז אָפּ וויינבערג'ן! — רופט אויס מאַיק און זיינע בייזע ברעמען ווערן זייער כמורנע און דאָס שטיקל, וואָס איז געבליבן פון אָפּגעביסענעם אויער, ווערט בלוטיק רויט.

— דערוויל רייד איך. אַז איך וועל ענדיקן וועסטו ריידן — קלינגלט זיך דער יונגערמאַן מיט די חנ'עוודיקע וואַנצעלעך.

— לאָז אָפּ וויינבערג'ן, זאָג איך דיר! — שטופּט זיך מאַיק צו דער פּלאַטפאָרמע, — וויל וואָס ווייסטו וועגן וויינבערג'ן?

— וואָס איך ווייס וועגן וויינבערג'ן? אָט וועל איך אייך באַלד זאָגן, — איז שוין שטאַרק צעהיצט דער יונגערמאַן, און זיין שטימע ווערט קוויטשענדיק.

— ניין, דו קאָנסט גאָרניט זאָגן וועגן וויינבערג'ן! — היצט זיך מאַיק.

— ער איז דער לייטישסטער מאַן דאָ אין בלאָק, ניט אמת?

— אמת, אמת! — שרייען זיינע פינף געטרייע פריינט און ס'האַלטן זיי אונטער אַ היפּשע צאָל פּאַרזאַמלטע.

— און וואָס דאַרפסטו דאָ האָבן גאָר אינגאַנצן באַ אונז אין גאַס? — קאַכט זיך היימי. — אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע, אַראָפּ!

ווי אַ העלפאַנט האָט בוטשי זיך אַ לאָז געטאָן צו דעם הילצערנעם געשטעל, וואָס מען האָט גערופן פּלאַטפאָרמע. ער האָט גאָרניט געדאַרפט טאָן, כדי דער געשטעל זאָל קראַכן צוזאַמען מיט דעם יונגנמאַן מיט די חנ'עוודיקע וואַנצעלעך. ער האָט בלויז אַ שטופּ געטאָן, בוטשי, דעם געשטעל און אַלץ איז זיך צעפאַלן. מויש האָט געקנאַטן מיט די הענט. פון הונגער איז ער געוועזן אַזוי בייז און אויפגערעגט, און ער האָט געשלאָגן אַלע די, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן. אַ סך סימפּאַטיקער האָט די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי דעמאָלט פּאַרמאָגט אין דעם בלאָק. מען האָט געכאַפּט שטיקלעך האָלץ פון דער צעבראָכענער פּלאַטפאָרמע און מען האָט זיך אָפּ־

געשלאָגן פון אַט די זעקס ביטערע יונגען, וואָס האָבן געבושעוועט מיט אַזאַ ווילדער הפקרות. דער פלינקער מאַיק האָט אוועקגעלייגט איינעם נאָכן אַנדערן. אַזאַ שנעלקייט אין זיינע אברים. אַ בויג מיט די פלייצעס, און ס'ליגט שוין עמיצער אַף דער ערד. היימי דער אַסטמעניק האָט אויך ניט געשוויגן. מיט זיינע דאַרינקע הענטלעך האָט ער דערלאַנגט אין בויך אַריין.

פּאָליסלייט האָבן געפּייפט, ווייבער האָבן געקוויטשעט. קינדערלעך האָבן געשריען: הוראַ, הוראַ! און פון די אָפענע פענצטער אין די טענעמענט הייזער האָבן יונגע מיידלעך געקלאַפט בראַוואָ. דאָס שטיקל פּלאַץ, אַף וועלכן ס'איז פריער געשטאַנען אַ רואיקער אויפמערקזאַמער עולם, איז געוואָרן אַ געווירבל, אַ געדרענג. אַ שטורעם האָט אויסגעבראָכן מיט אַ סוויסטשען און מיט אַ פּייפן און מיט קולות פון געפּייניקטע און מיט קולות פון די אָנגרייפער. איין אויגנבליק האָט דאָס אינגאַנצן געדויערט און דערנאָכדעם, ווען די פּאָליסלייט זיינען אָנגעלאָפן, איז געוואָרן שטיל און ליידיק דאָס פּלאַץ. אַף די שטיינער האָבן זיך געוואַלגערט צעשאָטענע ליפלעטס, צעטראָטענע בראָשורן און שטיקלעך אָפּגעבראָכענע ברעטלעך פון דער אומגליקלעכער פּלאַטפאָרמע.

# די זעקס גוטע פריינט באַגנב'ענען אַ הויז

ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. די איסט־סאַיד האָט זיך געלייגט שלאָפן. ווער ס'איז פאַרבליבן אַף די דעכער אויסגעבעט מיט אַלטע קאָלדרעס, ווער אונטן, אַף די סטופּס, און ווער אין די הייזער מיט די צעעפנטע פענצטער.

די נאַכט האָט דאָ ניט קיין פּנים ווי אַן עכטע פינצטערע נאַכט. די גאַסן־לאָמפּן מאַכן מילכיק די שטיינער פון דער גאַס. די שפּעטע אָפענע ליכטיקע קראָמען צעשטערן די פינצטערניש אַף די טראָטואַרן; אָפּגעפליקטע שטיקלעך פינצטערניש.

די נאַכט אַף דער איסט־סאַיד איז ניט קיין שטילע: טראָמוויען גרילצן, קעץ מיאַוקען. הינט רייסן זיך איינער מיט דעם אַנדערן. קראַנקע קינדער וויינען דורך די פענצטער. מאַן און ווייב קריגן זיך ערגעץ אַף אַן אויבערשטן שטאָק. הויך קריגן זיי זיך פאַר אַלעמענס אויערן, פאַר אַלע די וואָס ליגן אין זייערע בעטן פאַר די אָפענע פענצטער און קאָנען ניט איינשלאָפן. מאַן און ווייב קריגן זיך, און וואַרפן זיך אויף חטאים. דערוויסט זיך אַ גאַנץ הויז פון אינטימע מאַן־און־ווייב סודות, וואָס פאַרשאַפן ניט קיין כבוד דעם קריגנדיקן פּאָרל. מיט די ערגסטע נעמען רופט מען זיך אַן איינער דעם אַנדערן. פון קריג גייט מען איבער צו פּעטש און פון פּעטש צו גוואַלדן אין אָפענעם פענצטער.

— אַזאַ שאַנדע, אַזאַ בזיון, — זאָגט אַ ליטוישע פרוי צו איר ליטוישן מאַן אַף אַן אַנדער שטאָק, וואָס קריגן זיך קיינמאָל ניט.

— פּונקט ווי באַ די גוים, — קלאָגט זיך אַן עלטערע אידענע.

— גזלנים, לאָזט שלאָפן! — שרייט היסטעריש דורכן אָפענעם פענצטער מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ אַרויף צום אויבערשטן שטאָק, אַן אַלטער בחור, אַ נערוועזער און אַ צערייצטער, וואָס ליידט פון שלאָפלאָזיקייט.

— ס'זאָל אייך אויסמאָרדעווען דאָרטן! — שרייט אַן אָפּערייטאָר, וועמען מען האָט אויפגעוועקט אינמיטן פון אַ זיסן שלאָף.

יונגע מיידלעך און בחורים, וואָס זיינען נאָך וואַך אַף דער גאַס, פאַר־זאַמלען זיך הינטער דער הויז און זיי שטעלן מיט זיך פאַר דאָס פּובליקום, וואָס דאַרף אָפּשאַצן די קונסט פון קריגן זיך. אַז די פרוי זאָגט עפּעס אַ קונציקן זידל־וואָרט, פּאַטשן זיי בראַוואָ דער פרוי. אַז דער מאַן זאָגט עפּעס געלונגען, אַפּלאָדירן זיי דעם מאַן.

א נאַכט אַף דער איסט־סאַיד, וואָס וואַרפֿט זיך אין ספּאַזמען. אַט איז שטיל, און אַט ברעכט אויס מיטאַמאָל אַ גרויסער געוואַלד און מענטשן ווערן געפּייניקט. בלויז די קליינע קינדער אַרט ניט די דאָזיקע נאַכט. יענע שלאָפֿן זיך זייער געשמאַק, אַנטבלויזטע, הוילע, שלאָפֿן זיי זיך און זאַמלען זיך אָן געזונט און גבורה. גאַנץ־פֿרי שטייען זיי אויף פֿרעכע און חוצפּה'דיקע און דערגייען די יאָרן זייערע מידע, ניט־אויסגעשלאָפֿענע מאַמעס און טאַטעס.

שפּעט אין דער נאַכט. אין אַ הויף ליגן אַף די בייכער פֿינף גוטע פֿריינט. פֿון דעם זיג, וואָס זיי האָבן אָפּגעהאַלטן איבער די סאָציאַליסטן, איז קיין פּרנסה ניט געוועזן. בלויז פֿון פֿריינטשאַפֿט וועגן צו בענעדיקט וויינבערג'ן, האָבן זיי דאָס געטאָן. פּרנסה דאַרפֿן זיי זוכן. מיט זייער אייגענער מי און האָרעוואַניע דאַרפֿן זיי פֿאַרדינען זייער שטיקל ברויט. אַף גרענד סטריט געפֿינען זיך אַ סך פֿאַרמעגלעכע. די פֿענצטער זייַנען צעעפֿנט. דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן ליגט דאָרט אין דער פֿינצטערניש פֿריי און אָפֿן פֿאַר אַזוינע פֿלינקע חברה־לייט, ווי פֿאַר מאַיק'ן מיט זיינע פֿריינט. באַזונדער אָפֿן פֿינפֿטן שטאָק. דאָרטן דאַרף זיך געפֿינען פֿאַר זיי פּרנסה. דאָרטן וואוינט אַ פֿרוי, וואָס האַלט אַ גראָסערי אָפֿן קאָרנער פֿון קלינטאָן סטריט. איז דער שכל אַ פּשוט'ער — איין מענטש אין הויז, וועט דאָס מאַכן לייכטער די אונטערנעמונג.

קעץ רייסן זיך אין הויף און בוטשי וויל זיי פּלעטן די קעפּ, אָבער מאַיק לאָזט ניט. מאַיק פֿאַרשטייט, אַז צווישן די קולות פֿון די קעץ וועט מען זיך שלאָפֿן דאָרטן אינעווייניק זייער רואיק און זיכער. די געוואַלדן פֿון די קעץ איז די נאָרמאַלע שפּראַך פֿון דער נאַכט אַף דער איסט־סאַיד. בוטשי האָט אָבער איצט פֿיינט די קעץ. ער האָט איבערהויפּט קיינמאָל ניט ליב קיין קעץ, און די קעץ האָבן אים אויך ניט ליב.

לואי גייט טאָן זיין שליחות מיט פֿרייד און מיט שטאָלץ. ער איז דער איינציקער, וואָס איז צוגעפּאַסט פֿאַר אַזאַ אַרבעט. מיט זיינע פֿלינקע פֿיסלעך הויבט ער זיך אויף די פֿייער־לייטערס. אַקוראַט ווי ער וואָלט געגאַנגען אין שטעק־שיך, אַזוי שטיל טרעט ער פֿון טרעפּ צו טרעפּ, מיט אַזאַ צאַרטקייט אין די פּיאַטעס. ער האָט זיך טאַקע אויסגעטאָן די שיך. היימי האַלט צו זיינע שיך זייער שטאַרק.

די פֿריינט זייַנען שפּאַנען מיט אים אין זייערע געדאַנקען. זיי מאַכן־מיט מיט אים יעדן טראָט. אַט איז ער שוין סאַמע דאָרטן, וואו מען דאַרף. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז די גראָסערי־פֿרוי איז אויך אַ קלוגע. גראָדע דאָס פֿענצטער, וואָס גייט אַרויס צום פֿייער־לייטער, איז גוט צוגעשלאָסן פֿון אינע־

ווייניק. דאָס צווייטע פענצטער איז אָפן, דאָס פענצטער, וואָס איז אָפּגערוקט פון פייער־לייטער. לואי וואַרפט די שיין מיט זיין סוירטש־לאַיט און די פינף פריינט פון אונטן ווערן פאַרציטערט. זיי האָבן שוין דאָ דערזען די שוועריקייטן. ווי אַזוי וועט ער דאָס טאַקע מאַכן? אַן אַנטוישונג הויבט זיך שוין אָן צו פאַר׳גנב׳ענען אין זייערע הערצער. לואי וואַרפט נאָך אַ מאָל אַ שיין. אַ פאַרצווייפלטע שיין. מאַיק רייסט זיך אָפּ פון דער חברה. מאַיק, דער פירער, וועט שוין געפינען אַן עצה. ער האָט אויך אויסגעטאָן די שיך און מויש האַלט זיי זייער שטאַרק. מיט פאַרקרעמפּעוועטע פינגער האַלט ער זיי צו. לואי ווייסט שוין, אַז אַ פריינט קומט אים צו הילף און ער בלייבט שטיין אַ רואיקער דאָרטן. מאַיק קאָן שפּאַנען אַזוי שטיל ווי אַ קאַץ מיט ווייכע פיסלעך. הויבט זיך אַזוי מאַיק איבער די טרעפּ און דערגרייכט דעם פינפטן שטאָק.

די פריינט פון אונטן דערזעען, ווי דער סוירטש־לאַיט אַרבעט דאָרט ווידער מעשים, אָבער שוין ניט לעבן פענצטער, נאָר ערגעץ אַנדערש. זיי זוכן עפּעס דאָרטן, די צוויי. מאַיק האָט דאָס געפונען. אַ גרויסן בעזים אַף אַ שטעקן האָט ער אָפּגעזוכט. מען דערגרייכט מיטן בעזים דאָס אָפענע פענצטער. לואי לאָזט זיך שפּאַנען איבערן שטעקן. מאַיק שטייט מיט אויסגעשטרעקטע הענט, יעדע מינוט גרייט אַ כאַפּ־טאָן דעם חבר, אויב ער וועט פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט.

אַזאַ פינצטערניש אונטן, אַ טיפער אָפּגרונט, און מחמת דער פינצטערניש האָט דער אָפּגרונט ניט קיין עק און ניט קיין סוף. אין נאָמען פון דער גרויסער ברודערשאַפט, אין נאָמען פון דער אייגענער אַמביציע צו דערגרייכן זאַכן, וואָס זיינען כמעט אוממעגלעך צו דערגרייכן, באַקומט לואי פליגלען. אַ גרויסע מוטיקייט אין זיינע ביינער. די מוטיקייט פון אַ העלד אַפן שלאַכט־פעלד, וואָס לאָזט זיך איינער אַליין אַנטקעגן די טויטלעכע קוילן פון שונא.

מאַיק׳ן איז קאַלט אין שטערן. זיינע אויגן קריכן אַרויס. די הענט זיינע, די אויסגעשטרעקטע, זוכן די לופט. לואי איז שוין אָבער ווייט פון זיינע הענט. לואי איז שוין אַט־אַט־אַ נאָענט צום פענצטער.

לואי איז שוין אינעווייניק. ס׳איז אַ קיך. אַ שטומע קיך, וואָס דרעמלט זיך מיטן גאַנצן סדר פון אַ קיך. לואי שפּאַנט אַף אַ דיל. פון דער פינצטער־ניש קוקן אַף אים מאַנסטערס און חיות משונה׳דיקע. ריזן און קאַרליקלעך. יעדער טריט אַן אַנדער באַגעגעניש. דעם סוירטש־ליכט וויל ער ניט נוצן צו אָפט. נאָר, ווען ער שלאָגט זיך אָן עפּעס האַרטס, גיט ער אַ וואָרף אַ שיין. די שיין פאַלט אַף אַ פרעמדן טיש מיט אַ גרויסן פּרוכטאָווניק. דער

פּרוכטאָוונִיק האָט אים פריער אויסגעזען ווי אַ ריזיקע חיה, אַ לעבעדיקע און אַ סטראַשענדקע.

עמיצער זיפצט פון שלאָף. אַן ערלעכער זיפץ פון אַ מידער פרוי. זי אָטעמט, די פרוי, זייער נעבעכדיק. צוליב דער גרויסער היץ אָטעמט זי אַזוי שווער. די פריע גאַס איז פאַר לואי׳ן אַ ווייטע און פרעמדע וועלט. ער איז אָפּגערוקט פון דער פרייער גאַס מיט טויזנטער מײַלן. אַ גאַנצע אייביקייט איז פאַרבײַ פון זינט ער איז אַרײַן אין דעם הויז. יאָרן און יאָרן זײַנען שוין פאַרלאָפן. אין יעדן טריט איז אַזוי פיל שפּאַנונג און ווייטיק. די פרוי זיפצט פון שלאָף פּונקט ווי זײַ מאַמע, בערטאַ די נייטאָרין. די לײַדיקע הויז שווײַגט בייזוויליק. דאָס שווײַגט דאָס הויז אומיסטנע אַזוי ביז וואַנעט מען וועט אים כאַפּן בײַ דער ריכטיקער אַרבעט. דעמאָלט וועט זיך ערשט צעשרײַען דאָס הויז מיט קולי־קולות, אַז די גאַנצע וועלט וועט אויפגעוועקט ווערן.

די סווירטש־ליכט אַרבעט דאָ בײַ דער פרוי אין צימער זייער פּאַרזיכטיק. מיט אַ פּיצעלע שײַן כאַפּט ער דעם סדר פון צימער. מיט אַ טויזנטל טייל פון ליכט באַמערקט ער אַפן דרעסער אַ לעדערנעם בייטל.

— אוי, ווי איז מיר, ווער איז דאָרטן? — דערפילט די פרוי אין שלאָף, אַז עפּעס איז איר דאָ ניט גוט.

— ווער איז דאָרטן? — ווערט דאָס קול פּאַראַליזירט, ווײַל זי האָט דערהערט, ווי אַ געשטאַלט האָט אַ שווער געטאָן. — ווער איז דאָרטן?

אַן אייביקייט איז פאַרבײַגעגאַנגען פאַר מאַיק׳ן אַפן פייער־לייטער. ער שטרענגט אָן די אויערן צו כאַפּן אַ קלאַנג. שטיל און רואיק שלאָפט זיך דאָס הויז. פון פערטן שטאָק שנאָרכעט עמיצער אין די אָפענע פענצטער.

אַן אייביקייט גייט פאַרבײַ פאַר די פיר חברים, וואָס ליגן אויסגעצויגן איבערן הויף. דער סדר פון דער וועלט שטעלט זיך אָפּ. די נאַכט הערט אויף. דער טומל פון דער שטאָט ווערט אָפּגעהאַקט. אין די אויגן פייפן אַזוינע ווינטן. אַזוינע פּרימיטיווע, אור־אַלטע ווינטן פון שרעק און גרויל.

— גע־וור־אַ־ל־ד! — שרעקט אַרום די גראָסעריפרוי אַ צעשויבערטן קאָפּ אין אָפענעם פענצטער. — גע־וור־אַ־ל־ד, אידן, מען ראַבעוועט! — גיט זיך אַ שנייד אַרײַן אין באַנאַכטיקן אינדרויסן אַ פאַרצווייפלטער געשריי.

מאַיק גיט זיך אַ יאָג אַראָפּ פון פייער־לייטער. ער האָט פאַרטשעפּעט דעם בעזים, וואָס איז געווען איבערגעצויגן פון פייער־לייטער צום פענצטער. דער בעזים איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ טראַסק.

— גע־וור־אַ־ל־ד! — שרײַען שוין די פענצטער פון אַלע פינף שטאָק.

צעשראָקענע פּנים׳ער, צעשויבערטע סעפּ. יעדער איינער האָט געמיינט, אַז דאָס גנב׳עט מען בא אים אין הויז.

— גע—וו—אַ—ל—ד! ג—ע—וו—אַ—ל—ד!

פּאָליסלייט פּייפן. שווערע שיך לויפן איבער די לײדיקע טראָטוארן. דער גאַנצער בלאָק האָט זיך אויפגעכאַפּט. קינדערלעך וויינען פון די פענצטער.

— וואָס גע׳גנב׳עט? ווער׳מען בא׳גנב׳עט?

# לוסי פֿאַרקריכט אַף פֿינפֿטער עוועניו

מרים ליגט אַפֿן דיוואַן מיטן שוועסטערל ליוסי אַן וואַכט איבער איר. זי האָט זי היינט געשלאָגן, פֿאַרוואָס זי ווערט פֿאַרפֿאַלן אַף גאַנצענע טעג.

— שוועסטערל ליוסי, שוועסטערל ליוסי, וואָס וועט פֿון דיר אויסוואַקסן?

דאָס שוועסטערל ליוסי שלאָפֿט איצט מיטן פּנים צום קישן. מיט פֿאַר־מאַכטע פֿויסטעלעך ליגט דאָס, אַקוראַט ווי זי וואָלט אַריינגעפּאַקט אין אירע פֿויסטעלעך פֿולע זשמעניעס מיט שלאָף און האַלט דאָרטן שטאַרק צו דעם שלאָף.

דאָס שוועסטערל ליוסי פֿליט איצט פּונקט ווי אַ פֿויגל. זי וואונדערט זיך טאַקע, ליוסי, אין שלאָף, וואָס זי פֿליט. ווי קאָן זי פֿליען, אַז זי איז אַ מענטש? אָבער זי פֿליט. זי האָט אַפֿילו פֿליגל אויך, און הויבט זיך מיט זיי אין דער הויך.

ליוסי האָט שטענדיק געוואָלט וויסן, וואָס ס׳טוט זיך אינעווייניק איז די גאָר הויכע מויערן. אַזוינע ריזיקע ווענט מיט פֿענצטערלעך; וואָס פֿאַר אַ מענטשן וואוינען דאָרטן? איצט האָט זי שוין אַ געלעגנהייט אַריינצו־קוקן אינעווייניק, ווייל זי פֿליט. אָט איז דער צענטער שטאָק. זי קוקט אַריין דורך די פֿענצטער: אַזוי שיין דאָרטן! גאָלדענע טישן און קרישטאָ־לענע שטולן. די בעטן זיינען מיט בריליאַנטן אָפּגעשאָטן, און די מענטשן דאָרטן זעען גאָר אויס ווי קאַרליקלעך. פּיצעלעך מענטשעלעך.

אָט פֿליט זי שוין צום פֿופֿצנטן שטאָק און צום צוואַנציקסטן שטאָק און ס׳איז נאָך שענער. אָט פֿליט זי שוין צום פֿערציקסטן שטאָק און דאָרטן איז גאָר אַ פּאַרק, אַ גרויסער פּאַרק מיט ביימער און בלומען, און אַ טייך מיט קאַטשקעלעך, און זי פֿליט נאָך העכער און נאָך העכער.

אַ רעגן ליאַפּעט אין קלינטאָן סטריט. אַ רעגן שמייסט. מיט גראָבע ביימשן בלישטשעט ער און וואַשט די קויטיקע הייזער פֿון בלאָק, און באַ־נעצט די פֿאַרגעסענע קינדער־וועגעלעך, און באַוואַסערט די פּושקאַרטס, איבערגעצויגענע מיט ברעזענטן.

עס רעדט די נאַכט פֿון קלינטאָן סטריט צו מרים׳ען דורך רעגן און שטורעם. זי זאָגט, די נאַכט:

„דיין מאַמע האָט אויך גע׳חלומ׳ט וועגן אַ ליכטיק שיין לעבן, ווען זי

האָט חתונה געהאַט מיט דעם טאַטן, פּונקט ווי דו, מרים, חלומ'סט איצט. אָבער קלינטאָן סטריט האָט זי שוין אַריינגעצויגן אין דלות, און זי זינקט איצט, דיין מאַמע. דו וועסט אויך חתונה האָבן מיט מאַיקל'ען, און דער דלות וועט אייך אויך אַריינציען. וועסט געבוירן קינדער, וועלן די קינדער זיין די קינדער פון דלות, פּונקט ווי דו, מרים, דיין שוועסטער ליוסי און מילדרעד, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן און מען ווייסט ניט וואוהין זי איז אהינגעקומען, און מויש, פון וועמען דער גאַנצער בלאָק דערציילט זיך אָן זייער ניט קיין שיינע מעשיות."

אַ רעגן ליאַפּעט, אַ רעגן שמייסט. מיט גראָבע בייטשן כלישטשעט ער אַף די שויבן. די נאַכט פון קלינטאָן סטריט רעדט צו מרים'ען. זי זאָגט, די נאַכט:

„איך האָב שוין מורא, אַז דו וועסט מוזן חתונה האָבן פאַר אייב באַר־נעצ'ן. יאָ, וועסט מוזן. זאָלסט ראַטעווען פון דלות דיין שוועסטער ליוסי, זאָלסט גרינגער מאַכן די שווערע טעג פון דיין קראַנקער מאַמען, און אפשר וועסטו מויש'ן אויך קענען דערראַטעווען. יאָ, מרים, וועסט מוזן, וועסט דאַרפן, וועט דאָס טאָן אויך."

און וואו איז מילדרעד? מען ווייסט ניט. אוי, ווי ס'וויינט באַ מרים'ען דאָס האַרץ נאָך איר שוועסטערל מילדרעד. אפשר איז זי שוין גאָר טויט? אפשר ליגט זי אין איסט־ריווער און אירע ביינדעלעך שווענקען זיך אַפן גרונט? שטענדיק איז זי געווען אַזאַ אומעטיק קינד. דאָס קינד פון דלות.

אַף צוזאַמענגעשטעלטע בענקלעך שלאָפט מוישע. איר גרויסער ברודער מוישע, וואָס קאָן ניט געפינען קיין פּלאַץ פאַר זיינע לאַנגע פיס. שטעקן זיי אַרויס, די פיס, באָרוועסע און האָריקע.

מויש'ן חלומ'ט זיך, ווי אַ פּאָליסמאַן יאָגט אים נאָך און ער ל־ו־י־פּ־ט. אַף ריווינגטאָן סטריט פאַרקערעוועט ער זיך, צעשטופּט די מענטשן, צעשטופּט די פושקאַרט־פּעדלער און ל־ו־י־פּ־ט.

ליוסי האָט זיך פּלוצלונג צעוויינט. זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן שלאָף מיט אַ געשריי. זי האָט געשריען, ווייל זי האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן צו פאַלן אַראָפּ, און אָט ווערט זי צעשמעטערט. ערשט מרים נעמט זי גאָר אַרום און רעדט צו איר אַזוי גוט.

— נו, שאַ, ליוסי, שוועסטער. נו, שאַ, ליוסעלע.

ס'טוט איר שטאַרק באַנג, מרים'ען, פאַרוואָס זי האָט היינט געשלאָגן איר שוועסטער ליוסי'ן. וואָס ווייסט דען דאָס קינד פון אָרעמקייט? פאַר־

קריכט אַף פינפטער עוועניו צו קוקן אין די רייכע שוי־פענצטער, וואו שיינע קליידער זיינען אויסגעשטעלט.

באַ ליוסי'ן הייסט דאָס ניט, קוקן אין די רייכע שוי־פענצטער. באַ ליוסי'ן און איר חבר'טע בעטי'ן הייסט דאָס גיין אַף פינפטער עוועניו זיך אויסקלייבן אַ קלייד. ס'איז אַזאַ שפּיל באַ די דאָזיקע צוויי חבר'טעס. מען גייט פון שוי־פענצטער צו שוי־פענצטער פון די רייכע קליידער־קראָמען, אוןביידע חבר'טעס קלייבן זיך קליידער. ליוסי קלייבט זיך אויס דאָס שענסטע קלייד, וואָס איר געפעלט, און זאָגט דער חבר'טע בעטי'ן, אַז דאָס קלייד איז שוין אירס. דערנאָכדעם קלייבט אויס בעטי אַ קלייד אין אַן אַנדער שוי־פענצטער און זאָגט ליוסי'ן, אַז אָט דאָס קלייד איז אירס. דערנאָכדעם קומט מען אַפן צווייטן טאָג און מען זוכט אין די שוי־פענצטער די קליידער, וואָס זיי האָבן זיך נעכטן אויסגעקליבן. ווי גרויס איז די פרייד באַ די דאָזיקע צוויי קינדער, ווען ליוסי'ס קלייד, אָדער בעטי'ס קלייד הענגט נאָך אַלץ אין דעמזעלבן שוי־פענצטער.

מאַכט זיך אָבער אַמאָל, ווען זיי טרעפן שוין ניט זייערע קליידער, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעקליבן, ווערט מען טרויעריק. און מען ווערט בייז אַף די שלעכטע פרויען, וואָס האָבן צוגענומען זייערע שיינע קליידער. אָבער זיי טרייסטן זיך גיך, די אָרעמע מיידלעך פון קלינטאָן סטריט, ווייל אַף פינפטער עוועניו זיינען דאָ גענוג שיינע קליידער און זיי קלייבן זיך שוין אויס נאָך שענערע.

מרים האָט זי געפּאַטשט אין פּנים אַריין, ליוסי'ן. זי איז געווען פאַר־ביטערט, מרים. די מאַמע איז קראַנק, קאָן ניט אַראָפּקריכן פון בעט. מרים איז אַ גאַנצן טאָג אין דער פינף־און־צען־סענט קראָם. דאָ דאַרף מען דער מאַמען עפּעס דערלאַנגען, און דאָס שוועסטערל אַנטלויפט פון הויז. אָבער נאָכדעם ווי זי האָט זי גוט אָנגעשלאָגן, און ליוסי האָט זיך גוט אָנגעוויינט, האָט זיך מרים צעלאַכט, ווען ליוסי האָט איר דערציילט וועגן דעם אויסקלייבן די קליידער אַף פינפטער עוועניו. זי האָט זיך צעלאַכט, מרים, וואָס דאָס קליינע שוועסטערל ווייסט שוין אַזוי געניט און דערפאַרן וועגן אַלעס, וואָס האָט צו טאָן מיט קליידער.

— אַ ווייסע קלייד, גוט געפּאַסט, האָט זיך ליוסי היינט אויסגעקליבן — מיט אַ נידעריקן אויסשניט אין די פּלייצעס, באַפּוצט מיט ספּענגעלס, דער פּאַסעק מיט זילבער און פּערל־שטיינער, מיט אַ לאַנגן שמאָלן שלייף, פון די אַקסלען הענגען אַראָפּ ווייסע סאַמעטענע בענדלעך, אַפן ברוסט — אַ רויטע בלום.

שיך האָט זיך ליוסי אויך אויסגעקליבן. זי איז ניט קיין פּוילע, ליוסי. אַזוינע שוואַרצע סאַמעטענע שיך מיט זילבערנע קנאָפּלען.

אַזוי האָט זי געשילדערט איר אויסוואַל צו איר גרויסער שוועסטער מרים׳ען, און זי נעמט זי און שלאָגט גאָר.

וואָרעם ווי אַ קאַץ איז דאָס שוועסטערל ליוסי. קליינינקע בריסטעלעך האָבן באַ איר שוין אַרויסגעשפּראָצט. פּאַר מרים׳ס אויגן וואַקסט אויס די פרוי, און ווען זי טוליעט זיך, דאָס שוועסטערל ליוסי, צו דער גרויסער שוועסטער אירער, ווער ווייסט וואָס זי קאָן שוין מיינען מיט דעם? און ווען זי צעלאַכט זיך אינמיטן דערינען, דאָס שוועסטערל ליוסי, און ווינקט מיט די אויגן־רינגעלעך, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ געדאַנקען ס׳קומען איר שוין אַפן קאָפּ? דאָס ווינקען מיט די אייגעלעך, האָט זי זיך שוין אפשר אויסגעלערנט אויבן אַפן פינפטן שטאָק באַ מאַשע׳ן. וויפיל מרים שלאָגט זי, אַז זי זאָל אַהינצו ניט קריכן.

יאָ, מרים וועט זי מוזן אַרויסראַטעווען פון דער גאַס. זי דאַרף זי דערציען אין לייטישע וועגן. די מאַמע קרעכצט. מרים הויבט זיך אויף פון דיוואַן און גייט צו דער מאַמען.

— וואָס איז דיר, מאַמע? אפשר צולייגן אַ הייסן קאָמפּרעס צו די פיס?

— יאָ, טאָכטער, אויב דו ווילסט פאַרדינען אַ מצוה...

מרים וואַרעמט וואַסער אַף דעם גאַז־אויוועלע. זי שאָקלט זיך איבערן פייער מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. די פלעמלעך, ווי שלענגעלעך מיט פייערדיקע צינגלעך, לעקן דאָס טעפּל. זיי צישען און שיפּען, די אָנגעצונדענע גאַז־דערן, און מרים הויבט זיך און וויגט זיך אין אַ שטייענדיקן דרעמל.

# די מומע ביילע רעדט איין מרים׳ען

די מומע פון נוארק איז געקומען אין אוונט. די מומע איז שוין פארבליבן נעכטיקן אין הויז. ביז פארטאג האט געברענט דער גאז־רער, און ביז פארטאג איז די מומע געזעסן מיט איר פלימעניצע און איינגע׳טענה׳ט. ליוסי האט דוקא זיך געצוואונגען ניט איינצושלאפן. זי האט געוואלט הערן ביזן סוף, וועגן וואס זיי ריידן. אבער ס׳האט ניט געהאלפן. זי איז איינגעשלאפן.

מרים האט געוויינט פאר דער מומע ביילע׳ן. ניט ווי קיין דערוואקסענע כלה־מיידל, נאר ווי א קליין קינד.

— איך וויל ניט, מומע ביילע.

— איך ווייס, אז ס׳איז דיר שווער, קינד — האט די מומע ביילע גערעדט מיט גוטסקייט. — מיר ווילן אלע ניט. אבער מ׳מוז, קינד. אזוי האט שוין גאט באשאפן די פרוי.

— אבער איך האב ליב אן אנדער בחור, — האט זיך מרים געבעטן בא דער מומען.

— יא, איך ווייס, קינד. איך האב אויך ליב געהאט א בחור, אבער איך האב ניט חתונה געהאט פאר דעם, וואס איך האב ליב געהאט. ליב האבן איז עפעס אנדערש און חתונה האבן איז עפעס אנדערש, מרים טאכטער.

— אבער ער איז מיר פרעמד, מומע ביילע...

— ער וועט דיר ווערן נאענט, קינד. מיין מאן איז מיר געווען פרעמד די ערשטע צייט, און איך האב אויך געוויינט, פונקט ווי דו וויינסט איצטער. אבער אזוי איז שוין אונזער מזל, מרים טאכטער.

— אבער ווי קאן איך זיך צווינגען?

— דארפסט זיך ניט צווינגען, קינד. טו דאס מיט שכל, וועסטו זיך ניט צווינגען. איר וועט האבן קינדער, וועט דיר זיין ליב דאס הויז, און ליב דער מאן און וועסט זיך דערמאנען אין פריידן דיינע צרות.

— איך וויל ניט, מומע, כ׳וויל ניט.

— וויין ניט, קינד. טויזנטער מיידלעך וואלטן זיך געוואונטשן צו זיין אף דיין פלאץ. און דאס וואס ער איז א ביסל עלטער פון דיר, טאכטער, שאדט אויך ניט. פארקערט, ס׳איז גאר א מעלה.

— אַ, מומע ביילע !...

— פון דיין טובה וועגן טאַכטער, פאַר דיין קראַנקער מאַמען און פאַר די איבעריקע יתומים. און וויסן זאָלסטו, קינד, אַז ס'רעדט צו דיר איצט אַן עלטערער מענטש, וואָס האָט שוין געלעבט מערער פון דיר. איך האָב זיך שוין געגנוג אָנגעזען אין לעבן, און איך ווייס, אַז אין אָרעמקייט שטאַרבט אָפּ די ליבע. פאַרקערט, מען ווערט זיך בלוטיקע שונאים. וויין זשע ניט, קינד, ס'וועט דיר נאָך זיין גוט.

ס'וועט איר נאָך זיין גוט, מרים'ען. אָבער ווי אַזוי קאָן איר שוין זיין גוט אָן מאַיקל'ען ? און וואָס אַזוינס הייסט מאַן און ווייב, אַז ס'פאַרבינדט זיי ניט דער געפיל פון גרויסער פריינטשאַפט ? איר טאַטע און מאַמע זיינען זיך אויך געווען פריינט איינער צום אַנדערן.

— בעסי, אוי, בעסי, — האָט ער גערופן דער מאַמען, ווען ער האָט געפילט שלעכט.

— וואָס איז, שמערל ? — האָט די מאַמע אַלץ געוואָרפן פון די הענט און געאיילט צום טאַטן.

— אַ ביסעלע לופט, בעסי, — האָט דער טאַטע זיך געקלאָגט פאַר איר.

מרים דערמאָנט זיך נאָך עפּעס. צוריק מיט יאָרן. זי איז נאָך געווען אַ יונג קינד. דער שלאָף האָט זיך דעמאָלט פון איר אָפּגעטאָן. זי האָט זיך צוגעהערט צו דער פינצטערניש. אין אַלקערל האָט דער טאַטע גערעדט צו דער מאַמען. זי האָט געהערט דעם קלאַנג פון קושן זיך. זי איז פאַרציטערט געוואָרן מיט בושה. אַזאַ גרויסע אומפאַרשטענדלעכקייט פאַר איר קינדערשן מוח. זי האָט דאָס נאָכדעם געוואָלט פאַרגעסן, אָבער זי האָט דאָס ניט געקענט פאַרגעסן.

און נאָך אַ פאַל : ווען דער טאַטע האָט געמוזט בלייבן אין הויז צוליב זיין קראַנקהייט, האָט די מאַמע געפונען אַרבעט אַלס אונטערקעכין אין אַ רעסטאָראַנדל. זי האָט זייער שווער געאַרבעט, און באַנאַכט, ווען זי איז געקומען אַהיים און זיך געזעצט צום טיש, איז איר קאָפּ אַוועקגעפאַלן און זי איז גלייך איינגעשלאָפן.

— שטיי אויף, — וועקט דער טאַטע דער מאַמען מיט אַ געלעכטער. — שטיי אויף שלאָפן, בעסי.

די מאַמע קאָן אים שוין ניט הערן. זי איז שוין פאַרטאָן אין וויטע וועלטן. דער טאַטע טאַרעט זי, די מאַמע פילט גאָרניט. שווער האָבן זיך די אויגן פאַרמאַכט און זי קאָן זיי שוין ניט עפענען. דער טאַטע קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, אַקוראַט ווי ער קלייבט זיך אָפּצוטאָן אַ פאַרברעכן. ער

וויל זען, צי די קינדער קוקן, וואס ער טוט. די קינדער שלאפן, אויסער מרים'ען. אבער דער טאטע מיינט, אז מרים שלאפט אויך.

דער טאטע נעמט אן איר מאמען בא דער טאליע. מיט פארמאכטע אויגן, פונקט ווי א פארשלאפן קינד, אזוי פירט דער טאטע איר מאמען צום בעט. אין אלקערל פאלט אוועק די מאמע אין ווייכן געלעגער, אזוי ווי זי שטייט און גייט. דער טאטע ציט אראפ אירע זאקן, דעקט זי איין. דערנאכדעם שפאנט זיך אוועק דער טאטע אין קיך, דרייט זיך דארטן ארום פון ווינקל צו ווינקל און ברומט זיך אונטער א ניגונ'דל.

און ווער איז ער אזוינער, דער אייב בארנעץ? פון א וואסער וועלט האט ער זיך געיאוועט? און ווי אזוי קאן מען ווערן נאענט צו א מאן, וואס איז אזוי פרעמד? פרעמד מיטן אויסקוק, פרעמד מיט דער אויסשפראך, פרעמד מיטן נאקעטן קאפ, פרעמד מיט די וואנצעס און פרעמד מיט יעדער באוועגונג.

אוי, ווי די דאזיקע נאכט פייניקט זי, מרים'ען. באלד וועט שוין בלייך ווערן די פינצטערניש, באלד וועט שוין דער טראמוויי אנהויבן צו קלינגען אין קלינטאן סטריט, באלד וועלן רעדער זיך צעטראסקען איבער די שטיינער, באלד וועלן די פעדלער אנהויבן צו שרייען און אויסרופן זייערע סחורות, באלד וועט זי מוזן גיין צו דער ארבעט אין פינף־און־צוואנציק־סענט סטאר. דארטן ליידן שטענדיק די יונגינקע מיידעלעך, די פארקויפעריגס, וועגן דער דאזיקער פראגע. זיי ווילן חתונה האבן, חתונה האבן צו רייכע מענער און אויס־געלייזט ווערן פון דער ארבעט. א רייכער מאן זאל זיי געבן א הויז, גענוג צום עסן, שיינע קליידער און בילעטן אין טעאטער און אין די מואוויס.

וואס־זשע זאל זי טאן, מרים? א לעבן מיט א פארמעגלעכן מאן, ווינקט צו מרים'ען און ציט זי צו זיך, א פארמגלעך לעבן אין א גרויס הויז, מיט ליכטיקע ווענט, מיט גרויסע בעטן, מיט קאלירפולע קארפעטס. מען ווארפט אראפ אלע דאגות, מען טרייסלט אפ פון זיך די גרויסע משא פון שווערן לעבן, און עמיצער אנדערש זארגט שוין פאר דיר.

# דער גנב מיטן פינצטערן אויג

די גראָסערי־פרוי, וואָס האָט געשריען געוואַלד דורכן פענצטער, האָט שוין מורא געהאַט זיך אומקוקן אַף צוריק, צום חלל פון הויז. ערגעץ דאָרטן איז געשטאַנען דער גנב מיט אַ פינצטער אויג.

אַפילו ווען דער פּאָליסמאַן איז אַריינגעלאָפן אין הויז, האָט זי נאָך אַלץ מורא געהאַט זיך אומצוקוקן אַף צוריק.

— ווי אַזוי האָט אויסגעזען דער גנב? — וויל דער פּאָליסמאַן וויסן.

— אוי וויי איז מיר, אַז איך וויים גאָרניט, — האָט איר דאָס האַרץ נאָך אַלץ געריסן פון אָרט. — אַז איך וויים גאָרניט. אַזוי ווי איך שלאָף . . . .

— נעוועד מאַינד, ווי אַזוי דו שלאָפסט, — איז דער פּאָליסמאַן אומ־געדולדיק. — דו דערציייל מיר בעסער נאָכן שלאָף.

זי האָט אָבער ניט געקאָנט אָנהויבן מיטן נאָכן שלאָף. זי האָט געמוזט אָנהויבן אַזוי ווי זי שלאָפט.

— איז אַזוי ווי איך שלאָף, פּלוצים דערפיל איך מיר עפּעס ניט גוט אין שלאָף. עס איז מיר מיטאַמאָל קאַלט אין האַרצן. איך עפן פּאַוואָליע די אויגן, אַ מענטש מיט איין אויג קוקט אַף מיר זייער שרעקלעך.

— מיט איין אויג? — וואונדערט זיך דער פּאָליסמאַן.

— יאָ, מיט איין אויג, — באַשטעטיקט די פרוי מיט איבערצייגונג. — איז קוקט ער אַף מיר אַזוי אַ ווײַלע און גיט פּלוצלונג אַ לויף פאַרביי...

דער פּאָליסמאַן האָט זיך גאָרניט געקאָנט דערוויסן פון איר, וואָס און ווען. מען האָט אָנגעצונדן די גאַז־לעמפּ. מען האָט געזוכט אין אַלע ווינ־קעלעך, אָבער ניטאָ דער גנב. ווי אַזוי דער גנב איז אַרויס פון הויז האָט מען גאָרניט געקאָנט זיך פאַרשטעלן. דאָס פענצטער צום פייער־לייטער איז פאַרשלאָסן, פון די איבעריקע פענצטער האָט ער זיכער ניט געקאָנט אַרויס, ווייל ער וואָלט געוועזן צעשמעטערט געוואָרן.

— האָט ער עפּעס באַ דיר צוגע'גנב'עט? קוק זיך אַרום און זע וואָס עס פעלט דיר. — וויל דער פּאָליסמאַן פאַרצייכענען אין זיין ביכעלע וועגן דער פּאַסירונג.

קוקט זי זיך אַרום און עס פעלט איר גאָרניט. זי קאָן ניט וויסן, וואָס

אזוינס מען האָט באַ איר צוגע׳גנב׳עט. זי איז אַזוי צעמישט, אַז זי ווייסט גאָרניט. זי ווייסט נאָר, אַז:

— אַזוי ווי איך שלאָף, פּלוצלונג דערפיל איך מיר עפּעס ניט גוט אין שלאָף. עס ווערט מיר מיטאַמאָל גאָר קאַלט אין הארצן... און אַזוי ווייטער און ווייטער.

די גאַז־לאָמפּן האָבן שוין געברענט אין דעם הויז ביז אינדערפרי. אַ שכנה האָט מיט איר געמוזט בלייבן אין הויז, ווייל אין יעדער ווינקעלע איז געלעגן פאַרבאַהאַלטן דער גנב מיטן פינצטערן אויג. אונטערן בעט איז געלעגן דער גנב, אונטערן טיש, אפילו אין שופלאָד איז געווען אַ גנב. זי האָט מורא געהאַט גיין עפענען דעם שופלאָד, ווען זי האָט געדאַרפט ארויס־נעמען אַ האַנטוך.

— איז וואָס זשע האָט ער באַ אייך צוגע׳גנב׳עט? — ווייל אויך וויסן די פרוי.

— איך ווייס גאָרניט. אַזוי ווי איך שלאָף, ווערט מיר עפּעס ניט גוט...

אינדערפרי, ווי אַזוי נאָר די שכנה איז אַוועק צוריק צו איר וואוינונג, איז פּלוצלונג דאָס גאַנצע הויז ווידער דורכגעשניטן געוואָרן פון אויבן ביז אַראָפּ מיט אַ האַרץ־רייסנדיקן געשריי פון דער זעלבער פרוי. האָבן די שכנים אָנגעהויבן לויפן אַפן פינפטן שטאָק. מען האָט געמיינט, אַז אפשר איז איצט דער גנב ארויס פון זיין באַהעלטעניש. אָבער ניט דאָס איז געווען די אורזאַך. אַ בייטל מיט פיר און דרייסיק דאָלאַר האָט מען באַ איר צוגע־גנב׳עט. זי האָט זיך ערשט איצטער געכאַפּט, און דערפאַר יאָמערט זי אַזוי.

— ווי איז מיר און ווינד איז מיר, די גאַנצע טאָג־לייזונג, בלוטיקע געלטער. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז עס פעלט מיר עפּעס, ווייל ווי איך גיי אַזוי צו צום דרעסער און גיב אַ קוק . . .

## ווי אַזוי מויש האָט פאַרטאָן זיין חלק גנבה

אַלע פּנים׳ער מיט די שרייענדיקע העלזער אין די פענצטער פון יענעם פאַרשאָלטענעם הויז זיינען געווען פּונקט ווי פּנים׳ער פון חיות צו די דאָזיקע פינף געיאָגטע אינגלעך. פיינטלעכע פּנים׳ער האָבן געשריען און געליאַרעמט אַף זייערע לעבנס. אַלע האָבן געוואָלט ברענגען אַף זיי אומגליק. אָבער די פינף חברה׳לייט האָב זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם הויף, אַריינגעלאָפן אין אַ ליידיקן קעלער, פון קעלער אַף אַן אַנדער גאַס, פון דאָרטן אַף נאָך אַן אַנדערער גאַס, און מען איז שוין זיכער. אָבער וואו איז לואי? זיינע שיך זיינען דאָ, אָבער ער איז ניטאָ. מען האָט זיי ניט אַוועקגעוואָרפן, די שיך. מען האָט זיי מיטגעטראָגן מיט זיך, ווי אַ טייערן אָנדענק נאָך דעם ליבן חבר, וואָס איז געפאַנגען געוואָרן פון די מענטשן מיט די שרייענדיקע צעקרימטע פּנים׳ער.

טאַם-טאַם-דראַם, טאַם-טאַם-טאַם — וואַקסט אויס לואי אינמיטן דערינען און קלאַפּט אויס מיט די פיס אין די זאָקן זיין באַליבטן טאַנץ. ער איז דאָ. בעניטאָ האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אַף אים, און אים נאָס געמאַכט דאָס גאַנצע פּנים מיט זיינע קושן. אפילו מאַיק האָט אים אַרומגעכאַפּט, דעם געראָטענעם לואי׳ן, דעם העלד.

ער האָט געוואוסט וואו די חברים דאַרפן זיך געפינען. מען האָט טאַקע אַזוי פריער אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז אויב ס׳איז „טראָבל" און מען דאַרף זיך צעלויפן, זאָל מען זיך טרעפן אַלע אונטערן בריק, אונטער אַ געביידע מיט אַ בלינדער וואַנט.

— ווי אַזוי־זשע האָסטו דאָס געמאַכט? — וויל בעניטאָ וויסן.

— גאַנץ פּשוט, — ציט לואי אַרויף אַף זיך זיינע שיך. — איך האָב מיך אַרויסגעשפּאַנט דורך דער טיר.

יאָ, ער האָט אַרויסגעשפּאַנט דורך דער טיר, אויפגערוקט דאָס קייטעלע און אַראָפּ מיט די טרעפּ. ווען ער איז שוין געווען אַף דער גאַס, ערשט ער ניט אַ קוק — אַ „קאָפּ" (פּאָליסמאַן).

— אַ קאָפּ? — דערשרעקט זיך בוטשי.

— איז וואָס־זשע איז, אַז ס׳אַ קאָפּ? — ווערט לואי ניט נתפּעל. — אָט בין איך דאָ.

פיר און דרייסיק דאָלאַר — אַ גאַנצער אוצר. מען האָט זיך צעטיילט גלייך אַף גלייך. מען האָט אפילו לואי׳ן געוואָלט געבן אַ גרעסערן חלק, האָט ער זיך באַליידיקט, לואי, און פּראָטעסטירט. ער וויל ניט זיין קיין אויסנאַם. ווייל היינט גייט ער, מאָרגן וועט זיין אַן אַנדערער.

— ניין, חברה, דאָס וועט ניט גיין. ווער, מיינט איר, בין איך אייך?

— האָט לואי זיך געקאָכט.

דערפאַר האָט שוין מויש געגעסן. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געהאַלטן אין איין עסן. געגעסן צוזאַמען מיט דער חברה און אָן דער חברה. ער האָט זיך פאַרגונען איצט אַלע די דאָזיקע געשמאַקע זאַכן באַ די פּעדלערס אַף די פּושקאַרטס און אין די שוי־פענצטער פון די רעסטאָראַנען. אַלע געשמאַקע זאַכן, וואָס ער האָט זיי אַלע יאָרן געזען מיט די אויגן, אָבער דערגרייכן זיי האָט ער ניט געקאָנט. באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט זיך אַריינצוכאַפּן איינער אַליין, אָן דער חברה, צו „שימעלע׳ס קנישן" רעסטאָראַן אַף האוסטאָן סטריט. די דאָזיקע שימעלע׳ס קנישעס זיינען געווען אַ גרויס נאַשעריי פאַר די קינדער פון דעם געגנט. קנישעס פון קאַרטאָפלעס, קנישעס פון קעז און פון רייז, און פון קאַשע, און פון וואָס ניט?

די פרישטשעס אַף זיין פּנים זיינען געוואָרן לייטישער. זיי זיינען געוואָרן בלאַסער און רואיקער. ניט אַזוינע רויטע און סטראַשנע. ליוסי׳ן האָט ער געגעבן אַ גאַנצן קוואָדער, אָבער ליוסי האָט זיך ניט געגלויבט, יוען ער האָט אויסגעשטרעקט צו איר זיין האַנט מיטן קוואָדער. זי האָט געמיינט, ליוסי, אַז ער רייצט זיך מיט איר, און אַז זי וועט וועלן אים נעמען, וועט ער פאַרמאַכן די האַנט. נאָכדעם ווי ליוסי האָט שוין גענומען דעם קוואָדער, איז זי נאָך אַלץ ניט געווען זיכער מיט אים. אַ גאַנצן טאָג האָט ליוסי געהאַלטן באַ זיך דעם קוואָדער און מורא געהאַט אים אויסצוגעבן. זי האָט דערוואַרט יעדע מינוט, אַז איר ברודער וועט קומען און אים מאָגען צוריק, און וועט זי נאָך שלאָגן אויך אויב זי וועט ניט וועלן אָפּגעבן. איז איר געווען שווער די דאָזיקע גרויסע מטבעה. עפּעס אַ פרעמדער קוואָדער, וואָס מען מוז זיך האַלטן מיט אים און קיין נחת פאַרשאַפט ער ניט. ביז זי איז געפאַלן אַף אַ קונץ. אַ, ליוסי האָט וואונדערבאַרע איינפאַלן אַזוינע. זי איז צוגעגאַנגען צו איר ברודער און אים געזאָגט:

— דו ווייסט, מויש, וואָס איך האָב געקויפט פאַרן קוואָדער?

— וואָס? — האָט איר ברודער גוטמוטיק זי איבערגעפרעגט.

— פינף אייז־קרימס האָב איך מיר געקויפט, — האָט ליוסי מיטאַמאָל אויסגעשאָסן, און אירע אייגעלעך—רינגעלעך זיינען געגאַנגען כאָראָם,

צו זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע רייד האָבן געמאַכט אַף איר ברודער.

— גאַנצע פינף אייז־קרימס? — האָט זיך מויש צעלאַכט.

— יאָ, גאַנצע פינף אייז־קרימס, — האָט זיך ליוסי אויך צעלאַכט.

האָבן זיי ביידע געלאַכט און געלאַכט. זיי האָבן זיך אַזש געהאַלטן בא די זייטן פון געלעכטער.

# בענעדיקט וויינבערג און דער גאַניק

ס'איז שוין נאָענט צו האַרבסט. די וואַל־קאַמפּאַניעס פון די צוויי הויפּט־פּאַרטייען אַף דער איסט־סאַיד, די סאָציאַליסטישע און די דעמאָ־קראַטישע, צעוויקלען זיך שטורמישע און פייערדיקע. ביידע פּאַרטייען רודערן אויף אַלע גאַסן, מיט ליטעראַטור, מיט מיטינגען, מיט פּערזענלעכע קאָנטאַקטן.

בשעת די וואַל־קאַמפּאַניע האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָט וויינבערג כסדר געזוכט מיטלען, ווי אַזוי פּאָפּולער צו מאַכן זיין נאָמען צווישן די אידן פון דער איסט־סאַיד. איז אים דעמאָלט איינגעפאַלן די דאָזיקע אידייע וועגן דעם גאַניק. אַף קלינטאָן סטריט האָט ער געדונגען אַ גאַניק. צוליב דעם גאַניק האָט ער שוין אויך געמוזט דינגען אַ צימער.

די גאַנצע לענג פון גאַניק האָט ער באַהאַנגען מיט אַ גרויסער ריזיקער בילד פון זיין אייגענער וויניקייט, און אונטן, אונטערן בילד, אָנגעשריבן אין אידיש און אין ענגליש: „ערווײלט פאַר אַסעמבלימאַן דיזען ערלעכען מאַן". אָבער ניט אַף אַרויסצוהענגען דאָס בילד האָט בענעדיקט וויינבערג נעדאַרפט דעם גאַניק. ער האָט אים געדאַרפט האָבן פאַר גאָר אַן אַנדער צוועק. ער האָט דעם צימער, וואָס ער האָט דאָרטן געדונגען, אויך געדאַרפט פאַר גאָר אַ באַזונדערן צוועק.

אַ פּאָר וואָכן איז דער צימער געשטאַנען ליידיק, און דער קאַנדידאַט פאַר אַסעמבלימאַן האָט אפילו אהינצו ניט אַריינגעשמעקט. ניט אַף צו נעכטיקן האָט ער געדאַרפט האָבן דעם צימער. ער האָט ברוך־השם וואו צו נעכטיקן. אין איסטערן פּאַרקוועי האָט ער אַזאַ פיינע און געראַמע היים, מיט אַזאַ טייערער ווייב און נאָך טייערערע קינדערלעך. אָבער איינמאָל אַ פאַר־נאַכט איז געקומען בענעדיקט וויינבערג אין זיין געדונגענעם צימער אַף קלינטאָן סטריט, זייער העפלעך זיך באַגריסט מיט דער מיסעס וויינבלאַט, די ווירטן, און געזאָגט, אַז ער איז אַזוי מיד, אוי, ווי מיד ער איז, און ער דענקט, אַז ער וועט זיך גלייך גיין לייגן שלאָפן. צוליב דעם טאַקע האָט ער זיך מיט־געבראַכט אַ פּעקעלע: פּאַדזשאַמעס, אַ שלאָף־ראָק און שטעק־שיך.

די מיסעס וויינבלאַט האָט זיך אפילו געוואונדערט, וואָס אַזוי פרי, און ער וויל זיך שוין לייגן שלאָפן. אָבער אַז ער איז אַזוי מיד, און אַ רעכט

אף זיין צימער האָט ער דאָך אויך, איז אדרבא. האָט מען שוין דאָרטן אין דעם הויז געשפּאַנט אַף די שפּיץ־פינגער, און ווען אַ קינד האָט אָנגעהויבן טומלען, האָט מען צוגעלייגט אַ פינגער:

— ש־ש־ש! מיסטער וויינבערג שלאָפט.

מיסטער וויינבערג איז גראָד ניט געשלאָפן, און מיד איז ער אויך ניט געווען. פאַרקערט, אַלע זיינע חושים זיינען געווען וואַך. ניט נאָר האָבן זיינע אויערן זיך צוגעהערט צום אינדרויסן, נאָר אַפילו זיין האַלז און נאַקן האָט זיך צוגעהערט, און די אויגן האָבן זיך צוגעהערט. אין ראָזעווע פאַ־דזשאַמעס מיט גרינע שטרייפן איז ער זיך געלעגן אַפן בעט און געווען וואַך צום אינדרויסן. מילא, וואָס קאָן מען טאָן, אַ פּאָר שטונדן פּרייוויליקע געפּענגעניש וועט אים ניט שאַטן. און דערנאָכדעם, אַז אַלעם וועט אַריבער, אַזוי ווי ער האָט אויסגעפּלאַנעוועט, וועט ער זיך פאָרן אַהיים צו זיין ליבער ווייב און צו זיינע טייערע קינדערלעך, און מען וועט זיך שוין ערשט דעמאָלט גוט אויסרוען.

אין דערזועלבער צייט, ווען בענעדיקט וויינבערג האָלט אין „שלאָפן" אַזוי געשמאַק, קומט פאָר אין קלינטאָן האָל אַ גרויסער סאָציאַליסטישער וואַל־מיטינג. דער קאַנדידאַט פאַר אַסעמבלימאַן אַליין דאַרף דאָרטן ריידן פאַר די פאַרזאַמלטע. דער קאַנדידאַט פאַר אַסעמבלימאַן, גענאָסע קאַדיק, איז געווען דעמאָלט זייער פּאָפּולער אין דעם געגנט. ער איז געווען פאַרבונדן מיט איינער פון די איינפלוסרייכסטע צייטונגען פון יענער צייט. פילע אימיגראַנטן האָב אים נאָך געקאָנט פון דער היים. ער האָט גע׳שמ׳ט אין אַ גאַנצער גובערניע. אַ פייערדיקער פירער געווען נאָך אין דער אַלטער היים. אין אַמעריקע האָט ער די ערשטע צייט נאָך אָנגעהאַלטן דעם רעוואָ־לוציאָנערן אימפּעט, די אידעאַליסטישקייט, און די מאַסן האָבן אים זייער ליב געהאַט. שפּעטער מיט יאָרן, ווען ער האָט געקראָגן זייער אַ גוטע שטעלע אין דער דאָזיקער איינפלוסרייכער אידישער צייטונג, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן, אַ שטעלע מיט זייער אַ גרויסן געהאַלט, האָט ער פאַרלוירן זיין רעוואָלוציאָנערן געוויסן, און די מאַסן האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים. אָפּגעקערט מיט ווייטיק און געהאַט פיל פאַרדרוס, וואָס אַזאַ פייאיקער פירער און בריליאַנטענער רעדנער איז פאַר זיי פאַרלוירן געגאַנגען.

יענעם אָוונט האָט מען געהאַלטן אין איין שטראָמען פון אַלע גאַסן אין קלינטאָן האָל. דער גרויסער זאַל איז אינגיכן געוואָרן איבערגעפּאַקט און מען האָט געמוזט פאַרשליסן די טירן פאַר נאָך גרעסערע מאַסן, וואָס האָבן שוין ניט געקאָנט אַריינגיין אינעווייניק.

אָבער מאַיק מיט זיין חברה זיינען שוין גראַד יאָ געווען אינעוויינִיק. דער שעריף פון האָל מיט דעם גראָבן בויך, וואָס איז געווען אַ באַרימטע פּערזענלעכקייט אין קלינטאָן סטריט, און וואָס האָט געקאָנט אַכטונג געבן אַף אַ גרויסן מאַסן־מיטינג, ער זאָל דורכגיין אין אָרדענונג, האָט באַ דעם מיטינג גראָד אַלץ פּאַרקוקט. ער האָט אַפּילו געזען, ווי מאַיק מיט דער חברה האָבן זיך דורכגעגליטשט, און דער שעריף איז געווען זיכער, אַז זיי האָבן עפּעס מיט זיך אין די קעשענעס. אָבער וואָס קאָן מען טאָן? אַז מען גיט אַ וואונק פון אויבן, מען זאָל זיך ניט מאַכן וויסנדיק, מאַכט ער זיך טאַקע ניט וויסנדיק.

מיט שטורמישע אָוואַציעס האָט מען אויפגענומען גענאַסע קאַדיק'ן. ער איז אַרויס אַזאַ אַנגענעמער צו די מאַסן, אַזאַ באַצויבערנדיקער. פילע האָבן אים געזען צום ערשטן מאָל, אָבער זיין נאָמען האָבן זיי געקאָנט נאָך פון דער היים. באַ פילע איז ער געווען אַ לעגענדאַרע פּערזענלעכקייט, אַ מענטש, וואָס האָט צוליב זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין יאָר 1905 געהאַט מערער מאַכט אין זיין שטאָט, ווי די רעגירונג אַליין. איצטער שטייט ער פאַר זיי אַן אַנגענעמער, אַ געלאַסענער, און הויבט אָן זיין רעדע מיט אַ קיל קול. אַ פרישע קילע שטימע, וואָס צעוואַרעמט זיך, ווערט פייער־דיקער און שטורמישער, וואָס כאַפּט אַרום יעדן איינעם. ס'איז שטיל אין זאָל, אַלע מענטשן — איין אויער. אינמיטן דערינען הויבט זיך אויף אַ בחור מיט אַן אָפּגעריסענעם אויער. בלויז פון זיין אויפהויבן זיך האָט מען געקאָנט דערקאָנען, אַז דאָס איז אַ שטערערישער מענטש.

— סיט דאַון! — האָבן אַלע אָנגעהויבן שרייען אַף אים.

מאַיק קוקט אַף דעם גאַנצן עולם חוצפּה'דיק און בייז. זיינע ברעמען נעמען זיך צונויף מיט שלעכטסקייט און דער שטיקל פון זיין אָפּגעביסענעם אויער הויבט אָן צו פייערן.

— סיט דאַון, סיט דאַון! — טופּעט מען מיט די פיס.

— איך וויל עפּעס פרעגן דעם מיסטער רעדנער, — גיט ער אַ שפּרונג־אונטער און שרייט אַריבער זיינע ווערטער העכער פון אַלע אויסגעשרייען.

— סיט דאַון! סיט דאַון!

— זאָל ער פרעגן, זאָל ער פרעגן! — רעוועט בוטשי איבערן גאַנצן זאָל, און עס האַלטן אים אונטער אַלע איבעריקע חברה, געדונגענע פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פאַר דעמזעלבן צוועק.

עמיצער איז געלאָפן רופן דעם שעריף, אָבער דער שעריף איז גראָד איצט ניטאָ. אָט נאָר וואָס, ערשט־אָ, פריער געווען, אָבער גראָד איצט איז ער ניטאָ.

די חברה־לייט ווארפן שטולן. עס ווערט א מהומה, א געדראנג. היימי אבער שטייט אן א זייט. ער האט דא א באזונדערע מיסיע און ער ווארט נאך צו א ווײַלע. די קאמיטעט־לייט ווארפן זיך אף די שלעגער. פּילע ארבעטער, דערצארנט פון די אריינדרינגער, לויפן מיט בענקלעך אין דער הויף. די שוואכערע לויפן אינדרויסן, אבער די גרויסע מערהייט בלייבט נאך.

— צעבלוטיקט זיי, צע׳מזיק׳ט זיי! — שרייט מען פון אלע זייטן.

— באהערשט זיך, גיט זיי ניט קיין געלעגנהייט, — קלאפּט דער רעדנער מיט א הילצערנעם האמער איבערן טיש.

דעם רעדנער׳ס קול ווערט אבער פארלוירן אין דעם גרויסן געדראנג און געווירבל. איז פּלוצלונג גיט היימי עפּעס א לאז אראפּ מיט קראפּט אף דער ערד און א שטיקנדיקער רויך הויבט זיך אויף אין דער לופטן און צעשפּרייט זיך איבערן גאנצן דושנעם זאל. איצטער לויפן שוין אלע. מען ניסט, מען הוסט, מען שטיקט זיך, ס׳טרערן די אויגן. מען טרעט איבער קעפּ. די טיר איז צו קליין פאר דעם גרויסן געדראנג.

מען יאגט פון קלינטאן האל אף דער גאס ארויס. אפילו אף דער פרישער לופט בייסט נאך אלץ אין די נאזלעכער און הונדערטער מענטשן ניסן און הוסטן. אין דער מינוט פארט אן א טראק מיט פויקן און מיט טרובעס, און מיט ברענענדיקע שטורקאטשן. א פרייליכער בחור פון טראק מיט א ברענענדיקן שטורקאטש אין דער האנט רופט דעם עולם צום נעקסטן בלאק:

— קומט, לאמיר אלע גיין צו דער הויז וואו בענעדיקט ווײַנבערג וואוינט, — שרייט ער צום עולם. — ער איז איינער פון אונזעריקע. ער איז אזא ארעמער מענטש פונקט ווי איר אלע. לאמיר אים ארויסרופן פון זיין הויז, ער זאל ריידן צו אונז. ער וואוינט ניט אין קיין רייכן געגנט, ווי דער סאציאליסטישער קאנדידאט מר. קאדיק, וואס קומט צו אונז פון דער פינפטער עוועניו אף דער איסט־סאיד און זאגט כלומרשט, אז ער איז איינער פון אונזערע. קומט צו דעם ריכטיקן מאן, צו דעם מאן וועמען אלע האבן ליב.

— קום, דו לויזער! — פּטראשעט מאיק א פעדלער פון קלינטאן סטריט.

— קום, דו סאנאוואו... — דראעט בוטשי דעם קרעמער פון פּרויען־אונטערוועש. — קום! אז ניט, דערלאנג איך.

— קום! — וויל בוטשי שלאגן אן אנדער אידן.

— קומט מיט אונז, — פּאכעט דער פרייליכער בחור פון טראק מיט זיין ברענענדיקן שטורקאטש.

די מוזיק שפּילט א לוסטיקן מארש. די גאסן־קינדער שרייען הור־ר־א

און ס'ציט זיך א גאנצע פראצעסיע פון אידן, אייניקע מיט געוואלד געשלעפט, אייניקע פרייוויליק צוליב נייגעריקייט וועגן, אייניקע פארכאפט פון דער מוזיק און פון די ברענענדיקע שטורקאטשעס און אייניקע, וואס האבן טאקע געהאלטן פון בענעדיקט וויינבערג'ן.

בענעדיקט וויינבערג וויל נעבעך אזוי שטארק שלאפן. ער איז אזוי מיד, און די וועלט „באדערט" אים, די וועלט. מען שרייט פון דער גאס:

— מיר ווילן בענעדיקט וויינבערג'ן! מיר ווילן בענעדיקט וויינבערג'ן!

קלאפט די פרוי פון הויז בא בענעדיקט'ן אין טיר:

— מיסטער וויינבערג, מיסטער וויינבערג!

— הא? — מאכט ער פון דארטן א פארשלאפענער. — וואס איז, וואס איז געשען?

— מר. וויינבערג, — לאזט אים וויסן די מרס. וויינבלאט, — דער עולם וויל אייך. מען וויל איר זאלט ארויסגיין צו זיי.

— אפילו שלאפן לאזט מען מיך אויך ניט, — גענעצט ארויס פון דארטן מר. וויינבערג מיט פארדרוס.

בעט זיך בא אים נעבעך רחמים די פרוי, אז ער זאל איר פערזענלעך טאן א טובה און ארויסגיין צו די מענטשן. מען וועט איר נאך דאס הויז צעטראגן. נו, זעט שוין מיסטער וויינבערג איין, אז ס'וועט אים גארנישט ניט העלפן, מוז ער נעבעך שוין ארויסגיין. אין גרינעם שלאפראק, ארויפגעטאן אף די פאדזשאמעס, גייט ער ארויס א באשיידענער און פארשעמטער און זאגט צום עולם:

— עקסקיוז מי.

— הורדא! — יובלט דער עולם, — הורדא!

ער געפעלט דעם עולם אויך אין שלאף־ראק. אן אמת'ער פריינט פון פאלק, וואוינט זיך אין זייער גאס, וויל נעבעך שלאפן.

— הורדא, הורדא!

שטילט זיי איין מר. וויינבערג מיט זיין לייטיש הענטעלע, בויגט זיך איבער פון גאניק צו דער גאנצער מאסע אונטן און פארענטפערט זיך פאר זיי. זאלן זיינע ליבע פריינט אים אנטשולדיקן פאר זיין הולך, ווייל ער איז מיד פון א גאנצן טאג ארומלויפן — טאן טובות דער וועלט.

— איר ווייסט דאך, אן ארעמער פעדלער ווערט ארעסטירט פאר גארנישט, קאן מען דאך ניט לאזן קיין אידן שמאכטן אין געפענגעניש, און נאך דארטן קלייניקייטן. און דאס וואס איר זיינט אלע געקומען צו מיר,

פרייט מיך זייער און זייער, אָבער איך שעם זיך פאַר אייך, גלייך פון בעט אַרויס.

דערנאָכדעם, אַז ער האָט זיך שוין גוט פאַרענטפערט פאַרן עולם, בענע־דיקט וויינבערג, האָט ער ערשט געהאַלטן אַ דרשה פאַר זיי. פון אַלע אָפענע פענצטער אין די טענעמענט־הייזער אַנטקעגן און פון די נאָענטע הייזער האָט געהערט זיין רעדע, און צו דער באַגייסטערונג איז גאָרניט געווען קיין סוף.

# ווי אזוי אייב בארנעץ איז אנטלאָפן קיין אמעריקע

ניט מרים איז אים געקומען צו חלום, אייב בארנעצ'ן, יענע נאכט, נאָר אניוטא איז אים געקומען צו חלום. א מאָדנער חלום אזא און אניוטא איז גאָר א פּאסירונג פון זיינע ווייטע פארגעסענע קינדער־יאָרן. דער חלום איז געווען אזא משונה'דיקער.

יענעם אָוונט איז אים די מומע ביילע געקומען זאָגן, אז ער זאָל נאָך א מאָל גיין פּרובירן, אפשר וועט עס גיין. נאָכדעם, אז ער האָט זיך געלייגט שלאָפן א גליקלעכער, טראַכטנדיק וועגן מרים'ען, איז אלצדינג צעדרייט געוואָרן, און ס'האָט זיך באקומען אזא מאָדנעקייט.

אניוטא איז אים געקומען צו חלום. מיט דעם לאנגן געהארכזאמען האלז, מיט מענטשלעכע אויגן האָט זי געקוקט אַף אים. זי האָט ארויפגעלייגט דעם האלז אַף זיינעם און דער רוקן בא איר האָט אויפגעציטערט.

:: :: ::

א שווערע קינדהייט האָט געהאט דער אייב בארנעץ, א געיאָגטער וואָלף. ער האָט שטענדיק זיך געריכט אַף קלעפּ. פּיוויש דער רויטער, זיין באלעבאָס, האָט אים געשלאָגן. פרעמדע באלעגאָלעס האָבן אים געשלאָגן. דער זשאנדאר אַף דער סטאנציע האָט אים געשלאָגן. אלע האָבן אים געשלאָגן פאר זיין מיאוס'ער טבע צו גנב'ענען. גע'גנב'עט האָט ער קלייניקייטן. די הויפּטשוואכקייט זיינע איז געווען צו קאָלבאס, פעטער קאָלבאס. טאקע מיט א קאָלבאס האָט אים א דיקער קאָלבאסניק געשלאָגן. אים נאָכגעלאָפן איבערן גאנצן מארק און אים געשלאָגן מיטן קאָלבאס איבערן קאָפּ. אז ער איז אומגעפאלן, אברהמ'ל, האָט אים דער קאָלבאסניק אויפגעהויבן און אים ווייטער געשלאָגן. געשלאָגן אין פּנים אריין און געשריען:

— נא טאָבי קאָלבאס! אָט האָסטו דיר קאָלבאס, אָט האָסטו דיר!

פון דעמאָלט אָן איז שוין זיין צונאָמען געווען „קאָלבאס". אין אמעריקע אָבער, האָט אים שוין קיינער ניט גערופן „קאָלבאס", א חוץ איינמאָל אַף פּרינץ סטריט האָט אים באגעגנט א לאנדסמאן און א געשריי געטאָן צו אים:

— ווּעמען זע איך? אברהמ'עלע קאָלבאס!

איז ער אנטלאָפן פון זיין לאנדסמאן, אייב בארנעץ. אוועקגעיאָגט זייער שנעל.

אייב בארנעץ איז אלס קינד געבליבן א קיילעכדיקער יתום. ער איז דערצויגן געוואָרן אין א שטאַל בא פּיוויש דעם רויטן צווישן די פערד. אָן אונטערשמייסער געווען בא פּיוויש דעם רויטן. דערפאַר איז אים אזוי ליב דער ריח פון פערד. אינעם ריח פון פערד איז ער אזוי געשמאַק געשלאָפן און געזופּט פון מידקייט. מיטן ריח פון פערד האָט ער געגעסן מיט גרויס טעם ברויט מיט קנאָבל. ער פאַרשטייט די שפּראַך פון פערד נאָך בעסער, ווי די מענטשלעכע שפּראַך. ער קאָן זיך מיט זיי גוט אויס׳טענה׳ן. מען דאַרף גאָרנישט ניט פאַרמאָגן קיין סך ווערטער. מיט דער האַנט קאָן ער צו זיי ריידן. מיט א גלעט איבערן רוקן. מיט א טאַפּ איבערן בייכל.

אניוטא האָט אים ניט גערופן „אברהמ׳עלע קאַלבאַס״. זי האָט אים געלעקט די האַנט, געלעקט דאָס פּנים און אין די אויגן. א שקאַפּקעלע מיט דינע פיסלעך און מיט א לאַנגן געהאָרכזאַמען האַלז. א האַלז אזא, וואָס האָט געקוקט צו דער ערד. אניוטא האָט קיינמאָל ניט פאַרריסן דעם האַלז, ווי אַנדערע פערד טוען, ווען זיי דראָדלען זיך אָן, ווען זיי ווערן מיטאמאָל שטאָלץ און ווילד, טרייסלען מיט די גריוועס און נעמען זיך איבער. זי האָט זיך קיינמאָל ניט איבערגענומען, אניוטא, און איז געלאָפן אין שפּאַן זייער געהאָרכזאַם און געטריי.

א געל שקאַפּקעלע מיט ווייסע פלעקן צווישן די אויגן, לויפט זיך מיט חנ׳עוודיקע טריט. און ער, אברהמ׳עלע, זיצט אפן רוקן און שפּרינגט אונטער. ער גלעט איר האַלז און מאַכט:

— אָליאַ, אָליאַ.

זי פאַרשטייט זיין „אָליאַ״ און זי פילט זיך גוט, דאָס שקאַפּקעלע זיינס. ער ווייסט, אברהמ׳ל, אז זי פילט זיך גוט. פון דעם לייכטן אויפציטערן אין רוקן, ווייסט ער שוין אז זי איז פול מיט נחת־רוח.

— ניוטאָטשקע, קראַסאַוויצע מיינע, — האָט ער זי גערופן.

אז מען האָט פאַרקויפט די קראַסאַוויצע זיינע, איז אים באַפאַלן אזא אומעט. ער האָט געוויינט מיט טרערן נאָך זיין אניוטאָטשקע׳ן, ווי נאָך א געטרייער שוועסטער. מען האָט זי פאַרקויפט אין א ווייטער שטאָט.

אברהמ׳ל האָט אונטערגעצונדן פּיוויש דעם רויטנ׳ס הויז, זיין באַלעבאָס׳ הויז, אוועקגעלאָזן מיטן רויך. א גרויסער פייער איז דעמאָלט געווען. ער האָט אַרויסגע׳גנב׳עט פון א שופלאָד דאָס גאַנצע געלט, פּיוויש׳ס, און אַנטלאָפן. אז ער איז שוין געווען אפן וואָקזאַל, האָט דאָס הויז נאָך גע־האַלטן אין ברענען. דער פייער פון ברענענדיקן הויז האָט זיך מיט אים געזעגנט. א שיינער פייער געווען. אז די באַן האָט זיך גערירט און זיך

געלאָזט לויפן אין דער ווייטער וועלט מיט אים, מיט אברהמ׳לען, האָט ער נאָך לאַנג, לאַנג געזען דעם פייער.

ער איז געוואָרן אַ לייט אין אַמעריקע. אָנגעהויבן מיט איין פּאָר פערד און אַ וואָגן. געפירט פּרוכטן צו פּאַרקויפן אין די קריסטלעכע געגענטן. געפירט פיש, קאַרטאָפל און גרינוואַרג. זיי האָבן אים דאָרטן ליב באַקומען, די קריסטלעכע פּרויען. קיינער האָט אים שוין ניט גערופן „אברהמ׳על׳ע קאַלבאַס". קיינער האָט אים שוין ניט געשלאָגן. מען האָט אים שוין גערופן „מיסטער באַרנעץ", פאַרקירצט פון „באַרנעצקי".

און אַז עס האָט אים אָנגעהויבן צו גיין גוט אין אַמעריקע, האָט ער זיך געדונגען אַן ארויסהעלפער. נאָכדעם, אַז אים איז געגאַנגען נאָך בעסער, האָט ער איבערגעגעבן דעם ארויסהעלפער דעם גאַנצן וואָגן מיט די פערד, און אַליין האָט ער פאַר זיך געקויפט אַן אַנדער וואָגן מיט אַ פּאָר פערד. דערנאָכדעם האָט אים אָנגעהויבן צו גיין דורך טיר און טויער, און ער האָט דערגרייכט דאָס, וואָס ער פאַרמאָגט איצט.

אויף צוויי בלאָק ציט זיך זיין רייכטום — פּושקאַרטס, און וועגענער, און פערד.

:: :: ::

ניט מרים איז אים געקומען צו חלום, אייב באַרנעצ׳ן, יענע נאַכט, נאָר אַניוטאַ. נאָר איז אים געקומען צו חלום. אַ מאָדנער חלום אַזאַ, און אַניוטאַ איז נאָר אַ דערמאָנונג פון זיינע ווייטע פאַרגעסענע קינדער־יאָרן.

אַניוטאַ איז אים געקומען צו חלום, ס׳שקאַפּקעלע זיינס, מיט דעם גע־האָרכזאַמען האַלז, מיט מענטשלעכע אויגן, האָט זי געקוקט אויף אים. זי האָט ארויפגעלייגט דעם האַלז אויף זיינעם און דער רוקן האָט בײַ איר אויפגע־ציטערט.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן דער נאַכט מיט אַ גרויס פּלאַטער־ניש, האָט אייב באַרנעץ ניט פאַרשטאַנען וואָס ס׳טוט זיך דאָ מיט אים.

# מרים גייט אין וואולוואָירטס צום לעצטן מאָל

דער פרימאָרגן זינגט הײנט צו מרים׳ען. איר לאַנגער װײַסער האַלז איז פול מיט זון. אירע קופּער־רויטע האָר כוואַליען זיך ליכטיקע און אויפגעלאָפּענע. זי גייט הײנט, מרים, זיך באַפרייען. צום לעצטן מאָל גייט זי אהינצו, צו דעם פינף־און־צען־סענט סטאָר. זי וועט זאָגן דאָרטן אין סטאָר, אַז זי גייט אַוועק, און זי וועט באַקומען איר געצאָלט. דערנאָך וועט זי אַוועקגיין ערגעץ אין אַ פּאַרק, זיך צולייגן אַפן גרינעם גראָז און דערפילן די גרויסע פרייד פון באַפרייאונג. דער ליבער בחור מאַיקל האָט זי ניט געקאָנט באַפרייען פון פינף־און־צען־סענט סטאָר־שקלאַפעריי. אַן אַנדערער באַפרייט זי. אַ פרעמדער, אַ װײַטער. זאָל דערוויל זײַן געבענטשט דער פרעמדער און דער װײַטער פאַר דער טובֿה, וואָס ער טוט צו איר, מרים׳ען, און צו איר קראַנקער מאַמען און צו דער גאַנצער משפּחה. די מומע ביילע איז פאַרט גערעכט. אָט מאַכט זי שוין דעם ערשטן טריט פון אַ ניי לעבן.

מ־מ־מ! — זינגט זיך אונטער מרים און אירע קופּער־רויטע האָר צעוויען זיך, באַשײַנט פון דער שטויביקער זון פון דעם קלינטאָן־סטריט פרימאָרגן. מ־מ־מ! — מאַכט זי און וויל זיך גריסן צו דעם פּעדלער פון קעמעלעך, וואָס שטייט אַ פאַר׳דאַגה׳טער לעבן זײַן פּושקאַרט.

— אַ גוט מאָרגן אייך, מיסטער מאַכלים! — גריסט זי זיך טאַקע צום פּעדלער.

— אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר אַף דיר אויך, — וואונדערט זיך דער פּעדלער פון קעמעלעך, וואָס פּלוצלונג אינמיטן דערינען זאָגט זי אים אַ גוט מאָרגן.

— אַ גוט מאָרגן, מיסעס געלמאַן! — נויגט זי זיך אויך פאַר דער פּעדלערקע פון זון־קערלעך.

— אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר, — וואונדערט זיך אויך די פּעדלערקע פון זון־קערלעך.

אַ גוט מאָרגן! — נויגט זי זיך צום גאַסן־ריייניקער און ווייסט ניט זײַן נאָמען.

— אַ גוט מאָרגן, — זאָגט דער גאַסן־ריייניקער מיט אַ האַלב מויל, און מיינט, אַז די דאָזיקע שיינע, יונגע מיידל מאַכט חוזק פון אים.

קיינער זאָגט ניט קיין „גוט מאָרגן" צו אַ גאַסן־רייניקער, צו אַ מענטשן פון אַלע מיסטן, פון אַלע שמוצן און פון אַלע פאַרפוילטע און קאַליע זאַכן. און דאָ זאָגט אים אַ מיידל אַ „גוט מאָרגן" און ער קאָן זי אפילו ניט. זי שטעלט זיך אָפּ, די מיידל, צו קוקן ווי ער לאָזט דעם שטראָם וואַסער פון דער גומענער קישקע, איבער די פאַרשטויבטע שטיינער פון דער גאַס. מרים האָט ליב צו זען, ווי וואַסער לויפט, ווי וואַסער יאָגט און שלענגלט זיך און פאַרקערעוועט זיך, ווי אַ לעבעדיקע זאַך.

מיידלעך פון איר עלטער לויפן מיט דינע פיס און מיט יאָגנדיקע פּלייצעס. פּונקט ווי די מענער לויפן זיי מיט אַ זייט, כדי בעסער זיך אונטעראייַלן. מרים זעט ניט זייערע פּנים׳ער, זי זעט בלויז אַ טייל פון האַלז און נאַקן, אַ טייל פון אַ באַק און יאָגנדיקע, כוואַליענדיקע קליידלעך אַף שמאָלע דינע פיס.

זי קאָן זיך איצט אָפּשטעלן און קוקן ווי עס לויפן אירע שוועסטער און ברידער אַרויף, אַרויף, אַף די טרעפּ פון עלעווייטאָר. שיך מיט די הויכע אָפּצאַסן און פלאַטערנדיקע קליידלעך פון אַלע קאָלירן לויפן אַרויף די טרעפּ. שיך מיט ברייטע נעזער און מיט ציטערנדיקע הויזן לויפן אַרויף, אַרויף די טרעפּ. זיי ווערן פאַרלאָרן אין די טירן, ווערן פאַרשלונגען אין יאָגנ־דיקע באַנען מיט פענצטערלעך לויכטנדיקע פון דער פאַרשטויבטער זון. עס נעמט גאָרניט קיין עק און עס נעמט גאָרניט קיין סוף. פון האוסטאָן סטריט, פון סטענטאָן סטריט, פון לודלאָוו סטריט און פון עלען סטריט. זיי האָבן איבערגעלאָזט, די מיידלעך, צעקנייטשטע בעטן, קאַליע ריחות פון אַ גאַנצער אָפּגעשלאָפענער נאַכט, ברודיקע ווענט מיט שטיקלעך זון פון פרימאָרגן, ניט־דערטרונקענע גלעזער קאַווע, ניט־דערעסענע שטיקלעך בייגל מיט שאָלעכץ פון מאַראַנצן, צעשויבערטע מאַמעס אין צעקנייטשטע נאַכט־העמדער, קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך אין די בעטן, מיט נאַקעטע פיסלעך, צעדרייטע בענקלעך מיט אָנגעוואָלגערטע קליידער, נערוועזע זייגערס און שפּעטנדיקע שפּיגלען.

אַ גאַנצע שטאָט לויפט און זי, מרים, שטייט. אפשר איז ניט גוט אַזוי? ווי קען מען זיך פרייען איינע אַליין? ס׳קאָן איר אויך פאַרשטערט ווערן די פרייד, ווען זי דערמאָנט זיך אָן דעם שמייכעלע אַף לאַנגע וואָנצעס, מיט אַ נאַקעטן קאָפּ. ס׳קאָן איר ווערן אומעטיק...

זי שטעלט זיך אָפּ, מרים, אַף דער צווייטער עוועניו, פּונקט אַנטקעגן דעם פּלאַץ וואו זי האָט פיר יאָר געשקלאַפט, צעבראָכן אירע פינגער פון קלינגען איין רעדזשיסטער, צעצויגן די אָדערן פון אירע פיס, שטייענדיק

גאַנצע טעג פאַרן טיש מיט די אויסגעשטעלטע סחורות, געמאַכט טרערן אירע אויגן פון אַרומלויפן מיט זיי איבער דער גאַנצער לענג פון טיש.

אַ רויטע גלעזערנע שילד מיט בלויע בוכשטאַבן און ס'שטייט אָנגעשריבן: „וואָלוואָירטס פינף־און־צען־סענט סטאָר". זי וואונדערט זיך, מרים, וואָס בלויז די דאָזיקע ווערטער זיינען פאַראַן אויף דער שילד, און זי האָט געמיינט, אַז ס'זיינען גאָר אויסגעמאָלן די סחורות: פלעשעלעך פאַרפיום מיט קעסטעלעך פּודער, מיט ליפּסטיקלעך, מיט פאַרשיידענע זייפן, צעצויגענע טעג מיט אַ הויכער סטעליע, צעדרייטע אויגן מיט זוכנדיקע הענט, טירן וואָס דרייען זיך אין אַן אָפּשטעל, אַ גרויסער רעדזשיסטער מיט טויזנטער ניקעלעך און דאַימס, פאַר'חלש'טע פאַרנאַכטן, ווען מען איז שוין אָפּגעשוואַכט פון הונגער און אין די אויגן שווינדלט. צעשראָקענע פּנים'ער, ווען מען ציילט איבער דאָס אָפּגעלייזטע געלט, ווען מען גיט דאָס אַוועק אין דער צענטראַלער קאַסע.

זי האָט זיך שוין פאַרשפּעטיקט, מרים. זאָל זי נאָר אַריין אינעווייניק און אים גלייך זאָגן, דעם פאַרוואַלטער פון קראָם, זאָל זי וואָס גיכער איבערקומען, וועט זי שוין אינגאַנצן זיין פריי.

ער לאָזט זיך צו איר, דער פאַרוואַלטער פון קראָם. שוין עטלעכע מינוט, אַז ס'קאָכט אין אים דער כעס. אַ טיש שטייט ליידיק. פרויען קומען שוין קויפן, און זי איז קוים אַריינגעקומען. זיינע קאַלטע גרינע אויגן צאַרענען. זיין פּנים דריקט אויס אַזוי פיל פאַרוואורף, אַז מרים דאַרף זיך דערפילן זייער און זייער שולדיק. זי דאַרף זיך שעמען, מרים, אַראָפּלאָזן די אויגן און ציטערן. לאַכט זי אָבער צו אים, מיט ווייסע ציין און מיט גרויסע שיינענדיקע אויגן לאַכט זי צו אים.

זי האָט געזאָגט:

— כ'גיי אַוועק, מיסטער קרייד. — און מרים'ען דוכט זיך, אַז אין קראָם איז מיטאַמאָל געוואָרן זייער שטיל. אַלע מענטשן האָבן אויסגעדרייט די פּנים'ער צו איר, אַזוי האָט זיך איר אויסגעדאַכט. אַפילו די ווענט האָבן זיך צוגעהערט, וואָס זי וואָגט צו זאָגן אַזוינע עזות'דיקע רייד: „איך גיי אַוועק פונדאַנען, מיסטער קרייד."

אַ הערשער קאָן דער פאַרוואַלטער זיין נאָר דעמאָלט, ווען מען דאַרף צו אים אָנקומען. קאָן ער זיך בייזערן, קאָן ער טופּען מיט די פיס. אָבער אַז מען דאַרף אים שוין ניט האָבן, איז ער מאַכטלאָז. אַ געוויינטלעכער מענטש. ס'לעשט זיך אויס באַ אים דער צאָרן, די כעס'דיקע ליפּן. אויס האַר, אַ בלאַסער מאַן פאַר אַט־דער מיידל. אָבער דערפאַר קאָן ער זי נאָך

א ביסל פאַרהאַלטן. ער וועט איר ניט אויסצאָלן, ביז ער געפינט אַן אַנדער מיידל אַף איר פּלאַץ. און זאָל זי דערווייל שטעלן זיך צום טיש.

מרים׳ען איז שווער. אַזוי פיל יאָרן געהאַט געדולד אין דער קראָם. איצטער האָט זי שוין ניט קיין געדולד, אָבער זי שטעלט זיך צום טיש. טוט ווידער אָן די גאַנצע שווערקייט און אָנגעשטרענגטקייט:

— יעס, א ניקעלע, פיינער ליפּסטיק. קליק און טיק.

שפּעט אין טאָג ווייזט זיך שוין אויס מרים׳ען, אַז זי וועט זיך שוין פון דעם פּלאַץ קיינמאָל ניט קאָנען באַפרייען. אייביק וועט זי שוין דאָ מוזן שטיין, אַזוי איז שוין איר גורל. געפאַנגען פון דעם טומל, פון דער אייביקער פּראָצעסיע וויבער, וואָס האַלטן זיך אין איין דרייען אַרום די טישן. דער פאַרוואַלטער היט זי איצטער מערער ווי שטענדיק. ער קוקט נאָך יעדן ניקעלע, וואָס זי קלינגט אַפּ אין דער קאַסע. איצטער, אַז ס׳איז איר שוין אַלצאיינס, קאָן זי נאָך פאַרשלעפּן וואָלוואָירט׳ס א פּאָר ניקעלעך. מרים שעמט זיך און עס פאַרדריסט איר, וואָס מען קוקט איר אַזוי שטאַרק נאָך. אָבער אָט גייט דער פאַרוואַלטער מיט א מיידל. מיט ניט־זיכערע טריט שפּאַנט נאָך דאָס נייע מיידל נאָך דעם פאַרוואַלטער. מיט אַן אויס־געצויגענעם האַלז, מיט שרעקנדיקע וויעס. זי פינטלט מיט די אויגן. ס׳דאַכט זיך איר אויס, דער נייער מיידל, אַז אַלע קוקן אַף איר און מאַכן חוזק. א בלאַסע מיידל מיט שיטערע געלע האָר, מיט א דינעם האַלז, מיט זומער־שפּריינקלעך אַפן פּנים. אַן איירישע אָפּגעצערטע מיידל מיט מאָגערע הענטלעך. אַזוי איז אויך מרים געגאַנגען מיט פיר יאָר צוריק נאָך דעם פאַרוואַלטער. זי האָט געציטערט און געשעמט זיך. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אַלע לאַכן פון איר, און ס׳איז איר געווען זייער אומבאַקוועם.

זי שמייכלט צו דער נייער מיידל. די נייע מיידל ווייסט ניט, צי דאָס שמייכלט מען צו איר צוליב פריינטשאַפט ווענן, צי דאָס מאַכט מען אַזוי חוזק פון איר. זי איז אָנגעצויגן, די נייע מיידל. זי שפּאַנט אַף גלאָז. זי קלינגט אַפן רעדזשיסטער מיט מורא. יעדעס מאָל, ווען דער רעדזשיסטער טוט א שפּרונג אַרויס, גיט איר א טיאָכקע אין האַרצן.

מרים קאָן שוין גיין. די מיידלעך אַרום די טישן ווייסן שוין, אַז זי ווערט באַפרייט. אַז זי גייט חתונה האָבן. דרייען זיי אַלע אויס די פּנים׳ער צו איר. צווישן איין קלונג און צווייטן אַפן רעדזשיסטער, דרייען זיי אויס די פּנים׳ער צו איר און זיינען איר מקנא. אָבער ניט קיין בייזוויליקע קנאה. מען באַגריסט זי מיט א וואונק פון די אויגן. מען ווינטשעוועט איר גליק שטומערהייט. הלואי דערלעבן זיי שוין איר שטאַנד. דערווייל קושט מען

זיך און מען האָלזט זיך מיט די בחורים אין די פּאַרקס. ס׳איז אַ קושן און אַ האַלזן זיך בלויז לשם קושן און האַלזן זיך, ווייל חתונה האָבן מיט זיי וועלן זיי ניט, די דאָזיקע בחורים. זיי זיינען אָרעמע אינגלעך, זייערע יוגנט־פריינט. געוואַקסן צוזאַמען, רייף געוואָרן צוזאַמען. קושט מען זיך, האַלזט מען זיך. ס׳איז ניט זייער ריכטיקער „אידעאַל", ניט קיין קאַנדידאַטן פאַר חתונה האָבן. ניט אַזעלכע וואָס קאָנען באַפרייען פון דער שווערער אַרבעט, וואָס קאָנען געבן עסן, שיכן און קליידן. זיי נויטיקן זיך נעבעך אַליין אין די אַלע גוטע זאַכן.

גריסן זיי מרים׳ען שטומערהייט, די מיידלעך, און מרים׳ען טוט וויי דאָס האַרץ פאַר זיי. איר פרייהייט איז שוין איצט ניט אַזוי פריידיק פאַר איר. איינע אַליין גייט זי אַרוים פון דער דאָזיקער טומלדיקער קראָם. זי בלייבט שטיין אינדרויסן, אָן אָפּגעוואָוינטע פון דער גאַס אין אַ מיטן העלן טאָג, אַן אויסגעריסענע פון איר וואָרצל. די גאַנצע געזעלשאַפט אירע איז געבליבן אינעווייניק דאָרטן אין קראָם, זי איז שוין איצטער אויסער דער דאָזיקער געזעלשאַפט. זי ווייסט ניט וואָס צו טאָן, מרים, צו גיין אָדער בלייבן שטיין ? וואוהין וועט זי גיין ? און צוליב וואָס זאָל זי בלייבן שטיין ?

# דער ערשטער האָלד-אָפּ

מויש קאָן ניט מיטגיין. זיין שוועסטער מרים האָט חתונה היינט אָוונט. „אַ דזשוי", גראָד אין דעם אָוונט פאַרגלוסט זיך איר חתונה צו האָבן. ער איז פאַרצווייפלט, מויש. ער וועט אפשר אינגאַנצן אַ שפּיי טאָן אויף די אַלע צערעמאָניעס, און ער וועט מיטגיין.

— ניין, מויש, דו גיי צוריק, — באַפעלט מאַיק.

— אַן אייגענע שוועסטער האָט חתונה, זיי זשע ניט קיין חזיר, — מוסר'ט אים היימי.

— באָט דזשוי, — איז מויש בייז.

ער מוז נעבעך אהיים גיין. ער גייט שוין אויף אַ שטיק פון בלאָק, קוקט ער זיך אום מיט גרויס בענקשאַפט צו די חברים זיינע, וואָס גייען איצט אָפּטאָן אַ וויכטיק שטיקל ארבעט, און ער דאַרטן, אויף אַ חתונה גאָר.

דער האָלד־אָפּ, וואָס די חברה האָבן פאַרטראַכט, איז ניט גלאַט אַזוי געבוירן געוואָרן פון דער העלער הויט. ארויפגעבראַכט אויף דער דאָזיקער אידייע האָט דער רעוואָלוועד. דער רעוואָלוועד, וואָס ארקעלע דער אָדעסער האָט פאַרקויפט מאַיק'ן. ס'הייסט, ניט פאַרקויפט נאָר אויסגעביטן פאַר אַ פּאַק מאַנטלען, וואָס די חברה האָבן ארויסגעשלעפּט פון אַ קראָם.

— נאַ, — האָט ארקעלע געמאַכט צו מאַיק'ן, — ס'איז נאָך בעסער פון געלט. וויל אָט דאָס שפּיעדל מאַכט אַליין געלט.

אַן אמת'ער רעוואָלוועד. די חברה גאַפן און שטוינען. ער גייט איבער פון האַנט צו האַנט. יעדער איינער האָט געהאַט דעם כבוד צו האַלטן אַ ביסעלע דעם רעוואָלוועד אין די הענט. ווי ליבהאָבער פון מאַלעריי באַטראַכטן אַ קונסט־ווערק, מיט אַ מין הייליקן ציטער, באַטראַכטן זיי, די חברה, אָט־דעם שטאָלענעם מחבל. מען קוקט אריין אינעווייניק אין די לעכלעך, וואו עס שטעקן די טויטלעכע שטיקלעך מיט די שוואַרצע שפּיצעכיקע קעפּ־לעך. מען גלעט דעם שטאָל, יעדער איינער פּרוּווט האַלטן ס'הענטל, אַזוי ווי די גענגסטער האַלטן דאָס אין די מוּוויס.

בוטשי האָט אים מורא צו נעמען אין די הענט אריין. ס'ווערט אים קאַלט אין בויך בלויז קוקנדיק אויף דעם. נאָר וויל ער האָט אַזוי מורא,

נעמט ער אים גראַדע יאָ אין די הענט אַריין — כמעט ווי מיט פאַרמאַכטע אויגן. אַז עס דויערט אַ וויַיל און בוטשי געוואויגט זיך צו צום אַנדער פון דער קאַלטער שטאָלענער זאַך, גיט אַ שלאָג אין זיין פּנים אַ היסטערישער קוראַזש. די אויגן ווערן ווילד און צעלויפן זיך בלוטיקע. ער צילעוועט אויף מאַיק׳ן, ווי אַן אמת׳ער מערדער. גיט מאַיק אַפילו ניט קיין פינטל מיט קיין אויג. קאַלטבלוטיק גיט ער זיך אַ מאַך:

— פּאָרזיכטיק, בוטשי, ס׳איז געלאָדן.

בעניטאָ, דער סענטימענטאַלער איטאַליענישער בחור׳ל, האָט אים אַ קוש געטאָן, דעם רעוואָלווער, געגלעט און געמאַכט:

— אַ, אַ, סוויטהאַרט, סוויטהאַרט.

היימי, ווען זיין ריי איז געקומען צו האַלטן דעם רעוואָלווער בײַ זיך אין די הענט, האָט זיך גאָר צוגעקלעפּט צו דעם. ס׳האָט אים געגעבן אַ סך שטאַרקייט, דאָס דאָזיקע שטיק שטאָל מיט די טויטלעכע קוילן. ער, היימי, וואָס איז ניט אַזאַ גבור פון דער נאַטור, האָט אַ באַזונדער שוואַכקייט באַקומען צו דעם רעוואָלווער. ער האָט שוין ניט געוואָלט דאָס אָפּגעבן צוריק.

— גיב דאָס מיר, מאַיק, לאָז דאָס זיין בײַ מיר. וואָס אַרט דיך? — האָט זיך היימי געבעטן.

מאַיק האָט אים געגעבן אַ פּליק אין פּנים אַריין און היימי האָט אים געמוזט דאָס גלייך אָפּגעבן.

אַ רעוואָלווער — אַ צויבערלאַכע זאַך פאַר פּילע קינדער פון דער איסט־סאַיד. קליינערהייט שפּילט מען זיך מיט בלייענע פּיסטאָלס, וואָס מען קויפט פאַר אַ ניקל אין קענדי־סטאָר, און מען חלומ׳ט, אַז מען וועט ווערן גרויס, וועט מען זען צו קריגן אמת׳ע רעוואָלווערס. די קלינטאָנער זעקס חברה זיינען שוין געוואָרן גרויס און דער חלום איז טאַקע צוביסלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן. בלויז איין רעוואָלווער פאַרמאָגן זיי דערווייל. אָבער דערנאָכדעם וועלן קומען נאָך.

ווען מויש׳ס ריי איז געקומען צו נעמען דעם רעוואָלווער אין די הענט אַריין, איז זיין פּנים מיט די פּרישטשעס פּינצטער געוואָרן, זיינע אייגעלעך האָבן זיך פאַרשמעלערט. ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און אַריינ־געקלאַמערט זיך אין הענטל מיט אַ געוואַלדיקער ברוטאַליטעט. בלויז דער באַריר מיט אַט דער זאַך האָט אים געצונדן אין גרויסער רציחה.

לואי אָבער האָט זיך דערפילט ניט גוט. ניט פון מורא, נאָר ס׳האָט אים אָפּגעפרוירן די האַנט, אַט די קאַלטע, פּיינטלעכע האַנט. ער איז זייער אַ פּילבאַרער, אַט דער לואי, און ער האָט געוואָרפן אַן אומ׳חן אויף דעם

דאַזיקן פאַרניכטער פון מענטשלעכע לעבנס. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט ניט באַמערקט זיין שוואַכקייט. ער האָט ווי עס איז אָנגעשטעלט אַ מינע פון הפקרות.

האָט מויש נעבעך געמוזט גיין אַהיים צו דער תּתונה און אַלע פינף גוטע פריינט זיינע האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אויף זייער אַ געפערלעכער אונטער־נעמונג.

מאַיק איז ניט געווען בלאַס. מיט זיכערע טריט איז ער זיך געגאַנגען פאַראויס און לייכט אונטערגעווינקט זיינע פלינקע פלייצעס. די איבעריקע פיר האָט פאַרפעלט אָטעם. אַ פּאָליסמאַן איז געשטאַנען אויף דעלענסי, קאָרנער קלינטאָן, האָבן זיי זיך דערשראָקן פאַר אים. זיי האָבן מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן אויף אים: טאָמער וועט ער גלייך דערקענען, וואוהין זיי גייען. באַ בוטשי'ן האָבן געציטערט די קני, און ער האָט געפילט, ווי זיינע רגלים וועלן זיך באַלד אַ צעפאַר טאָן און ער וועט בלייבן זיצן אויף די שטיינער פון דער גאַס. בעניטאָ האָט פון גרויס מורא געגומען און גאָר געשמייכלט מיט גרויסע ווייסע ציין. אַ בלאַס פּנים און ס'שמייכלט זיך. לואי'ן איז געווען שטאַרק אומהיימלעך. עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט אומקערן צוריק. לואי האָט זיך ניט געשראָקן. ווען ער האָט געדאַרפט קריכן צו דער גראָסערי־פרוי אין פענצטער, האָט ער דאָס געטאָן מיט גרויס אַמביציע. ס'איז באַ אים געווען ווי אַ ספּאָרט. אָבער איצטער איז אים עפּעס געוואָרן זייער אומבאַקוועם. היימי האָט זיך צעהוסט אינמיטן דערינען. ס'איז אים פּלוצלונג באַפאַלן די אַסטמע און ער האָט ניט געקאָנט אָטעמען. מאַיק האָט אים שוין געוואָלט איבערלאָזן, האָט היימי זיך באַליידיקט און ער איז זיי נאָכגעלאָפן אַ הוסטנדיקער.

זיי גייען, די חברה, איבער דעם וויליאַמסבורגער בריק. ס'איז אַזאַ לאַנגער בריק און בוטשי'ן ווילט זיך, אַז ער זאָל זיך ציען נאָך לענגער, דער בריק. ער שטעלט זיך גאָר עפּעס אָפּ אינמיטן דערינען און קוקט אויף די הויכע פאַרנעפּלטע מויערן.

— אויב דו האָסט געקראָגן קאַלטע פיס, זאָג — גיט מאַיק אַ בוכטשע בוטשי'ן.

— ווער, איך ? — באַליידיקט זיך געוואַלדיק בוטשי. — איך האָב געקראָגן קאַלטע פיס ?

— קום־זשע און מאַך ניט קיין מאַנקי־ביזנעס ! — גיט מאַיק אַ זאָג שאַרף און בייז.

האָט זיך שוין בוטשי מערער ניט אָפּגעשטעלט, זיך געלאָזט פאַראויס

שנעל און גיך, געשפּאַנט זייער ענערגיש, ווי ער וואָלט שטאַרק קיין צייט ניט געהאַט.

די פינף חברה זיינען פאַרקראָכן קיין וויליאַמסבורג אַף אַ זייטיקער גאַס. אַ שטילע גאַס. מאַשינען פאָרן דאָרטן זעלטן דורך. קיין פּאָליסמאַן זעט מען דאָ ניט. ס'איז פאַרנאַכט. דער עולם עסט איצט סאַפּער. אַ גראָסערימאַן זיצט זיך איצט איינער אַליין אין זיין קראָם.

די פינף קלינטאָנער שמעקן ארום דעם בלאָק. זיי שפּאַנען זיך דורך אַהין און צוריק. מען וואַרפט אויגן אין אַלע זייטן.

מאַיק, מיט אַ נאָזטיכל ארומגעבונדן אַ האַלב פּנים ,די קעפּקע זיינע אַנגערוקט טיף איבער דעם אָפּגעריסענעם שטיקל אויער, האַלט זיין רעוואָלווער אויסגעשטרעקט צום גראָסערימאַן און הייסט אים אויפהייבן די הענט אין דער הויך. היימי שטייט הינטער מאַיק'ן אויך מיט אַ פאַרבונדן פּנים און אַן אַנגערוקטער קעפּקע. היימי איז בייז און גוואַלדיק אומצופרידן, וואָס יענער טוט ניט אַזוי גיך, וואָס מען הייסט אים. ער האַלט די האַנט אין דער קעשענע, ווי ער וואָלט אויך געהאַלטן דאָרטן אַ שפּייער, און איז היסטעריש. ס'ציטערט אים אַ באַק. ער שרייט אָפן גראָסערימאַן:

— סטיק דעם אַפּ, סטיק דעם אַפּ, יו בעסטאַרד!

בעניטאָ שטייט אַף דער שוועל פון דער טיר און לאַכט גאָר מיט גרויסע ווייסע ציין. זיינע אויגן צעפּאַרענע, זיין שטערן נאַס און ער לאַכט מיט אַ בלוטלאָז פּנים. ס'גאַנצע בלוט איז אַנטלאָפן אין האַלז אריין.

לואי שטייט אָפן ראָג און קוקט אַף דער גאַס. בוטשי דרייט זיך פאַר דער קראָם און האָט מורא אויסצודרייען דעם קאָפּ צו דער טיר, וואו אינעווייניק קומט פאָר די שרעקלעכע זאַך.

ס'חלש'ן אים, דעם גראָסערימאַן, די הענט. זיי קאָנען אים ניט דינען. ער קאָן זיי ניט אויפהויבן.

— נו, דאָרט, שנעלער מאַך דאָס! — גיט אים מאַיק אַ שטורך מיטן הענטל פון רעוואָלווער.

דער דאָזיקער איד, וואָס האָט פאַר שרעק ניט געקאָנט אויפהויבן אַ האַנט, איז זייער טויטלעכער שונא. יעדע מינוט איז דאָ אַ וועלט־איבער־קערעניש באַ זיי. אַזוינע גרויסע האַמערס קלאַפּן אין די שלייפן. דאָס בלוט גליווערט. די לופט איז הייס און ס'ברענט אין די נאָזלעכער. די אויגן טרערן און זיי זיינען צעמישט. די מיילער זיינען אויסגעקרימט. די פיס ווילן זיך אָפּרייסן פון דער ערד און פליען. דער אונטערשטער טייל קאָפּ שמאַרצט. דער האַלז ברעכט פון דרייען אים אַהין און צוריק. זיי האָבן גאָר אינגאַנצן

קיין צייט נִיט, מאַיק מיט היימי׳ן, און דאָ דער גראָסערימאַן מיט זיין ניט וועלן אויפהויבן די הענט, פאַרהאַלט זיי גאָר אַזוי אומגעלומפּערט.

יענער האָט פּשוט ניט געקאָנט אויפהויבן די הענט. ער האָט זיך ניט געקאָנט אויפשטעלן אַף די פיס. דער גאַנצער קערפּער איז אים פּאַראַליזירט געוואָרן.

היימי, דער ניכטערסטער פון זיי אַלע, האָט אַ טראַכט געטאָן בליציק־שנעל, אַז ס׳איז ניט נויטיק גראָד, אַז דער איד זאָל אויפהויבן די הענט. ס׳קאָן זיין אָן דעם, אויב יענער איז אַזוי איבערגעשראָקן. האָט ער גלייך געגעבן אַ שפּרונג צום רעדזשיסטער, אַ קוועטש געטאָן דאָרטן וואו מען דאַרף, און ס׳איז אַרויסגעשפּרונגען אַ קעסטל פול מיט זילבער און מיט גרינע פּאַפּירלעך. היימי האָט שנעל געכאַפּט פולע זשמעניעס פון דאָרטן, אָבער וויפיל ער האָט געכאַפּט, איז נאָך אַלץ צען מאָל אַזוי פיל געבליבן, און דאָ האָט ער גאָר קיין צייט ניט, אַז ער אײַלט זיך אַ סכנות.

פּלוצלונג אַ פייף פון דער גאַס: פּ־י־ו־ו! דאָס איז בוטשי׳ס סיגנאַל. אין איין אויגנבליק און די חברה האָבן אויסגעטריקנט. ס׳האָט געדויערט אַ מינוט, ביז דער גראָסערימאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען פּלוצלונג נישטאָ. ערשט דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען מיט אַ דורכגעלעכערטן געשריי:

— ה—ע—ל—פּ—ט! . . .

— ה—ע—ל—פּ—ט! . . .

# צו מיינע ברידער פון קלינטאָן סטריט

„צו מיינע ברידער פון קלינטאָן סטריט" — מאַיקל'ס ערשטע ליד, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט שוואַרץ אַף ווייס אין דעם זשורנאַל „מעסעס". זיין טאַטע חיים ווייסט שוין פון דעם. דער טאַטע האָט איבערגעלייענט די ליד. דרייט זיך אים דער קאָפּ פון זיין זונ'ס דערפאָלג, פונקט ווי ער וואָלט אויסגעטרונקען אַ גלעזעלע שטאַרקן שנאַפּס. ער זיצט איבער זיין אַרבעט, מיט אַן אָנגעבויגענעם האַלז און מיט אַ שפּאַקטיוו אין אויג. זיין זון מאַיקל זיצט אויך לעבן אים מיט אַן אָנגעבויגענעם האַלז און מיט אַ שפּאַקטיוו אין אויג. דער טאַטע וויל אַלעמאָל אויסדרייען זיין קאָפּ און אַ קוק טאָן אַף זיין זון. ער טוט דאָס אָבער ניט, כדי דער זון זאָל זיך צופיל ניט איבער־נעמען. די פרייד פלאַמט באַם טאַטן אין זיין האַלז און נאַקן. אַ רויטער, פריידיקער האַלז. ער וועט איבערלאָזן אַ זון, וואָס וועט גיין אין זיינע וועגן. זיינע אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן וועלן פאַרקערפּערט ווערן אין דעם זון זיינעם. אין דעם ביימל, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון אים און הייסט מאַיקל.

עס זינגט זיך דעם טאַטן. ער ברומט אונטער אַ רוסישע רעוואָלוציאָנערע ליד, וואָס ער האָט געזונגען צוזאַמען מיט די פּאָליטישע אַרעסטירטע אַף די סיבירער שנייען: „וויכרי וראַזשדעבניע וועיוט נאַד נאַמי". ס'אַרט אים שוין ניט, חיים'ען. לאָזן ווינטן ווייען, לאָזן שטורעמס צאָרנען. אין שטורעם איז אויסגעוואַקסן אַ קינד, וואָס וועט שוין גיין ווייטער. אָך, ווי די מאַמע ווערא וועט זיך דאָס פרייען! די מאַמע מיט די זיידענע ווייסע האָר און מיט די יונגע ברוינע אויגן. אַ לעבן דורכגעמאַכט צוזאַמען, און עס האָט זיך אָפּגעטיילט פון זייער בלוט אַ קערנדל, ס'קערנדל איז געוואַקסן און גע־טראָגן אַלע גוטע אייגנשאַפטן פון טאַטע־מאַמע. „וויכרי נאַד נאַמי וואַיוט אי וועיוט".

און מאַיקל? מאַיקל שרייבט שוין אַ צווייטע ליד אין זיין געדאַנק. שנעל גייט צו דאָס שאַפן פון דער נייער ליד. ער רופט אין דער ליד אַלע אַרבעטער זיי זאָלן גיין מיט אים, זאָלן גיין מיט מאַיקל'ען. זאָלן אַרויסגיין אַלע אַף אַ ברייטן סקווער, מיט די רויטע פאָנען זאָלן זיי גיין.

אָ, ווי מרים וועט זיך פרייען, ווען זי וועט דערזען שוואַרץ אַף ווייס דאָס וואָס זיי קאָנען שוין ביידע אַף אויסנווייניק. אָ, ווי מרים וועט זיך היינט פרייען!

אין אַ שאַפּ פון זייגערלעך, באַ איין טיש, זיצן זייביידע — דער טאַטע חיים קופער מיט זיין זון מאַיקל קופער. דער טאַטע מיט אַן אָנגעבויגענעם האַלז צום טיש און מיט אַ שפּאַקטיוו אַפן אויג. דער זון מיט אַן אָנגעבויגענעם האַלז און מיט אַ שפּאַקטיוו אין אויג. זיי שטעלן ארויף אַף זייערע אינסטרומענטן פּיצעלעך שרייפעלעך, וואָס אפילו די דורכזיכטיקע לופט קאָן זיי באַהאַלטן. טאַטע און זון שטעלן צונויף זייגערלעך. פון שטומע, טויטע שרייפעלעך און רעדעלעך און ספּרוזשינעס ווערט צונויפגעשטעלט אַ קליינער קיילעכדיקער קערפּער, און דער קערפּער באַקומט לעבן און הויבט אָן צו פּולסירן. אַ לעבעדיקער אָטעם הויבט אָן צו שלאָגן טיק, טיק, טאַק. זייגער־קערפּערס אַף די ווענט, קליינטשינקע קערפּערלעך אין די שופלאָדן, אין די קעסטעלעך. גרויסע טאַטעס־זייגערס און קליינע קינדערלעך־זייגערלעך און עופּה׳לעך־זייגערלעך, אַלע לעבן, אַלע פּולסירן. צוויי כישוף־מאַכער, דער טאַטע חיים מיט זיין זון מאַיקל.

טאַטע און זון — אַ גרויסער בוים מיט אַ קליין בוימל. דער טאַטע מיט אַ צעלאָפּענער קודלע האָר, און דער זון מיט אַ צעלאָפּענער קודלע האָר, נאָר באַם טאַטן זיינען די שפּיצן האָר שוין גרוי.

חיים דער זייגערמאַכער, דער געוועזענער בונדאָוועץ, וואָס האָט געקערט וועלטן צוזאַמען מיט זיין כלה ווערא די מאָדיסטקע, אין זייער שטעטל, אין באָברויסק. ביידע געווען פאַרשיקט אין סיביר, ביידע זיינען אַנטלאָפן פון דאָרטן קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין קלינטאָן סטריט.

צוואַנציק יאָר איז ווערא אַלט געווען ווען אירע האָר זיינען גרוי געוואָרן. פאַר די אויגן פון אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע זיינען אירע האָר גרוי געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך געשלעפּט מיטן עטאַפּ איבער די ברייטע, גרויסע און אומענדלעכע שנייען.

דאָס קינד מאַיקל איז נאָך ניט געהאַט געבוירן געוואָרן אַף דער וועלט, נאָר געלעגן אַ רויק אומבאַשטימטע מאַסע אין דער מאַמע׳ס איינגעווייד, און די עלטערן האָבן שוין באַשטימט זיין צוקונפט. ס׳איז באַ זיי גאָר קיין שום צווייפל ניט געווען, אַז אַ זון ווערט צו זיי געבוירן. וועלן זיי שוין זייער זון דערציען אין אַ רעוואָלוציאָנערן גייסט. אַ פירער פון אַרבעטער־קלאַס וועט ער זיין. אַף גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען וועט זייער זון שטיין אַף דער פּלאַטפאָרמע און וועט בויגן זיין קאָפּ אַהין און אַהער, זיינע אויגן וועלן שפּריצן פייער, זיינע ליפּן וועלן ריידן שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע רייד.

אַזוי האָבן זיי אים טאַקע געזען, איידער ער איז נאָך געבוירן געוואָרן.

טאַטע און מאַמע האָבן אַפילו זיך פאַרגעשטעלט זיינע שטריכן, דעם קאָליר פון די האָר, דעם שניט פון מויל, די פאָרמע פון די אויגן.

א יונג פּאָר פאָלק, וואָס איז אַריינגעפאַלן גלייך פון סיביר אין אַזא טומלדיקער רוישיקער גאָס און האָבן ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט דער טעמפּקייט און גלייכגילטיקייט פון די מענטשן דאָ אין אַמעריקע צו די גרויסע באַפרייאונגס־אידייען, האָבן זיי אַריינגעטרוימט אַלע זייערע יוגנטלעכע רע־וואָלוציאָנערע פּלאַטערנישן אין דער רויער מאַסע פון דעם מענטשעלע, וואָס איז נאָך געלעגן אין די איינגעווייידן פון דער מאַמען, און געדאַרפט ערשט געבוירן ווערן.

זייער זון מאַיקל וועט פירן דעם אַרבעטער־קלאַס פון אַמעריקע. א גרויסע רעוואָלוציאָנערע פּערזענלעכקייט וועט ער אויסוואַקסן. דערוויי־ל אַלס אינגל איז ער געווען ענלעך צו אַנדערע אינגלעך פון קלינטאָן סטריט. זיך געשלאָגן, זיך געראַנגלט, געקעמפּט פאַר דער פּאָזיציע פון דעם שטאַרקסטן אין בלאָק. טאַקע ניט געווען אַזוי חוצפה'דיק ווי די איבעריקע. טאַקע גערעדט אידיש מיט זיינע עלטערן. ליב געהאַט צו הערן די מעשיות, וואָס זיין מאַמע האָט דערציילט וועגן סיביר, און וועגן די רעוואָלוציאָנערן פון רוסלאַנד. אָבער אַף דער גאַס, צווישן די קינדער, איז ער געווען פּונקט אַזוי ווילד, ווי אַלע איבעריקע קינדער.

זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, די עלטערן, אַז זייער זון מאַיקל לעבט אין צוויי וועלטן: אין דער וועלט פון זיין אייגן הויז, וואו אידעאַליסטישע טאַטע־מאַמע וואַרימען אוים זיין געדאַנק צו העכערע זאַכן אין לעבן, און אין דער וועלט פון קלינטאָן סטריט, וואו מאַיקל מוז זיך צופּאַסן צו אַלע אַנדערע קינדער, זיי נאָכטאָן, זיי אַפילו איבערשטייגן, כדי ניט זיין פאַרשעמט אין זייערע אויגן, כדי די דאָזיקע קינדער־געזעלשאַפט זאָל אים ניט אַרויסטרייבן פון אירע רייען, זאָל אים ניט אָנטאָן קיין צרות.

אין זיינע בחור'שע יאָרן האָט ער אָנגעהויבן איבערצוגיין גאָר אין אַן אַנדער וועלט, אין דער וועלט פון ביכער. די ליבע צו ביכער איז שוין געווען א דירעקטער רעזולטאַט פון זיינע עלטערנ'ס דערציאונג. זיי האָבן אים די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין אָנרעגן צו שיינקייט, צו גרויסע טאַטן, צו שיינע אידייען. אין די ביכער האָט ער אויך געפונען א סך שיינקייטן.

ס'זינגט זיך דעם טאַטן. ער האָט געזינגט איבער דער אַמעריקאַנער גאַס. ס'דרייט זיך אים דער קאָפּ. ער איז שיכור, דער טאַטע, און ער זינגט שוין אַף א קול „וויכרי וראַזשדעבניע". לאָזן ווינטן ווייען, לאָזן שטורעמס צאַרענען, און אין ווינט און אין שטורעם . . .

## וואָס־זשע פלוצלונג איז היינט אַזוי ליכטיק אין הויז?

ווי מרים וועט זיך היינט פרייען! מאַיקל שפּרינגט אַרויף די טרעפּ, דאָס האַרץ זיינס לויפט פאַר אים. ער קאָן ניט איינהאַלטן די נייעס. שוין אַ גאַנצן טאָג אַז ער האַלט די נייעס און דער אָטעם פאַרכאַפּט אים אַלעמאָל. ער וועט אַריינלויפן צו מרים'ען און וועט איר גלייך זאָגן, וועט אים שוין לייכטער ווערן און ער וועט קאָנען בעסער אָטעמען.

וואָס־זשע פלוצלונג איז היינט אַזוי ליכטיק אין דעם הויז? עס ברענען די גאַז־רערן אין ביידע צימערן, עס ברענט דער גאַז־אויוון אין קיך. גרויסע טעפּ קאָכן און זידן. די מאַמע וועט דאָס היינט צוגרייטן די גוטע, טייערע מאכלים צו איר טאַכטער'ס חתונה. אַף אַ בענקל זיצט בעסי לעבן אויוון. שטיין אַף די פיס קאָן זי ניט. זיצט זי, מישט און פאַרזוכט, און וואַרפט אַריין אַלע נויטיקע גרינוואַרג. זי זיצט, קאָכט, מישט, און וויינט אין דער שטיל. איר טאָכטער מרים טוט דאָס צוליב איר. אַ יונג־לעבן איז זיך מקריב פאַר איר, בעסי'ן, און זי איז שוין אַן עלטערע פרוי, אַ קראַנקע, אַ צעבראָכענע. אָפּהאַלטן מרים'ען קאָן זי אויך ניט. ס'איז דאָ די קליינינקע ליוסי. מישט זי און פאַרזוכט, באַזאַלצט און באַפעפערט, און באַוויינט דעם גורל פון איר טאָכטער.

אוי, ווי זי שיינט, די מומע ביילע. איר אויסגעדאַרט פּנים בליט. אירע קנייטשן פרייען זיך. אירע אויגן שיינען. זי פּוצט דאָס הויז. באַלד דאַרפן די געסט קומען, באַלד דאַרף אויך דער שמש מיטן רב קומען. דער חתן מיט זיינע קרובים. אין די דאָזיקע ענגע צימערלעך וועט מען פּראַווען די חתונה אָן כלי־זמר, ווייל די כלה איז אַ יתומה, און ווייל קיין סך פריינט איינ־צולאַדן האָבן ניט סיי די כלה און סיי דער חתן. די פריינט, די לאַנדסלייט האָבן זיך פאַרלוירן אין די שווערע אָרימע יאָרן, מען ווייסט ניט וואו זיי זיינען אַהינגעקומען.

די מומע ביילע גרייט דעם טיש און זינגט זיך אונטער אַ לידל. שוין אַרום צוואַנציק יאָר ניט געזונגען, איצט האָט זי זיך צעזונגען. ס'איז אַ לידל נאָך פון דער היים:

שיין בין איך און שיין איז מיין נאָמען.
איך קום אַרויס פון גאָלע רבנים.

רבנ׳ישע תורה איז דאָך זייער גרויס,
און איך בלי בא מיין מאַמען ווי אַ שיינע רויז . . .

— שיין איז זי, שיין, די מומע ביילע און גרויס איז איר יחוס, און איצטער מאַכט זי חתונה מרים׳ען מיט אַן אַנדערן יחוס.

מרים מיט אַן אויסגעשטרעקטן ווייסן שיינעם האַלז מיט די גרויסע אויגן, וואָס זיינען אָנגעזאַפּט מיט אַזאַ מין ברוינלעבער ליכטיקייט. אין אַ ווייסן קלייד, מיט די לאַנגע טרויעריקע הענט. די פלעמלעך פון גאַז־רער שפּיגלען זיך אָפּ אין אירע קופּערנע רויטע האָר. אַ בלאַסע איז מרים און זי באַגעגנט מאַיקל׳ען אויף דער שוועל. זי האָט אים ניט צוגעגרייט צו זיין אומגליק, זי האָט אים ניט געקאָנט זאָגן וועגן דעם. זי האָט זיך געלאָזט קושן און ארומנעמען פון אים, אויך מיט אַ נאַכט פריער, ווען זי האָט שוין געוואוסט, אַז איר סוף איז נאָענט.

— אָ, אַ גאַסט, מיסטער מאַיקל קופּער! — רופט אויס די מומע זייער ברייטלעך און גאַסטפריינטלעך. — געקומען צו מרים׳ס חתונה? זייער פיין פון אייער זייט, זייער פיין.

ער האָט שוין פאַרגעסן, מאַיקל, אין זיין פּאָעמע „מיינע ברידער פון קלינטאָן סטריט". ס׳האָט געגעבן אַ יאָג אַ ווינט אין די אויערן, און ס׳האָבן אויפגעריסן ראַרטן אינעווייניק הילכיקע דונערן.

מיטן איינגעבויגענעם האַלז, מיט גרויס אונטערטעניקייט, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, דרייט ער זיך אויס אָפּ צוריק. לאָזט זיך אַראָפּשפּאַנען די טרעפּ און מרים נאָך אים. אַ שולדיקע, אַ פלאָטערדנדיקע, זי וויל אים דער־קלערן, זי וויל זיך פאַרענטפערן פאַר אים. אָבער זי האָט אים שוין ניט געקאָנט דערקלערן.

אַ קילער פאַרנאַכט. דער זומער איז שוין נאָענט צו האַרבסט. די זון זעצט זיך אין איסט־ריווער. די צענדליקער טויזנטער פענצטער פון די הויכע מויערן אין מאַנהעטן שיסן אַרויס דורך די שויבן גאָלדענע בליצן. דינע שפּיזיקע בליצן. זיי קרייצן זיך דורך, די בליצן, זיי גיסן זיך צונויף צוזאַמען. מען זעט שוין ניט קיין פענצטער, מען זעט העלן פייער.

מאַיקל קאָן שוין אייב באַרנעצ׳ן. ער האָט אים געזען אַ פּאָר מאָל אין הויז. ער האָט ניט געשאָנקען קיין איבעריקע אויפמערקזאַמקייט צו דעם פאַרשוין מיט די לאַנגע וואָנצעס. איצטער האָט ער אים אָפּגעבריט, דער דאַזיקער אייב באַרנעץ, און ס׳שמאַרצט אים דאָס לייב. מאַיקל וויל וויינען, ווי אַ קליין קינד, און מרים קאָן אים שוין גאָרניט העלפן. סיידן ער זאָל פאַרגעסן.

— מען דאַרף פאַרגעסן, מאַיקל — זאָגט צו אים מרים — און איך וועל אויך דאַרפן פאַרגעסן. באַלד וועלן די געסט זיך צונויפקומען, און מען דאַרף שוין זיך אומקערן צוריק.

זי דאַרף זיך באַלד אומקערן צוריק, מרים, און זיי זיינען שוין פאַרגאַנגען זייער ווייט אַף דעם וויליאַמסבורגער בריק. באַלד לאָזט זיך אַראָפּ דער בריק צו ברוקלין, און זיי וועלן שוין פאַרקריכן אין אַן אַנדערער שטאָט.

מען זעצט זיך ביידע צו אַף אַ באַנק. מרים דאַרף שוין באַלד לויפן צוריק. זי טאָר זיך ניט צוזעצן. אַף דער דאָזיקער באַנק זיינען זיי שוין פיל מאָל געזעסן. אַ באַקאַנטע באַנק. זיי שווייגן ביידע, קינדער פון קלינטאָן סטריט. זיי האָבן זיך ביידע דערשראָקן פאַר דעם, וואָס דאַרף באַלד געשען.

מאַיקל, וואָס שרייבט לידער וועגן דער אָרעמקייט פון קלינטאָן סטריט, קאָן גאָרניט באַנגרייפן אָט די זאַך מיטן שׂכל. די גאַנצע וועלט האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און אים געלאָזט אַ פאַרשטויסענעם און אַ פאַרשעמטן. קיינער האָט אים שוין ניט ליב. דאָס וואָס די זון זעצט זיך אין איסט־ריווער אזא פייערדיקע, מיינט שוין צו אים גאָרניט. ס׳מיינט שוין צו אים אויך גאָרניט זיין נאָמען אונטער דער ליד, וואָס איז געדרוקט שוואַרץ אַף וויים. ער נעמט דעם נומער „מעסעס" און שליידערט אים אַריבער איבער דעם בריק.

— וואָס האָסטו געטאָן, מאַיקל ?

— דאָס איז געווען מיין ליד אָפּגעדרוקט — ענטפערט ער איר מיט אַ געפאַלן קול, אַקוראַט ווי ער וואָלט ערשט עמיצן געטויטעט. — איך וועל שוין מער ניט שרייבן קיין לידער. — ער זוכט וויטער אין די קעשענעס. ער געפינט דאָס בלעטל, אַף וועלכן ער האָט שוין אָנגעשריבן זיין נייע ליד. ער שליידערט דאָס אויך אוועק.

— אָ, מאַיקל, וואָס טוסטו ?

— איך וועל שוין ניט שרייבן קיין לידער. לידער זיינען נאַריש — קלאָגט ער זיך פאַר מרים׳ען. — לידער זיינען אויסגעטראַכטע זאַכן.

— וועסט נאָך שרייבן לידער, מאַיקל — טרייסט אים מרים. — וועסט ווערן אַ באַרימטער פּאָעט, אַלע אָרעמע מענטשן וועלן בענטשן דיין נאָמען.

— לידער שרייבן איז נאַריש — עקשנ׳ט זיך איין מאַיקל.

ס׳וועגט פינצטער און מרים דאַרף שוין לויפן באַלד צוריק. אָבער ווי קאָן זי אים איבערלאָזן אַליין, אַז מאַיקל עקט זיך. אַן אויסגעלאָשענער מאַיקל, געגליכן צו דער אָנקומענדיקער פינצטערניש. די פאַרליבטע פּאָרלעך קומען אָן אַף דער וויליאַמסבורגער בריק פון ביידע שטעט, פון מאַנהעטן און פון

ברוקלין. מען פֿאַרכאַפּט די בענק. מען נורעט זיך איין, מען ווערט איינזאַמען איינער אין צווייטן. אַף ווייטע בענק זינגען די ניו יאָרקער קינדער ליבעס־לידער. זיי טראַכטן ניט פֿון מאָרגן און ניט פֿון דעם נעכטן. מען זעט ניט קיין פּנים׳ער, פֿאַר׳חלש׳טע מיידלשע העלזער זעט מען אין דער פֿינצטערניש. אַנגרייפֿערישע אינגלשע האַלז און נאַקנס זעט מען אין דער פֿינצטערניש, הענט פֿלעכטן זיך אַרום קערפּערס.

פֿאַר מאַיקל׳ען און מרים׳ען האָט זיך געשלאָסן דער קאַפּיטל וויליאַמסבורגער בריק. אַ געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע געשיכטע פֿון דעם אָרעמען לעבן. די מיידל פֿאַרלאָזט דעם יוגנט־פֿריינט צוליב אַ ממשות׳דיקער אורזאַך.

:: :: ::

— שיינע געראָטענע מיידעלעך האָדעווען זיך ניט אַף דער איסט־סאַיד פֿאַר אָרעמע בחורים, וואָס קאָנען מיט גאָרניט באַצאָלן, אַ חוץ מיט קעגנזייטיקער ליבע — טרייסט אים ווערא, זיין מאַמע, די רעוואָלוציאָנערע מאַמע, וואָס האָט נאָך אין באָברויסק אַף די געהיימע פֿאַרזאַמלונגען אריינגעזאַפּט אין זיך די תורה וועגן אָרעם און רייך.

מאַיקל׳ען ווערט אָבער פֿון דעם ניט בעסער. זיינע ליפּן טוען אים וויי. אין די אויגן שטומער ווייטיק.

— רייכע מענטשן וואוינען אין שיינע גראַמע הייזער, טוען זיך אָן אין די בעסטע קליידער, קלייבן זיך אויס די בעסטע מיידלעך — רעדט ביטער קעגן די רייכע, די אינטעליגענטע מאַמע.

דעם זון ווערט נאָך אַלץ ניט בעסער פֿון דעם. יעדע געשעעניש האָבן טאַטע און מאַמע אויסגענוצט צו לערנען דעם זון וועגן קלאַסן־קאַמף. איצטער נעמען זיך אָבער ניט אָן זייערע רייד. ער איז אומגליקלעך. ער וויל זיך צעוויינען און שעמט זיך פֿאַר דער מאַמען. מאַיקל׳ען וואָלט אפשר לייכטער געוואָרן, ווען די מאַמע זאָל איצט ריידן שלעכטס אַף מרים׳ען. פֿאַר׳מיאוס׳ן מרים׳ען, אַז זי האָט אים ניט די ווערט, אַז זי איז אַ נאַרישע מיידל, וואָס קאָן פֿאַרבייטן אַזאַ טאַלאַנטפֿולן מאַיקל׳ען, וואָס דרוקט זיך שוין אין די זשורנאַלן, פֿאַר אַן עלטערן בחור, וואָס האָט צו טאָן מיט פֿערד. אָבער די מאַמע וועט ניט רעדן קיין שלעכטס אַף מרים׳ען.

מאַיקל איז שטום. ער באַהאַלט עפּעס אין זיך זייער אַ געפֿערלעכן געדאַנק. די מאַמע דערקענט דאָס אין זיינע אויגן, אַז ער וועט עפּעס אָפּטאָן זייער ניט קיין קלוגע זאַך. זי דערשרעקט זיך, די מאַמע. טאַטע און מאַמע קאָנען שוין צו אים גאָרניט רעדן. ס׳נעמט אים ניט גאָרניט. אויב אפֿילו די רייכע זיינען שולדיק, מאַכט דאָס ניט גרינגער זיין ווייטיק.

יאָ, מאַיקל האָט עפּעס פאַרטראַכט. ס'איז אים מיטאַמאָל איינגעפאַלן און ער האָט זיך שוין אָנגעכאַפּט אין דעם געדאַנק, ווי אין אַ גרויסער דערלייזונג. ער טראַכט זייער שנעל. ער פּלאַנעוועט אַלצדינג אויס.

טאַטע און מאַמע האָבן זיך שוין ניט געקאָנט פרייען מיט דעם זונ'ס ערשטן דערפאָלג אַלס פּאָעט.

שוין לאַנג, אַז די מאַמע איז ניט געזעסן בײַ מאַיקל'ס בעט, איידער ער שלאָפט איין. אין זיין קינדהייט פלעגט זי אַזוי טאָן. יענעם אָוונט האָט זי דאָס אויך געטאָן. געזעסן לעבן זיין בעט און גערעדט צו אים. זי האָט אים שוין מערער ניט אויפגעוויזן ווען עמענס שולד ס'איז. זי האָט אים געטרייסט, אַז ער איז נאָך יונג און ער דאַרף אויפטאָן נאָך זייער אַ סך אין זיין לעבן. ניט אומזיסט האָבן זיי אים אויפגעצויגן אַזאַ קלוגן און פּייאַיקן. ס'וועט אַוועק אַ שטיקל צייט און ס'וועט פאַרגיין, וועט זיך זיין טאַלאַנט נאָך מערער צעוואַקסן און ער וועט שאַפן גרויסע, שיינע ווערק אויף צו וועקן און רופן אַלע אָרעמע און עקספּלואַטירטע מענטשן. זאָל מאַיקל זי איצט ניט פאַרשעמען...

מאַיקל האָט זי ניט געוואָלט פאַרשעמען און דערפאַר האָט ער ניט געזאָגט זיין מאַמען זי זאָל אים צורו־לאָזן. ער האָט פאַרשלאָסן די אויגן און געמאַכט זיך, אַז ער שלאָפט. שפּעט אין דער נאַכט, ווען טאַטע און מאַמע זיינען שוין אויך געשלאָפן, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון בעט, אָנגעצונדן דעם גאַז־רער, אָנגעשריבן אַ בריוו צו טאַטע און מאַמע. אַרויס אינדרויסן און איז אַוועק, ניט אומקוקנדיק זיך אויף דער הויז, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, אויף דער גאַס, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע יאָרן. ער איז אַוועק, מאַיקל, מיט דעם גרויסן ווייטיק.

# אייב באַרנעץ און זיין גוטער פריינט

אויבן־אָן לעבן חתן איז געזעסן דער רב מיט דער לאַנגער באָרד. ער האָט זי געהאַלטן, די באָרד, אין דער האַנט, זי געגלעט, געקעמט מיט די פינגער און זי אָפּגעהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ. דער שמש האָט שוין ניט געהאַט אַזאַ לאַנגע באָרד—אַ קליין בערדל, אַן ארומגעשווירנס. ער איז געזעסן פון צווייטן עק טיש און געמאַכט אַלעמען שטיל, ווען ער האָט דערזען, אַז דער רב קלייבט זיך עפּעס זאָגן. דער רב האָט געבענטשט חתן־כלה, זיי צוגע־וואונטשן ישועות, נחמות און הצלחות אַף אידן און אַ סך פּרנסה. האָט אייב באַרנעץ אים געגעבן אַ פינף־דאָלאַר־שטיק דערפאַר. דער שמש האָט אַ קרעכץ געטאָן נאָכדעם ווי דער רב האָט פאַרענדיקט זיין ברכה. האָט אים אייב באַרנעץ אויך געגעבן צוויי דאָלאַר פאַר זיין ליטישן קרעכץ.

ס'איז אויך געזעסן לעבן טיש אַן עלטערע מיידל מיט שווארצע פליאַמעס אַפן פנים. דאָס מיידל מיט די פליאַמעס האָט בעסי איינגעלאַדן פון דעם צווייטן הויז.

זי האָט אויך איינגעלאַדן אַן עלטערע פרוי אין אַ קאָפּן־טיכל. זי, די דאָזיקע פרוי מיטן קאָפּן־טיכל, איז אויסגעשלאָפן די וועטשערע. ניט פאַרזוכט גאָרניט און געדרעמלט. אַזוי, אין דער היים, אין איר צימער, קאָן זי ניט שלאָפן, די דאָזיקע פרוי אין קאָפּן־טיכל. זי ליידט פון שלאָפלאָזיקייט. אָבער אַז זי קומט צווישן מענטשן, קאָן זי גראָד יאָ שלאָפן. וואָס מער מענטשן ארום איר און וואָס מער מען רעדט, אַלץ בעסער שלאָפט זי. איז זי געזען געקומען אַף דער חתונה, און זיך מחיה געווען מיט אַ גוט ביסעלע שלאָף.

מויש'ן האָט מרים געקויפט אַ נייעם אָנצוג, אַ געקעסטלטן בלויען אָנצוג. איז אים געווען ענג אין דעם דאָזיקן אָנצוג. ס'איז אים געווען ענג צווישן אָט די פרעמדע מענטשן. זיינע גוטע פריינט טוען עפּעס איצט אויף זייער אַ וויכטיקע זאַך, און ער איז גאָר אַף אַ חתונה. אַ, דזשי! די איינציקע טרייסט זיינע איז געווען די רייכע וועטשערע. די מאַמע האָט צוגעשיקט דורך דער מומע ביילע'ן פולע טעלער צו מויש'ן, און מויש האָט גאָר הנאה געהאַט. ווען ער האָט זיך אָנגעגעסן און איז שוין געווען איבערגעפילט, האָט ער גלייך געוואָלט אַנטלויפן. אָבער די שוועסטער מרים, וואָס האָט געהאַלטן אַן

אויג אױף אים, האָט אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט אַ ביסל מורא פאַר זיין שוועסטער מרים. „אַ, דזשי", ער דאַרף נאָר זיצן צווישן אַט די נודנע מענטשן.

אין אָנפאַנג פון אָוונט האָט ליוסי, ווי איר שטייגער איז, צעאַרבעט מיט אירע אייגעלעך, געפּרואווט אָפּשפּעטן פון רב, אים צעטומלען. דערנאָך האָט זי זיך גענומען צום שמש. אָבער שפּעטער איז איר אומעטיק געוואָרן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז די שוועסטער מרים פאַרלאָזט דאָס הויז, און זי וועט שוין היינט דאַרפן שלאָפן אַליין. איז איר געוועזן זייער טרויעריק פון דעם געדאַנק. זי האָט זיך אַריינגערוקט מיט איר בענקל צווישן חתן און כלה און אַריינגענומען מרים'ס האַנט אין אירער. מרים איז דאַנקבאַר דער קליינער שוועסטערל, וואָס האָט גענומען איר האַנט. דורך דער שוועסטער'ס האַנט קומט זי נאָך אין באַרירונג מיט איר איינענער משפּחה.

וואָס־זשע וועט זיין נאָכדעם? נאָכדעם, ווען אַט די טרויעריקע וועטשערע וועט זיך פאַרענדיקן? אפשר וועט דער „נאָכדעם" קיינמאָל נישט קומען... אַז זי גליוועט שוין נאָר זיצנדיק לעבן אים. וואָס האָט זי געטאָן, מרים? אוי, וואָס האָט זי געטאָן? זי טרינקט זיך, מרים. זי וועט זיך אויפהויבן פון טיש און אַנטלויפן, אָפּזוכן מאַיקל'ען און אַוועק מיט אים אין דער וועלט אַריין.

ס'זיצט נאָך אַ מענטש צווישן די געסט און ער איז אַן אומפאַרשטענד־לעכער צו אַלע. אַ מענטש מיט אַ פּרויען קאָפּ האָר און מיט אַ פּנים פון אַ געלערנטן, צי פון אַ שרייבער. זיינע האָר זיינען פאַרקעמט אַרויף, ווי בײַ אַ מענטשן, וואָס איז אין דער קינסטלערישער פּראָפעסיע. אָבער זיין נאָז איז געוועזן אַ שיכור'ע. אַ לאַנגע אויסגעבויגענע נאָז, אַ קלוגע, אַ רויטע און אַ שיכור'ע.

ליוסי האָט געפּרובירט חוזק מאַכן פון דעם מאַן מיט אירע לוסטיקע רינגעלעך־אייגעלעך. ער האָט אָבער אַ קלוגן שמייכל געטאָן צו איר, און זי איז גאָר צעטומלט געוואָרן.

לעבן חתן איז געזעסן אָט דער אומפאַרשטענדלעכער מאַן, וואָס האָט געהייסן סענדער ראַבינאָוויץ. אַזש פון נוארק האָט אייב מיטגעבראַכט דעם דאָזיקן סענדער ראַבינאָוויץ.

— רייד מיט איר עפּעס, — האָט אייב בארנעץ אים אַריינגעשושקעט אין אויער. אייב בארנעץ האָט געוואָלט, אַז סענדער ראַבינאָוויץ זאָל עפּעס ריידן מיט דער כלה.

— מען קאָן נאָך ניט, — האָט דער קלוגער פריינט זיינער אים אָפּגע־

ענטפערט אין דער שטיל. — שפעטער א ביסל, ווען ס׳וועט זיך מאכן א געלעגנהייט.

וואס־זשע זאל סענדער ראבינאוויץ ריידן מיט דער כלה? גלאט אזוי זאל ער ריידן. אינטעליגענטע רייד זאל ער ריידן, ווייל אייב בארנעץ קאן נים ריידן קיין אינטעליגענטע רייד. דער דאזיקער מר. ראבינאוויץ קאן יא. צען דאלאר האט ער צוגעזאגט דעם דאזיקן סענדער׳ן פאר דעם אוונט פון דער חתונה. קיין נאענטע פריינט פארמאגט נישט אייב בארנעץ אין נוארק. די פעדלער, וואס דינגען בא אים פושקארטס אף פראקאט, וועט ער דאך נים איינלאדן. א קליינער יחוס פאר אים אט־די דאזיקע פעדלער. גיין איינער אליין אף דער חתונה, פאסט נים. עפעס פירט זיך נים אזוי בא לייטן. ביז ס׳איז אים איינגעפאלן דער געדאנק וועגן סענדער ראבינאוויץ. ראבינאוויץ איז א לאיער, פון די ארעמע לאיערס, אבער אייב בארנעץ׳ן געפעלט ער. א קלוגער מענטש, א געלערנטער און פארמאגט א געשליפן צינגל. האט ער אים געדונגען פאר א „גוטן פריינט" בלויז אף דער חתונה־נאכט, ער זאל עפעס ריידן מיט דער כלה, זיך אריינמישן מיט קלוגע רייד אין געשפרעך, וועט דאס זיין פאר אים א כבוד.

יא, סענדער ראבינאוויץ וועט באלד ריידן. ער האט גוט באטראכט די כלה, און איצטער גייט ער איר עפעס זאגן.

— זייט נים פארצווייפלט, שיינע פריילין, — בויגט ער זיך אן פאטער־לעך צו מרים׳ען, — ווייל מען קאן חתונה האבן, מען קאן זיך אויך גט׳ן, ס׳איז נים געפערלעך.

מרים ווערט רויט איבערן גאנצן האלז. זי לאזט אראפ די אויגן און סענדער רעדט ווייטער צו איר:

— ס׳לוינט זיך נים, שיינע פריילין. מען דארף דאס נים נעמען אזוי ערנסט.

אייב הערט נים, וואס דער „גוטער פריינט" זיינער רעדט צו דער כלה. אבער ער שטויסט זיך שוין אן, אז ער רעדט מסתמא וואס מען דארף, און ער גיט סענדער׳ן א קלאפ גוט־ברודעריש איבער די פלייצעס. מיסטער ראבי־נאוויץ נעמט אן דעם קלאפ מיט ווירדע. צוצונעמען דעם דאזיקן גוטברודערשן קלאפ גייט אויך אריין אין זיין פונקציע, פאר וועלכער ער נעמט צען דאלאר. סענדער ראבינאוויץ גיסט זיך אן א גלאז ווין און זאגט:

— פארן געזונט פון חתן, מיסטער אייב בארנעץ. מיין פולער רעספעקט פאר אים!

ער האט זיך פארנויגט פאר בארנעץ׳ן און אייב בארנעץ׳ס נאקעטער

קאָפּ האָט זיך גאָר מחיה געווען. זיין פּליך איז געוואָרן רויט און גלאַנציק און געשיינט פון גרויס כבוד.

מיסטער ראַבינאָוויץ האָט דערגאָסן זיין גלאָז וויין, זי ווידער אויפגעהויבן אין דער לופטן און געזאָגט:

— און אַט הויב איך מיין בעכער פאַר דער כלה, די שענסטע צווישן אַלע מיידלעך, די קלוגסטע פרוי צווישן אַלע פרויען, די איידלסטע פּערזאָן צווישן אַלע פּערזאָנען, דאָס גאָבלסטע האַרץ צווישן אַלע הערצער.

ער האָט זיך פאַרנויגט פאַר איר און אָפּגעזופּט אַ ביסל פון זיין גלאָז.

דערנאָכדעם האָט ער ווייטער דערגאָסן זיין גלאָז און געזאָגט:

— איך טרינק פאַרן געזונט פון דער מוטער, וואָס האָט געגעבן דער וועלט אַזאַ שיינע טאָכטער. זי מעג זיין שטאָלץ, די מאַמע, ווייל זי איז די גליקלעכסטע מאַמע פון אַלע מאַמעס.

סענדער ראַבינאָוויץ האָט אַזוי געהאַלטן אין איין אָפּזופּן פון זיין גלאָז און אין איין דערגיסן און געטרונקען פאַר אַלעמענס געזונט. ניט פאַרגעסן די מיידל מיט די שוואַרצע פּליאַמעס, און דער אַלטער פרוי, וואָס האָט גע־האַלטן אין איין דרעמלען, מויש'ן ניט פאַרגעסן און ליוסי'ן אויך ניט. ער האָט כשר פאַרדינט זיינע צען דאָלאַר.

— ווער איז דער דאָזיקער מאַן? — פרעגט מרים בא איר חתן.

— אָ, ער איז שוין דער אמת'ער מאַן, — לויבט אים באַרנעץ, — ער איז אַ גרויסער געלערנטער און מיין בעסטער פריינט.

כדי צו ווייזן, אַז דער דאָזיקער גרויסער געלערנטער מאַן איז טאַקע זיין בעסטער פריינט, גיט ער אים ווידער אַ קלאַפּ אין פּלייצע. נעמט ווידער צו, מר. ראַבינאָוויץ, דעם קלאַפּ מיט גרויס ווירדע און פאַרנויגט זיך ווידער פאַר אייב באַרנעצ'ן.

די צוויי כלי־זמר זיינען געקומען אומגעבעטן. דער איד מיט דער גוליע אַפן האַלז, וואָס שפּילט אַפן קלאַרנעט, און דער איד מיטן פידל, מיטן צע־כראַסטעטן העמד. זיי האָבן זיך שוין דערוואוסט אַפן בלאָק, אַז אין דער הויז קומט פאָר אַ חתונה, זיינען זיי געקומען זעלבסט־אַנגעלאַדענע. כדי אָוועקצונעמען אַלע טענות, האָבן זיי גלייך ווי זיי האָבן איבערגעטראָטן די שוועל אָנגעהויבן צו שפּילן אַ „חתן־כלה מזל־טוב". אַז זיי האָבן געענדיקט, האָט דער איד מיט דער גוליע זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ שלום־עליכם צום חתן און אויסגערופן:

— מזל טוב, חתן לעבן, גאָט זאָל דיר געבן גרויס גליק און נחת מיט דיין באַשערטער. איר זאָלט לעבן ביידע ווי די כשר'ע טייבעלעך. איר זאָלט

האָבן גוטע קינדער און איר זאָלט זיי דערציען לתורה, לחופה ולמעשים טובים.

— אָמן! — האָט נאָכגעזאָגט דער איד מיטן פידל.

דער חתן האָט זיי געגעבן דריי דאָלאַר און זיי האָבן אָנגעהויבן שפּילן נאָך אַ התונה־שטיקל, אָבער אינמיטן דערינען האָבן זיך אַריינגעריסן די פינף חברה־לייט, מויש׳ס גוטע פריינט. ניכטערערהייט וואָלטן זיי קיינמאָל ניט געטאָן אַזאַ זאַך, אָבער זיי זיינען געווען שיכור׳לעך, די אינגלעך, זיך אָנגעטרונקען בא באַשע דער רומענערן, נאָך זייער געלונגענער שטיקל אַרבעט. פּופּצן דאָלאַר האָבן זיי פאַרכאַפּט.

— מזל טוב! — האָבן זיי אַלע אויסגעשריען אַף אַ קול צו מרים׳ען.

בעניטאָ האָט אויך אויסגעשריען „מזל טוב". די חברים האָבן אים געלערנט אַפן וועג ער זאָל אַזוי זאָגן. האָט ער טאַקע געזאָגט „מזל טוב" און געקוקט אַף די געסט, צי מען וואונדערט זיך ניט, וואָס ער, אַן איטאַליענער, האָט געזאָגט „מזל טוב" פּונקט ווי אַ איד.

— שפּילט עפּעס, — האָט מאַיק באַפוילן די כלי־זמר און זיי אַ וואָרף געטאָן הפקר׳דיק אַ דאָלאַר. האָט דער איד מיט דער גוליע אַ כאַפּ געטאָן זייער פלינק דעם דאָלאַר אין דער לופטן און האָט זיך גאָר מחיה געווען מיט די שיכור׳ע בחורים. זיי האָבן אַ שפּיל געטאָן אַ פריילעכס און די חברה האָבן פאַרלייגט העגט אַף אַקסל, אַריינגעשלעפּט מויש׳ן אויך אין קאָן און אויסגעטאַנצט דאָס „אידישע פריילעכס" אַף זייער אַמעריקאַנעם קלינטאָן־סטריט שטייגער. לואי איז אַריין אינמיטן ראָד און אָנגעהויבן אויסצוקלאַפּן מיט די זוילן פון די שיך דעם גאַנצן פריילעכס און די ווילדע בחורים פון קלינטאָן סטריט צוזאַמען מיט בעניטאָ׳ן האָבן געהאָפּעט. מיט אָנגעבוויגענע העלזער האָבן זיי געטאַנצט, געטרייסלט מיט די צעפּאַטלטע קעפּ און אויסגערופן אַלע מאָל: טאַר־ראַ־ראַ באַם, טי־איי!

דאָס האָבן זיי אַזוי באַשיינט מויש׳ס שמחה, און מויש׳ס פרישטשעם אַפּן פּנים און זיינע לאַנגע אויערן אין אַ פריילעכער צעטומלעניש, האָט מיטגעהאָפּעט מיט די איבעריקע. וואָס פאַר אַן איבערגעגעבענע פריינט פאַרמאָגט אָט־דער מויש — אין ליידן און אין פריידן, זיי זיינען אַלעמאָל מיט אים.

— מרים. טאַ־ראַ־ראַ, בום טי־איי, — שרייט ער צו דער עלטערער שוועסטער זיינער און מיינט, אַז ער פאַרשאַפט איר אַ גוואַלדיקן נחת רוח.

— טראַ־ראַ־ראַ, בום, טי־איי.

אָבער פּלוצלונג ווערן אַלע מיטאַמאָל אַזוי שטיל. די כלי־זמר האָבן נאָך געשפּילט אַ ביסל, נאָכדעם ווי אַלע זיינען געוואָרן שטיל, אָבער זיי האָבן אויך תיכף אָפּגעהאַקט. אינדרויסן איז עפּעס ניט גלאַט, אַלע זיצן מיט אָנ־

געשטרענגטע אויערן צו דעם אינדרויסן. עס רודערט זיך עפּעס אף דער גאס. מען שרייט. יאָ, מענטשן שרייען. הילכיקע שניידנדיקע קוויטשן רייסן זיך אריין דורך די פענצטער:

— פיי־ע־ער, גע־וו־אַ־ל־ד, ס׳בר־ע־נ־ט!

א רויטער אינדרויסן. רויט אַלע ווענט און אַלע פענצטער. האַלבנאַקעטע געשטאַלטן לויפן פון די האַלס.

— פיי—ע—ע—ער!

# אַ פייער אַף קלינטאָן סטריט

אַ בלאָז שלאָפט זיך. סוף זומער־נאַכט. די שטיינער פון דער גאַס קילן זיך אָפּ. עס שטילט זיך איין דער טומל פון אַ גאַנצן טאָג. ער פאַלט צו, דער טומל, צו די ווענט, צוזאַמען מיטן שטויב, וואָס איז געהאַנגען די גאַנצע צייט אונטערן הימל. ווי אַ גלאָז מוטנע וואַסער, אַזוי זעצט זיך אָפּ דער אינדרויסן אין קלינטאָן סטריט. אויבן איבער די דעכער ווערט דורכזיכטיק די לופט. מען קאָן שוין זען אַלע שטערן, קלאָרע, קאַלטע און פינקלדיקע. ער פאַלט צו, דער שטויב, צו די דעכער, צו די ווענט, צו די פאַרלאָזענע פושקאַרטס, צו די גליווערנדיקע שטיינער.

די קעץ פון קלינטאָן סטריט זיינען שוין מיד געוואָרן פון אַרומרייסן זיך. איינגעטונקענע אין אַש און אין שמוץ פון די מיסט־קעסטלעך, שלאָפן זיי אין די קעלערס, אין די ווינקלען פון די האָלס.

עס אָטעמט די מענטשהייט פון דעם בלאָק דורך די האַלב־אָפענע פענצטער. מען זיפצט, מען שנאָרכעט און מען כראָפּעט.

ווי פילשטאָקיקע שטייגן, קוקן אויס די טענעמענט־הייזער אין דער מוטנער ליכטיקייט פון די גאַסן־לאָמפּן. שטייגן מיט פענצטערלעך און דורך די פענצטערלעך — באַשעפענישן אין ווייסע לײַלעכער.

אַן עלטערער איד שלאָפט מיטן קאָפּ אינדרויסן. דער קישן זיינער ליגט אַפן ביישטידל פון פענצטער. דער קאָפּ זיינער הענגט אַריבער דעם קישן. ער איז אַן אַסטמעניק, דער איד, מוז ער האָבן לופט. הוסט ער אַ גאַנצע נאַכט צום דרויסן אַרויס און שניידט די לופט, ווי מיט אַ זעג איבער אַ ברעט.

אַ גאַס שלאָפט זיך אַזוי־אָ אין אַ סוף־זומער נאַכט,, און אַ רויט פלעמל האָט אָנגעפאַנגען טאַנצן אין קעלער פון איטשע מאיר אפרת דעם בוכבינדער.

דאָס האָט אַ מייזל אָנגעצונדן אָט דאָס פלעמל. אַ קעסטל מיט שוועבעלעך איז זיך געלעגן אַף אַ פּאָליצע. זיך געלעגן, ווי שטענדיק, אַף דעם זעלביקן אָרט. אָבער דאָס מאָל האָט איטשע־מאיר פאַרגעסן צו פאַרמאַכן דאָס קעסטל מיט שוועבעלעך.

אַ מייזל איז נמאס געוואָרן צו גריזשען דעם פאַרדאַרטן פּאַפּ, האָט זיך דאָס אָפּגעטיילט פון דער איבעריקער געמיינדע מייז און זיך אַוועקגעלאָזט זוכן עפּעס אַ נאַש. האָט דאָס געזוכט, דאָס מייזל, צווישן די ספרים און

צווישן די כלים און זיך פארקליבן אף דער פּאָליצע. די גנלע קעפּלעך פון די שוועבעלעך האָבן אויסגעקוקט צו דער דאָזיקער באַשעפעניש, ווי עפּעס אַ זאַך וואָס מען קאָן דאָס אַ פאַרזוך טאָן, אפשר איז דאָס גוט צום עסן.

ס'האָט אַ בים געטאָן מיט די ציינדלעך — זויערלעך און ביטערלעך, אָבער נאָך אַלץ בעסער ווי דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער פּאַפּ. האָט דאָס זיך גענומען גריזשען דאָס קעפּל פון שוועבעלע ענערגיש. גריזשעט דאָס מייזל דעם פאָספאָר און ריכט זיך גאָרניט אַף אַזאַ אויסערגעוויינלעכער דערשיינונג. עס הויבט אָן צו זידן און מיטאַמאָל — אַ צונד, אַן אויפריים מיט אַ פייער. ס'גאַנצע קעסטל מיט שוועבעלעך האָט זיך אָנגעכאַפּט און זיך צעברענט אין דער געדיכטער פינצטערניש. אויפגעגאַנגען מיט פלאַמען צו דער וואַנט, געסמאַליעט דעם שפּינען־געוועב אונטער דער סטעליע, געהוזשעט און געצישעט און זיך פאַרגאַנגען אין אַ בלויען רויך.

איטשע־מאיר איז זיך געשלאָפן מיט אַן ערלעכן שלאָף. אַ שלאָף נאָך אַ פרומער קריאת־שמע, נאָך אַ היילִיק זיפצן און קרעכצן, קלערנדיק וועגן דעם באַשאַפער פון דער וועלט, וואָס האָט געמאַכט דאָס לעבן מיט גרוים חכמה און פאַרנונפט. ער שיקט די נאַכט אַף די מענטשלעכע באַשעפענישן און גיט שלאָף און אָפּרו צו די מידע ביינער. אינמיטן טיפן פרומען שלאָפן עפענען זיך די אויגן פון זיך אַליין. די אויגן, וואָס זיינען געווען געוואוינט צו אַ שטאָק פינצטערניש, האָבן פּלוצלונג דערפילט אַז עפּעס איז ניט גלאַט. האָבן די אויגן דערזען די רויטקייט פון פייער. האָבן די אויגן נאָך גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען, ווייל די געדאַנקען זיינען נאָך בשעת מעשה געווען פאַרשלאָפן. באַלד אָבער זיינען די געדאַנקען וואַך געוואָרן און אַ גרויסער פּחד איז באַפאַלן אַלע איברים.

ווען איטשע־מאיר איז אַראָפּ פון בעט האָבן שוין די ווענט געקנאַקט פריילעך און לוסטיק. די סטעליע האָט זיך געהאַלטן אין אָנכאַפּן, די אויבערשטע טייל פון טיר האָט זיך געסמאַליעט מיט פייערדיקע צונגען. דער רויך האָט אים באַלד בלינד געמאַכט די אויגן, פאַרשטיקט דעם האַלז און אָפּן וועג צו דער ברענענדיקער טיר איז איטשע־מאיר געפאַלן. געפאַלן און גלייך האָבן זיך די געדאַנקען אָפּגעטאָן און ער איז שוין מערער ניט געווען.

קעץ לויפן פון האָל, מייז יאָגן פון די ווינקעלעך. אַף דער ליידיקער גאַס טראָגן זיי זיך אַרוים, די קעץ מיט די מייז, און צעלויפן זיך אין די נאָענטע הייזער. דער פייער רייסט זיך אַרוים פון קעלער צו די הילצערנע טרעפּ אָפן ערשטן שטאָק. די הילצערנע טרעפּ זיינען אַ מחיה'דיקער שטאָף

פארן פייער. זיי כאַפּן זיך אָן ווי די שוועבעלעך און זיי צעפּלאַקערן זיך מיט גרוים אימפּעט.

דער פייער שפּאַנט זיך פון דעם ערשטן שטאָק ביזן צווייטן שטאָק, פון צווייטן צום דריטן, און אַזוי אַלץ העכער און העכער. טייכעלעך פייער טיילן זיך אָפּ פון דעם הויפּט־טייך, וואָס טראָגט זיך אַרויפצו־צו צו די אויבערשטע שטאָק. די קליינע טייכלעך שטראָמען אַוועק צו די טירן פון די וואוינונגען, צו די טירן פון די וואַש־צימערן, וואָס שטייען אין די האָלס. אומעטום איז דאָס האָלץ אויסגעטריקנט און ס׳צעפּלאַקערט זיך באַם ערשטן אַרומנעם פון פלאַם. די גאַז־רערן אונטער דער סטעליע ווערן אָנגעגליט, הויבן אָן ברענען, ווערן צעגאָסן און ווייך, עס גיבן זיך אַ יאָג אַרוים די גאַזן, רייסן אויף מיט דונערן, און אַלע טרעפּ, די טירן מיט דער גאַנצער לופט — הוילער פייער.

—פיי־ע־ער! פיי־ע־־ער!

באַ די שלאָפנדיקע אין דעם טענעמענט־הויז ווערט פּאַראַליזירט דער מאַרך. איידער נאָך די אויגן רייסן זיך אויף פון שלאָף, האָט שוין דער געדאַנק געהערט דעם געשריי:

— פייער! פייער!

דער וועג צו די טרעפּ איז אָפּגעהאַקט. דער פייער־לייטער איז בלויז אַ חלום. שוין לאַנג צעקראָכן געוואָרן פון זשאַווער. די שכנות׳דיקע וואַנט איז אַ בלינדע. אַראָפּצו־צו אין־דער־נידער — אַ פינצטערער אָפּגרונט.

—פיי־ע־ער! — שפּאַלטן דעם הימל די נאָענטסטע בלאָקס. אַ בלוטי־קער אָפּשיין אַף אַלע ווענט, אַף אַלע דעכער. מענטשן אין ווייסן מיט אונטער־געהאַקטע פיס לויפן פון אַלע טירן.

אַ גאַנץ הויז פלאַקערט מיט כוואַליענדיקע פלאַמען פון אונטן ביז אַרויף. אַ ברענענדיקע פיל־שטאָקיקע שטייג. דורך די פענצטער חלש׳ן אויס־געשטרעקטע הענט.

— מיינע קי־י־נ־ד־ער! — יאָגט זיך אַרוים אַ שוידער פון אַ פענצטער פון פינסטן שטאָק. — מיינע קי־נ־נ־ד־ער!

— מ־ע־ע־נ־טשן! — רעוועט אַ מאַן אַרומגעכאַפּט אין פלאַמען.

אַ פרוי מיט גליענדיקע האָר האָט זיך אַרויסגעיאָגט, און אַוועקגע׳חלש׳ט אַף די שטיינער. תיכף וואַך געוואָרן און אויפגעריסן די לופט מיט אַ דורכ־געלעכערטן געשריי, פונקט ווי דער האַלז וואָלט איר געווען איבערגעשניטען.

— פאַ־אַ־לי־קל! — פאַררייסט זי דעם קאָפּ.

זי רופט איר פאַלקיל׳ען פון דריטן שטאָק. דאָרט אינעווייניק האָט זי איבערגעלאָזט איר פאַליקל׳ען, אַ קינד פון אַ יאָר אַכט.

— מאמע, מאמע, אָט בין איך, — טאָרעט זי דאָס זעלביקע פּאַליקל מיט אַן אָפּגעסמאַליעט העמדל.

— פּאַ־אַ־לי־קל! — שרייט זי אָבער אַרויף צו די פענצטער. זי דערקענט ניט איר קינד. זי האָט איר פּאַליקל׳ען איבערגעלאָזט אין דעם ברענענדיקן אויבן, דער דערשרעק האָט איר געפּלעט דעם מארך, דאָרטן אויבן. איצטער קאָן זי אים שוין ניט זען אונטן. זי זעט אים בלויז אויבן אַן איינגעוויקלטן אין פלאַמען.

— פּאַ־אַ־לי־קל! — שרייט זי. — פּאַ־אַ־לי־קל!

— מאַמע, מאַמע, אָט בין איך.

ס׳איז שוין פארפאַלן. זי זעט אים שוין ניט. די מענטשן אַרום קאָנען איר שוין ניט איינריידן.

— וויו־ו־ו! — קוויטשעט ווי אַ בייזער פויגל די פייער־מאַשין — וויו־ו־ו!

די העלדן פון פייער מיט די ברייטע היטלען און צווייענדיקע דאַשיקעס גיבן אַ שפּרונג אַראָפּ פון די פייער־מאַשינען. אין איין אויגנבליק ציט זיך שוין די לאַנגע וואַסער־קישקע, לייטערס ווערן אויפגעשטעלט און מען טראָגט פון די פענצטער פאַר׳חלש׳טע פאַרשטיקטע קינדער און דערוואַקסענע. עס הודזשעט דאָס וואַסער מיט גרויסע שטראָמען, אָבער פאַרן פייער איז דאָס שוין אַ שפּילעכל. דער פייער פרעסט אויף דאָס וואַסער.

דאָס צווייטע הויז כאַפּט זיך אָן. אָבער דאָס צווייטע הויז איז שוין ליידיק פון מענטשן. אַ פלאַם האָט זיך אָפּגעריסן פון דער גאַנצער מחנה פלאַמען און אַריינגעשפּרונגען אינעווייניק אין צווייטן הויז דורך אַן אָפענעם פענצטער. אַריינגעשפּרונגען און גלייך אַרומגעכאַפּט דאָס בעט, האָט שוין דאָס בעט אָפּגעטיילט אייגענע פלאַמען פון זיך אַליין און זיי זיינען באַפאַלן דעם טיש און די בענקלעך און די דינע ווענטלעך.

— מיין פאַ! — רעוועט מאַיק. — מיין פאַ!

ער זוכט זיין טאַטן צווישן די פאַר׳חלש׳טע, צווישן די אַרויסגעראַטעוועטע. ניטאָ זיין פאַ.

— מיין פאַ! — רעוועט ער אויף אַ קול, מאַיק אפרת, דער זון, וואָס טראָגט אַ האַס אויף זיין טאַטן. דער זון, וואָס האָט ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט צו זיין טאַטן פון זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון דער „רעפאָרמאַטאָרי".

אַ פּאָליסמאַן שטויסט אים אָפּ, דערלאַנגט ער יענעם אַ כמאַליע איז די ציין און לאָזט זיך צום ברענענדיקן הויז. די חברים זיינע פאַלן אָן אויף אים.

זיי ווילן אים פֿאַרהאַלטן. ער דערלאַנגט בוטשי'ן צווישן די אויגן, ער גיט אַ פּלעט מויש'ן איבערן קאָפּ.

מאַיק שפּרינגט אַריין אין די פֿלאַמען, איידער די פֿייער־לעשער האָבן צייט אים צו פֿאַרכאַפּן. זיין טאַטע ליגט צעלייגט אויף דער ערד מיט דער באָרד צו דער פּאָדלאָגע. דער פֿייער האָט נאָך ניט גערירט איטשע־מאיר אפרת'ן. דער פֿייער איז, ווייזט אויס, ניט געווען פֿאַראינטערעסירט מיטן קעלער. בלויז איין וואַנט האָט דאָרטן געברענט. אַפילו די ספרים זיינען ניט אָנגערירט געוואָרן. דאָס גאַנצע הויז איז געווען אין פֿלאַמען און דער קעלער פֿונוואַנעט דער פֿייער האָט זיך אָנגעהויבן איז נאָך געווען כמעט גאַנץ.

מאַיק גיט אַ כאַפּ דעם פֿאַר'חלש'טן קערפּער פֿון זיין טאַטן אויף די פּלייצעס און לאָזט זיך מיט אים דורך די פֿלאַמען. אָבער איטשע־מאיר האָט ניט געוואוסט, ווער ס'האָט אים אַרויסגעטראָגן. וואָלט ער געווען גע־וואוסט, וואָלט ער שוין דערנאָכדעם געמעגט שטאַרבן. ער האָט ניט גע־וואוסט. מען האָט אַריינגעכאַפּט איטשע־מאיר'ן אין אַן אַמבולאַנס, און איידער מאַיק האָט נאָך געהאַט צייט זיך אויך אַריינכאַפּן אינעווייניק, איז דער אַמבולאַנס געפֿלויגן און געוואָיעט איבער אַלע גאַסן. יאָגט מאַיק נאָך מיט פֿליענדיקע פּיס און רעוועט אויף אַ קול:

— פּאַ, פּאַ, פּאַ!

# נאָכן פייער

אין דער פרי, ווען די זון איז ארויס, האָבן די קינדער פון קלינטאָן סטריט זיך שוין געראַיעט צווישן די אָפּגעסמאַליעטע ווענט. זיי האָבן געזוכט מציאות אין די געוועזענע צימערן פון די אָפּגעברענטע הייזער.

מענער, פרויען און קינדער זיינען געקומען פון אַנדערע בלאָקס אַ קוק טאָן אויף דעם שוידערלעכן פּלאַץ, וואו ס'זיינען פאַרברענט געוואָרן אויף טויט פיר מענטשלעכע לעבנס. פרויען האָבן געוויינט אויף אַ קול. אידן האָבן געזיפצט און אין זייערע אויגן — אַ פאַרבאַהאַלטענער געדאַנק פול מיט מורא. מען האָט דאָס ניט געזאָגט אין דער הויך, וואָס יעדער איינער האָט געטראַכט בשעת מעשה. אַלע האָבן געטראַכט דעמזעלביקן געדאַנק: זיי וואוינען אויך אין אַזעלכע פייער-שטייגן, און אַז די שעה זאָל ניט קומען, זיינען זיי אַלע, די דאָזיקע פאַרזאַמלטע, אויסגעשטעלט צו אַזאַ שוידער.

— נעבעך אָפּגעברענט געוואָרן, הייסט עס, דער באַלעבאָס פון די הייזקעס — רופט זיך פּלוצלונג אָן אַ איד, וואָס איז ניט לאַנג אריבערגעקומען פון יענער זייט ים.

— שוטה! — רופט זיך אָן אַן אַלטער איד מיט אַ גרויער באָרד. — שוטה בן פּיקהאָלץ.

ווייסט ניט דער גרינער איד, פאַרוואָס מען רופט אים „שוטה" און פאַרוואָס דער איבעריקער עולם קוקט אויף אים מיט שפּאָט.

—אָבער, ס'זיינען דאָך זיינע הייזער? — פּאָדערט דער גרינער גערעכ-טיקייט באַם עולם.

— שוטה! — זאָגט דער אַלטער איד מיט דעמזעלביקן טראָפּ. — זאָלן מיר דאָס ביידע פאַרמאָגן, וואָס פאַרא מאַטניא ס'וועט אים אריינפאַלן, דעם באַלעבאָס דיינעם.

— ווייסטו גאָר וואָס? זאָלן מיר דאָס אַלע דריי פאַרמאָגן — רופט זיך אָן אַ צווייטער איד, וואָס שטייט נאָענט דערביי, און וויל מען זאָל אים אויך אריינגעמען אין קאָן, ווען ס'וועט קומען צו צעטיילן זיך מיט דער מאַטניא.

דער גרינער, אָבער, ווייסט נאָך אַלץ ניט, וואָס מען מיינט. שטייט ער אַ הילפלאָזער און אַ פאַרשעמטער און כאַפּט זיך ערשט שפּעטער, אַז ער האָט זיך דאָ באַנאַרישט.

# ווי מרים פּאָרט מיט אייב באַרנעצ'ן צו די קעטסקילס

גלייך אין ליכטיקן פרימאָרגן איז מרים אַריינגעפאָרן. נאָך פון דער שיף, וואָס פירט איבער פון ניו יאָרק צו דעם קעטסקיל־באַן, האָט זי דערזען דעם דאָזיקן גרויסן וואונדער פון דער וועלט, וואָס האָט זיך פלוצלונג אויפגעעפנט פאַר איר מיט אַ ברייטן גאָלדענעם טייך, מיט אַ ליכטיקער שטאָט אַף אַ באַרג און מיט בלויע ברייטע הימלען.

אַ קינד פון ניו יאָרק און האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, וואָס ס'טוט זיך הינטער ניו יאָרק. דאָס האָט זי אייב באַרנעץ אַריינגעפירט אַזוי אין ליכטיקן פרימאָרגן. אַ געאָרעמטע האָט ער זי געפירט. צוגעהאַלטן איר אָרעם מיט גרויס גבורה. ער האָט זי געלאָזט גיין פאָראויס, ער נאָך איר — דער גליקלעכער אייגנטימער. ער האָט זי געפירט גלייך אַף די מענטשן. ער האָט קיינעם ניט אָפגעטראָטן דעם וועג, אַנדערע האָבן געמוזט אָפטרעטן דעם וועג פאַר אים. מיט די דינע פיס האָט מרים געשפּאַנט און מיט אַ לאַנגן האַלז. די נייע געלע הוט אַף אירע צערויטלטע האָר. דער לאַנגער גרויער געקעסטלטער מאַנטל מיט די היפּשע פּערלמוטערנע קנעפּ. די קליינע שוואַרצע שיכעלעך פון טייערן לעדער, מיט די חנ'עוודיקע באַנטיקלעך. יעדער שטיקעלע אָנטאָן אַף איר — איז זיינס, אייב'ס. אַפילו אירע זיידענע זאָקן זיינען זיינע. נאָך מערער קליידער ליגן איינגעפּאַקעוועט אין די גרויסע לעדערנע רענצלעך, וואָס אַ שוואַרצער פּאָרטער אין אַ רויט היטעלע טראָגט זיי נאָך. אַלץ — זיינס. אָן אים איז זי אַ הוילע, אַ נאַקעטע. אַפילו דאָס העמד אַף איר לייב איז זיינס. דערפאַר האַלט ער צו מיט גרויס גבורה זיין אייגנטום. ער וועט שוין אַכטונג געבן אַף זיין אייגנטום, אייב באַרנעץ.

ער האָט זי אַנידערגעזעצט אין וואַגאָן אַף אַ גרינעם פּליושענעם בענקל. ער האָט זיך געזעצט לעבן איר און ווידער אָנגענומען איר אָרעם.

אייב באַרנעץ איז קיינמאָל ניט געגאַנגען געאָרעמט מיט אַ מיידל. ער האָט געזען תמיד אַף די גאַסן אַנדערע מענער און פרויען, וואָס גייען געאָרעמט, און ס'איז אים שטענדיק געוואָרן זייער אומעטיק פון דעם. ער האָט זיך געפילט געקריוודעט פון דעם. אַ פאַרשעמטער אַלטער בחור. ער האָט תמיד מקנא געווען, וואָס מען האָט זיך אַ ווייב, מען גייט מיט איר שפּאַצירן געאָרעמט, מענטשן קוקן אַף דיר און דענקען, אַז דו ביזט אַ

ליטישער מענטש, און אַליין פֿילט מען זיך שוין ניט אַזוי עלנט.

מרים פֿילט ניט זיין האַנט. זי איז ווייט פֿון אים. זי גאַפֿט און שטוינט פֿון דעם גרויסן ליכטיקן פּרימאַרגן. זי קוקט אַפֿן ברייטן דרויסן, וואָס איז פֿריי פֿון שמאָלע גאַסן, פֿון טענעמענט־הייזער, פֿון מאַשינען און וועגענער, און פֿון עלעווייטאָרס און טראַמווייען.

עס לויפֿט אונטער איר וואַגאָן־פֿענצטערל דער ברייטער גרויסער האָדסאָן מיט די גרינע וואַסערן. אירע בליקן באָדן זיך אין די קילע וואַסערן און ס'ווערט איר קיל בלויז פֿון קוקן אַף זיי.

אַ גרויסע שיף מיט זון־באַגאָסענע דעקן שווימט אינמיטן טייך. אַף די דעקן אַ יום־טוב'דיקער עולם. פֿונוואַנען האָבן זיך גענומען אַזוי פֿיל מענטשן אַף דעם דעק, אַז אַלע מענטשן זיינען גאָר אין קלינטאָן סטריט, אין ריווינגטאָן, אין סטענטאָן, אין האוסטאָן און אין לודלאָוו. אַז אַלע מענטשן פֿעדלען איצט גאָר מיט פּרוכט, מיט קעמעלעך, מיט קישעלעך, מיט מזוזה'לעך, מיט סידורים'לעך?

פֿונוואַנען האָבן זיך גענומען אַזוי פֿיל יונגע מיידלעך אַף די זון־באַגאָסענע דעקן פֿון דער שיף, אַז אַלע מיידלעך קלינגען איצט אַף די רעד־דזשיסטערס אין וואָולוואָירט'ס פֿינף־און־צען־סענט סטאָרס?

ווייט אַפֿן צווייטן ברעג, הענגט אַ הויכער באַרג סאַמע איבערן האָדסאָן. אַ באַרג איינגעטונקען אין וואַלד. סאַמע אַפֿן שפּיץ קוקט אַרויס אַ פּאַלאַץ מיט ווייסע גאַניקלעך און מיט אַ רויטן דאַך. ווייט איבערן צווייטן ברעג — זוניקע שטעט מיט הויכע מויערן, באַנען מיט גאָלדענע פֿענצטער יאָגן און קוויטשען. אַ יאַכט־שיף שווימט זיך פּאַוואָליע מיט אַ ליכטיק־ברוינעם קוימען. איין מענטש געפֿינט זיך איצט אַף דער דעק: אַ פֿרוי אין ווייסן. זי האַלט פּאַר אירע אויגן אַ בינאָקל. אפֿשר זעט די פֿרוי זי, מרים'ען, אין דעם וואַגאָן־פֿענצטערל?

אַ מאָטאָר־שיפֿל יאָגט איבער שוימיקע כוואַליעס. דאָס מאָטאָר־שיפֿל מאַכט אַליין אָן די כוואַליעס און יאָגט זיך איבער די דאָזיקע כוואַליעס. מרים'ס אַמעריקע, און זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען איר אַמעריקע. איצטער זעט זי איר אייגן לאַנד. צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, אַז זי זעט דאָס.

מען האָט אַלע יאָרן פֿאַרבאַהאַלטן פֿון מרים'ען איר אַמעריקע. אַ גע־פֿאַנגענע פֿון דער פֿינצטערניש און דלות. מען האָט זי גאָרניט געלאָזט זען איר אייגן לאַנד, וואו זי איז געבוירן געוואָרן. ליוסי ווייסט אויך ניט פֿון דער דאָזיקער אַמעריקע, און ניט מילדרעד און ניט מויש. איר טאַטע דער פֿעדלער איז געשטאָרבן און גאָרניט געוואוסט אין אַ וואָסערן וואונדערבאַרן

שיינעם לאַנד ער האָט זיך באַזעצט. וואָלט מאַיקל געוועזן מיט איר צוזאַמען, וואָלט ער גלייך גענומען זינגען אַ ליבע־געזאַנג צו זייער שיינער היימאַט — מיט דעם דאַזיקן ברייטן טייך אַ באַשפּרינקלטער פון מילי־מיליאָסן גאָלדענע שטיקלעך זון, מיט דעם הויכן באַרג אין דער טונקעלער גרינער וואַלד־קוטשמע. מרים׳ס אויגן ווערן פייכט. זי וויינט.

שרייט די באַן. עס קוויטשעט די באַן, און ס׳דאַכט זיך איר אויס, אַז עמיצער לויפט נאָך דער באַן. זאָל דאָס מאַיקל אַזוי נאָכלויפן דער באַן, זי אַ כאַפּ טאָן, מרים׳ען, אַרויסשפּרינגען מיט איר דורכן פענצטער און אַוועק מיט איר אין דער דאָזיקער ליכטיקער ווייטער וועלט, וואָס האָט זיך אָפּ־געדעקט פאַר איר אַ פּרייע צום ערשטן מאָל אין איר לעבן. אין די מואַווים האָט מרים געזען אַזאַ בילד, ווי אַ בחור כאַפּט אַרויס זיין געליבטע פון אַ לויפנדיקער באַן.

נאַקעטע אינגלעך. אינגאַנצן נאַקעט שפּרינגען זיי אין טייך אַריין. רויטע ליכטיקע לייבער שפּרינגען אין זילבערנע כוואַליעס. די קינדער טונקען זיך אין די כוואַליעס, שווימען און מאַכן מיט די הענט צו דער באַן, און צו די מענטשן, וואָס קוקן אַרויס דורך די פענצטער.

די באַן איז אַריין אין דער פינצטערניש פון אַ טונעל און אייב באַרנעץ, איר געזעצלעכער מאַן, האָט דערווייל געכאַפּט און איר אַ קוש געטאָן. האָט די פינצטערניש אָנגעהויבן צו וואַרגן מרים׳ען און אָט עקט זיך איר דאָס לעבן. איז באַלד אָבער ווידער דערשינען די ליכטיקע וועלט און אייב איז געזעסן אַ שטאָלצער מיט אַ פייכטן נאַשער־שמייכעלע אױף די וואָנצעס.

אַבי זי האָט דער מאַמען באַזאָרגט. אַ גראָב פּעקל מיט גרינע דאָלאַרן האָט אייב באַרנעץ אַרויסגענומען פון זיין בוזעם־קעשענע, אָפּגעציילט פון דעם פּעקל הונדערט דאָלאַר, און דערלאַנגט איר מאַמען. ער וועט אַלע מאָנאַט איר שיקן הונדערט דאָלאַר, אַזוי האָט ער צוגעזאָגט פאַרן רב אין די אויגן.

די מאַמע וועט שוין גיין צו אַ דאָקטאָר מיט אירע קראַנקע פיס. די משפּחה וועט זיך אפשר איבערקלייבן אין אַן אַנדער וואוינונג. ליוסי׳ן וועט מען קויפן קליידער און וועש. מויש׳ן וועט מען זען איינאָרדענען אױף אַ שטעלע. אַבי מרים האָט באַזאָרגט די משפּחה.

דער טייך אַנטלויפט פון מרים׳ען מיטן לעצטן ביסעלע וואַסער. טוט מרים׳ען באַנג, וואָס דער טייך אַנטלויפט. זי האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו אים, ווי צו אַ גוטן וועג־חבר. דער האָדסאָן איז געלאָפן מיט איר צוזאַמען פון ניו יאָרק, און צוגענומען פון איר אין די קילע וואַסערן אַריין געדאַנק נאָך געדאַנק. איצטער אַנטלויפט ער פון איר, דער וועג־חבר.

די הויכע בערג קומען אָן. קיעלעך אין די טאָלן. שטילע פרומע קיעלעך צופּן זיך דאָס גראָז. די באַן טראָגט זיך דורך, צעקוויטשעט זיך און שרעקט איבער די קיעלעך. הערן זיי אויף צו צופּן דאָס גראָז און קוקן נאָך מיט גרויס פאַרוואונדערונג.

עס פאַרשמעקט דער גאַנצער וואַגאָן. די באַרג־לופט דרינגט אַריין דורך די אָפענע פענצטער. קרעפטיקע קילע לופט. מרים׳ס פּנים בליט שוין, איידער נאָך זי איז אַריינגעפאָרן אין די ריכטיקע קעטסקילס. צווישן וואַלד לויפט די באַן. באַרג און וואַלד. אַ קילע פרישע גרינע וועלט. אַלע מענטשן זיינען פאַרבליבן אין דעם טומלדיקן ניו יאָרק, נאָר בלויז זי, מרים, איז אַריינגעפאָרן אין דער גרינער וואַלדיקער וועלט. די איינציקע מיידל פון קלינטאָן סטריט, וואָס אָטעמט אַריין די דאָזיקע פרישקייט און קילקייט פון די וועלדער.

# אַלע נויגן זיך פאַר אייב באַרנעצ'ן

אַלע נויגן זיך, אַלע בוקן זיך פאַר אייב באַרנעצ'ן, און ער שמייכלט מיט פוטערדיקע אייגעלעך צו מרים'ען. זיינע אויגן זאָגן צו איר:

— דו זעסט כאַטש! און דו האָסט אַוואָדע געמיינט, אַז איך בין אַ כ'וויים־וועך...

אַלע געסט אין דעם האָטעל ווייסן שוין, אַז ער איז אַ שטיק מיליאָנער, דער דאָזיקער מיסטער באַרנעץ. דאָס האָט שוין מיסעס קראַנץ, די באַלע־באָסטע, געזען אַז אַלע זאָלן וויסן, וואָס פאַר אַ חשוב'ע לייט ס'פאַרפאָרן אין איר פּלאַץ.

אייב באַרנעץ אַליין, מיט אַ נאַקעטן קאָפּ, מיט לאַנגע וואָנצעס, מיט געקעסטלטע גרויע ניקערס, מיט געבלימלטע גאָלף־זאָקן, מיט אַ היפּשן בייכל אונטערן ווייסן זיידענעם העמד, מיט זיין יונגער ווייב, האָט זיך געלאָזט אריינגיין אין קאַסינאָ אונטער די קלאַנגען פון דער מוזיק. דער פּייקלער האָט דאָס געמאַכט דעם גרויסן געוואַלד אַף דער פּויק, ווען אייב באַרנעץ מיט זיין פרוי זיינען דערשינען אַף דעם שוועל פון קאַסינאָ. פאַר אַנדערע געסט, טוט אויך דאָס זעלבע דער פּייקלער: ער לויפט מיט די שטעקעלעך איבער די טאַצן און פּילט אָן די לופט מיט אַזאַ טומל, וואָס דאַרף אויסדריקן כבוד. „כבוד צו מיסטער און מיסעס ראָזענבאַום, וואָס האָבן אַ פרויען־קליידער שאָפּ ערגעץ דאַון־טאַון." „כבוד צו מיסטער און מיסעס ניימאַן", טראַ־טאַ־טאַ, טאַ־טאַ. דער כבוד צו מיסטער און מיסעס באַרנעץ איז געווען אפשר פינף מאָל אַזוי פיל: טראַ־טאַ־טאַ־טאַ, טאַ־טאַ־טאַ.

די גאַנצע קאַסינאָ טאַנצט. מיסטער ראָזענבאַום מיט די קרומע פיס אין די ניקערס און זיין ווייב די מיסעס ראָזענבאַום, טאַנצן אויך. צוויי פולע, קייַלעכדיקע מענטשעלעך, מאַן און ווייב. פאַרוואָס זאָלן זיי ניט טאַנצן? אַ פאַקסטראָט טאַנצט מען, אַלט און יונג טאַנצן. מאַמעס, טאַטעס, קינדער און די כלה־מיידלעך און די חתן־בחורים. דער יונגער סאָשעל דירעקטאָר מיט טשאַרלי־טשאַפּלין וואָנצעלעך רייסט אַרויס די מרס. ראָזענבאַום פון אונטער איר מאַנ'ס אָרעמס און טאַנצט מיט איר. מרס. ראָזענבאַום קוועלט. זי שעמט זיך ווי אַ יונג מיידל. אַלע קניטשן אַף איר פּנים הויבן אָן פלאַמען. דער שטערן אירער איז מסוכן רויט, אירע שווערע פיס קענען ניט נאָכגיין.

בויגן זיך די פיס און שלעפּן זיך נאָכן סאָשעל דירעקטאָר, וועמען ס׳פאַרגלוסט זיך גראַדע טאַנצנדיק מיט מרס. ראָזענבאַום צו באַווייזן אַלע שמד־שטיק מיט זיינע פלינקע טאַנצנדיקע פיס. מיידלעך פון די נאָענטע פאַרמס קוקן אַריין דורך די פענצטער. זיי זיינען אָרעמע מיידלעך און דערלעבן זיך קוים דעם זומער, ווען אין נאָענטע האָטעלן ווערט פריילעך און מען קאָן גיין און קוקן דורך די פענצטער, ווי די שטאָטישע רייכע מענטשן טאַנצן.

מרים טאַנצט אויך. איר לאַנגע בלויע גענבלימלטע קלייד פון עכטן זייד פאַלט צו יעדן אויסבויג פון איר קערפּער. אַ קילער לייכטער זייד וויקלט זיך אַרום אירע שלאַנקע דינע פיס, טוליעט זיך צו אירע ברוסטן, כוואַליעט זיך אַראָפּ פון אירע אַקסלען און ווערט צעבלאָזן פון מינדסטן ווינט. דאָס האָט איר באַרנעץ געקויפט אָט־די דאָזיקע פּראַכטפולע זיידענע קלייד. ער זיצט אויף דער באַנק אין די ניקערס מיט די גאָלף־זאָקן, מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אין דער זעלביקער באַנק און אויף זיינע וואַנצעס הייבט אָן צו שפּילן דאָס נאַשער־שמייכעלע. זאָל זי טאַנצן, דאָס שקאַפּקעלע זיינס מיט די שטאַלטנע פיסלעך און מיט דעם לאַנגן ווייסן האַלז.

זי טאַנצט מיטן פידלער. מען וועט זיך באַגיין אָן אים. אַ מיידל פון די געסט פאַרבייט אים. ער, דער פידלער, אַ הויכער, אַ בויגעוודיקער, זי אַ ביסל נידעריקער, מיט די קופּער־רויטע האָר, מיט די טרויעריקע גרויסע אויגן. אַרום איר טאַליע רוט זיין האַנט און ער דרייט זיך מיט איר. ער איז עמפּינדלעך צו מרים׳ען, ער באַנעמט זיך צו איר דעליקאַט. ער קוקט ניט צו איר, די אויגן אָן אַ זייט, און אַזוי טאַנצן זיי.

:: :: ::

די פינצטערניש גיט זיך מיטאַמאָל אַ צעשאָט אין טויזנטער פונקען און לעשט זיך גלייך אויס. זי כאַפּט זיך אַלעמאָל אָן, די נאַכט, מיט צענדליקער טויזנטער פּיצעלעך פייערלעך. פייער־ווערימלעך הויבן זיך פון די גראָזן מחנות־ווייז, זיי גיבן אַ צעשפּרינקל די נאַכט, שיטן אויס ליכטיקע שטעפּ אין דער פינצטערניש און טוען זיך גלייך אָפּ.

דער טאַנץ האָט זיך שוין פון לאַנג פאַרענדיקט. די עלטערע מענטשן זיינען זיך שוין צעגאַנגען שלאָפן, די יונגע זיינען אַוועק שפּאַצירן מיטן ברייטן אויסגעפּלאַסטערטן שליאַך. זיי האָבן מיטגענומען יוקעלעילים, צימבלען זיי און זינגען ליבעס־לידער: „אָ, מיין האַרץ איז אַ ליד״, פאַרגייט זיך אַ בחור׳שער באַריטאָן פונדערווייטנס. אַ גרויסע לבנה קילט די נאַכט. צווישן בערגיקע כוואַליעס גייט די לבנה און ס׳פּאַלגן איר נאָך אַ דריי שטערן, אירע אייביקע באַגלייטער. דאָס טייכל פּאַלט פון די שטיינער און רוישט

און דערציילט אַ מעשה דעם אָפּגעדעקטן פּעלד, באַגאָסן מיט לבנה־ליכט.

אויפן גאַניק זיצט מרים. זי וועט אפשר אַ גאַנצע נאַכט דאָ זיצן. אויבן אויפן צווייטן שטאָק וואַרט אויף איר געוואַלד. דאָ איז זי נאָך פריי. זי וויל אויסציען איר פריייהייט. זאָל דאָס לענגער געדויערן. אפשר וועט דערווייל זיך עפּעס מאַכן. עפּעס וועט געשען.

די שיינקייט פון דער נאַכט נאָגט אויס פון מרים'ען יעדער פּיצעלע כח. ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן אין אַזאַ נאַכט און אַלע מאַיקלס האָבן זי איבערגעלאָזט. זיי זיינען אַוועק, די מאַיקלס, אויפן געפּלאַסטערטן וועג און זינגען לידער, און צימבלען אויף יוקעלעילים. און זי האָט מען איבערגעלאָזט מיט אַ פרעמדן מאַן, מיט אַ נאַקעטן קאָפּ און לאַנגע וואָנצעס. זי וועט זיך גאָר לאָזן צו זיי. זי וועט אַנלויפן, זיי דעריאָגן און לאָזן זיי זי אַרייננעמען אין קאָן. זי וועט אויך זינגען די לידער. איינער אַ מאַיקל וועט זי אַרומנעמען און מען וועט אַזוי ביידע גיין אַרויף, אַרויף מיטן לבנה־באַגאָסענעם שליאַך.

דער הימל איז אַ ליכטיקער. דאָרטן אויבן איז ניט טאָג און ניט נאַכט, אַ זעאונג אַזאַ. אונטן די ערד איז פאַרשלייערט אין אַ טונקעלער בלויקייט און דאָ פּלוצלונג דערמאָנט זיך מרים אין מילדרעד'ן. ס'ציט זיך צונויף דאָס האַרץ פון ווייטיק. איר בלוטלאָז שוועסטערל, וואוהין איז זי אַהינגעקומען? זי וואָלט מילדרעד'ן געפירט אויף די דאָזיקע בערג, זי וואָלט זי געלאָזט זיצן אויף דעם גאַניק אין אַזאַ וואונדערלעכער נאַכט, וואָלטן איר צוגעקומען זאַפטן אין אירע בלוטן און כח אין אירע גלידער.

:: :: ::

ס'איז שוין זייער שפּעט. אייב באַרנעץ האָט פאַרלוירן דעם געדולד. ער דרייט זיך אויפן בענקל. ער סקריפּעט אומיסטן, כדי איר לאָזן צו וויסן, אַז ס'איז שוין שפּעט.

דאָס געזאַנג אויפן שליאַך איז שוין אַוועק גאָר ווייט. די לבנה איז געבליבן איינע אַליין — אַ גרויסע טרויעריקע שטיק ליכטיקייט.

— קום, מרים'ל, ס'איז שוין שפּעט, און דו דאַרפסט שוין זיין זייער מיד.

ער זאָרגט זיך, אייב, וועגן איר, וואָס זי איז מיד. אָבער זי ענטפערט אים ניט. זי האָט נאָך ניט אויסגערעדט צו אים קיין איין וואָרט די גאַנצע צייט, וואָס זיי זיצן ביידע אויפן גאַניק.

— קום, מרים'ל, אַריין. דו וועסט זיך נאָך צוקילן.

זי ענטפערט ווידער ניט. זי פאַרטראַכט זיך. זי אַנטלויפט אין אירע

געדאַנקען פון אים. זי יאָגט אַוועק. זי איז שוין ווייט, ווייט פון אים. זי ווייסט אַפילו ניט, צי ער איז שוין בכלל דאָ לעבן איר.

— מרים׳ל, אַ ?

„אַ ?״, מאַכט ער. זי קוקט זיך ניט אום. זי זעט בלויז דעם שאָטן פון אים, וואָס ליגט פאַר איר אַן איבערגעבראָכענער אויף די טרעפּ מיט אַ מאָדנע משונה׳דיקן קאָפּ.

— מרים׳ל, אַ ? — און ער נעמט זי אַרום.

זי וויל שרייען: „ה־ע־ל־פּ־ט!״, „ה־ע־ל־פּ־ט!״. אפשר וועלן איר דערהערן אַלע די דאָזיקע מאַיקלס, וואָס זיינען אַוועק ווייט, ווייט מיטן ברייטן געפלאַסטערטן, לבנה־באַגאָסענעם וועג. זיי וועלן דערהערן איר געשריי, זיי וועלן אָנלויפן צו צעברעכן די ביינער דעם דאָזיקן פרעמדן מאַן, וואָס האָט קיין שום שייכות ניט צו אָט־דער דאָזיקער יונגער מיידל.

— מרים׳ל, אַ ? — ער קושט זי.

ס׳הויבן אָן צו שרייען אין איר אַלע בלומען מיט אַ גרויס געוואַלד. זיי הויבן אָן צו לויפן, די בלומען, גיך, גיך, אין אַ גרויסער פּאַניק.

מרים׳ל, אַ ?

# מאַיק קומט זען זיין טאַטן אין שפּיטאָל

אויסגעלייטערטע אויגן באַ מאַיק אפּרת׳ן. די ברעמען זיינע טרויערן. די אונטערשטע טיילן מוסקולן פון זיין פּנים זיינען באַ אים אויפגעלייזט פון בייזקייט און פון שלעכטסקייט.

אפשר לעבט שוין גאָר ניט זיין טאַטע. „ניין", שאָקלט ער מיטן קאָפּ צו זיך אַליין. „ניין", ער וויל ניט דערלאָזן אַזאַ געדאַנק. ער האָט געקויפט פאַר זיין טאַטן אַ גאַנצע טאָרבע עפּל. גרויסע, רויטע עפּל. זיין טאַטע האָט ליב אַ גרויסן עפּל. אים אָפּשיילן מיט אַ קליין מעסערל, צעשניידן אויף רייפטלעך, מאַכן אַ ברכה און אריינלייגן אַ שטיקעלע אין מויל אריין און מאַכן: „אַ־אַ־אַ". טראָגט אים איצט דער זון אַ מתנה.

ס׳איז פאַרנאַכט. דער טויער פון בעלוויו האָספּיטאַל איז ברייט צעעפנט פאַר אַלעמען. מען שטראָמט דורך דעם טויער פון אַלע עקן פון דער איסט־סאַיד. אַ באַזוך־שטונדע פאַר יעדן איינעם: מאַמעס, טאַטעס, שוועסטער, ברידער, קינדער, פריינט און גלאַט אַזוי שכנים. אַ גרויסע פּראָצעסיע פאַר־זאָרגטע און איילנדיקע.

מיידלעך אין וויסן שטייען אין גרויסן הויף. ס׳איז איצט זייער אָפּרו־שטונדע. אָט וועלן זיי באַלד זיך ארויסלאָזן שפּאַצירן. דערווייל אָטעמען זיי אָפּ אין פאַרנאַכטיקן קילן אינדרויסן. מען זינגט אין דער שטיל. מען לאַכט פאַוואָליע. ס׳איז פאַרבאָטן דאָ צו זינגען און צו לאַכן. אַרום און אַרום ליכטיקע פענצטער אין גרויסע געביידעס מיט פינצטערלעך און טירעלעך, אָנגעפּאַקט מיט צעהיצטע, פיבערנדיקע, צעקאַליעטשעטע און פאַרוואונדעטע.

מאַיק שעמט זיך, ווען ער גייט פאַרביי די דאָזיקע פריילעכע מיידלעך אין וויסן. ער ווייסט, אַז זיי וועלן זיך באַלד לוסטיק מאַכן אויפן חשבון פון זיין אָפּגעביסענעם אויער. קוקט איצט ניט זיין פּנים אָנגרייפנדיק, ווי גע־ווײנלעך אויף דער גאַס, ווען מענטשן באַמערקן זיין אָפּגעביסענעם אויער און קלייבן זיך צו וויצלען זיך איבער זיין מום. מיט אַ פאַרשעמטן זייטיקן קוק איילט מאַיק פאַרביי אָט די ווייסע מיידלעך.

אין אַ ברייטער טיר שטראָמען אַלע. גייט ער אויך אריין און בלייבט שטיין אַ הילפלאָזער. ער שעמט זיך, מאַיק, צו פרעגן דער מיידל אין וויסן, וואָס זיצט ביים אינפאָרמאַציע־טיש, וועגן זיין טאַטן. ער לאָזט זיך אַליין

זוכן זיין טאַטן איבערן גרויסן קאָרידאָר. טירן עפענען זיך צו ליכטיקע צימערלעך. אין די צימערלעך — בעטן מיט קרעכצנדיקע מענטשן. מאיק שטעקט דאָרט אַריין דעם קאָפּ: ניטאָ דאָרט זיין טאַטע? ניטאָ דאָרט זיין טאַטע. אפילו אַז ער וועט שוין איצט דערזען זיין טאַטן, וואָס וועט ער אים זאָגן? וואָס טאָקע וועט מאיק זאָגן צו זיין טאַטן איטשע־מאיר אפרת מיט דער געלער באָרד? אַז זיי זיינען צוויי פרעמדע וועלטן? ער וועט אים בלויז געבן די טאָרבע מיט עפּל און זאָגן:

— נאַ, פּאַפּאַ, רויטע עפּל.

אַזוי פיל טירן זיינען פאַראַן און אַזוי פיל קאָרידאָרן טיילן זיך אָפּ אין באַזונדערע ריכטונגען. מען פירט אָפּ אַ טיש מיט רעדלעך אַ אידן מיט אַ באָרד. ס'פּנים איינגאַנצן פאַרבאַנדאַזשירט, בלויז די באָרד שלאָגט זיך קוים דורך די פילע באַנדאַזשן. מאיק טרעט אָפּ אין אַ זייט: אפשר איז דאָס זיין טאַטע? ער לאָזט דורך דעם פאָרנדיקן שמאָלן טיש מיט פאַרשנ־דיקע בליקן. ס'איז ניט זיין טאַטע. אַ פרעמדע שוואַרצע באָרד.

אַ צימער שטייט אָפן. אינעווייניק מיטן פּנים אַרויף צו דער סטעליע קרעכצט אַ מענטש. דאָס ליגן מיטן פּנים אַרויף צו דער סטעליע דערמאָנט מאיק'ן אָן זיין טאַטן. דאָס קרעכצן איז אויך היימישלעך. ער וואָלט געקענט שווערן, אַז דאָס איז זיין טאַטע. ער גייט אַריין אינעווייניק מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ. קיין ליכט ברענט ניט אין דעם צימער. פילע בעטן שטייען דאָרטן, ליידיקע און ווייס־פאַרבעטע. אין אַ ווינקל ליגט דער וואָס דאַרף זיין זיין טאַטע. ער הערט קיינעם ניט, זעט קיינעם ניט און קרעכצט זיך צו דער סטעליע. ס'איז ניט זיין טאַטע. אַ קראַנקן־שוועסטער לויפט אַריין מיט אַ בייטעלע אייז.

— וועמען זוכסטו?

— איטשע־מאיר אפרת, מיין פּאַ. פון אַ פייער, — שטאַמלט מאיק און שעמט זיך, וואָס ער דאַרף אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „איטשע־מאיר", וואָס קלינגט זייער ניט־אַמעריקאַניש צו דער דאָזיקער אַמעריקאַנער מיידל.

— באַם אינפאָרמיישאָן־דעסק — גיט זי אים אַ וואָרף דעם ענטפער פון אַ זייט, לויפט פאַרביי און קוקט זיך אפילו ניט אום אָף אים.

מוז שוין מאיק טאָקע אָנקומען סוף כל סוף צו דער מיידל באַם אינ־פאָרמאַציע־טיש.

— מיין טאַטע איטשע־מאיר אפרת — מוז ער נעבעך נאָכאַמאָל אַרויס־זאָגן אָט־דעם דאָזיקן עכט־אידישן נאָמען פאַרן מיידל, וואָס גיט אינפאָר־מאַציע.

דאָס מיידל בלאָנדזשעט מיט די אויגן איבער אַ בויגן פּאַפּיר. זי זוכט דאָרטן דעם געפרעגטן נאָמען צווישן די צענדליקער נייע אריינגעבראַכטע פּאַציענטן.

— ס'טוט מיר לייד, — זאָגט זי און שטעלט זיך אָפּ בלויז אַף אַ ווײַלע, צו כאַפּן אַ קוק אַף מאַיק'ס מאָדנעם אויער.

— וואָס מיינסטו? — פאַלט איין באַ מאַיק'ן דאָס האַרץ.

— אפשר אין אַן אַנדער שפּיטאָל — ווערט זי צוגעצויגן מיט איר בליק צו דעם דאָזיקן שטיק אויער מאַיק'ס. — באַ אונז איז ניט פאַראַן אַזעלכער אונטער דעם נאָמען.

אָבער ער האָט דאָך אַליין געזען, ווי דער אַמבולאַנס פון בעלוויו האָט אַוועקגעפירט זיין טאַטן, — בעט ער זיך באַ דער מיידל.

— אויב אַזוי, דאַרף ער זיין אין עקסידענט־צימער — קוקט שוין ניט אַף אים דאָס מיידל און פאַרנעמט זיך מיט אַנדערע מענטשן.

אין עקסידענט־צימער שטייען קראַנקן־שוועסטער לעבן די סטרעטשערס מיט די נאַר־וואָס אריינגעבראַכטע פאַרוואונדעטע. די אַמבולאַנסן פון בעלוויו האָבן אויפגעקליבן די צע'מזיק'טע מענטשן פון אַלע עקן אַף דער איסט־סאַיד. אַ גרויסע גערעטעניש אַף אומגליק־פאַלן אין די שמאָלע קאָכנדיקע גאַסן. אין אַ ריי שטייען אויסגעשטעלט די סטרעטשערס מיט די אומגליק־לעכע און וואַרטן ביז די עלטערע פרוי אין ווייסן לעבן טיש אונטער אַ בלויען אַבאַזשור וועט זיי אַלעמען פאַרשרייבן. זי וועט זיי פרעגן, ווי אַזוי דער טאַטע האָט געהייסן, ווי אַזוי די מאַמע האָט געהייסן, און צי מען האָט קרובים, און ווי אַלט מען איז. נאָכדעם, אַז זי וועט זיי אויספרעגן די אַלע זאַכן, וועט מען זיי ערשט אריינטראָגן אין גרויסן צימער פון וויי און געשרייען. די יונגע דאָקטוירימלעך וועלן זעגן ביינער, שניידן אָדערן, און מען וועט פאַרנייען, צונויפשטוקעווען די פאַרוואונדעטע איברים.

אַ דערשראָקענער שטייט מאַיק צווישן די אַלע אומגליקן. ער האָט רחמנות אַף די אַלע קרעכצנדיקע און ליידנדיקע. זיין טאַטע ליגט אויך דאָ ערגעץ אַ פאַרוואונדעטער און אַ ליידנדיקער. ער וויל זען זיין טאַטן. רויטע עפּל האָט ער אים געבראַכט אַ מתנה. איטשע־מאיר האָט אַזוי האָלד עפּל. ער וועט שוין אָבער ניט קענען געבן זיין טאַטן די רויטע עפּל.

— דיין טאַטע איז אָפּגעגאַנגען — לאָזט אים וויסן די פרוי אונטערן גרינעם אַבאַזשור און הויבט אפילו ניט אויף די אויגן צו אים; געוואַלדיק פאַרנומען, געוואַלדיק באַשעפטיקט, אריינצוטראָגן אין די ביכער אַלע פאַר־וואונדעטע און צעקאַליעטשעטע.

— וואָס? — פרעגט ער איבער.

ערשט דעמאָלט הויבט זי אויף די אויגן און דערזעט פאַר זיך אַ בחור מיט אַן אָפּגעריסענעם אויער און מיט ציטערנדיקע ליפּן.

— ס׳טוט מיר לייד, אָפּגעגאַנגען דיין טאַטע, געשטאָרבן — דערקלערט זי אים, וואָס עס מיינט דאָס וואָרט „אָפּגעגאַנגען״.

מאַיק האָט שוין גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן דאָ. ער האָט זיך אויסגעדרייט, אַוועק מיט שטילע טריט און אַרויס אַפן הויף. ס׳איז שוין געווען נאַכט. די גרויסע פּראָצעסיעס פון טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער, קרובים, שכנים און גוטע פריינט האָבן שוין געשטראָמט אַרויס פון טויער.

דאָס טאָרבעלע מיט די עפּל האַלט נאָך מאַיק אַלץ אין דער האַנט. ער האָט שוין קיינעם ניט אויף דער וועלט. ער האָט מערער גאָרניט געפרעגט, ווען מען האָט אים אָנגעזאָגט די דאָזיקע בשורה. ערשט אַפן צווייטן טאָג איז ער געקומען זיך דערפרעגן וועגן איינצלהייטן פון זיין טאַטנ׳ס טויט. באַזונדערס האָט ער געוואָלט וויסן, צי זיין טאַטע האָט עפּעס געזאָגט איידער ער איז געשטאָרבן. מ׳האָט אים אָבער גאָרניט געקאָנט דערציילן, צי איטשע־מאיר אפשר האָט עפּעס געזאָגט איידער ער איז אָפּגעגאַנגען. אפשר ווייסט די קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט אים באַדינט. די דאָזיקע קראַנקן־שוועסטער האָט אָבער היינט איר פרייען טאָג, איז זי ניטאָ.

:: :: ::

קיינעמס איז איצט מאַיק. אַ פרייער צו דער וועלט. ס׳האָט זיך אָפּגעבראָכן ס׳לעצטע רינגעלע. ס׳לעבן ווייטער איז אומבאַשטימט. ס׳לעבן איצט איז אויך ניט קלאָר. ער האָט זיך אָפּגעלאָזט, מאַיק, פאַרלוירן זיין כח. מיט געבויגענע פּלייצעס שפּאַנט ער זיך און וויגט מיט דער האַנט דאָס טאָרבעלע מיט די רויטע עפּל, וואָס ער האָט געזאָלט געבן זיין טאַטן אַ מתנה.

# די זעקס גוטע ברידער טרעפן אַריין אין דער „הויכער געזעלשאַפט“

ווען דעם פּלאַץ וואוהין זיי גייען אַצינד, די זעקס גוטע פריינט, האָבן זיי נאָך געהערט אין זייער קינדהייט. אַזאַ מין פּלאַץ, וואָס גאָר ווייניק מענטשן זיינען זוכה אַריינגעלאָזט צו ווערן אַהינצו. פון דאָרטן האָט זיך פאַרשפּרייט די אמת'ע מאַכט איבער דער גאַנצער איסט־סאַיד. פילע אַזוינע פּלעצער זיינען געווען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע גאַסן. אָבער דאָס איז געווען די הויפּט־קוואַרטיר. אין דעם פּלאַץ האָט מען געקענט אַמאָל זען ספּאַרקי'ן אַליין, אַ נאָמען, וואָס פילע קינדער אַף דער איסט־סאַיד האָבן אַרויסגעזאָגט מיט ערנספּורכט. נישט דער נאָמען פון פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט געריצט זייער קינדערשע פאַנטאַזיע, נישט קיין אַנדער באַרימטער שטאַטסמאַן, שרייבער, אָדער פאָלקס־קינסטלער. ספּאַרקי האָט געריצט זייער פאַנטאַזיע. אַ נאָמען, וואָס איז געווען אַרומגעוועבט און אַרומגעפלאָכטן מיט פילע מעשיות און לעגענדעס.

אַף דער זיבעטער גאַס אין אַ קעלער געפינט זיך דאָס פּלאַץ. אַהין גייען זיי איצט. אַרקעלע דער אָדעסער האָט זיי געזאָגט, אַז ספּאַרקי אַליין וויל זיי זען און מיט זיי עפּעס ריידן. אַרויפגעאַרבעט זיך, די חברה — דער כהן־גדול אַליין, דער גרעסטער איבער די גרעסטע, וויל זיי זען. אַרקעלע וועט דאָרטן אויך זיין, זאָלן זיי ניט קיין מורא האָבן. האָבן זיי גראָד יאָ מורא.

מיט אַן אייזערנער טיר איז צוגעשלאָסן דאָס פּלאַץ. אַ פּעסטונג אַ גאַנצע. מאַיק קלינגט אָן. עס רוקט זיך אויף אַ פיר־עקעכדיקע עפענונג אינ־מיטן דער טיר. אַ רויט פּנים באַווייזט זיך.

— וואָס ווילסטו? — פרעגן פייכטע גראָבע ליפּן.

— עפּן דאָרט אויף, וועל איך דיר שוין זאָגן, — איז מאַיק פרעך.

די טיר רוקט זיך אויף אַ שווערע און אַ קרעכצנדיקע. אַ ברייטער איטאַליענער אַף אַ קוליע קוקט אַף זיי מיט געוואַלדיקער שטרענגקייט. מיט אָט־דער שטרענגקייט נעמט ער אויף, דזשאָו דער איטאַליענער, אַלע נייע געסט. די שטרענגקייט זיינע, אַקוראַט ווי זי וואָרנט:

— הערט זשע אַזוינע און אַזוינע, קוקט ניט, וואָס איך בין אַ קאַליקע, און אויב עפּעס, וועט זיין אַז אָך און ווי צו אייך.

וואָלקנס רויך רייסן זיך ארויס פון צימער, ווי די פּאַרע פון אַ שוויץ־באָד. די טישלעך מיט רויטע געשטרייפטע צודעקן. ארום די טישלעך איז גאַנץ פריילעך. מען טרינקט וויין, מען עסט פאַרשיידענע פליישן. אַ גראַמאָ־פאָן שפּילט לוסטיקע ניגונים׳לעך. אַלע קוקן זיך אום אַף די נייע אריינ־געקומענע. ס׳ערשטע מאָל אין זייער לעבן, ווי זיי טרעטן אריין אין דער „אמת׳ער געזעלשאַפט". זיינען זיי שטיף, ס׳איז זיי אומבאַקוועם. אפילו מאַיק האָט פאַרלוירן דעם קוראַזש. און דאָ דאַרף מען גאָר מאַכן אַ גוטן איינדרוק אין דעם פּלאַץ. מאַיק פּרובירט אַ שפּיי טאָן אין דער קרום, אָבער עס קומט ניט ארויס אַזוי קונציק. לואי האָט געפּרובירט אַ טאַנץ טאָן, אָבער ער איז פאַרקילט געוואָרן אינמיטן דערינען. הײמי האָט זיך איינגאַנצן פאַר־לוירן. אַזאַ קלײנינקער און דאָ צעשפּילט זיך באַלד די אַסטמע פון דער אָנגעריכערטער לופט. בוטשי, אַזאַ הויכער, וואָס אָט־אָט דערגרייכט ער די סטעליע, איז אײנגעקאָרטשעט געוואָרן. ס׳האָט אים ווי געטאָן דער האַלז און נאַקן. בלויז מויש איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט ניט געענדערט זיין טעמפּן בליק. מיט סוטולעוואַטע פּלייצעס, מיט די פייערדיקע פרישטשעס אַפן פּנים, מיט די לאַנגע אראָפּגעהאַנגענע אויערן, האָט ער זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען פאַר די אַלע אָנוועזנדע אין דעם פּלאַץ. די געזעלשאַפט דאָרטן נעמט זיי אויף מיט פיינטלעכע פּנים׳ער. מען שטעכט זיי מיט אומ־היימלעכע בליקן, די דאָזיקע זעקס קלינטאָנער בחורים.

זעקס קלינטאָנער בחורים, וואָס זעען אויס ווי ארומגעוואַשענע, פרישינקע און יונגינקע אַנטקעגן די אַלע אָפּגעלישעטע רויטע פּנים׳ער, פאַרכמאַרעטע אויגן פון אַלקאָהאָל און פון דראָגס.

די זעקס גוטע ברידער קוקן אויס ווי טאַטנס קינדערלעך אַנטקעגן יענע, וואָס שפּייען און כראַקען מיט די צעהיצטע שטערנס. דאָרטן זיצן ספּאַרקי׳ס חברה צונויפגענומען פון דער גאַנצער איסט־סאַיד: אידן, גריכן, איטאַליענער, רוסן, אײרישע און יענקים. באַרימערישע און אויסטערלישע מענטשן. טרייבן איבער זייער העלדישקייט און הפקרות. אין דער אמת׳ן האָבן זיי מורא פאַרן טויט סכנת־נפשות. און טאַקע צוליב זייער מורא פאַרן טויט שאַנעווען זיי ניט קיינעמס לעבן. זיי קאַרגן ניט קיין חניפה פאַרן שטאַרקערן, ציטערן געפערלעך פאַר אַ „בלויען ראָק", און דערפאַר זיינען זיי אונטערטעניק צו ספּאַרקי׳ן, וואָס באַשיצט זיי און באַשירעמט זיי פאַר די בלויע רעק.

יעדער איינער פון זיי איז אַ מויש, אַ בוטשי, אָדער אַ בעניטאָ. געקומען פון דלות און פון אָרעמקייט, טעמפּ און הפקר׳דיק. זיי קוקן אַף די נייע „גרינע אַגרעסן" מיט פיינטשאַפט. זיי האָבן ניט ליב קיין נייע פּנים׳ער.

יעדער נייער פּנים איז אַ שונא. פאַר יעדן נייעם פּנים דאַרף מען זיך היטן.

— וואָס אייך דערלאַנגען ? — בויגט זיך דזשאָו איבער אַף דער קוליע און ציט אַפּ דעם רויטן געשטרייפטן טישטוך מיט זיינע געזונטע האַריקע הענט.

די חברה קוקן אַף מאַיק׳ן. זיי גיבן אים שטענדיק אַפּ כבוד. ער האָט שטענדיק בּאַ זיי דאָס ערשטע וואָרט. מאַיק אָבער שווייגט. ער איז צעטומלט פון אַט־די אַלע שטעכיקע בייזע אויגן.

—אַ גאַלאָן שוואַרצן ווייַן מיט סאַלאַמי, — נעמט שוין היימי אַף זיך די איניציאַטיווע.

מויש איז זיך גאָר מחיה, ווען ער דערהערט דאָס וואָרט סאַלאַמי און ווייַן. ס׳בייסט אים שוין אין גאָרגל פון אַט־די שטאָפן. בוטשי ציטערט. עפּעס דענקט ער, אַז ער וועט דאָ שלעכט אָפּשניידן. וואָלט כאָטש מאַיק זיי געגעבן קוראַזש, איז יענער אויך איצט הילפלאָז. לואי זיצט ווי אַף הייסע קוילן. עס שטעכט אים אין רוקן און ער איז גרייט יעדע מינוט אויפצושפּרינגען. בעניטאָ האָט אַן אַנדער מיטל, ווען ער פאַלט אַריין אין אַ פיינטלעכן לאַגער: ער הויבט אָן צו שמייכלען, צו יעדן פרעמדן. אונטער־טעניק, מיט גרויסע ציין. ער איז באַשיידן און פריינטלעך און זיין פריינטלעך פּנים מיינט צו זאָגן, אַז ער וויל קיינעם ניט טאָן קיין שלעכטס. פאַרקערט, ער ווינטשט זיי אַלעמען בלויז גוטס. היימי׳ס פּנים איז בייז און סטראַשענ־דיק, מיט פאַרשמעלערטע אויגן קוקט ער אַף די אומהיימלעכע פּנים׳ער, האַלט די האַנט אין קעשענע, אַקוראַט ווי עס וואָלט דאָרטן עפּעס געווען. דער „עפּעס״ איז גאָר בּאַ מאַיק׳ן אין רעקל־קעשענע, אָבער ער, מאַיק, האַלט דאָרטן ניט די האַנט. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם. אַ צעטומלטער פירער...

איינער פון די אַנוועזנדע, אַ הויכער, אַ ברייטער מיט פעטע וואָרגעס. בלין האָט מען אים גערופן. האָט אַ שפּריץ געטאָן פון אַ סיפאָן מיט וואַסער, ווען בעניטאָ האָט אַ שמייכל געטאָן צו אים מיט זיינע גרויסע ציין. דער עולם האָט זיך צעלאַכט און אַלע זעקס האָבן זיך פאַרשעמט און אויפגע־פלאַמט, אַקוראַט ווי דער שפּריץ וואַסער וואָלט יעדערן פון זיי געטראָפן. גוט וואָס אַרקעלע אָדעסער האָט זיך געיאָוועט, זיך געזעצט לעבן זייער טיש און זיי געמאָלדן, אַז ספּאַרקי וועט זיי גלייך אויפנעמען. ער געפינט זיך אין יענעם צימער, ווייזט ער זיי אַף אַ פאַרמאַכטער טיר, לעבן וועלכער עס שטייט אַ הויכער איירישער בחור מיט אַ בלויען פּנים און האַלט וואַך. אַט אין יענעם צימער געפינט זיך ספּאַרקי. ער איז פאַרנומען איצט. ער רעדט

מיט מענטשן. און ווען דעם שפּריץ וואַסער זאָלן זיי זיך ניט אומקוקן. מען האָט דאָ בלויז געוואָלט טרייבן שפּאַס.

דער דאַזיקער בלין האָט, ווייזט אויס, אַזוי גיך ניט געוואָלט אָפּלאָזן די דאָזיקע גרינע קלינטאָן־סטריטער חברה'לייט. ער האָט געפונען אַ נייעם מיטל, ווי אַזוי זיי צו דערגיין די יאָרן. ער האָט געמאַכט קייקעלעך פון ברויט און אָנגעהויבן צו שיסן אַף די „גרינע אַגרעסן". אַ נאַס קייקעלע האָט געטראָפן בוטשי'ן אין ריזיקן האַלז, און איז טאַקע דאָרטן פאַרבליבן צו־געקלעפּט. האָט בוטשי זיך אַפילו קיין ריר ניט געגעבן. ניט אַראָפּגענומען פון האַלז דאָס נאַסע קייקעלע. ס'האָט אים געביסן, אָבער ער האָט דאָס געלאָזט.

דער גאַנצער עולם האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן ספּאָרט. זיך געפרייט, ווען דער דאָזיקער בלין האָט געטראָפן אין פּונקט אַריין. געוועזן אַנטוישט, ווען ס'איז פאַרפלויגן צו דער וואַנט. מויש'ן האָט אויך געטראָפן אַ שטיקל נאַס ברויט. ס'האָט אים געגעבן אַ קאַך אַף אינעווייניק. ער האָט אָבער אַ קוק געטאָן אַף מאַיק'ן און געזען, אַז יענער שווייגט, איז ער שוין פאַרבליבן אַפן אָרט מיט בלוט־פאַרגאָסענע אויגן.

מאַיק'ס אָפּגעריסן שטיקל אויער פלאַמט רויט און בייז. ס'האָט אַ יאָג געטאָן אינעווייניק אין האַלז אַזאַ מין פליסיקייט, וואָס פאַרגיפטעט דאָס בלוט מיט כעס און מיט ווילדקייט, און לאָז שוין זיין וואָס ס'וויל זיך. מאַיק האָט אָנגעהויבן צו קוקן אַף בלינ'ען מיט בייזע אויפגעשטעלטע ברעמען און מיט אויגן, וואָס זאָגן־צו זייער ניט קיין פרייעלעכס. בלין האָט אָבער ניט איינגעזען די באַדייטונג פון אַט־דעם קוק. פאַרקערט, ס'איז אים נאָך געוואָרן לוסטיקער פון אַט־דעם קוק, און ער האָט געלאָזט אַ ברויט־קייקעלע גלייך צו מאַיק'ן אַפן שטערן. מאַיק האָט דאָס ניט אַראָפּגעווישט.

— אין הינטישן אויער טרעף אים — האָט איינער פון די פאַרזאַמלטע געראָטן בלינ'ען.

— דעט'ס ראַיט, — האָבן אַנדערע צוגעשטימט, — אין הינטישן אויער.

פּונקט ווי ס'וואָלט אַ בליץ געטאָן. קיינער האָט זיך ניט געריכט. מען האָט אַפילו ניט געזען, ווי מאַיק האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, מען האָט בלויז געזען, ווען יענער איז שוין געווען לעבן בלינ'ען. מען האָט דאָס אויך ניט באַמערקט. פּלוצלונג איז מאַיק אויסגעוואַקסן פאַרן געגנער, אים געגעבן אַ שטעל אויף פון שטול מיטביידע הענט, אים דערלאַנגט סאַמע אין ריכטיקן פּלאַץ, וואָס מען קערט זיך תיכף איבער פון דעם און מען פאַרלירט דעם באַוואוסטזיין. אומגעפאַלן בלין, ווי אַן אונטערגעשניטענער בוים. מיטן בענקל

געפאלן און געבליבן ליגן א פאר'חלש'טער. פלייצעס האבן זיך אנגעלאדן. פיס האבן זיך א ריס געטאן. אבער פלוצלונג ווערט שטיל. אזא מין פייער־לעבע שטילקייט. דאס איז געשטאנען א מענטש אזא אף דער שוועל פון זייטיקן צימער און אלע האבן שוין ניט געקאנט אפרייסן די אויגן פון יענעם פלאץ. מאיק האט ניט באמערקט דעם דאזיקן מענטשן, ער איז גע־שטאנען מיט אנגעלאדענע פלייצעס און געווארט אף אנדערע אנפאלער. ארקעלע אדעסער איז גלייך צוגעלאפן צו מאיק'ן און אים אריינגעשושקעט אין אויער:

— ספארקי!

ער האט אים דערזען, ספארקי'ן. צום ערשטן מאל אין זיין לעבן, האט ער געהאט די זכיה צו זען זיין פנים. דריבנע ציטערלעך האבן אנגעהויבן צו לויפן איבער מאיק'ס רוקן. אפילו אין דער „רעפארמאטארי" האט מען געשעפטשעט זיין נאמען און זיך דערציילט די גרויסע העלדנטאטן פון אט־דעם גרויסן מאן.

— קום אהער — ווינקט יענער מיט א פינגער אין א גרויסן פינקלדיקן בריליאנט. — קום אהער.

מאיק לאזט זיך גיין מיט גרויס באשיידנקייט און פארכטיקייט, פונקט ווי א סטודענט, וואס דארף דערשיינען פאר זיין פיל־געלערנטן פראפעסאר אפצוגעבן אן עקזאמען.

די טיר פון זייטיקן צימער האט זיך פארמאכט הינטער ספארקי'ן און מאיק'ן. געבליבן זיינען די פינף קלינטאנער גוטע־ברידער, ווי שעפסעלעך צווישן וועלף. אבער מען האט שוין אפילו ניט געטראכט וועגן טאן זיי שלעכטס. מאיק'ס קלאפ איז פאר זיי געווען א גרויסע שטיק קונסט־ווערק.

שפעטער מיט יארן, ווען מאיק האט פארנומען דעם אויבן־אן אין דער אונטערוועלט, האט מען זיך דערציילט אין די טרינק־פלעצער:

„און ס'איז געווען אין דזשאו'ס רעסטאראן, און מיר זיצן זיך אזוי און פארברענגען, ווי עס עפנט זיך די טיר און עס קומען אריין די דאזיקע זעקס קלינטאנער באיעס, איינער מיט אן אפגעביסענעם אויער"... און אזוי וויי־טער. א לעגענדע געשאפן געווארן מיט פילע איבערטרייבונגען ארום א העלד.

# ספּאַרקי דער שרעקלעכער

ספּאַרקי איז פעט. אַמאָל איז ער געווען מאָגער און דאַר, איצט איז ער פעט מיט אַ גלאַנצנדיקן פּנים. אַ ריין־בלוטיקער יענקי, אַ פאַרמער'ס אַ זון פון רהאָד־איילאַנד. ליכטיקע האָר מיט שוואַרצע מערדער־אייגעלעך און קרומע געלע ברעמען. ווען ניט די ליכטיקע האָר, וואָלט מען אים געקאָנט אָננעמען פאַר אַ כינעזער, וואָס איז געוואָרן פעט און צעגאָסן. מיט אַ זיידן קאָלירט טיכל ווישט ער זיך אַלעמאָל דאָס שווייסיקע פעטע פּנים.

אַ גרויסער קאָפּ מיט ברייטע ברומאַלע פּלייצעס, משונה'דיק ברייט. דערצויגן געוואָרן באַ זיין טאַטן דעם פאַרמער אין גרויס נויט און אין אָרעמקייט. אַ זון פון אַ שלים־מזל אַ פאַרמער מיט פּרוכטלאָזן באָדן. פיר ברידערלעך און דריי שוועסטערלעך האָט ער געהאַט און פינף פון זיי זיינען אויסגעשטאָרבן פון ניט־דערנערונג און בלוטלאָזיקייט, אָבער ער, ספּאַרקי, איז ניט אומגעקומען פון הונגער. ער איז געוואַקסן אונטער אַלע אומשטענדן. גע'גנב'עט און געפרעסן, געמאָרדעט און זיך אָנגעזעטיקט. פון קליינערהייט אָן שוין געוואוסט ווי אַרומצוגיין מיט אַ ביקס. זיין טאַטנ'ס אַלטמאָדישע ביקס. מיט דער ביקס האָט ער דערשאָסן אַ פאַרמער, וואָס איז געווען אין אייביקן קריג מיט זיין טאַטן. אים אָוועקגעלייגט, אויסגעליידיקט זיינע קעשענעס און אַנטלאָפן אין דער גרויסער וועלט אריין. די גרויסע וועלט האָט אים שוין געלערנט, וואָס ווייטער צו טאָן, כדי צו קאָנען זיך אויפהאַלטן אין לעבן.

„ספּאַרקי" האָט מען אים געגעבן אַ צונאָמען. געהייסן האָט ער גאָר האַמאַליעל ברעדזשאַו. „ספּאַרקי" האָט מען אים גערופן אפשר דערפאַר, ווייל זיינע אויגן האָבן אַרויסגעלאָזט אַזאַ פינקלדיקע שוואַרצקייט, וואָס האָט אָנגעיאָגט אַן אומהיימלעכקייט.

פאַר אָט דעם ספּאַרקי'ן איז געשטאַנען מאַיק אַן אויסגעצויגענער, ווי אַ סאָלדאַט. ספּאַרקי איז זיך געזעסן אין אַ ברייטער שטול און געווישט דעם גלאַנציקן האַלז און דאָס פעטע פּנים. אין זעלבן צימער האָבן זיך געפונען נאָך אַ פּאָר חברה־לייטלעך, יעדער איינער פון זיי — אַ באַרימטקייט, אָבער אין דער אָנוועזנהייט פון ספּאַרקי'ן — בלויז פּשוט'ע אַדיוטאַנטן. ער האָט

זיי אַלעמען אויפגעפרעסן, אַט דער ספּאַרקי, אַלעמען אַריינגעשלונגען, פֿאַר־וואַנדלט זיי אַלע אין געהאַרכזאַמע שקלאַפֿן.

— יונגערמאַן, — אַדרעסירט אים ספּאַרקי זייער העפלעך, — מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דו פֿאַרשטייסט אַ געשעפֿט, און אַז מען קאָן זיך אַף דיר פֿאַרלאָזן.

— יעס סער, — מאַכט מאַיק און טראַכט באַלד אַפֿן אָרט, אַז אפשר וואָלט ער ניט געדאַרפֿט זאָגן „סער", אפשר וואָלט ער געדאַרפֿט זאָגן „באָס".

— דו יעססער מיך ניט, — איז ספּאַרקי אומצופֿרידן, וואָס מען שלאָגט אים איבער, — הער וואָס מען רעדט צו דיר.

— יעס באָס, — מאַכט מאַיק און טראַכט, אַז אפשר האָט ער שוין איצטער בעסער געמאַכט.

— הער־זשע — איז ספּאַרקי אומגעדולדיק און זיינע שמאָלע איינגעלעך שיסן מיט פֿינקלדיקער פֿינצטערניש.

האָט שוין מאַיק געהערט און ניט פֿאַרלוירן קיין וואָרט. אָן אָדער אין האַלז איז בא אים אָנגעשוואָלן געוואָרן פֿון אַנגעצעמטער אויפֿרעגונג, ווייל פֿון היינט אָן און ווייטער, ווי מאַיק האָט דאָס באַנומען, ווערט ער מיט דער חברה באַזאָרגט מיט אַ גוטער שטעלע. אַ שטעלע, וואָס וועט אַריינברענגען יעדן איינעם צו פֿופֿציק דאָלאַר אַ וואָך. און די אַרבעט איז אויך ניט קיין גוואַלדיק שווערע.

ספּאַרקי בויט אוים אַ ביר־ברויעריי לעבן איסט־ריווער, און אַזוי ווי ער האָט שוין געהערט פֿון אַרקעלע אָדעססער וועגן מאַיק'ן מיט זיינע באָיעס, און אַזוי ווי זיי זיינען טאַקע איסט־סאַידער באָיעס, גיט ער זיי איבער די וואַך איבער דער דאָזיקער ברויעריי. פֿון היינט אָן און ווייטער וועלן זיי שוין דאַרפֿן זיין וואַך־לייט. ער וועט זיי שוין באַזאָרגן מיט דעם נויטיקן געוועהר. מערסטנס אין אָוונט, וועלן זיי זיך דאַרפֿן געפֿינען אַרום דער ברויעריי. נאָך אינסטרוקציעס וועט ער זיי געבן שפּעטער, דערווייל דאַרפֿן זיי טאַקע מאָרגן אַריבערפֿאָרן קיין פֿילאַדעלפֿיע און פֿון דאָרטן ברענגען געוויסע מאַשינעריע. דאָס אַלעס.

דערנאָכדעם, ווען ער האָט דערציילט צו זיינע חברים וועגן דער גרויסער באַגעגעניש, און אויסגעמאָלן יעדעם פּיצעלע וועגן אָט־דעם ספּאַרקי'ן, האָט מאַיק פּלוצלונג געגעבן אַ וויטן שפּיי און זיך אָנגערופֿן:

— פֿונדעסטוועגן, ווען מען שיסט אוים אין דעם דאָזיקן ספּאַרקי'ן, און מען טרעפֿט אים גוט, פֿאַלט ער אַנידער ווי יעדער איינער פּשוט'ער מענטש.

די חברים זיינע, אויסער היימי'ן, האָבן ניט גענומען ערנסט זיין באַ־

מערקונג. הײמי׳ן אָבער איז קאַלט געוואָרן פון אַט דעם זאָג. מיט שטוינענ־דיקע אויגן האָט ער געקוקט אַף זײַן חבר מאיס׳ן און געטראַכט, אַז אַט־דער בחור קאָן דאָס נאָך טאָן אויך.

## מיסטער באָלדן דער גרויסער מיליאָנער

מיסטער באָלדן, דער גרויסער מיליאָנער, איז אַ לײַדנשאַפטלעכער ליבהאָבער פון מאַלערײַ. ער איז אַן אַלטער בחור פון אַ יאָר פופציק מיט אַ גרויסן אָפּגעשוירענעם קאָפּ. דער קאַרק איז בײַ אים אויך אָפּגעשוירן, מחמת די האָר וואַקסן בײַ אים אַפן קאַרק מיט דער זעלבער גערעטעניש ווי אַף די איבעריקע טײלן פון קאָפּ. זײַן מעטאַד פון אויפקויפן די קונסט־ווערק איז אַן עכט־אַמעריקאַנישער, אַ דעמאָקראַטישער. ניט אין די טײַערע קונסט־גאַלערײען קויפט ער אויף די בילדער, נאָר גלײַך פון מאַלער׳ס סטודיאָ. דער אַגענט זײַנער, מיסטער קראַוז, לאָזט אים שוין וויסן איז אַ וועלכער סטודיאָ עס איז כדאי צו קומען און באַטראַכטן די בילדער. וועגן אַנטאָנינאָ׳ן האָט אים אויך דער דאָזיקער מיסטער קראַוז דערצײלט: אַן איטאַליענישער מאַלער, וואָס פאַרמאָגט גרויסן טאַלאַנט, און ס׳איז כדאי צו קומען אין זײַן סטודיאָ און אַ קוק טאָן אַף זײַן אַרבעט.

:: :: ::

מען קלאַפּט אין דער טיר.

— קומט אַרײַן! — קאָן אַנטאָנינאָ קוים ענטפערן פון פיל אויפרעגונג.

עס גײט אַרײַן מיסטער באָלדן אין שיך אַף זײער הויכע אָפּצאַסן. אַ שוסטער, אַ גרויסער קינסטלער אין זײַן פאַך, האָט ספּעציעל אויפגעמאַכט די דאָזיקע שיך, זײ זאָלן אויפהויבן אַ ביסל מיסטער באָלדנ׳ס וואוקס.

מיט אים איז אויך געקומען דער בילדער־אַגענט מיסטער קראַוז. אַ דאַרער, אַ דינער און אַ לאַנגער. אַן עלטערער מענטש מיט אַן אָפּגעצערט אַסקעטיש פּנים, ווי בײַ אַ הײליקן.

מיסטער באָלדן זשמורעט אײן זײַנע גרויע אויגן און אַנטאָנינאָ׳ס גורל הענגט אַף אַ וואָג־שאָל. וועט זיך באַווײַזן אַ שמײכל אין די דאָזיקע גרויע אויגן, איז אַ סימן אַז ס׳איז גוט. וועלן די אויגן בלײַבן פאַרזשמורעטע און שטרענגע, איז אַ סימן אַז ס׳איז זײער שלעכט, אַז ס׳געפעלט ניט אַט־דעם מיסטער באָלדנ׳ען גאָרניט שבגאָרניט. אַנטאָנינאָ איז פאַרצווײפלט. ער קאָן שוין ניט אויסהאַלטן, ווי יענער קוקט אַף זײַנע בילדער מיט אַזוי פיל

שטרענגקייט. אַנטאָנינאָ דרייט זיך אויס מיטן פּנים צום פענצטער. לאָזן זיי קוקן. מיטן פּנים אָבער צום פענצטער הייבן אָן זיינע אויערן צו טאָן די אַרבעט פון די אויגן. די אויערן, פּונקט ווי פריער די אויגן, שרעקן זיך פון יעדער באַוועגונג וואָס מען מאַכט דאָרט. די אויערן הערן, ווי צוויי מענטשן שפּאַנען איבער זיין סטודיאָ: די שווערע טריט פון מיסטער באָלדן און די דינע לייכטע טריט פון מיסטער קראַוז. מען שטעלט זיך דאָרטן אָפּ ערגעץ פאַר א בילד. פאַר וועלכער בילד מען שטעלט זיך אָפּ, ווייסט ניט אַנטאָנינאָ. אָבער ער מעסט די צייט, וויפיל זיי שטייען דאָרטן. אויב מען שטייט דאָרטן א קורצע צייט, איז א סימן אַז ס'איז ניט גוט. אויב מען שטייט לענגער, קומט אָן א ביסעלע האָפענונג אין זיין האַרצן. הערט ער אָבער ווי מ'שטעלט זיך אָפּ און מען גייט ווייטער. איז ער שוין פאַרביי, דער אַטאָנינאָ, ס'בויגן זיך אים די קני. אָבער אָט דערהערן פּלוצלונג זיינע אויערן, ווי מען שטייט. שוין א לאַנגע צייט אַז מען שטייט. „פאַר א וועלכן בילד זאָלן זיי שטיין?" טראַכט ער א דערלייכטערטער. ער קאָן זיך שוין מערער ניט איינהאַלטן. גיי ווייס, אַז זיי וועלן בלייבן שטיין אַזוי לאַנג פאַרן בילד, וואָס ער האָט פאַררוקט אין ווייטסטן ווינקל. פאַר דער „שיכור'ער מיידל" שטייען זיי און רייסן ניט אָפּ די אויגן. ער שפּאַנט זיך אַוועק הינטערוויילעכטס, מיסטער באָלדן, שפּאַנט אויך אַוועק הינטערוויילעכטס דער מיסטער קראַוז. ער גייט נעענטער, דער מאַגנאַט, גייט אויך צו נעענטער דער אַגענט פון בילדער. פון אַלע זייטן באַטראַכט מען די בילד. מיסטער קראַוז האָט שוין דערקענט אין דעם מאַגנאַט'ס פּנים, אַז ס'געפעלט אים שוין אָט־די שכּור'ע מיידל גאָר און גאָר.

דער מאַגנאַט שרייבט א טשעק. אַנטאָנינאָ זעט ניט, וואָס יענער טוט. ער ווייסט נאָר, אַז עס איז גוט, אַז די דאָזיקע צוויי מענטשן האָבן אים דער־הויבן צו דער העכסטער הויכקייט. ער איז גרייט זיך צוקושן מיט די דאָזיקע צוויי לייט.

אַנטאָנינאָ בלייבט שטיין מיטן טשעק אין די הענט, און ווייסט אַפילו ניט, וואָס ער האַלט. ער ווייסט, אַז זייער א גוטע זאַך האַלט ער, אָבער ווי גוט — ווייסט ער נאָך ניט. ער גיט א קוק אָפן טשעק. ער גלויבט זיך ניט: גאַנצע פינף הונדערט דאָלאַר.

— מילדרעד, מילדרעד! — הויבט ער אָן צו שרייען.

אָבער ער דאַרף שוין ניט שרייען „מילדרעד". זיין מילדרעד שטייט שוין פון לאַנג אָף דער שוועל פון דער טיר און קוקט אָף אים מיט אירע שפּעטנ־דיקע באַקן.

— מילדרעד! — כאַפּט ער זי אַרום. — מיר ווערן גרויס! דו האָסט מיך גרויס געמאַכט, — קושט ער זי. — דו האָסט מיך געגעבן די גרויסע באַגייסטערונג, — צעוויינט ער זיך. — דו, מילדרעד.

מילדרעד האָט דאָס פּאָזירט פאַר דעם דאָזיקן בילד פון דער „שיכור'ער מיידל".

ער פירט זי צאַרט צום דיוואַן. ער זעצט זי אַנידער זייער דעליקאַט. ער לייגט אַרויף אַף איר שויס דעם טשעק.

— נאַ, ס'איז דיינס, דיין געלט, טו מיט דעם וואָס דו ווילסט. איך וועל ניט הנאה האָבן פון דעם געלט, אַפילו קיין פּעני ניט, ווייל ס'איז אינגאַנצן דיינס.

מילדרעד קוקט אַפן טשעק. זי ווייסט אַפילו ניט דעם באַטייט פון דער סומע. איין זאַך ווייסט זי, אַז פון אַזאַ אוצר האָט איר טאַטע שמערל דער פּעדלער אַף זיין לעבן ניט געוואוסט.

— דיין געלט, — קושט ער זי אין אירע קרומע ליפּן, — מילדרעד, מילדרעד.

# מילדרעד און מיסטער באָלדן

נאַכט. אין דער סטודיאָ מיטן גלעזערנעם דאַך איז ליכטיק. שטיל איז אין דער סטודיאָ. דער טיש געגרייט, מיט פלעשער וויין, מיט סענדוויטשעס און מיט פרוכטן, אָבער די געסט זיינען נאָך ניטאָ. אַנטאָנינאָ שטייט פאַר דער פאַרקויפטער בילד זיינער, און עס דאַכט זיך אים אויס, אַז דער „שיכור'ער מיידל" איז אומעטיק. ס'ווייזט זיך אים אויס, אַז די „שיכור'ע מיידל" וואַרפט אים פאָר, פאַרוואָס ער האָט זי פאַרקויפט צו דעם קורצן און פעטלדיקן מיסטער באָלדנ'ען פאַר די נישטיקע פאַר דאָלאַר. ס'דאַכט זיך אים אויס, ווי זי רעדט צו אים:

— דו האָסט מיך געשאַפן מיט דעם בלוט פון דיינע אָדערן, מיט דער וויזיע פון דיין מאַרך, דו ביזט מיין טאַטע, מיין מייסטער, און ס'איז מיר אַזוי שווער זיך צעשיידן פון דיר.

מילדרעד זיצט אַפן דיוואַן אין לאַנגן זיידענעם קלייד, אין דער קאָלירטער שאַרפע מיט די גאָלדענע אויערינגלעך. זי זיצט מיט די פיס אונטער זיך. זי שמייכלט מיט די קרומע ליפּן. שפּיציקע פלעמעלעך צעטאַנצן זיך אין אירע מוטנע אויגן. זי ווייסט, אַז אַנטאָנינאָ באַגערט זי איצטער. שוין לאַנג, אַז ער האָט זי ניט באַגערט און זי האָט זיך געשראָקן, ווייל נאָר אין זיין באַגערן איר פילט זי, אַז זי האָט אַ שייכות צו אים. אַנדערש איז זי אָרעם. ער קאָן מאָלן, ער איז באַרימט איבער דער וועלט, און וואָס איז זי? אַן אָרעם מיידעלע. אָבער דעמאָלט ווען ער באַגערט זי, ווערט איר אייגענער קערפּער וויכטיק צו איר אַליין. זי ווערט אָפּגעשוואַכט אין אַלע איברים. אירע ליפּן צעעפענען זיך, און די צוויי שמאָלע פלעמעלעך אין די אויגן טאַנצן און ריידן.

— לאָז מען זי אוועקנעמען פון דאַנען — קושט זי אַנטאָנינאָ אין די קרומע ליפּן.

— וועמען? — דערשרעקט זיך מילדרעד.

— דאָס „שיכור'ע מיידל"... ס'אַרט מיך נים, אַבי דו בלייבסט מיט מיר, מיין מילדרעד.

געסט קומען. קאָלעגן מאָלער, פּאָעטן און זינגער. די נייעס וועגן אַנטאָנינאָ'ס גליק האָט זיך צעשפּרייט איבער אַלע סטודיאָס. מען קומט אים באַגריסן. מען רינגלט אים אַרום. מען דריקט אים די האַנט און אַנטאָנינאָ

קאָן גאָרניט אריבערטראָגן די קאָמפּלימענטן. ער וויל זיין באשיידן און קאָן ניט. די פרייד שפּאַרט ארויס פון זיינע אויגן, פון דער נאָז, פון הויכן שטערן, פון אַלע איברים.

אָבער פּלוצלונג פארגעסט מען אין אַנטאָנינאָ'ן, מען פארגעסט אָן זיין מייסטערווערק. אַלעמענס אויגן זיינען געווענדעט צו אים, צו דעם גע־הויבענעם מענטשן מיסטער באָלדן, וואָס איז נאָר־וואָס אריינגעקומען אין דער סטודיאָ. ער איז געקומען אָפּנעמען זיין בילד, און אין איינוועגס אַ הוליע טאָן מיט די קינסטלער און קינסטלערינס. אַזוי איז שוין זיין מעטאָד. ער ווייסט שוין פון דערפארונג, אַז נאָך יעדער פארקויפטער בילד פאָלגט נאָך זייער אַ פריילעכע פּארטי, און ער האָט זייער ליב די דאָזיקע פּארטיס. צו די דאָזיקע פּארטיס קומט ער אין זיין גרויסן אָטאָמאָביל מיטן שווארצן שאָפער.

דער שווארצער שאָפער שמייכלט איצט צו די פּילע איטאַליענישע קינ־דערלעך אויף דעם בלאָק פון דער עלפטער גאַס. זיי האָבן ארומגערינגלט מיט גרויס באוואונדערונג דעם לאַנגן גרויסן אָטאָמאָביל.

ער וועט שוין אַזוי אָפּזיצן, דער שאָפער, אַ גאַנצע נאַכט. ער וועט זיך קאָנען אַפילו אויסשלאָפן. ער וועט אריינקריכן דאָרטן אינעווייניק אויף די ווייכע פּליושענע קישעלעך און ער וועט זיך פיין אויסשלאָפן. ער איז שוין געוואוינט, דער שאָפער, צו אָט־די רייזעס אין די אָרעמע קווארטאַלן, וואו די קינסטלער וואוינען. ער ווייס, אַז עס קאָן געדויערן אַ גאַנצע נאַכט, און אַמאָל ביז טאָג אויך.

אויבן גיסט מען ווײַנען און שנאַפּסן. מען האַלט טאָוסטן פאַר דעם מאַלער, דעם גרויסן געניוס. נאָך מערער טאָוסטן האַלט מען פארן פּאַטראָן פון מאַלעריי, דעם גרויסן מענטשן, מיסטער באָלדנ'ען. דער מאַגנאַט אַליין טרינקט זייער ווײַנציק. ס'איז אים אַזוי אויך פריילעך.

מילדרעד איז שיכור'לעך. אירע ליפּן זיינען פייכט, פּונקט ווי בא דער „שיכור'ער מיידל" אויף דער בילד. אירע אייגעלעך אויסגעלאָשן. זי האַלט דעם קאָפּ אין אַ זייט. ס'איז איר איצט זייער גוט, און זי לאַכט און לאַכט. מיסטער באָלדן גיט אַ וואונק צו איר מיטן פינגער. זי גייט צו צו אים. זי האָט איצט פאַר קיינעם ניט קיין מורא. ער זעצט זי אויף זיין קני, פּראָטעסטירט זי ניט. ער גיסט איר אָן אַ גלאָז ווײַן און דערלאַנגט איר.

—איך וויל ניט, איך וויל ניט — פּעשטשעט זי זיך פאַר אים און טרינקט.

ס'איז איר אנגענעם, וואָס דער דאָזיקער גרויסער מיליאָנער גיט זיך אָפּ

מיט איר, דער אָרעמער מיידל פון קלינטאָן סטריט. עס איז איר בכלל גוט און זי לאַ־אַ־כט און לאַ־אַ־כט.

אַנטאָנינאַ וויינט גאָר. אַף אַ קול וויינט ער. אַלע לאַכן פון אים. „אַנ־טאָנינאַ איז שוין רעכט שיכור", זאָגן איינער צום אַנדערן די פריילעכע קינסטלער, און אַליין זיינען זיי שוין אויך ווייט ניט ניכטער. אַנטאָנינאַ דערזעט פּלוצלונג מילדרעד'ן אַף דעם מאַגנאַט'ס קני, און ס'דאַכט זיך אים אויס אין דער פאַרנעפּלטקייט פון זיין שיכרות, אַז דאָס זיצט ניט די לעבע־דיקע מילדרעד, נאָר זיין „שיכור'ע מיידל". זי איז אַראָפּגעגאַנגען פון דעם בילד, די „שיכור'ע מיידל", און זיך געזעצט אַף מיסטער באָלדנ'ס קני. ער ווערט שרעקלעך אין כעס, אַנטאָנינאַ. ער גיט אַ קלאַפּ אין טיש מיט גרויס כח, אַז אַלע פלעשער און גלעזער צעבוצקען זיך.

— לאָז זי אָפּ! — שרייט ער אַפן מאַגנאַט.

לאַכן אַלע פון אים: „אַנטאָנינאַ איז שיכור, דערפאַר קלאַפּט ער אין טיש", — זאָגט איינער צום אַנדערן.

— לאָז זי אָפּ, און נאַ דיר צוריק דיינע לוויזיקע געלטער, נאַ! — נעמט ער אַרויס אַ פולע זשמעניע מיט גרינע פּאַפּירלעך און וואַרפט זיין אַפן טיש. — דו קענסט בא מיר ניט אַוועקרויבן דאָס קינד פון מיין מאַרך, דו קענסט ניט!

מען לאַכט פון אַנטאָנינאַ'ן דאָס גרעסטע געלעכטער. מען פירט אים אַרויס אַפן דאַך. זאָל ער זיך אָפּקילן דאָרטן. וויינט ער דאָרטן אַפן דאַך און רופט: „מילדרעד, מילדרעד!" ער צעלייגט זיך אַפן דאַך מיטן פּנים אַרויף צום הימל, און ווייסט ניט, וואָס די שטערן טוען דאָרטן אויבן. פונ־וואַנעט האָבן זיי זיך גענומען, די דאָזיקע שטערן? און פאַרוואָס איז אַזוי הויל און ליידיק דער חלל? און ווער טומלט דאָס דאָרטן אַזוי אין זיין סטודיאָ? און וואָס שלעפּט מען אים? ער וויל ניט, אַנטאָנינאַ, און זאָל מען אים ניט שלעפּן. און ווייל ער וויל ניט, שלעפּט מען אים אַראָפּ צו דער גאַס.

דער גאַנצער שיכור'ער עולם לאָזט זיך אַראָפּ אַף דער גאַס. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די גאַנצע פריילעכע געזעלשאַפט זאָל זיך אַוועקלאָזן אין טעקסיס קיין לאָנג איילאַנד צו מיסטער באָלדנ'ס ווילאַ און דאָרטן פאַר־זעצן די פּאַרטי. מיסטער באָלדן צאָלט פאַר אַלע טעקסיס.

אַכט טעקסיס לויפן פאַראויס מיט די שיכור'ע קינסטלער און מיסטער באָלדנ'ס לאַנגער אַטאָמאָביל צום לעצט.

— ניטע, קוש מיך ניט! — פּראָטעסטירט זייער שוואַך מילדרעד. — ניטע, קוש מיך ניט.

און מיסטער באָלדן קושט גראַדע יאָ. ווי אַ חיה האָט ער זיך איינגעזויגן אין די קרומע ליפּן פון אָט דער ניט־דערוואַקסענער מיידעלע.

דער שוואַרצער שאָפער דרייט ניט אויס דעם קאָפּ אַף צוריק. מיט שטייפע מוסקולן טרייבט ער די מאַשין און וויל ניט ליידן, פאַרוואָס עס זידט אין אים דאָס בלוט, פאַרוואָס עס קאָכט אין אים, און פאַרוואָס עס קומען אים אַרויף געדאַנקען פון אַ מערדער. ער דערזעט אַ פּאָליסמאַן אַפן קאָרנער. עס ווילט זיך אים אָפּשטעלן די מאַשין, אַ צעפּראַל טאָן די טיר פאַרן פּאָליס־מאַנ׳ס אויגן, און זאָל ער אַליין זען, וואָס עס ווערט געטאָן אינעווייניק. ער שטעלט ניט אָפּ, דער שאָפער, דעם אָטאָמאָביל. ער צעיאָגט אים נאָך שנעלער און הוידעט זיך פון צאָרן. אַזאַ יונג מיידעלע, נאָך אַ קינד. ער וויל עפּעס טאָן, דער שאָפער. די איינציקע זאַך, וואָס ער קאָן טאָן, איז פאַרזיכטיק האַלטן די ראָד אין די הענט, לייכט טרעטן מיטן פוס אַף דעם גאַז־פּעדאַל און פירן די מאַשין איבערן טונקעלן אַספאַלט.

דער ים באַווייזט זיך. אַזאַ גרויסער שוואַרצער ים אָן אַן עק און אָן אַ סוף. פאַרלירט זיך ווייט, ווייט ערגעץ אין דער נאַכט. מיליאָנען ליכט שיינען אַפן גרויסן ברעג לעבן ים. די באַנאַכטיקע כוואַליעס יאָגן מיט רעש און מיט אימפּעט אַף דער טרוקעניש. אַ שווידער כאַפּט אַרום דעם שאָפער. ער האָט פאַרלאָרן זיין קלאָרן געדאַנק. ער וויל אים צוריק כאַפּן, דעם קלאָרן געדאַנק, ווייל דער אומקלאָרער געדאַנק הייסט אים אַריינפאָרן מיט דער מאַשין גלייך אין ים אַריין, אַריינצופאַלן אַהין אין די שוואַרצע וואַסערן.

— וואָס טוסטו? וואָס טוסטו? — באַגרייפט קוים מילדרעד אין איר פאַר׳שיכור׳טן מאַרך, די שאַנדע וואָס מען טוט איר. — וואָס טוסטו? וואָס טוסטו?

(סוף פון ערשטן טייל)

# צווייטער טייל

# מאַיק׳ס גענג

בשעת מען האָט געהאַלטן אין אָנלאָדן די אַכט טראָקס מיט ביר, האָבן די קלינטאָנער זעקס גוטע־ברי־דער דערוויילע פאַרבראַכט מיט די וואַכלייט, וואָס האָבן באַגלייט די טראָקס און געדאַרפט באַשיצן מיט זייער געווער און מיט זייערע לעבנס ספּאַרקי׳ס אייגנטום.

די ברויעריי לעבן איסט־ריווער האָט ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט אומ־לעגאַלן ביר אַלע פאַרבאָרגענע טרינק־פּלעצער אַף דער איסט־סאַיד. ס׳איז געווען אין דער העכסטער צייט פון „פּראָהיבישאָן", און די פרומע געזעץ־אָפּהיטנדיקע בירגער האָבן מיט גרויס לוסט געטרונקען דעם „לינקן" ביר, וואָס איז אָנגעקומען צו די בוטלעגער דורך פילע שווריקייטן און שטרויכ־לונגען.

ספּאַרקי האָט געעפנט אַ צווייטע ברויעריי אין ניו־דזשוירזי סטייט, אַף אַ פאַרלאָזענער גרויסער פאַרם, ווייט פון אַ ישוב, אַרומגערינגלט מיט וואַלד. אַ גאַנצע פעסטונג איז דאָרטן געווען, מיט וואַכלייט אַף טריט און שריט, אַף מײַלן און מײַלן אַרום.

צו דער דאָזיקער פעסטונג האָט זיך די ניו־דזשוירזיער גענג בשום אופן ניט געקאָנט דערקלייבן. אַ צו ריזיקאַלישע אונטערנעמונג וואָלט דאָס געווען פאַר זיי. די איינציקע זאַך, וואָס די ניו־דזשוירזיער געננסטער האָבן געקאָנט טאָן, איז איבערפאַלן די טראָקס, ווען זיי זיינען געווען אַפן וועג קיין ניו יאָרק, אָנגעלאָדענע מיט ביר. אָבער דאָס וואָלט זיי אויך ניט געלונגען, אויב מאַיק מיט זיינע חברה האָבן באַגלייט די טראָקס. זיי האָבן זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען, די קלינטאָנער מיט מאַיק׳ן אין דער שפּיץ. פּלינקע הפקר׳דיקע חברה׳לייט. אין יעדן געפערלעכן מאָמענט זיינען זיי אויסגעוואַקסן און אוועקגעלייגט אָן רחמנות פון זייערע גרויסע שווערע פּיסטאָלס יעדן איינעם, וואָס האָט געוואָגט אָנפאַלן אַף זייער אומלעגאַלן טראַנספּאָרט.

זעקס יאָר זיינען פאַרלאָפן פון יענער צייט, ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אַזוינע יונגינקע, הילפלאָזע און שעמעוודיקע צו דזשאָו׳ן אין טרינק־קעלער. זעקס גרויסע יאָר פון געוואָגטע טאָונגען און פאַרברעכערישע אונטער־נעמונגען. אין די דאָזיקע זעקס יאָר האָבן זיי ניט געהאַט קיין איין מינוט, ווען מען זאָל זיך קאָנען אָנידערזעצן אין גרויסער רו, און ווערן אויפגעלייזט

אין פרידלעכקייט און אין זיכערקייט. איין טאָג איז פאַרפאָרן אין אַ צווייטן טאָג, מיט אומרו און מיט געפאַר. ניט־אויסגעשלאָפענע נעכט און מידע טעג. איצט גלאַנצט אין זייערע אויגן — מאָרד, אין זייערע הענט ליגט — טויט. צעפלאַמטע פּנים'ער און עזות'דיקע מאָרדעס. רייף־דערצויגענע אַמעריקאַנער רויבער. מאַיק'ס נאָמען האָט אָנגעהויבן ארומצוגיין אַף די ליפּן צווישן אַלע אונטערוועלט־חברה אַף דער איסט־סאַיד. מען האָט שוין געקאָנט זען, אַז עס וואַקסט אַ טיגערל, וואָס וועט פאַרצוקן ספּאַרקי'ן אַליין, און אַלע אַנדערע, וואָס וועלן זיך אים שטעלן אין וועג. אָבער דערווייל איז מאַיק זייער געטריי צו זיין באָס, צו ספּאַרקי'ן. דערווייל הוליען די קלינטאָנער מיט די ביר־באַגליטער אינעווייניק אין הויז, און אינדרויסן לאָדט מען די קעסטלעך מיט ביר, און ארום און ארום אין דער פינצטערניש אַף מיילן און מיילן גיט מען זיך סיגנאַלן. אַזוינע ליכט־סיגנאַלן, וואָס דערציילן, אַז רואיק און זיכער איז איצט די נאַכט, אַז זאָל מען אָנגיין מיט דער ארבעט.

די טראַק־באַגלייטער צוזאַמען מיט די זעקס קלינטאָנער שטעלן צונויף פּערצן חברה־לייט. הויכע, געראַטענע, ברייטע יונגען מיט פאַרברענטע ווילדע פּנים'ער, מיט דעם וואונק פון געפאַר אין זייערע שטעכיקע אויגן. מאַיק מיטן אָפּגעביסענעם אויער, וואָס איז דער געפערלעכסטער פון זיי אַלע, איז נראדע פון מיטעלן וואוקס, אָבער דערפאַר פאַרמאָגט ער פלייצעלעך אַזוינע, וואָס אין איין אויגנבליק גיבן זיי אַ גיי כאַדאַראַם, און פון זיינע הענט שפּריצט שוין פייער. הײמי איז גאָר אַ נידעריקער. ווען ניט די וואָנצעלעך, וואָס ער האָט זיך פאַרלאָזט, וואָלט מען אפילו ניט געוואוסט צי ער איז גאָר אינגאַנצן אַ דערוואַקסענער מאַן. זיי טרינקען ניט קיין ביר, די דאָזיקע פּערצן חברה־לייט. זיי האָבן פיינט ביר. זיי טרינקען דעם ברענענדיקן שנאַפּס, מען פאַרבייסט מיט קאַלטע פליישן, און מען שעלט זיך און מען שפּייט, און מען ווייזט ארוים פיל בראַווקייט מיט דעם שעלטן זיך און מיטן שפּייען. מיטן שעלטן זיך און מיטן שפּייען מיינען זיי אָבער גוטס איינער צום אַנדערן. זיי האָבן אַלע איין געמיינשאַפטלעכן ציל, איבערפירן דעם ביר בשלום קיין ניו יאָרק. אָבער, אַז מען זיצט צוזאַמען מיט באַרימטן מאַיק „דעם טיגער", דאַרף מען זיך פאַר אים אַ ביסל אויסשטעלן און באַרימען זיך מיט בראַווקייט און מיט העלדישקייט.

— גאָט־פאַרשאָלטענע! — שעלט אַן איירישער די ניו־דזשוירזיער געגנט.

— זאָלן זיי היינט זיך נאָר באַווייזן, די הינט! מיר וועלן זיי צעקאַראַדאַשן אַף שטיקלעך און פיצלעך.

— און אנומעלטן — הויבט אָן צו דערציילן אָן איטאַליענער, איינער פון די ביר־באַגלייטער, — פאַרן מיר הינטער באַפּאַלאָ . . .

דאָס דערציילט ער אַ מעשה, ווי אַזוי ער איז אַמאָל אַריינגעפאַלן אין קלעם הינטער באַפּאַלאָ, און ווי ער, מיט זיין גרויס העלדישקייט און נע־וואַגמקייט, האָט אַוועקגעלייגט אַף קאַלטן, און אַזוי ווייטער און ווייטער. די מעשה דערציילט ער צוליב מאַיק׳ן, כדי מאַיק זאָל אַליין זען, אַז ער דאַרף זיך ניט שעמען מיט אים. שמייכלט מאַיק און שווייגט. ער רעדט זייער ווינציק, דערפאַר אָבער זיינען די איבעריקע פינף קלינטאָנער חברים פריילעכע יאַטן. די ביר־באַגלייטער האָבן זייער ליב די דאָזיקע קלינטאָנער איסט־סאַיד חברים, וועמענס שפּראַך איז זייער אַ טשיקאַווע, פאַרפאַרוועט מיט ווערטלעך און מיט בילדלעכע אויסדרוקן. אַ שפּילעוודיקע שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט מיט אַזוינע סימבאָלן און מיט פילע קונציק־אַרומגעדרייטע ווערטער. די דאָזיקע שפּראַך זייערע איז געשאַפן געוואָרן אין זייער אייגן באַזונדער וועלטל. אַ שפּראַך, וואָס רעגט אָן צו געוואַגטקייטן און צו הפקרות׳ן, זיך אויסלאַכן פון געפאַר און לעבן אַ גוטן טאָג אויב מען קאָן. און אַז מען קאָן ניט, מוז מען קאָנען.

די דאָזיקע ביר־באַגלייטער קענען ניט ספּאַרקי׳ן. ער איז פאַר זיי אַ מיסטעריעזע פיגור. זיי קענען מאַיק׳ן. זיי האָבן געזען זיין גרויסקייט מיט זייערע אייגענע אויגן. זיי האָבן געזען זיין העלדישקייט, זיין וואַרפן זיך אין אַלע געפאַרן. אין ספּאַרקי׳ס אָריגינעלער גענג איז אויסגעוואַקסן אַ שפּאָגל־נייע גענג. אַ מלוכה אין אַ מלוכה. דאָס איז געווען מאַיק׳ס מלוכה מיט זיינע ביר־באַגלייטער און טראַק־טרייבער. ספּאַרקי האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען. ווען ער האָט דאָס יאָ אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, איז שוין געווען צו שפּעט.

— העי, פאַרטיס! — שרייט מען פונדרויסן.

מאַיק גיט זיך גלייך אַ שטעל אויף. נאָך אים אַלע איבעריקע. מען כאַפּט זיך צו די קעשענעס, צי ס׳זיינען דאָרטן פאַראַן די דאָזיקע שטיקלעך, וואָס שפּייען מיט פייער, און מען לאָזט זיך אינדרויסן. מאַיק גייט אַרום יעדן טראַק, באַקוקט, באַשמעקט. דערנאָך גיט ער אַ קאָמאַנדע. אַלע שפּרינגען אַרויף אַף די טראָקס. ער מיט מויש׳ן און מיט בעניטאָ׳ן זעצן זיך אין אַ באַזונדערן אָטאָמאָביל און מען לאָזט זיך אַלע סאַמע אין דער געדיכטער פינצטערניש אַריין.

# דער איבערפאַל

עס גליִען סיגאַרעטלעך פון די טראָקס. נערוועזע סיגאַרעטלעך. די מענטשן אַף די טראָקס פאַרציִען דעם רויך מיט גרויס לײַדנשאַפט. ווערט אויסגעגאַנגען אײַן סיגאַרעטל, צינדט מען אָן אַ צווייטס. צווישן אַלע קליינע פײַערלעך פון די סיגאַרעטלעך, גליט אויך אַ גרעסער פײַערל פון אַ סיגאַר. דאָס רויכערט הײמי דעם סיגאַר. ס'איז זײַער געפערלעך פאַר זײַן אַסטמע דער דאָזיקער בײַסנדיקער רויך, און אַז ער צעהוסט זיך איצט, איז אַ גרויס רחמנות אַף אים. אָבער ער האָט באַקומען אַ שוואַכקייט צו דיקע סיגאַרן. זײַנע איברים זײַנען געבליבן שמאָל און שוואַך. אַ קליינער פּנים מיט אַ שאַרפער מאָרדע, מיט געדיכטע וואָנצעלעך, קלוגע אייגעלעך, וואָס שנײַדן זיך אַרײַן אין יענעמס בליק מיט פיל פאַרשטאַנד. ער ציט דעם גראָבן סיגאַר און אין די וואָלקנס פון רויך טראַכט ער זיך זײַנע געדאַנקען. אַזוינע געדאַנקען, וואָס קיינער פון זײַנע קלינטאָנער גוטע ברידער טאָר נישט וויסן. ער האָט שוין דאָרטן העכער צוויי טויזנט דאָלאַר אין דער „באָוערי סייווינגס באַנק". פון הײַנטיקער וואָך וועט ער אויך עפּעס קאָנען אָפּשפּאָרן און צולייגן צום געלט, וועט דאָס שוין באַטרעפן צוויי טויזנט מיט הונדערט און פופציק דאָלאַר. לאָז נאָך אַ ביסעלע אָנוואַקסן, וועט ער זיך שוין אָפּרייסן פון דער חברה, עפענען עפּעס אַ געשעפט און אפשר אויך חתונה האָבן, און זיך לעבן ווי יעדער איינער. אַמאָל איז דאָס בײַ אים געווען ליבע צו אַוואַנטיורע, צו דערגרייכן אוממעגלעכקייטן. איצט איז דאָס אַן אָנגעשטרענגט געפערלעכער לעבן. אָבער דערווײַל איז ער רואיק, הײמי. ער וויל זיך ניט זאָרגן. אַלץ וועט שוין קומען שפּעטער. דערווײַל טראָגט אים דער טראָק אין אַ פינצטערער קילער נאַכט, און דער וועג וועט אויך מסתמא אַריבער בשלום, ווי אין אַלע פריערדיקע עקספּעדיציעס.

בוטשי איז רעכט אָנגעטרונקען, איז אים שוין אַלצאיינס וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, צי אַף די גאַסן פון ניו יאָרק, צי אַף אַ פרעמדן געפערלעכן באַנאַכטיקן וועג. ער ציט איינס נאָך איינס זײַן סיגאַרעטל און ס'קילט אים דעם הייסן שיכור'ן אָטעם, ס'טריקנט אים אויס די זאַפטן אין מויל, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו פליסן און איבערפליסן נאָך דעם היפּשן טרונק בראָנפן, וואָס ער האָט אַרײַנגעגאָסן. ער הוידעט דעם שיכור'ן הפקר'דיקן קאָפּ אַהין און

אַהער. ער זינגט אונטער אַ לידעלע. דער דאָזיקער ריזיקער בוטשי מיט דער רעוועגדיקער שטימע, ווען ס׳קומט צום זינגען, באַקומט זיך ווי דאָס פּישטשען פון אַ פייגעלע. פּישטשעט ער אוים זיין לידעלע און פילט זיך געוואַלדיק געהויבן.

לואי איז ניט אָנגעטרונקען. לואי איז ניכטער און פולשטענדיק באַוואוסטזיניק וועגן דער געפאַר וואָס לויערט פון ביידע זייטן פינצטערניש. אַף איין זייט וועג — אַ פרעמדע ווייטע פינצטערניש מיט איינזאַמע פייערלעך, אַפן צווייטן זייט וועג — אַ וואַלד. די האַנט זיינע ליגט אין ראָק־קעשענע. די פינגער זיינען פאַרקראַמפּעוועט אַרום דעם שטאָל פון דער טויטלעכער זאַך, וואָס ער האַסט. פון דעם ערשטן מאָל, וואָס ער איז געקומען מיט דעם אין באַרירונג, האַסט ער דאָס. ער האָט זיך ניט געקאָנט צוגעוואוינען צו דעם דאָזיקן קאַלטן שוידערלעכן שטאָל. שוין זעקס יאָר, אַז ער איז אַ געפאַנגענער אין דעם דאָזיקן פאַר׳כישופ׳טן קרייז פון די זעקס. פון זינט די חברה איז איבערגעגאַנגען צו גרויסע טאַטן און אָנגעהויבן זיך צו באַנוצן מיט די דאָזיקע שטאָלענע שפּייערס, איז אים געוואָרן ענג. אין די אַלטע יאָרן, ווען מען איז געקראָכן אַף די פייער־לייטערס און מען האָט געשפּאַנט איבער דער שווינדלענדיקער הויך בלויז איבער שמאָלע שטעקנס, אַריבער־געלייגט פון איין פענצטער צום צווייטן, איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. עפּעס אַזאַ גאָלדענע צייט. אַ ראָמאַנטישע עפּאָכע. מען האָט דאָס געטאָן מיט געוואַגטקייט און מיט גרוים ליבע. איצטער איז ער אין די טראַנשייען פון אַ שלאַכט־פעלד און ס׳איז אים אומבאַקוועם יעדע מינוט פון לעבן. די נערוון זיינען וואַך, אַפילו אינמיטן שלאָף. לואי קאָן זיך שוין ניט אויפלייזן און בלייבן אַמאָל זיצן מיט פרידלעכע טראַכטונגען אין רו און אין פאַר־געסנהייט. ער איז די גאַנצע צייט אין אַן אומרו אַזאַ, וואָס וואַרפט אים איביק, אייביק. ער בענקט, לואי, נאָך דער וואַרעמקייט פון זיין מאַמע׳ס צימערן אַף קלינטאָן סטריט. נאָך דעם הודזשען פון דער ניי־מאַשין, וואָס ברענגט פרידן און רו צו זיין געמיט, באַזונדערס באַנאַכט, ווען ער שלאָפט איין אין צווייטן צימער און זיין מאַמע דאַרף נאָך אַרויסענדיקן אַ קלייד. זי זיצט אונטער דעם ליכט פון אַ לעמפּל, וואָס הענגט איבער איר קאָפּ, און זי שטעפּט אַף איר ניי־מאַשין מיט אַזאַ איינשלעפערנדיקן ציישן. אַז לואי פלעגט זיך אויפכאַפּן אינמיטן שלאָף און דערהערן דאָס דאָזיקע ציישן פון דער מאַשין, האָט אַרומגעכאַפּט זיינע איברים אַזאַ זיכערקייט, און זיי האָבן זיך געצויגן, די איברים, צום ווייכן געלעגער און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פריידיקער רו. שוין לאַנג אַז לואי איז ניט געשלאָפן אין דעם דאָזיקן

וואַרעמען בעט באַ זיין מאַמען אין הויז. אַף די זייטיקע פינצטערע וועגן יאָגט ער זיך מיט די ביר־טראָקס פאַרן גרויסן האַר, ספּאַרקי דעם פעטן, מיט די כינעזישע אויגן.

לואי האָט אָנגעהויבן פיינט צו האָבן מאַיק׳ן מיט דעם רשעות׳דיקן אָפּגעביסענעם אויער, מיט זיינע גרויסע געדיכטע ברעמען, וואָס באַהאַלטן געפאַר צו יעדן לעבעדיקן מענטשן. מאַיק ציט לואי׳ן אין אַלע געפערלעכע פינצטערנישן, פון וואַנען ס׳איז ניטאָ קיין אָפּענער וועג צו דער זיכערקייט און רו.

בעניטאָ האָט ליב אָטאָמאָבילן און טראָקס, און איבערהויפּט האָט ער ליב זיך צו פאָרן מיט זייער מאַשינעריע. די דערפאַרונג פון די לעצטע זעקס יאָר האָט באַוויזן, אַז מען קאָן אים שוין געטרויען אַן אָטאָמאָביל, אַז ער ווייסט שוין אַלע איינגעווייידן פון אַ מאַשין, אַז בלויז מיטן אויער קאָן ער גענוי באַשטימען וויפיל מייל עס לויפט אַן אָטאָמאָביל. לויטן כריפּען קאָן ער אָנווייזן פּונקט דאָס פּלאַץ, וואו ס׳איז קאַליע די מאַשין. זייער גערן קריכט ער אין די אָווערגאַלס אונטער די רעדער פון אַן אָטאָמאָביל. מיט האַמער און מיט אָפּצווייגעס האָט ער זיך ליב צו פאָרען דאָרטן און דערנאָך ארויסקריכן פון דאָרטן אַ פאַרסאַזשעטער, אַ פאַרשמירטער, מיט גרויסע לאַכנדיקע ווייסע ציין.

זיצט ער איצט, בעניטאָ, לעבן דער ראָד פון אָטאָמאָביל. זיינע פּלייצעס זיינען אויסגעבויגן און זיינע אויגן פאַרשן די פינצטערנישן פון דעם לאַנגן וועג, וואָס לויפט אָן פון דעם אַנטקעגן גלייך אַף זיין מאַשין.

מאַיק מיט מויש׳ן זיצן אויך אין דעם דאָזיקן אָטאָמאָביל מיט אויס־געבויגענע פּלייצעס. יעדער מינדסטער ציטער, וואָס מאַיק ווייזט אַרויס, גיט זיך גלייך איבער צו מויש׳ן. מויש האָט ניט ליב געהאַט זיין טאַטן. ער האָט ניט ליב זיין מאַמען און ניט די שוועסטער זיינע. מאַיק איז דער מוסטער־מענטש פאַר אים. פון אים איז כדאי זיך צו לערנען אַלע שטיקלעך און גענגלעך. ער שפּייט שוין ווי מאַיק, ער שנייצט די נאָז, ווי ער. ער שמע־לערט איין זיינע אויגן ווי דער באַרימטער חבר זיינער. ער האָט ליב זיין אָפּגעביסענעם אויער, זיינע בייזע ברעמען, זיינע פלינקע פּלייצעס, זיין האַרטע שטים. זאָל ער נאָר באַפעלן, מאַיק, ער וועט אַלץ טאָן.

אַ ברוינער קאַפּעליוש אַף מאַיק׳ס קאָפּ. ער צעשיידט זיך שוין קיינמאָל ניט מיט דעם דאָזיקן ברוינעם קאַפּעליוש. ער איז אָנגערוקט, דער קאַפּעליוש, אַף דער זייט, וואו דער אָפּגעריסענער אויער געפינט זיך. דער צווייטער אויער און אַ טייל פון זיין קאָפּ זיינען אויפגעדעקט. קיינער קאָן שוין ניט

פארדעכטיקן, אז מאיק האט אן אפגעביסענעם אויער אונטער דעם דאזיקן קאפעליוש.

— זיי וועלן שוין ניט פרובירן נאכאמאל. מיר האבן זיי שוין איינמאל געגעבן, — טאפט אן מויש אויף זיין פיסטאל אין ראק, און זיינע ברעמען כמורען זיך אויף, און זיינע לאנגע אויערן שטעלן זיך אויף.

— ס'איז זיי אפשר ניט גענוג, אלראיט, וועלן זיי נאך האבן, — סטראשעט ער די אומגזעענע געפאר.

— וועלן זיי נאך האבן, — סטראשעט אויך מויש די אומגעזעענע געפאר.

פאר ניו בראנזוויק איז מאיק אראפגעשפרונגען פון זיין אטאמאביל, אפגעשטעלט אלע טראקס און אפגעהאלטן מיט אלע חברה א קורצע קריגס־באראטונג:

די שטאט ניו בראנזוויק וועלן זיי אויסמיידן. די פאליציי פון דער שטאט איז ניט פריינטלעך צו ספארקי'ן. וועלן זיי ארומפארן די שטאט. אבער דא ליגט א צווייטע געפאר — די ניו־דזשוירזיער גענג. זייער הויפט־אויפהאלט איז אין די מקומות. איז דעריבער:

— באיעס, שלאפט ניט, דערלאנגט! — האט מאיק דערמוטיקט די חברה.

— דערלאנגט זיי, די דאזיקע הינט! — האט מויש דאס געמאכט נאך שטארקער.

דער קאראוואן האט זיך ווידער געלאזט אין וועג אריין. מען האט זיך זייער פארזיכטיק גערוקט איבער דעם אומגעפלאסטערטן וועג, וואס איז געווען פול מיט בערגלעך און מיט גריבער.

לואי, בוטשי און היימי זיינען אראפגעשפרונגען פון די טראקס און זיך פאראייניקט מיט מויש'ן און מאיק'ן, וואס זיינען געגאנגען צופוס הינטערן אטאמאביל, וואס בעניטא האט לאנגזאם געפירט און געקערעוועט איבער דעם דאזיקן בארגיקן וועג. שטענדיק צוזאמען אלע זעקס קלינטאנער חברים אין מינוט פון געפאר. פארקניפט און פארבונדן אין זייער פריינט־שאפט, וואס ציט זיך נאך פון די יונגע קינדער־יארן. שטיל שפאנען זיי מיט צעלאפענע אויערן און פארשנדיקע אויגן. רואיק און פארדעכטיק ליגט באהאלטן די פינצטערניש, אן א שיין פונדערוווייטנס.

די טראקס קרעכצן און שפרינגען אונטער. די באגלייטער מיט ארויס־געשטעקטע קעפ. אזוי זיינען זיי שוין אפגעפארן א שטיק וועג, ארומגערינגלט פון דער אומבאוואוסטקייט.

— די סאַנאַוואַ...ס! זאָלן זיי נאָר וואַגן! — זאָגט ער צו מויש'ן און טאַפּט אָן אין דער קעשענע זיין פּיסטאָל.

פּלוצלונג — טראַ־טאַ־טאַ־טאַ, איז צעבראָכן געוואָרן די שטילקייט אין שטיקלעך און אין פּיצלעך. אַ סך פייערלעך האָבן זיך צעקנאַלט אין דער פינצטערניש. מאַיק האָט זיך פאַרוואונדערט פון דעם טראַ־טאַ־טאַ־טאַ, ווייל דאָס איז ניט געווען קיין שיסן פון פּיסטאָלס. דאָס איז געווען אַ מאַשין־ביקס, און ניט נאָר איינע, נאָר אַ סך.

מיט מאַשין־ביקסן איז די ניו־דזשוירזי גענג איצט געקומען. אַ נייעם וואָפן האָבן זיי איצט באַנוצט קעגן די ניו־יאָרקער. מאַיק איז פאַרלוירן. אַף אַזאַ זאַך האָט ער זיך גאָרניט גערעכנט. די פיר באַגלייטער ענטפערן פון זייערע רעוואָלווערן, וואָס האָבן שוין אויסגעזען ווי קינדערשע פּיסטאָלעטן קעגן דער דאָזיקער טיכטיקער שיסעריי פון די מאַשין־ביקסן.

— יאָגט די טראָקס! — באַפעלט מאַיק.

טראַ־טאַ־טאַ־טאַ — סווישטשען די קוילן. יאָגן זיך די טראָקס אין דער פינצטערער אומבאַוואוסטקייט. דער אָטאָמאָביל האָט זיך צעלאָזט אַף אַלע פּאַרעס. אָבער אינעווייניק אין אָטאָמאָביל איז עפּעס ניט גלאַט. עמיצער האָט אַ פאַל געטאָן. דאָס האָט היימי אַ פאַל געטאָן גלייך אַף בוטשי'ן און פאַרזונקען געוואָרן אין חלשות. לואי'ן איז אויך עפּעס ניט גוט. ס'איז אים געוואָרן מאָדנע אין דער רעכטער זייט. זיין האַנט ווערט נאַס.

— איך בין פאַרוואונדעט — שרייט אוים לואי מיט ווייטיק.

אָבער קיינער ענטפער'ט אים ניט. דער אָטאָמאָביל פליט. בעניטאָ האָט געלאָזט פריי אַלע יאָגנדיקע כחות פון דער מאַשענעריע און זיי דרייען די רעדער מיט אומגעהויערער שנעלקייט.

# אַ באָרדער קומט דינגען אַ צימער

ליוסי זיצט מיט איר חבר'טע בעטי אַף די טרעפּ פון אַ הויז אַף ראַטגער סטריט און וואונדערט זיך, צי עמיצער וועט כאָטש היינט קומען זיך פרעגן אַף דעם צימער, וואָס זיי האָבן צו פאַרדינגען. „רום טו לעט״, שטייט ארויסגעהאנגען אַ קוויטל אַף דער טיר. שוין אַ וואָך, אַז ס'הענגט דאָס דאָזיקע קוויטל און קיינער קומט זיך ניט פרעגן.

פון די פינף־און־צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך, וואָס אייב באַרנעץ האָט צוגעזאָגט צו שטיצן מרים'ס פאַמיליע, איז גלייך געוואָרן בלויז צען דאָלאַר, און דערנאָך איז דאָס אויך אויסגערונען געוואָרן. די מאַמע בעסי מיט אירע רומאַנטישע פיס אַרבעט זייער שווער אין אַ ביליקן רעסטאָראַן אַלס אַן אונטער־קעכין, און זי, ליוסי, גייט אויך מאָרגן אַרבעטן. דאָס וועט זיין איר ערשטער טאָג פון אַרבעט און ס'איז איר זייער שווער. בעטי אַרבעט שוין פון לאַנג אין אַן אָפיס אַלס טייפּרייטערין. טרייסט זי איצט איר חבר'טע:

— מיר איז אויך געווען שווער דאָס ערשטע מאָל. וועסט זיך צו־געוואוינען.

— אַז איך וויל זיך גאָרניט צוגעוואוינען, — איז ליוסי פאַרביטערט.

— וויל זשע ניט, — לאַכט בעטי פון איר חבר'טע.

אַן אַכצן־יאָריקע ליוסי און זי איז אויסגעוואַקסן אַ הויכע, אַ געפּאַקטע, מיט אַ פאַררייסענער נאָז, מיט אויגן אָנגעגאָסן מיט ליכטיקייט און מיט וועלן. זאַפטיקע ליפּן, תמיד האַלב־צעעפנט. שטאַלטנע שטאַרקע פיס און אַ טיפע ברוסטיקע שטימע. זי דאַרף עסן דאָס ברויט, וואָס איר פאַרהאָרעוועטע מאַמע גיט איר. זי וויל ניט אַזאַ ברויט. אירע קליידער זיינען אָרעם, וואָלוועלע קליידער, וואָס צעקריכן זיך גלייך נאָכן וואַשן. זיי גייען איצט שוין ניט,ביידע חבר'טעס, אַף פינפטער עוועניו צו שפּילן זיך אין אויסקלייבן קליידער אין די שויפענצטער פון די רייכע קראָמען, ווי זיי פלעגן דאָס טאָן אין זייערע פרייליכע נאַרישע קינדער־יאָרן. בעטי אַרבעט זייער שווער, אָבער זי ווערט דיקער פון טאָג צו טאָג. איר פעטע חבר'טע בעטי, וואָס שניידט זיך אויסצוזען פונקט ווי איר צעשוואומענע מאַמע.

די חבר'טע בעטי פאַרלאָזט זי. זי דאַרף באַגעגענען סימאָר'ן אַף דער וויליאַמסבורגער בריק, איר סימאָר'ן. זי האָט שוין אַ בחור, וואָס אַרבעט

אלס אן אַשער אין קעפּיטאַל טעאַטער. וועלן זיי ביידע חתונה האָבן.

— נוד באַי, ליוסי, — איז בעטי פריילעך, וואָס זי גייט איצט באַגעגענען איר בחור, און איידער זיי וועלן חתונה האָבן קאָנען זיי זיך דערווייל גוט אָנקושן.

— באַי, באַי, — מאַכט ליוסי מיט חוזק.

ליוסי'ן איז גאָרניט פריילעך היינט פאַרנאַכט. א פאַרטראַכטע, א פאַרטרויערטע זיצט זי אַף די טרעפּ און וואַרט, אז איר מאַמע זאָל קומען פון דער אַרבעט, וועט זי איר געבן א פּאָר ניקלס, וועט זי עפּעס אײַנקויפן אַף צום עסן... עמיצער האָט, דאַכט זיך, אָפּגעשטעלט זיך פאַר איר. יאָ, א מאָדנער פאַרשוין מיט א רענצעלע. א בחור, וואָס אַף דער ערשטער רגע קאָן מען גלייך זאָגן וועגן אים, אז ער איז ניט פון די גוואַלדיקע פאַרשוינען: א קליינינקער, מיט ברילן איבער קורצזיכטיקע אייגעלעך, שיטערע צײנדלעך. אַרום די ווינקלען פון מויל שאַרפע קנייטשן מיט א קורץ גראָב נעזל. און ס'שמייכלט נאָך צו ליוסי'ן מיט אָט דעם גראָבן נעזל און מיט די שיטערע צײנדלעך. די אײנציקע שיינקייט, וואָס ער פאַרמאָגט, איז א גערייכטע קודלע האָר. אָן א הוטל גייט ער, אָפּגעדעקט זיין שיינעם קאָפּ האָר צו דער גאַנצער וועלט.

—הייסט דאָס — מאַכט ער זיך אין אידיש גאַנץ פריי — אז דאָ איז א „רום טו לעט".

— יאָ, קומט אַרויף, ס'איז טאַקע באַ אונז, — קוקט אים אָן ליוסי מיט גרוים נייגעריקייט. זי זעט גלייך, אז ער איז פון די יוראָפּישע.

— אויב אזוי, — גיט ער א שפּעט מיט די קורצזיכטיקע אייגעלעך, — גייען מיר טאַקע אָנקוקן דאָס צימער.

ער האָט נאָך גאָרניט געזאָגט אזוינס, וואָס זאָל קלינגען שפּאַסיק, אָבער ליוסי לאַכט שוין. ס'איז דער אופן, ווי ער האָט א קאַרטשע געטאָן זיין חנ'עוודיק גראָב נעזל, וואָס האָט אַרויסגערופן באַ איר געלעכטער.

גייענדיק מיט ליוסי'ן אַף די טרעפּ, לאָזט ער איר באַלד וויסן, אז דאָס קומט ער פון שיקאַגאָ, און אז ער איז אײַנגעשטאַנען א פּאָר טעג איז א „פוירנישד רום", און אז דאָ זוכט ער איצט א לייטיש צימער, און אז ער איז א פּרעסער באַ דרעסעס, און אז ער האָט שוין א דזשאַב.

ליוסי לאַכט. וואָס ער זאָל שוין ניט זאָגן, לאַכט זי. מיט אזוינע פלינקע טריטעלעך הויבט ער זיך אַף די טרעפּ, א רירעוודיקער, א זשוואַווינקער.

— אָט דאָס, הייסט עס, איז דער צימער, — האָבן זיינע פלינקע קורצזיכטיקע אייגעלעך גלייך אַרומגעכאַפּט דעם דאָזיקן צימער מיט איין פענצטער,

וואוהין עס קוקט אריין א הויף מיט וועש אף די שטריק. א שמאָל בעט לעבן אַן אָפּגעקראַכענער געשפּאַלירטער וואַנט, א שפּיגל אף א קאָמאָדע און איין איינציק בענקל.

— זייער א גוטער צימער, — פּאַרלויבט אים ליוסי, און זי מיינט דאָס טאַקע, אַז ס׳איז זייער א גוטער צימער, ווייל פאַרגלייכנדיק מיט זייער היים אין קלינטאָן סטריט, איז דאָס שוין א לוקסוס.

— יאָ, זייער א פיינער צימער, — גיט ער חנ׳עווודיק א מאַך מיטן הענטל און ליוסי צעלאַכט זיך.

— וועל, — ווישט אָפּ ליוסי דעם געלעכטער פון איר מויל, און ווערט ביזנעסמעסיק.

— יאָ, וועל, — גיט ער א זאָג א האַלב־טרויעריקער און נעמט זיך גלייך צו צעפּאַקעווען דעם טשעמאָדאַן פאַר איר אין די אויגן. דאָס ערשטע וואָס ער נעמט ארויס פון דאָרטן איז א גרויסן וועק־זייגער. ער דרייט אים אָן און שטעלט אים אַנידער אף דער קאָמאָדע.

— האָבן מיר שוין, הייסט עס, איינמאָל אוועק, — מאַכט ער צו זיך אליין, זייער א פאַרטאַגנער.

— א וועק־זייגער, — צעלאַכט זיך ליוסי.

— וואָס־זשע לאַכט איר? — באַליידיקט ער זיך כלומרשט. — ער איז טאַקע אָפּגעריבן, אָבער קולות מאַכט ער נאָך בעסער ווי א נייער.

— הייסט דאָס, אַז איר בלייבט דאָ? — איז שוין ליוסי גאָר היימיש מיט אים.

— יאָ, אַזוי ווייזט אויס, אַז מיר בלייבן דאָ, און מיין נאָמען איז מענדל.

— מענדל? — וואונדערט זיך ליוסי און ווייסט ניט פאַרוואָס זי וואונ־דערט זיך.

— ווי אַזוי דען האָסטו געוואָלט איך זאָל הייסן? ניט מענדל? — האָט יענער צו איר א טענה.

„מענדל", שמייכלט ליוסי, „מענדל". האָט זי בא אים צוגענומען דעם אדרעויף און איז גלייך געלאָפן איינקויפן עפּעס עסן פאַר זיך. „מענדל", האָט זי זיך גע׳חזר׳ט און געשלונגען דעם רייצנדיקן האָט־דאָג און מאַסטאַרד. „מענדל", „מענדל".

דער „מענדל" האָט זיך דערווייל אויפגעהויבן די קאָלדרע, א שמעק געטאָן דאָס בעט, און א מאַך געטאָן צו זיך א האַלב־אומעטיקער און א האַלב־פריילעכער:

— יאָ, זיי זיינען דאָ אויך דאָ, ברוך השם, פּלענטי געגוג. מיר נאָכ־געלאָפן פון שיקאַגאָ, די לאַנדסלייטלעך מיינע.

ער האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס רעקל און זיך אויסגעצויגן איבערן בעט. ס׳איז אים שטאַרק אומעטיק געוואָרן, אָט דעם מענדל׳ען. ערשט אַ פּאָר טעג פון דער היים. אין שיקאַגאָ האָט ער ברידער און שוועסטער, אָבער ס׳האָט אים געצויגן קיין ניו יאָרק זיך לערנען. פון דער היים נאָך, פון קליינעם שטעטל אין פּוילן, געקומען קיין אַמעריקע מיט דער גרויסער דורשט נאָך וויסן. איצט וועט ער שוין אַריינלערנען.

ער איז שוין געווען אין אַרבעטער־אוניווערזיטעט, זיך שוין רעגיסטרירט אויך. ער וועט איינגיכן אָנהויבן דאָס נייע אינטערעסאַנטע לעבן. דערווייל איז אים שטאַרק אומעטיק און ער ליגט אָפּן בעטל און די גרויסע ריזיקע שטאָט רעדט צו אים מיט מילאָנען קלאַנגען, מיט קנאַקנדיקע דונערן פון עלע־ווייטאָרס, מיט בריאַזגען פון טראַמוויען, מיט געפּילדער פון גאַסן, מיט אַ געטראַסק פון אַ גרויסער ריזיקער מילשטיין, וואָס דרייט זיך און דרייט, מאָלט און צעדריבלט די מענטשלעכע האָוועניש פון דעם זיבן־מיליאָניקן ניו יאָרק.

# ליוסי און איר באָס

ס'איז אים ניט אַזוי באַקוועם, דעם באָס, מיסטער ליוואַי'ן, מיט דער דאַזיקער ליוסי'ן. זי האָט אַריינגעבראַכט אַן אומרו אין זיין אַרבעטס־אָפּיס. דאָך האָט ער זי אויסגעקליבן. פון פערצן מיידלעך, וואָס זיינען געקומען זיך פּאָרלייגן צו דער אַרבעט, האָט ער ליוסי'ן אויסגעטיילט. אַנדערע האָבן אַפּילו געהאַט מער דערפאַרונג, ווי זי, אין האַלטן די ביכער און אין קלאַפּן אויף דער מאַשין, אָבער אַז זי איז אַריינגעקומען אין אָפּיס מיט שטאַלטנע שטאַרקע פיס, אַ געפּאַקטע, אַ רירעוודיקע, מיט גרויסע וועלנדיקע אויגן, וואָס שיקן אַרויס גלאַנציקע שלוחים'לעך, האָט ער זיך שוין ניט געקאָנט העלפן.

אַ יונגער באָס, דער מיסטער ליוואַי, מיט געלע האָר, עטוואָס שיטערלעך אין דער מיט. ער איז אַן אימפּאָרטער פון זיידנס. דער אָפּיס געפינט זיך אויפן פיר־און־דרייסיקסטן שטאָק אין אַ ריזיקער געביידע אויף בראָדוויי. מערער ווי דעם אָפּיס פאַרמאָגט ער ניט און דורך דעם אָפּיס דערגרייכט ער שוין אַלע גרויסע צענטערס פון זיידנס איבער גאָר דער וועלט.

זי איז צעטומלט, ליוסי, דאָס איסט־סאַיד מיידל, פון דער דאַזיקער נייער אומגעבונג, פון דער זויבערקייט און ליכטיקייט אין דעם אָפּיס, פון דעם גרויסן פענצטער, וואָס לאָזט אַריין אַזוי פיל שיין, פון דעם נייעם אינדרויסן, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט צו איר דורכן פענצטער פון דעם פיר־און־דרייסיקסטן שטאָק. ווייט, ווייט — אַ גרינער פּאַס וואַסער און שיפן מיט קוימענס, און זעגלען, און שטאָט, שטאָט אויף מיילן ווייט.

אַ שווייגנדיקע ליוסי און אַ געוואַלדיקער מאָראַלישער באָס. כדי אונטערצושטרייכן נאָך מערער, אַז ער איז אַ מאָראַלישער מענטש, האָט ער אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ געוואַלדיקע שטרענגקייט. זיי האָבן געאַרבעט צו־זאַמען טאָג נאָך טאָג. זי, ליוסי, האָט אַריינגעדרונגען טיף אין זיינע גרויסע געשעפטן. דורך די בריוו, וואָס ער האָט איר דיקטירט, דורך די בריוו, וואָס זיינען אָנגעקומען פון דער וועלט, האָט זי באַגריפן זיין אומגעהויערע רייכקייט. אָפטמאָל, ווען זי האָט געקלאַפּט אויף דער מאַשין אַ בריוו, וואו עס האָט זיך גערעדט וועגן סחורה אויף צענדליקער טויזנטער דאָלאַר, פלעגט זי אויפהויבן אירע אויגן צו אים און אים וועלן גוט באַטראַכטן, דעם דאַזיקן מיסטער

ליוואַי, וואָס זיצט זיך אַזאַ פּשוט'ער אין זיין אָפּיס מיט אַ בלאַסן, אויס־געמאַטערטן פּנים, כמעט אַן אומעטיקער. זי האָט גאָרניט געקאָנט פאַרשטיין, ליוסי, ווי אַזוי קאָן מען זיין אומעטיק מיט אַזוי פיל דאָלאַרן.

מר. ליוואַי'ס כלה מיט זיין מאַמען זיינען איין טאָג אַריינגעגאַנגען צו אים אין אָפּיס. זי האָט ניט געוואוסט, ליוסי, אַז יענע איז זיין כלה, נאָר פון דעם אופן ווי זי האָט זיך אויפגעפירט מיט אים, און פון דעם געשפּרעך האָט זי פאַרשטאַנען איר שייכות צו אים. „דזשאָרדזשי" האָט זי אים גערופן אָן שום הקדמות. אַריינגעפלויגן אין אָפּיס מיט ליכטיקע האָר און וואונדער־באַרע בלויע אויגן. אַזאַ איידעלע הויט, צאַרט און זייבער, אַזאַ הויכע און שלאַנקע. זי איז געקומען מיט אַלע רעכט פון אַ כלה. זיך צעקושט מיט אים, זיך אַפילו דערלויבט זיך אוועקזעצן אַף זיין אַרבעטס־טיש, געוויגט מיט אירע שלאַנקע פיס און גע'חנ'דלט זיך צו איר דזשאָרדזשי'ן.

די מאַמע מיט די גרויליקע גרויע האָר, מיט אַ הויכן האַלז אַרומגעוויקלט מיט אַ זיידענער שאַרפע און פאַרשפּיליעט מיט אַ דימענט־שפּילקעלע, איז געשטאַנען פון צווייטן זייט טיש און אויך גע'חנ'דלט זיך צו איר זון. זי האָט ניט גערעדט צו אים מאַמעשע פּשוט'ע רייד, זי האָט זיך באַנומען צו אים ווי אַ וועלטלעכע פרוי, וואָס פירט אַ געשפּרעך מיט אַ יונגן בחור, און זי דערלויבט זיך, די וועלטלעכע פרוי, ליכט אָפּצושפּעטן פון דעם יונגן מאַן און פאַרפראַווען די רייד מיט אַ ביסל שפּיל.

די מאַמע מיט דער כלה האָבן באַטראַכט דאָס נייע אָפּיס־מיידל אָן צערע־מאָניעס, אָן העפלעכקייט, מיט אויגן פון אייגנטימערינס. אַקוראַט ווי זי וואָלט געאַרבעט פאַר זיי אויך.

ליוסי איז זיך געזעסן די גאַנצע צייט פון זייער באַזוך אַ שטילינקע, אַ באַשיידענע, מיט אַראָפּגעלאָזטע לאַנגע ליטישע ברעמען און איז געווען טיף פאַרטאָן אין קלאַפּן אַף דער מאַשין. מיט איר גנבה'שן קוקן, האָט זי שוין אָבער גוט אָפּגעשאַצט די כלה. באַמערקט יעדע פּיצעלע קלייד אַף איר און זי פיינט געהאַט. פיינט געהאַט איר חנ'דלען זיך און איר אָנשטעל. ליוסי האָט אויך באַמערקט פון אַ שפּיץ פון אַן אונטערקלייד, אַז יענע טראָגט בלויז זיידנס. ליוסי האָט אויך ליב זיידנס. זי איז באַקאַנט מיט זיידנס פון איר פריעסטער קינדהייט, ווען זי און איר חבר'טע בעטי פלעגן גיין אַלס קינדער אַף פינפטער עוועניו קוקן אַף די רייכע שוי־פענצטער פון זיידענע קליידער.

— וואָס מאַכט עפּעס מיין זון, ליוואַי דזשוניאָר? — זאָגט די מאַמע צו איר זון.

— אַ, דזשאָרדזשי, — מאַכט די כלה פון צווייטן עק טיש, — ווי בלאַס דו קוקסט היינט אויס. ביזט אַ שלעכטער אינגל.

די כלה מיט דער מאַמען זיינען געקומען צונויפרעדן זיך מיט מיסטער ליוואַי ארויסצופאָרן צוזאַמען אין אָוונט אין אַ געוויסן פּלאַץ לעבן ים. האָבן זיי געפּלאַפּלט מיט אים. די כלה האָט זיך גע'חנ'דלט. די מאַמע האָט געטריבן שפּאַס פון איר זון. ליוסי האָט זיך שטאַרק געוואונדערט. ס'ערשטע מאָל הערט זי, ווי די מאַמע זאָל אַזוי שפּילעוודיק זיך באַנעמען מיט איר זון. איר מאַמע בעסי האָט אינגאַנצן ניט גערעדט צו איר זון מויש'ן. „ליוואַי דזשוניאָר" רופט זי אים. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז בא די רייכע באַנעמען זיך אַזוי די מאַמעס צו זייערע קינדער. ס'איז אָבער קאָמיש און זי צעלאַכט זיך אינדערשטיל פאַר זיך, און ווען זיי זיינען ארויסגעגאַנגען האָט זי זיך צעלאַכט הויך אויף אַ קול.

— וואָס לאַכסטו? — ווערט מיסטער ליוואַי צעטומלט פון איר געלעכטער.

— איז וואָס־זשע דענקט עפּעס מיסטער „ליוואַי דזשוניאָר" וועגן אונטערשרייבן אָט דעם בריוו? — מאַכט ליוסי נאָך פינקטלעך זיין מאַמען, אפילו אין דער אויסשפּראַך.

— הער אויף! — שרייט ער כלומרשט אָן אויף איר, וואָס זי קרימט זיך נאָך זיין מאַמען. אָבער ער קאָן זיך ניט איינהאַלטן און לאַכט שוין אויך.

זעט שוין ליוסי, אַז דער באָס לאַכט, איז זי זייער צופרידן, וואָס זי האָט געמאַכט פריילעך דעם באָס, און זי קוקט שוין צו אים אַ היימישע, ווי צו אירס אַ גלייכן. אַ מענטשלעכער באָס, וואָס לאַכט. ווערט זי שטיפעריש, ווערט זי אויפגעלעבט, ווערן פריי אירע באַוועגונגען, ווערן פינקלדיקער אירע אויגן — דער באָס לאַכט.

אַ באָס מעג זיך פאַרגינען. די כלה איז שוין ווייט. דער טאָג איז נאָך גרויס. רואיק איינזיצן אויף זיין שטול קאָן ער שוין ניט. איר געלעכטער האָט אים געעפנט אַלע וועגן. איר געלעכטער איז שוין פון לאַנג איינגעשטילט געוואָרן, אָבער ס'וויברירן אַלע סטרונעס אין זיין גוף. אַ באָס מעג זיך פאַרגינען. דער טאָג אין פענצטער איז זייער אַ ליכטיקער. די וועלט איז אָבער אַ ווייטע. קיינער וועט ניט זען. ער הויבט זיך אויף פון בענקל. שפּאַנט זיך דורך דעם צימער אהין און צוריק אַ פאַרטראַכטער. ער גייט צו צו איר. ער שטעלט זיך הינטער אירע פּלייצעס. זי דערפילט, ליוסי, אַז זיין שטיין איבער אירע פּלייצעס איז ניט דערפאַר, ווייל ער וויל זען צי זי קלאַפּט דאָס ריכטיק אויף דער מאַשין. זי האָט דערפילט, אַז ער האָט אַנדערע כוונות,

און זי האָט זיך פאַרשעמט. זיך צעפּלאַמט פון בושה. דאָס יונגע מיידל אין איר האָט זיך צערויטלט.

א באָס קושט זיין אָפּיס־מיידל. דאָס אָפּיס־מיידל דערווידערט ניט. זי נעמט צו זיינע קושן א זינדיקע. זינדיק פילט זי, ווייל זי טוט דאָס ניט פון ליבע. זי לאָזט זיך קושן, דאָס איסט־סאַידער מיידל, פון דעם דאָזיקן מעכטיקן און רייכן, וואָס פאַרמאָגט אזוי פיל טויזנטער. זי איז ניט פון די שעמעוודיקע, ליוסי, אָבער איצט שעמט זי זיך. ווען זי זאָל אויך ווען זיך קושן מיט אים, וואָלט זי זיך ניט געשעמט. אָן שום דערקלערונגען, גראָב און ברוטאַל, אַקוראַט ווי עס קומט אים, האָט ער זי ארומגענומען און געגלעט איר יונגן בריענדיקן מיידלשן קערפּער.

א פאַרשעמטע און א באַליידיקטע איז ליוסי געקומען אהיים, אריין צום באָרדער אין צימער און זיך געזעצט אַף זיין בעט. ער, מענדל, האָט זיך געמאַכט ווי ער באַמערקט זי ניט. געווען טיף פאַרטאָן אין זיין בוך. ער דאַרף שטודירן, ער דאַרף לערנען, ער האָט קיין צייט ניט פאַר פּוסטע רייד מיט אָט־דער מיידל. זי האָט גראָד געוואָלט צו איםריידן. זי האָט אים עפּעס געוואָלט דערציילן. מעגלעך, אַז זי וואָלט אים גאָרניט געווען דערציילט. נאָר זי דאַרף איצט, אַז א קלוגער מענטש זאָל ריידן צו איר. מענדל׳ען האַלט זי פאַר א געוואַלדיקן חכם. איז ער פאַרנומען. אין ליכט פון לעמפּל שיינט זיין פּנים אַראָפּגעלאָזט צום בוך. באַמערקט ניט ליוסי זיינע קרומע, ניט־שיינע שטריכן. פאַרקערט, זי זעט א געוואַלדיקע שיינקייט אין זיין פּנים. א שיינקייט, וואָס קומט פון קלוגשאַפט.

זי איז אַרויס פון זיין צימער, און ער, מענדל, האָט טאַקע ניט אויסגערעדט קיין וואָרט צו איר. זי האָט זיך געלייגט שלאָפן, ליוסי, א באַליידיקטע און א פאַרשעמטע. זי וואָלט אים געווען גענדאַרפט אויספּאַטשן, דעם באָס. זי וועט דאָס שוין טאָן דאָס צווייטע מאָל. טרייסט זיך שוין ליוסי, וואָס זי וועט אַזוי טאָן דאָס צווייטע מאָל. נעמט זי זיך אַליין אַרום מיט איין האַנט, זיפצט אָפּ א דערלייכטערטע און ווערט אַנטשלאָפן מיט גרויס בטחון אין לעבן, אַז זי וועט נאָך אויסקויפן איר שאַנדע.

# לואי און היימי ליגן אין שפּיטאָל

נאַכט אין שפּיטאָל. אַלע בעטלעך אין ווייסן שלאָפן שוין. לואי מיט פאַרקרימטע ליפּן שלאָפט שוין אויך. היימי, ניט ער שלאָפט און ניט ער וואַכט. ער פלאַטערט צווישן לעבן און טויט. ס׳דרייט זיך פאַר אים די גאַנצע וועלט.

היימי ראַנגלט זיך איצט מיט דער וועלט. ער קעמפט זייער שווער, דער דאָזיקער אונטערוועלט־העלד. ער זעט פאַרשיידענע זעאונגען. זיין מאַמע מיט די בייגל שפּאַנט אַריין מיט אירע גרויסע צעריסענע שיך גלייך אין זיין מוח אַריין און צעוואַרפט אַלע בייגל, אָבער וויפל מען קלייבט, איז נאָך אַלץ דאָ. ווען וועלן זיי שוין צונויפקלייבן די אַלע בייגל?

זיי טאַטע איז אויך געקומען צו אים. זיין טאַטע, וואָס איז שוין לאַנג מיט יאָרן צוריק געשטאָרבן. מיט אויסגעהונגערטע, איינגעפאַלענע באַקן, איז ער געקומען און זיך געקלאָגט פאַרן זון, אַז ער הוסט און הוסט און קאָן גאָרניט אויפהערן. אפשר קאָן זיין זון חיים עפּעס אויפטאָן. ריכטיק, ריכטיק, „חיים" הייסט ער, חיים זילבערשטיין. ער פאַרמאָגט צוויי טויזנט דאָלאַר אין באַנק. לאָז זיך זיין טאַטע נעמען די צוויי טויזנט דאָלאַר און זאָל ער זיך אַוועקפאָרן אין אַ סאַניטאַריום, וועט ער אויפהערן צו הוסטן. ער, חיים, דאַרף שוין ניט האָבן די צוויי טויזנט דאָלאַר. ער דאַרף שוין גאָרניט האָבן, ווייל אָט שטאַרבט ער. זאָל זיין טאַטע לעבן נאָך אים. אַ טאַטע דאַרף לעבן. זאָל ער זען, דער טאַטע, אַז די מאַמע זאָל אויפהערן זיך אַרומצוטראָגן מיט די פּרעצעלס. זאָל ער איר קויפן אַ וואַרעמען מאַנטל. די מאַמע ציטערט און ציטערט. שטענדיק ציטערט זי, אפילו אין שלאָף ציטערט זי אויך.

מאַיק׳ס פּנים האַלט אין איין וואַקסן מיט אַזאַ משונה׳דיקן גרויסן אויער. ער האַלט אַנטקעגן אים אַ רעוואָלווער.

— נאַ, שיס, — מאַכט היימי, — שיס מיך, מאַיק, אַן איינענעם חבר דערשיס. ווייל איך בין שוין מיד איינצושטעלן מיין לעבן.

מאַיק׳ס פּנים האַלט אין איין וואַקסן ברייט און גרויס, משונה׳דיק ברייט. ס׳פאַרנעמט זיין פּנים די גאַנצע וועלט. ביז צום הימל ציט זיך דאָס אויס.

— אוועק! אוועק! — חויבט ער אָן צו שרייען מיט אַ כריפּענדיקער שטימע. — אוועק! אוועק!

לואי כאַפּט זיך אויף פון דעם חבר׳ס געשרייען. ער רופט אים אין דער שטיל: „היימי, היימי.״ היימי הערט אים ניט. היימי ראַנגלט זיך מיט דער וועלט.

— מיס בערן, מיס בערן, — רופט לואי די קראַנקן־שוועסטער. — מיס בערן.

מיס בערן וואַקסט אויס לעבן בעט. זי גיט היימי׳ן אַ פּיל. פאַרטרינקט היימי די פּיל מיט וואַסער און ער שרייט אריין אין דער גלאָז אריין:

— אוועק פון מיר, דו טיגער, אוועק.

ער ווערט שטילער, היימי. עס ווערט אים גוט. זי קומט צו אים ווידער, די מאַמע, אָבער ניט אין זיין מוח שפּאַנט זי אריין. זי קומט אריין אַ שטילע, ווי אַ יונג מיידל זעט זי איצט אויס. ער האָט נאָך קיינמאָל די מאַמע ניט געזען אַזוי יונג. ס׳איז אַ פאַרגעניגן צו האָבן אַזאַ יונגע מאַמע. זי נעמט אים דעם קאָפּ און טוליעט אים צו איר הויכער ברוסט און ס׳איז אים גוט:

— אַ, אַ, — מאַכט די מאַמע, — חיימ׳ל, חיימ׳ל, וואַקסן זאָלסטו, אַ שטאַרקער מענטש, אַ געזונטער מענטש. אַ סך פּרנסה זאָלסטו האָבן, וועל איך שוין ניט דאַרפן פאַרקויפן פּרעצעלס אין אַלע ווינטן, און אין אַלע שנייען.

— ניין, וועסט שוין ניט דאַרפן פאַרקויפן פּרעצעלס, — מאַכט צו איר היימי, — איך וועל דיר געבן מיינע צוויי טויזנט דאָלאַר.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, חיימ׳ל, וואַקסן זאָלסטו, — מאַכט צו אים די יונגע מאַמע. — געזונט און שטאַרק זאָלסטו וואַקסן, און איך וועל דיך שוין צונעמען פון מאַיס׳ן. איך וועל מיט דיר אוועקפאָרן קיין קאַליפאָרניע, דאָרטן איז גוט פאַר דיין אַסטמע.

ער איז שטיל, היימי. ער שלאָפט נאָך ניט, אָבער ער איז אויך נישט וואַך. ער לעבט איצט איבער אַלע זיינע גוטע וואונטשן, וואָס ער האָט זיך אַמאָל געוואונטשן אין לעבן, אין דער וואָר און אין חלום.

לואי אָבער קאָן שוין ניט איינשלאָפן. דער ווייטיק אין זייט שפּאַרט אים. עפּעס יאָגט זיך אום דאָרטן. די קויל האָט מען שוין נאָך אינדערפרי ארויסגענומען דורך אַן אָפּעראַציע, אָבער לואי׳ן דאַכט זיך, אַז זי איז נאָך פאַרבליבן דאָרטן אינעווייניק און יאָגט זיך ארום אין די בלוטן.

— אַ, מיס בערן, ס׳טוט וויי, — קלאָגט זיך לואי.

די מיס בערן גיט אים אויך אַ פּיל, און זעצט זיך אַף זיין בעט. זי

קוקט אף דעם דאַזיקן שיינעם בחור מיטן לענגלעכן פּנים. אפילו אין דער פינצטער דערזעט זי זיינע וואונדערבאַרע אויגן.

— ווער ביזטו ? — פרעגט לואי בא דער מים בערן, פאַרלירנדיק דעם חוש צו דערווירקלעכקייט.

— איך בין אַ נוירס דאָ אין שפּיטאָל.

— טאַקע אַ נוירס ? — חידוש׳ט זיך לואי. — פאַרוואָס האָב איך דאָס נראַדע איצט פאַרגעסן.

— ווייל דיין פּיל אַרבעט שוין אין דיינע בלוטן.

— אַ דאַנק, ס׳ווערט מיר לייכטער. און מיין פריינט היימי, וואו איז ער? איך זע אים שוין נימ.

— דיין פריינט היימי שלאָפט. זאָל ער שלאָפן. זיינע טעג זיינען געציילטע.

— ער וועט שטאַרבן, היימי ? — פרעגט לואי מיט אַ וויינענדיק קול.

— יאָ, ער וועט אַוועקגיין פון דער וועלט. ער איז אַ שוואַכינקער. צופיל בלוט פאַרלאָרן.

— זאָל ער ניט שטאַרבן, היימי, פּליז, — בעט ער זיך פאַר זיין פריינט היימי. — ער איז זייער אַ קלוגער, דער דאַזיקער היימי, זאָל ער נישט שטאַרבן.

די מים בערן גלעט זיין שטערן. זי גלעט אים, און דאָס איז ניט גראַדע איר פליכט אַלס קראַנקן־שוועסטער. זי גלעט אים צוליב איר אייגענעם פאַרלאַנג. קיינער זעט ניט סיי־ווי־סיי און איר איז אומעטיק איינער אַליין באַנאַכט צווישן די קראַנקע. גלעט זי דעם שטערן פון אַ שיינעם בחור און שעמט זיך.

# דאָס ייִדענע קלייד

די מאַמע האָט גאָרניט באַמערקט, אַז בײַ איר אין הויז איז אויסגעוואַקסן אַ שטאַלטנע שיינע פרוי. ערשט אַ קינד געווען איר ליוסי. אַ רייפע פרוי שטייט איצט פאַרן שפּיגל אין איר אונטער־העמד, מיט אַ נאַקעטן האַלז, מיט נאַקעטע הענט און קעמט זיך די האָר. איר קינד ליוסי. מאָדנע, וואָס זי האָט דאָס ביז איצט ניט באַמערקט. וואוהין גייט זי ערגעץ, די ליוסי? קיינ־מאָל פאַלט איר ניט איין דער געדאַנק זי צו פרעגן וואוהין זי גייט. און איצט וויל זי וויסן, די מאַמע.

— וואוהין קלייבסטו זיך, ליוסי?

— אָ, ערגעץ. — קוקט זי זיך אפילו ניט אום פון שפּיגל.

זי זעט, ליוסי, איר מאַמען אין שפּיגל, ווי זי זיצט לעבן פענצטער, אַן איינגעהויקערטע מידע פרוי. זי האָט רחמנות אויף איר מאַמען, אָבער דער רחמנות בלייבט אינעווייניק. זי ווייזט אים ניט אַרויס. זי איז שטרענג און פרעך מיט איר מאַמען.

— וואוהין ערגעץ? — ווערט די מאַמע צודרינגלעך.

— דו דאַרפסט ניט וויסן.

איר טאָכטער גייט ערגעץ און די מאַמע דאַרף ניט וויסן. בלייבט זי שטיל, בעסי. מיט אַ ציטער אין האַרצן, פול מיט וואונדער אויף איר אַמערי־קאַנער געבוירענער טאָכטער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַזאַ שטאַלטנע פרוי.

ליוסי ציט אַרויף אויף זיך אַ זיידן קלייד. בעסי דערשרעקט זיך פאַר אָט־דעם זיידענעם קלייד. אַזאַ קלייד דאַרף קאָסטן אַ סך געלט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קלייד? — פרעגט די מאַמע פאַרזיכטיק.

— אָ, אַ קלייד, — וויל זיך ליוסי אַרויסדרייען.

— יאָ, אָבער אַ זיידנס? — שרעקט זיך די מאַמע.

— יאָ, אַ זיידנס, געפעלט דאָס דיר? — וויל די טאָכטער פאַררעדן דער מאַמען.

— ווער האָט דיר געגעבן דאָס קלייד? — גייט שוין בעסי צו נאָענט צו איר טאָכטער און קוקט איר אַריין אין די אויגן מיט פאַרדאַכט.

— אָ, דער באָס האָט מיר געגעבן דאָס קלייד, מיסטער ליוואַי, — שעמט זיך ניט ליוסי און איז זייער אָפנהאַרציק.

— וואָס פֿלוצלונג האָט דיר דער באָס געגעבן דאָס קלייד? — הויבט אָן בעסי צו פֿאָרשן איר טאָכטער'ס פּנים און דעם יונגן קערפּער אירן.

— ער גלייכט מיך, האָט ער מיר געגעבן דאָס קלייד, כאַ, כאַ, כאַ, — צעלאַכט זי זיך פֿרעך און אומפֿאַרשעמט.

— ליוסי, — מאַכט די מאַמע מיט שרעק, — ביזט שוין אַ פֿרוי, ניט קיין קליין מיידעלע.

— אָ, באַדער מיך ניט, מאַ, אַז דו פֿאַרשטייסט ניט, — בלאָזט זיך ליוסי אָן און וויל שוין ניט ריידן צו איר מאַמען.

בעסי זעצט זיך צוריק אויף איר בענקל לעבן פֿענצטערל. אַ הילפֿלאָזע מאַמע. זי איז אַן אייראָפּייאישע מאַמע, וואָס זשע פֿאַרשטייט זי? און וואָס קאָן זי דאָ טאָן? נאָר האָפֿן, אַז זי וועט אַכטונג געבן אויף איר פֿרויאישקייט, אָט די ליוסי. אפשר מיט איר גלייכן פֿאַרשטאַנד וועט זי אויסמיידן אַן אומגליק. ווי שיין איר טאָכטער זעט אויס אין דעם זיידענעם קלייד. אַ גביר'ישע טאָכטער. אַ הויכע אַזאַ און אַ שטאָלטנע.

— ליוסי, ליוסי, — מאַכט שוין איצט די מאַמע מיט געבעט, — זע גיב אַכטונג אויף זיך. קאָנסט נאָך פֿאַרדאַרבן ווערן.

— זאָרג זיך ניט, מאַ, — פֿאַרזיכערט ליוסי איר מאַמען. — אַ יאָ, שיין?

— שיין, קינד, — זיפֿצט די מאַמע ביטער, — זייער שיין, אַ ליוסי, טאָכטער...

די מאַמע האָט איר געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן. איר דערציילן, וואָס אַזוינס הייסט אַ פֿרוי, וואָס עס מיינט די אומבאַריריטקייט פֿון קערפּער, וואָס עס מיינט ווען אַ קערפּער ווערט הפקר'דיק און צעלאָזן. אָבער זי פֿאַרמאָגט ניט די ריכטיקע שפּראַך צו ריידן צו איר קינד.

ליוסי קלאַפּט אָן באַם באָדער אין צימער. מענדל ליגט צעלייגט אויפֿן בעט איבער אַ בוך און שטודירט מיט זיינע קורצזיכטיקע אייגעלעך פּאָליטישע עקאָנאָמיע. „דער אורשפּרונג פֿון דער סחורה־געזעלשאַפֿט”, שטודירט ער. ער איז שטאַרק פֿאַרטאָן דאָרט אין בוך. מענדל הויבט־אויף די אויגן. ער דערקענט ניט ליוסי'ן מיט זיינע קורצזיכטיקע אייגעלעך. ער מיינט, אַז ס'איז אַריינגעקומען צו אים עפּעס אַ פֿרעמדע רייכע מיידל. אָבער איידער ער ווייסט ווער ס'איז, שמייכלט ער שוין מיט די שיטערע ציינדלעך. ער וויל זיך ניט אויסגעבן, אַז ער דערזעט ניט. ווען די מיידל גייט צו אים צו נעענטער, צעשמייכלט ער זיך ערשט דעמאָלט עכט און אמת'דיק.

— ס'איז טאַקע ליוסי, — מאַכט ער פֿריילעך.

— ניין, ס'איז טאַקע ליוסי, — מאַכט זי אים נאָך אין זיין טאָן.

פרייט זיך מענדל, וואָס זי מאַכט אים נאָך אין זיין טאָן. אָבער ווי פראַכטפול אָט די ליוסי קוקט אויס.

— זיץ, ליוסי, זיץ.

— ניין, איך דאַרף באַלד גיין — ענטפערט זי, און דרייט זיך פאַר אים אויס, ער זאָל קוקן אויף איר קלייד פון אַלע זייטן. — געפעלט דיר דאָס קלייד?
— קוקט זי אים אַריין אין די קורצזיכטיקע אייגעלעך.

— ניין, ס'געפעלט מיר ניט דאָס קלייד, שווער צו פרעסן. — גיט ער אַ קאָרמשע איין דאָס גראָבע נעזל. — צופיל פאַלדן, מען דאַרף גענוג אָפּ־שוויצן, איידער מען פרעסט אויס אַזאַ קלייד.

— כאַ, כאַ, כאַ, — לאַכט ליוסי.

עס רופט אַ האָרן פון אַן אָטאָמאָביל. ליוסי גיט זיך אַ וואָרף.

— וואָס ביזטו אַזוי פאַרצאַפּלט געוואָרן? — פרעגט מענדל מיט כיטרע אייגעלעך.

— אָט דאָס מיינט מען מיך, — לאָזט זיך ליוסי אַרויס פון צימער. — גוד באַי!

מענדל גייט אַרויס אויף דער גאַס זי צו באַגלייטן. אַ לאַנגער שוואַרצער אָטאָמאָביל שטייט מיט אַן אויסגעצווייגענעם האַלז פאַר דעם אָפּגעקראָכענעם טענעמענט־הויז. די קינדער פון דער גאַס זיינען שוין דאָ אויפן פּלאַץ. מען קריכט שוין אונטן אַרומעט. מען הענגט זיך אָן אויף די רעדער. אַ מאַן אין אַ לאַנגן גרויען מאַנטל מיט אַ ברייטער הוט שטייט פאַר דער אָפענער טיר פונעם אָטאָמאָביל. אויף דעם סטופּ זיצן פרויען און קוקן זייער פאַרדעכטיק אויף דעם רייכן אָטאָמאָביל.

— אָבער זיי דערשמעקן דיר, אָט די מענער מיט די רייכע אָטאָמאָבילן, וואו ס'איז ערגעץ דאָ אַ שיינע מיידל, — באַמערקט אין דער שטיל אַ שכנה, ווען זי זעט ווי ליוסי לאָזט זיך צו דער מאַשין.

— באַ אַן אַמעריקאַנער מיידל אַ מאַשין, איין קלייניקייט! — רופט זיך אָפּ אַ צווייטע שכנה.

— נעבעך, אַ לייטישע אידענע איר מאַמע, — באַדויערט בעסי'ן אַן עלטערע פרוי אין אַ קאָפּן־טיכל.

— ווען זי איז מיין קינד, פּאַטש איך איר גוט אויס די פּיסקעס, — רופט זיך אָן אַ געזונטע לייביקע פרוי מיט קורץ־געשוירענע האָר.

ליוסי שפּרינגט אַריין אין דער מאַשין אַזוי נאַטירלעך, אַקוראַט ווי זי איז פון יונגערהייט דערצויגן געוואָרן אויף אָטאָמאָבילן. דער פרעמדער מאַן אין גרויען מאַנטל גייט אַריין, פאַרמאַכט די טיר, גיט אַ טרעט אָן

דאָרטן, וואו מען באַדאַרף, ניט זיך די מאַשין אַ ריס, גיבן זיך אַ צעלויף אין אַלע זייטן די נייגעריקע גאַסן־קינדער. דער אָטאָמאָביל גיט זיך אַ יאָג אַרויס פון ראָטגערס סטריט, אַ שלאַנקער, שמאָלער און לאַנגער אָטאָמאָביל. ליוסי מאַכט צו מענדל׳ען דורכן פענצטערל מיט דער האַנט. זי שיקט אים אַ לופט־קוש. דער קורצזיכטיקער מענדל האָט דעם לופט־קוש ניט באַמערקט. ס׳הייסט, ער האָט יאָ עפּעס געזען אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, איז ער ניט געווען זיכער צי דאָס מיינט מען אים, אָבער ער האָט סיי־ווי־סיי גע־ענטפערט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט און מיט אַ ברייטן שמייכל.

מענדל איז אַריין צוריק אין הויז אַן אומעטיקער. בעסי איז געזעסן אין דער פינצטער. איר פּנים פאַרבאַהאַלטן אין די הענט. זי האָט געקלאָגט אָף איר הילפלאָזיקייט. ניט פאַר גאָרניט קומט אַ רייכער מאַן מיט אַן אָטאָ־מאָביל צו איר טאָכטער. ניט אומזיסט און אומנישט שענקט מען זײדענע קליידער.

— ס׳איז אַזוי פינצטער דאָ אין הויז, — אַנטשולדיקט זי זיך פאַר מענדל׳ען, — מען דאַרף אָנצינדן אַ ליכט.

— ס׳מאַכט נישט, — מאַכט מענדל האַלב־אומעטיק און האַלב־פריילעך,

— פאַר אַזאַ פאַרשוין ווי איך, איז גלייכער אַז מען זעט מיך ניט אין דער ליכטיקייט.

זי שמייכלט, בעסי, פון זיינע רייד. אַ פריילעכן באָרדער פאַרמאָגן זיי, אַ טייערער בחור. זי, בעסי, וואָס איז שטענדיק אַ שווייגנדיקע, האָט ליב צו ריידן צו דעם דאָזיקן מענדל׳ען. עס ווערט היימיש מיט אים, וויל זי צו אים איצט אויך ריידן. אָבער ער איילט אַוועק אין זיין צימער.

ער צעליינגט זיך ווידער אָפן בעט, צעעפנט דעם בוך און הויבט אָן צו לייענען אין דער הויך.

— איז וואו־זשע האַלטן מיר? יאָ, „דער אורשפּרונג פון דער סחורה־געזעלשאַפט, די פאַרהעלטעניש צווישן די פּראָדוקציע־כחות"... ער קאָן איצט ניט לערנען. אַנדערע פאַרהעלטענישן מאַטערן איצט זיינע געדאַנקען. די פאַרהעלטענישן פון אים, מענדל׳ען, צו אָט דער אַמעריקאַנער־געבוירענער ליוסי׳ן. וואָס, אַ שטייגער, דאַרף אים אַרן, וואָס זי האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַ זײדענער קלייד און אַוועק מיט אַ רייכן מאַן אין אַן אָטאָמאָביל? אַ, וואָס אַ שטייגער דאַרף אים טאַקע אַרן? זיי האָבן ליב אָטאָמאָבילן, און זײדענע קליידער, די אַמעריקאַנער מיידלעך. זיי האָבן ליב צו טאַנצן און צו הוליען. איז פאַרוואָס ניט? ער וואָלט אויך געטאַנצט, און וואָלט אויך געהוליעט, מענדל, ווען ס׳זאָל זיין וואו. איז אָבער די פראַגע, פאַרוואָס

לאדן־איין די רייכע מענער ליוסי׳ן יאָ, און אים, מענדל׳ען, ניט? יאָ, אָט־דאָס איז די פראגע...

— אי, אי מענדל, דו פארקריכסט שוין אין צו ווייטע רעיונות, — מוסר׳ט ער זיך אליין.

ער זעצט זיך אויף אפן בעט און כדי צו פארטרייבן די דאָזיקע נאָגנדיקע געדאנקען צעווייגט ער זיך איבער דער פאָליטישער עקאָנאָמיע, ווי א ישיבה־בחור איבער דער גמרא.

— איז, הייסט עס, די פארהעלטענישן פון די פראָדוקציע־כחות...

ער קאָן ניט לערנען, מענדל. ער טראכט ווידער וועגן ליוסי׳ן: איז וואָס־זשע מיינט בענקעניש? איז וואָס־זשע מיינט א פּאָר גרויסע פייערדיקע אויגן, וואָס לאכן צו דיר און קוועלן? וואָס־זשע מיינט א מיידלשע שטימע, וואָס מאכט יום־טוב׳דיק דעם חלל פון אָט־דעם וויסטן צימער? און וואָס מיינט אן אמעריקאנער־געבוירענע מיידל, וואָס פארמאָגט גאָרניט א חוץ א שיינעם קערפּער? פארמאָגט ניט קיין גלויבן אין שיינע אידייען, פארמאָגט בלויז א שטאָלטנעם אומרואיקן קערפּער. ניין, ס׳איז ניט אמת. ליוסי פאר־מאָגט אינערלעכע שיינקייט אויך, נאָר מען דארף דאָס ארויסרופן. מען דארף זי אָנרעגן.

„אי, אי, מענדל, אזוי לערנסטו?" — מוסר׳ט ער זיך ווידער.

ער האָט טאקע יענעם אָוונט ניט געלערנט. אזוי איינגעשלאָפן מיט די קליידער, מיטן בוך אפן קישן, מיטן ברענענדיקן גאז־דער אונטער דער סטעליע. האלב געשלאָפן, ווייל זיינע אויערן זיינען געווען וואך צו דער טיר אין צווייטן צימער. ווען די טיר האָט א סקריפּע געטאָן, האָט ער זיך באלד אויפגעכאפּט. ניט בלויז האָט די טיר א סקריפּע געטאָן, נאָר ער האָט דער־הערט אויך א שווערן פאל פון א מענטשלעכן קערפּער.

ער איז אויפגעשפּרונגען פון בעט און אריין אין צווייטן צימער. איז ליוסי דאָרטן געלעגן צעלייגט אפן דיל און געבראָכן. מיט פיל איבלדיקייט האָבן זיך אירע אינגעווייידן אויפגעריסן.

— וואָס איז דיר, ליוסי? — בויגט ער זיך אָן צו איר אין גרויס דערשרעק.

— עס איז מיר ניט גוט, — ברעכט זי ווידער.

— קום, איך וועל דיך ארויסנעמען אף דער לופט, — שטעלט ער זי אויף אף די פיס.

זי פאלט־צו אן איבערגעבראָכענע צו זיינע פלייצעס. ער פירט זי ארויס אין דרויסן.

— , א, — מאַכט זי און זשיפּעט קוים, — וואונדערבאַרע לופט.

שפּעט אין דער נאַכט. קען מיאַוקען פון די מיסטקאַסטנס. אַלע הייזער אַנטקעגן זיינען פינצטער. עס שלאָפט שוין די אויסגעהאָרעוועטע אָרעמע מענטשהייט. אין זיידענעם קלייד א פאַרבראַכנס, א פאַרשפּיגנס, זעצט זיך ליוסי אַף די קילע שטיינער פון סטופּ. זי וויגט זיך, אַקוראַט ווי זי וויל פאַלן. מענדל כאַפּט זי אונטער.

— וואָס איז דיר, ליוסי?

— גאָרניט, גאָרניט, דער קאָפּ דרייט זיך מיר בלויז. מיר האָבן געטרונקען, מיר האָבן געטאַנצט, — ענטפערט זי מיט אָפּגענומענע ליפּן.

— דאָס אַלעס? געטרונקען און געטאַנצט? — פאָרשט זי מענדל מיט פאַרדאַכט.

— איך שווער בא גאָט, — וויל זי אים איבערציינגן.

— שווער ניט בא גאָט, ער איז בא מיר א קנאַפּער בעל־בטחון, — וויצלט ער זיך.

— איך שעם זיך אַזוי פאַר דיר, מענדל, — מאַכט זי מיט גרויס חרטה.

— ס'איז אַלראַיט, וועסט זיך שוין שעמען נאָכדעם, — איז ער שטרענג צו איר. — דו קום בעסער פריער צו זיך.

ער האַלט זי אַרום דער טאַליע. זי פאַלט צו מיטן קאָפּ אַף זיין אַקסל און ווערט גלייך איינגעשלאָפן. זיצט ער און רירט זיך ניט, מענדל, אויס מורא, אַז ער וועט זי אויפוועקן. ער איז בייז, מענדל. טראַכט מיט ביטער־ניש וועגן די אַמעריקאַנער יונגע מיידלעך, וואָס שיכור'ן. ער פילט אַן עקל צו שיכורים. ער וואָלט זי גוט אויסגעפּאַטשט, אָט דער ליוסי'ן, ער וואָלט צעפּראַסקעט אירע באַקן, זי זאָל ווימן אַף א צווייטן מאָל. ער שטעלט אָבער באַלד אָפּ זיין כעס, ווייל ער דערמאָנט זיך, אַז ס'איז ניט מאַרקסיסטיש צו זיין אין כעס, איידער ער אַנאַליזירט די אורזאַכן.

— ווייל לאָמיר נאָר דאָס נעמען דיאַלעקטיש, — שפּאַסט ער פון זיך אַליין.

ס'וועט אים שוין ניט העלפן, צי ער וועט דאָס נעמען דיאַלעקטיש, צי ניין. ער קאָן ניט שטילן זיין כעס קעגן דער דאָזיקער ליוסי'ן, וואָס שנאָרכעט אַף זיין אַקסל. עס זעצט פון איר אַרויס א שיכור'ער ריח. ער קערט אָפּ פון איר זיין פּנים.

לאָז ער ניט זיין אין כעס, לאָז קומען צו אים די ליבע צו דער דאָזיקער מיידל פון אָרעמקייט. א קיל ווינטל בלאָזט. דאָס ווינטל ברענגט דערפרישונג

צו דער פאַר'שיכור'טער מיידל. דאָס קיל ווינטל ברענגט אויך צו אים די פאַרנעבונג. ער וועט איר פאַרגעבן, מענדל, ווייל וואָס ווייסט זי?

— איך שעם זיך אַזוי שטאַרק פאַר דיר, מענדל, — כאַפּט זיך ליוסי אינמיטנדערינען אויף.

— ס'איז אָלראַיט, — מאַכט ער צו איר מילד. — קום צו זיך. שלאָף איין. ס'וועט דיר גוטס טאָן.

# ליוסי'ס פאַרצווייפלונג

אַף וויליאַמסבורגער בריק גייען אידן צו תשליך. פון אַלע שולן קומען זיי אַהין. זיי שפּאַנען זיך גאַנצע מחנות, אידן מיט פרויען אין יום־טוב'דיקע קליידער, צווישן דער אימפּעטיקער וואַכעדיקער האַוועניש און יאָגעניש פון טראָקס, אָטאָמאָבילן און וועגענער. אַף דילענסי סטריט קומען זיי אָן, די תשליך־אידן, פון סטענטאָן, פון שעריף, פון ברום, פון ריווינגטאָן און פון אַלע גאַסן אַרום און אַרום.

לאַנגע שורות בריאַזגענדיקע טראַמווייען ציען זיך איבער דילענסי סטריט. דאָ איז דער מיטל־פונקט. פון דאַנען צעגייען זיי זיך, די טראַמ־ווייען, אין אַלע עקן פון דער איסט־סאַיד. איבער עלען סטריט לויפן קנאַקנ־דיקע עלעווייטעד־באַנען. פון גאַנץ ניו יאָרק ציען זיך אָטאָמאָבילן און טראָקס אַף וויליאַמסבורגער בריק, וואָס פאַראייניקט מאַנהעטן מיט ברוקלין. אַף די טראָטואַרן לעבן די אָפענע קראָמען — אַ גרויסער געדרענג, אַ שטופּעניש, אַ שטויסעניש. די הויפּט שפּאַציר־גאַס פון דער געגנט. קינדער פון פאַר־שיידענע פעלקער פלייצן איבער די שמאָלע טראָטואַרן.

דער פּאָליסמאַן פאַרהאַלט דעם טראַפיק פאַר די מחנות גאָטס־פאַרכטיקע אידן, וואָס לאָזן זיך צום טויער פון דער וויליאַמסבורג בריק. מוזן איבער־וואַרטן אַלע טראָקס און אָטאָמאָבילן. די מענטשן, וואָס זיצן אינעווייניק אין די אָטאָמאָבילן, שטעקן אַרויס די קעפּ און קוקן מיט גרויס חידוש. עפּעס ווי אַ פרעמדער פאַרצייטיקער שבט וואָלט זיך פּלוצלונג באַוויזן פאַר זיי. אַ מיסטעריעזער און אַן אומפאַרשטענדלעכער שבט, וואָס איז אויפ־געשטאַנען פון די בלעטער פון דער אַלטער געשיכטע.

שפּעטער אַ ביסל, ווען דער וועג איז פריי געוואָרן און די אָטאָמאָבילן און די טראָקס האָבן זיך שוין געיאָגט איבער וויליאַמסבורגער בריק, האָט מען נאָכאַמאָל דערזען דעם דאָזיקן שבט, וואָס שטייט איבערגעבויגן איבער די אייזערנע פאַרענטשעס, שאָקלענדיק זיך און שעפּטשענדיק צו די שמוציקע וואַסערן פון איסט־ריווער. ס'האָט זיך אויסגעדוכט די פאַרשיידענע מענטשן פון אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן זיך געיאָגט אין זייערע אָטאָמאָבילן איבערן בריק, אַז דאָס פאַרשעלטן די אידן דעם טייך, זיי שפּרעכן אים אָפּ. זיי ווילן אים עפּעס אָפּטאָן אַ כישוף.

זיי פילן, די דאָזיקע תשליך־אידן, אַז זיי זיינען ניט אום פּלאַץ אין דער דאָזיקער טומלדיקער גרויסער האַוועניש. אָבער זיי ווערן געשטאַרקט פון דעם, וואָס זיי גייען אין מחנות. זיי ווערן געקרעפטיקט פון דעם, וואָס זיי גייען מקיים זיין אַ מצוה. מעג שוין לאַכן די פרעמדע וועלט פון זיי. וואָס מערער מען וועט לאַכן, אַלץ גרעסער וועט זיין דער אייפער.

ליוסי און מענדל זיצן איצט אויף דער וויליאַמסבורגער בריק. איר שוועסטער מרים מיט מאַיקל'ען זיינען אויך אַמאָל געזעסן אויף דער זעלביקער בריק, און אפשר טאַקע אויך אויף דער זעלביקער באַנק. ליוסי איז פאַר־טרויערט. זי איז פול מיט שרעק פאַר דעם אומגליק, וואָס רוקט זיך אויף איר. זי איז אַ פאַרשעמטע און אַ דערנידעריקטע. זי האָט טאַקע צעלאָזן איר קערפּער פאַר דעם באָס. עפּעס הויבט אָן צו וואַקסן אין אירע אינגעווייידן. אויב ס'איז ריכטיק איר פאָרגעפיל, וועט דאָס זיין איר גרויסע שאַנדע. ניט דעם אנגענעמען ציטער און דעם געפיל פון זיסן פּיין האָט זי איבערגעלעבט צום ערשטן מאָל, ווען זי האָט זיך דערוואוסט פון אַ מאַן, אַ שיכור'ע אַ הפקר'דיקע אין די אָרעמס פון אַ פרעמדן שטאָלצן מאַן, וואָס האָט פאַר אַ זיידענער קלייד און פאַר אַ מאָלצייט אין אַ רייכן רעסטאָראַן געקויפט איר ביז דעמאָלט נאָך אומבאַרירטן, יונגן קערפּער. זי טוליעט זיך צו מענדל'ען. ווייסט ער ניט, וואָס איז אויף איר אַזוי די טוליעניש. עפּעס הויבט ער אויך אָן צו פאַרשטיין. געגוי ווייסט ער ניט. ער פאָרשט זי מיט די לאַכנדיקע קורצזיכטיקע אייגעלעך.

— וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי? — וויל זי ניט ליידן.

— און אַז איך קוק, זע איך דען? — מאַכט ער שפּאַס פון זיין אייגענער קורצזיכטיקייט.

אַז די תשליך־אידן זיינען אָנגעקומען, האָט זיך ליוסי דערשראָקן. אַ קינד אויך פון דעמדאָזיקן פאָלק און זי פאַרשטייט ניט זיינע וועגן און טואונגען. שטילע, פייערלעכע, עטוואָס שעמעוודיקע, ציען זיך די מענטשן פון איר פאָלק, שטעלן זיך אָפּ בא די פאַרענטשעס, צעעפענען די מחזורים'לעך, שאָקלען זיך און שעפּטשען, לייגן אריין די הענט אין די קעשענעס, נעמען דאָרטן אָן ליידיקע זשמעניעס, צעעפענען די זשמעניעס און ס'פאַלט גאָרניט אריין אין די וואַסערן פון איסט־ריווער.

— וואָס וואַרפן זיי אַהין אריין? — פרעגט זי בא מענדל'ען.

— זייער אָרעמקייט וואַרפן זיי אריין, — ענטפערט ער מיט אַ שפּאַס.

— ניין, טאַקע אָן אמת? — שטייט זי צו אים צו.

— אמת, אמת, זעסט ניט?

— אָבער וואָס דאַוועגען זיי? — פאַרשטייט זי נאָך אַלץ ניט.

— זיי ווילן פּרנסה, דאַוועגען זיי, — שפּאַסט ער נאָך אַלץ. — זיי ווילן, אַז ס'זאָל זיין גוט, אַז ס'זאָל זיין אַ סך באָנדלעך אין די שעפער, אַז מען זאָל אַרבעטן אָווערטיים, אַז דאָס געזונט זאָל זיי ניט פאַרלאָזן.

— אָבער וואָס גאָר באָם טייך? — איז פאַר איר ניט פאַרשטענדלעך.

זעט שוין מענדל, אַז ער וועט זיך פון איר ניט אַרויסדרייען, הויבט ער איר אָן ערנסט צו דערקלערן דעם גאַנצן ענין. ער רעדט וועגן אָבערגלויבנס באַ פעלקער, וועגן זייערע מאָדנע מנהגים. ער וואַרפט זיך אַרויף אַף רעליגיע בכלל. ער צעטרייבערט די רעליגיע פאַר ליוסי'ן, און ס'בלייבט פון דער רעליגיע גאָרניט שבגאָרניט. ליוסי הערט זיך איין און פאַרשטייט נאָך אַלץ ניט. ס'ווערט איר לאַנגווייליק פון זיין לאַנגער רעדע. דערמאָנט זי זיך פּלוצלונג, אַז ס'איז איר קאַלט, אַז זי האָט ניט קיין מאַנטל. מענדל האָט יאָ אַ מאַנטל, צענעמט ער די פּאָלעס און נעמט זי אַריין, ליוסי'ן. אָבער איצטער, אַז זי זיצט שוין אַזוי ענג צוגעטוליעט צו אים מיט איר געפּאַקטן וואַרעמען קערפּער, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. אַלע בריליאַנטענע געדאַנקען וועגן רעליגיע זיינען אים פּלוצלונג אַרויס פון געדאַנק, און ער איז געבליבן אַ פאַרלוירענער, דער קלוגער מענדל, און האָט זיך מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן.

געפעלט ליוסי'ן, וואָס ער איז געבליבן אַזאַ פאַרלוירענער. זי פאַרשטייט שוין, אַז אויב מענדל איז אַזוי קלוג, פאַרמאָגט זי אָבער אַן אַנדער קלוגשאַפט, איר פרויאישע קלוגשאַפט. אָבער ס'ווערט איר גלייך טרויעריק. זי טראַכט, אַז ווען יענער זאָל וויסן, וואָס פאַר אַ זינדיקע זי איז, וואָלט ער זיך גלייך אָפּגעקערט פון איר. ער וואָלט זי ניט געוואָלט אָנקוקן. ווייַ, ווייַ, וואָס וואָלט ליוסי געטאָן, ווען מענדל וויל זי ניט אָנקוקן. זי האָט שוין קיינעם ניט אַף דער וועלט. איר שוועסטער מרים האָט זיך אָפּגעפרעמדט פון הויז. די ערשטע יאָרן פלעגט זי קומען אַרויסנעמען ליוסי'ן אַף אַ שפּאַציר, אַרומגיין און ריידן צו איר, און זי איז נאָך גאָר געווען אַ קינד און ניט געקאָנט פאַרשטיין איר שוועסטער'ס גרויסן ווייטיק. איצטער פאַרשטייט שוין ליוסי. איר שוועסטער איז אויסגעגאַנגען נאָך מאַיקל'ען. מרים האָט זי איינמאָל געשיקט צו זיין מאַמען, צו ווערא'ן, זי זאָל אויסגעפינען, וואָס איז געשען מיט איר זון. האָט די דאָזיקע שיינע מאַמע זיך צעוויינט פאַר איר, פאַר ליוסי'ן. פאַרפאַלן געוואָרן איר קינד. אפשר לעבט ער ניט.

די שוועסטער מרים האָט שוין אויפגעהערט צו קומען אין הויז. זיך אָפּגעפרעמדט. אַן אומעטיקע שוועסטער. די שיינע קליידער פרייען זי ניט.

דאָס רייכע הויז איז איר נמאס. זי, ליוסי, איז איצט כמעט געגליכן צו איר שוועסטער מרים׳ען. אָ, ווען ס׳זאָל ניט געווען געשען יענע נארישע אומזיניקע זאַך, וואָלט זי איצטער געזעסן לעבן דעם מענדל׳ען, אַ פּרייע, אַ שטאָלצע, אַ שפּילוודיקע. ליוסי צעוויינט זיך. זי איז פאַרפאַלן. זי איז פאַרצווייפלט.

— אַ, אַ, מיר דאַכט זיך, אַז עמיצער וויינט, — מאַכט ער האַלב־שפּאַסיק.

— ס׳איז מיר ניט גוט, — פּעסטשעט זי זיך פאַר אים.

— ווּעמען דען איז יאָ גוט? — וויל ער אָנהאַלטן אַ לייכטן טאָן.

— אָ, אַז דו פאַרשטייסט ניט, — איז זי פאַרצווייפלט.

— נו, שאַ, — מאַכט ער צו איר, ווי צו אַ קינד, — דערציי׳ל, וואָס עס קוועטשט דיך דאָרטן, וועלן מיר דיך פאַרשטיין.

זי שווייגט, ליוסי. זי וויינט שוין ניט. ציטערט אונטער זיין מאַנטל. קוקט שטאַר אַף די הויכע ריזיקע מויערן, וואָס ציגדן זיך אָן מיט פינקלדיקן גאָלד אין די שויבן. פאַרשאָלטענע מויערן. זיי האָבן איר קיין גוטס ניט געבראַכט.

# הײמי׳ס צוואה

מען האָט אים אָפּגעגאָלט, הײמי׳ן, די וואָנצעלעך, דאָס שטיקל בערדל, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פֿאַר די לעצטע דרײַ טעג. מען האָט אים אויך אָפּגעגאָלט די האָר אויף דער ברוסט, וואו דאָס אָפּעראַציע־מעסער האָט זיך געדאַרפֿט אײַנשנײַדן. מען האָט אים אויסגעוואַשן אין וואַרעמע וואַסער, מען האָט אים אָנגעטאָן אין אַ זײַבער־װײַסן העמד, און מען האָט אים גע־מאַכט גרייט.

האָט ער געבעטן מען זאָל אים ברענגען זײַן מאַמען מיט אַ לאַיער. איז זײַן מאַמע געקומען צוגײן מיט די אײביקע טרערנדיקע אויגן אין שמאַטעס און אין לאַטעס. אַ מאַמע מיט אַן אײַנגעקאָרטשעטן העלזל, ווי בײַ אַן אויסגעדאַרטן אַרומגעפּליקטן האָן. הײמי האָט אונטערגעשריבן דאָס פּאַפּיר, וואָס דער לאַיער האָט צוגעגרײט, אַז אין פֿאַל פֿון טויט, לאָזט ער איבער זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן אין באַנק דער מאַמען זײַנער. די מאַמע האָט אַפֿילו ניט באַגריפֿן די גרויסע רײַכקײט. זי האָט ביטער געוויינט.

דער לאַיער איז אַוועק. די מאַמע איז געבליבן זיצן אויף זײַן בעט. גענומען דעם זונ׳ס האַנט אין אירער און אַזוי געזעסן ניט אויסרײדנדיק קײן וואָרט. זי האָט גאָרניט וואָס צו רײדן צו איר זון. שוין יאָרן און יאָרן ניט געהאַט וואָס צו רײדן.

הײמי׳ן איז געווען גוט, וואָס זײַן מאַמע האַלט אים די האַנט. שוין יאָרן און יאָרן, אַז ער האָט ניט געוואוסט פֿון דער פֿרײַנטשאַפֿט, וואָס אַ מאַמע קאָן געבן בלויז מיט דעם אָנריר פֿון איר האַנט.

אַן אײַנגעשרומפּן פּנים מיט טרערנדיקע אויגן — דאָס איז זײַן מאַמע. אין גרויסע צעריסענע מענערשע שיך — דאָס איז זײַן מאַמע. אַ קאָשעק מיט פּרעצלס אין אײַנגעדאַרטע בלאָטיקע הענט — דאָס איז זײַן מאַמע. אין שמאַטעס און אין לאַטעס — דאָס איז זײַן מאַמע.

ער האָט אײנמאָל געזען זײַן מאַמען אינגאַנצן אַ נאַקעטע. זי איז גע־שלאָפֿן אָן אונטערוועש. ניט פֿאַרמאָגט קײן אונטערוועש. אײנמאָל אין אַ פֿאַרטאָג, ווען זי האָט געמײנט אַז ער שלאָפֿט, האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון בעט און אַרײַנגעלאָפֿן אין קיך, עפּעס נעמען דאָרטן. מיט צעפּאַטלטע האָר האָט ער זי געזען לויפֿן. אַ קערפּער — הויט־און־בײנער. אַ דאַרינקע מאַמע,

גאָר ניט ענלעך צו קיין פרוי. ער האָט אַף אייביק געדענקט יענעם פרימאָרגן, ווען זי איז דורכגעלאָפן אַ נאַקעטע, און עס איז אים פאַרבליבן אַ גרויסער רים אין זיין האַרצן. ער האָט זיך דעמאָלט געוואונטשן צו זיין רייך. ער וואָלט איר אָנגעקויפט אַ גאַנצע קראָם מיט אונטערוועש, מיט ווייסע ליילעכער, מיט שיינע קאָלדרעס.

זי איז צו אים אַ מאַמע, און ער האָט איר קיינמאָל ניט געהאַט וואָס צו דערציילן. דערציילן וועגן זיינע איבערלעבונגען מיט די גוטע פריינט זיינע? דערציילן אַנדערע איינדרוקן פון אַ מואווי ערגעץ? אָדער פון אַ באַגעגעניש מיט אַ מיידל? זיין שפּראַך איז ניט איר שפּראַך, זיין לעבן איז ניט איר לעבן. זי האָט אים געבוירן און דערפאַר רופט ער זי „מאַמע".

איצט, איידער ער גייט שטאַרבן, וואָלט ער געוואָלט רעדן צו זיין מאַמען זייער אַ סך. ער וויל איר דערציילן, אַז ס'איז עפּעס ניט געווען גוט דאָס גאַנצע לעבן. אַז ערגעץ איז עמיצער שולדיק. ער ווייסט ניט ווער, ווייל ער האָט געזען אַנדערע מאַמעס, וואָס לאַכן צו זייערע גרויסע זין, וואָס רעדן צו זייערע גרויסע זין, און וואָס לאַכן צוזאַמען מיט זייערע גרויסע זין.

ער האָט געזען מאַמעס ניט אין קיין לאַטעס און ניט אין קיין שמאַטעס, נאָר אין טייערע קליידער, אין וואונדערבאַרן אָנטאָן. ער האָט געזען מאַמעס ניט קיין פאַרדאַרטע און פאַר'חושכ'טע. ער האָט זיי געזען מיט הויכע בוזעמס און מיט ווייסע העלזער. וואָס-זשע זאָל ער זי שוין פרעגן, און וואָס קאָן זי אים שוין ענטפערן? ס'איז ערגעץ עפּעס ניט ריכטיק, און ער ווייסט ניט וואו.

— אָ, מאַמע, ס'טוט מיר ווי אָט-דאָ, — מאַכט ער צו איר אין אידיש.
— וואו, קינד? וואו, חיימ'ל?

:: :: ::

די מאַמע איז אוועקגעגאַנגען, איז בלויז לואי געבליבן צו היימי'ן דער לעצטער נאָענטער מענטש אין לעבן. לואי איז געלעגן אין צווייטן בעטל מיט פאַרקרימטע ליפּן. ס'האָט לואי'ן נאָך אַלץ מורא'דיק געשטאָכן אין דעם פלאַץ, וואו די קויל איז פריער געלעגן. אָבער צו היימי'ן האָט ער זיך צו-געהערט מיט אַ קלאָרן קאָפּ.

— יאָ, לואי, איך בין אַ גייער, — האָט ער געזאָגט צו זיין חבר אַף זיין קלינטאָנער גאַס-שפּראַך.

— וועסט לעבן, וועסט לעבן, היימי, — פּרובירט אים לואי צו טרייסטן.

— רעסבעריס, — מאכט היימי מיט חוזק. — איך ווייס שוין. אז דו וועסט זען מאיס׳ן, זאג אים, אז ס׳איז ניט גוט אזוי.

— וואס איז ניט גוט אזוי? — ווייסט ניט לואי, וואס יענער מיינט מיט דעם צו זאגן.

— אט אונזערע ביזנעס, דאס איז ניט גוט, — דערקלערט אים היימי.

— אט דאס מיינסטו? — ווערט לואי אומעטיק.

— ניט גוט, לואי. מען קומט אום אין די ביזנעס. יעדער פון דער חברה וועט אומקומען. ס׳איז א פארשאלטענער טרייד.

— א טרייד רופסטו דאס! — וואונדערט זיך לואי.

— יא, ס׳איז א טרייד אזא. ווי יעדע איינע טרייד מיט א באס, מיט א פארמאן, מיט אלצדינג.

— איך פארשטיי דיך ניט, היימי.

— איך פארשטיי אליין אויך ניט, אבער מען וואלט געוועזן געדארפט אנדערש לעבן. ווי אזוי אנדערש, ווייס איך ניט, אבער אנדערש.

— דו מיינסט גיין ארבעטן?

— פון ארבעט האט מען אויך גארניט. אלע פון קלינטאן סטריט זיינען ארעם פון דער ארבעט.

— ווי אזוי זשע דען, היימי?

— איך ווייס ניט. וואלט איך געגליבן לעבן, וואלט איך געטראכט ווי אזוי אנדערש.

— וועסט לעבן, היימי, וועסט לעבן.

— הלואי זאל זיין, ווי דו זאגסט. אבער דו, לואי, גיי אוועק פון זיי, ראטעווע זיך.

— ווי אזוי?

— אנטלויף פון ניו יארק, באהאלט זיך אויס אף א פאר יאר.

— ווי אזוי קאן איך דאס טאן, אז זיי וועלן מיך אומעטום געפינען.

— באהאלט זיך אויס, גיי אוועק.

לואי דערשרעקט זיך און בלייבט שטיל. היימי איז אויסגעמאטערט און ער בלייבט אויך שטיל. ער פארגעסט זיך. ס׳ווערט אים גוט אין זיין פארגעסנקייט. ער דערזעט דעם ים־ברעג אין קוני־איילאנד. געלער זאמד אף מיילן און מיילן און ער שפאנט צווישן גליקלעכע מענטשן, צווישן פריידיקע מענטשן. זיי עסן סענדוויטשעס, די מענטשן, און פארטרינקען מיט סאדע־וואסער. משפחות־ווייז, טאטעס, מאמעס און קינדער. היימי איז צופרי:

וואָס טאַטעס, מאַמעס און קינדער עסן סענדוויטשעס, און פּאַרטרינקען מיט סאָדע־וואַסער.

ער באָדט זיך אין ים, היימי, און ער שווימט, און די כוואַליעס הייבן אים. ער האָט זייער ליב, אַז די כוואַליעס הייבן אים. אַ כוואַליע, ווי אַ גרויסער מויער, האָט אים אַ הויב געטאָן, אָט דערלאַנגט ער דעם הימל.

— אָ, היימי, היימי, — קלאָגט זיין חבר לואי.

:: :: ::

מען האָט היימי'ן אַרויסגעפירט אַף אַ הויכן שמאָלן טיש מיט רעדלעך.

# לואי און די מים בערן

די מאַמע איז געקומען צו איר זון לואי'ן. די מאַמע די נייטאַרין מיט די צעשטאָכענע פינגער, מיט בלויע רינגען אונטער די אויגן פון זיצן שפּעט אין דער נאַכט איבער איר געניי. קוקט זי אַף איר זון מיט גרויס ווייטיק, און קאָן זיך גאָרניט טרייסטן.

— אָ, מאַמע, — וויל ער איר עפּעס זאָגן, און זאָגט ניט.

— וואָס, זון?

ניין, זיין מאַמען קאָן ער דאָס ניט זאָגן. מיט אַ מאַמען רעדט מען ניט פון אַזוינע זאַכן. זי פאַרשטייט אים אָבער סיי־ווי־סיי.

— וועסט געזונט ווערן, זון, איז אויס. — טרעפט זי זיין געדאַנק.

— שווייג, מאַמע, — דערשרעקט זיך לואי.

— איך וויל דיך ניט פאַרלירן. איך האָב קיינעם ניט אַ חוץ דיר.

— שווייג, מאַמע.

— האָב קיין מורא ניט, זון.

— רייד ניט וועגן דעם, מאַמע.

רעדט שוין ניט די מאַמע. זי שווייגט. זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין שום רשות איבער איר זון. קלינטאָן סטריט האָט געהאַט איבער אים דעם רשות. זיינע חברים האָבן געהאַט איבער אים דעם רשות. ער איז איר קינד בלויז אין ווייטיק און אין פּיין, וואָס האָט ניט קיין באַשייד.

:: :: ::

זיין מאַמע מיט איר באַזוך האָט אים ווינציק פריידפּאַרשאַפט. זי וויל ער זאָל איבעררייסן מיט דער חברה. וואָס ווייס זי? מען קאָן שוין ניט איבעררייסן, זיי וועלן אים אוועקלייגן. מאַיק מיט זיין אייגענער האַנט, וואָלט אים אַוועקגעלייגט. אַט וועט מען הײמי'ן ברענגען באַלד צוריק פון אָפּעראַציע־צימער, וועט ער שוין מיט אים איבעררײדן. הײמי וועט שוין געבן די ריכטיקע עצה. ער פרעגט די קראַנקן־שוועסטער, צי זי ווייסט עפּעס וועגן הײמי'ן. זי ווייסט אָבער גאָרניט. אפשר ווייסט זי יאָ, און זי וויל אים ניט זאָגן. די קראַנקן־שוועסטער, וואָס אַרבעט באַטאָג, איז ניט די מים בערן. די מים בערן מיט די רויטע האָר און קלאָרן ליבטיקן פּנים. די מים בערן קומט ערשט באַנאַכט און לואי'ן איז שווער צו וואַרטן ביז

באַנאַכט. אַז די מים בערן, וואָס שפּאַנט אין דער פינצטערניש מיט לייכטע טריט, וואַקסט אויס באַ זיין בעטל אומדערוואַרט, גלעט אים, לואי׳ן, רעדט צו אים. פאַרשטילט אים די ווייטיקן.

די פענצטער פון קראַנקן־צימער בייטן זיך פון ליכטיקייט צו טונקל־קייט. עס צינדן זיך אָן די עלעקטרישע לעמפּלעך. די באַטאַגיקע נוירס פאַר־צייכנט אין די קאַרטן באַ יעדן בעט אַלע באַהאַנדלונגען און אַלע פּאַסירונגען פון יעדן חולה, און פאַרלאָזט דאָס צימער. דאָס האָט זי שוין פאַרענדיקט איר שווערן לאַנגן טאָג פון אַרבעט. עס גייט אַוועק אַ היפּשע ווײַלע און קיינער קומט ניט צו פאַרנעמען איר פּלאַץ. אַקוראַט, ווי מען וואָלט די פּאַציענטן איבערגעלאָזט אַף הפקר. לואי איז אומגעדולדיק. ער פּלאָנטערט, לואי. ער הויבט זיך פון בעט. ס׳איז אַזוי שטיל אין קאָרידאָר. עס איז אַזוי שווער די איינזאַמקייט. נאָר אָט דערהערן זיך די באַקאַנטע טריט. די טריט פון דער מים בערן, דער נאַכט־נוירס מיטן ווייסן טשעפּטשיקל אַף די רויטע האָר, מיטן ווייסן פאַרטוכל אַף דער קליינער פיגור. אַ מיידל מיט רויטע האָר און מיט גרויסע ברוינע אויגן. זי גריסט זיך מיט לואי׳ן באַ דער האַנט. זי נעמט אָן זיין וואַרימע האַנט און ווערט רויט. זי שעמט זיך צו האַלטן די האַנט פון דעם שמאָלן שלאַנקן בחור מיט די וואונדערבאַרע שיינע אויגן. זי איילט אַוועק פון אים. פיל קראַנקע ליגן אין אַנדערע צימערן און מען דאַרף זיי באַזאָרגן. בלייבט ער שוין ווידער אַליין, און היימי׳ס בעט איז ליידיק. די פינצטערניש ווערט געדיכטער און לואי וויינט. ער האָט שוין לאַנג ניט געוויינט. אפילו ווען מען האָט אים דורכגעשאָסן האָט ער ניט געוויינט. וויינען איז ניט קיין שיינע מידה אין קלינטאָן סטריט. באַזונדערס אַזאַ בחור, ווי ער, פון די געפערלעכע בחורים. און דאָ וויינט ער. ס׳האָבן זיך געעפנט פון זיך אַליין אַלע קוואַלן, וואָס פאַרמאָגן טרערן, און זיי פּלייצן, די קוואַלן. ער האָט אפילו ניט געהערט, ווי די מים בערן איז נאָכאַמאָל אַריינגעקומען, און ווי זי האָט זיך געזעצט אַף זיין בעט. ער האָט זי ערשט דערפילט, ווען זי האָט אַנידערגעלייגט די האַנט אַף זיין שטערן. האָט ער זיך צוגעטוליעט צו דער דאָזיקער מיידלשער האַנט.

— דו וויינסט, לואי?

—ניין. אָבער היימי?

זי בויגט זיך איבער אים זייער נאָענט. זי רירט זיך צו צו זיינע ליפּן. זי גיט אים אַ קוש, און נאָכאַמאָל אַ קוש. לואי טרינקט די קושן, פּונקט ווי זי וואָלט אים דערלאַנגט וואַסער זיך אָנצוטרינקען. זיי ברענגען אים, די

קושן, אין באַרירונג מיט אַ צווייטן לעבן, אַ לעבן, וואָס איז ערלעכער פון זיינעם.

לואי האָט אויפגעפלאַקערט. די נאַענטקייט פון אַ פרוי האָט ער שוין לאַנג געוואוסט. מען איז געגאַנגען, אַלע בחורים צוזאַמען, אין געוויסע פּלעצער. אָנגעזויפּענע און אָנגעטרונקענע זיינען זיי אַהין געגאַנגען. יעדער האָט זיך אויסגעקליבן דאָרטן אַ מיידל לויט זיין געשמאַק. אָנגעהיצטע, אָנגעשמירטע מיידלעך. מיידלעך, וואָס האָבן ניט אַרויסגערופן בא אים קיין מינדסטן צוטרוי. ער איז געווען ברוטאַל קעגן זיי. ער האָט אייניקע אַפילו געשלאָגן. די ווערטער, וואָס די מיידלעך האָבן גערעדט צו לואי'ן, זיינען געווען זיסע און פאַלשע. אַוועקגעגאַנגען איז לואי פון אַזעלכע מיידלעך אַן אָפּגענאַרטער און אַן אַנטוישטער מיט אַ זויערן געפיל — מיט אַ געפיל פון ביטערן אַלקאָהאָל און דעם טעם פון שוויים און קאַליע ריחות.

דאָ איז געקומען צו אים אַ גרויסע אַנטפּלעקונג. אַ מיידל, וואָס בלויז פון איר צוריר ווילט זיך לואי'ן לעבן. לאַנג לעבן און שטאַרק לעבן.

ער הערט אויף צו וויינען. בלייבט שטיל, און אַ פאַרכאַפּטער טרינקט ער פון אירע ליפּן לאַנג, לאַנג דאָס נייע, דאָס אַנטפּלעקטע...

# אַף היימי׳ס לויה

די פיר חברים האָבן זיך אויסגעפּוצט צו היימי׳ס לויה אין שוואַרצע לאַנגע רעק מיט האַרטע קאַפּעליושן. ס׳איז אויסגעקומען באַ זיי, ווי אַ פּאָרכ־טיקער יום־טוב. אַזאַ יום־טוב, ווי למשל יום־כּפּור, ווען אַ סך אַמעריקאַנער אידישע בחורים פּוצן זיך אויס אין לאַנגע רעק און אין האַרטע קאַפּעליושן און גייען מיט די מחזורים אין שול אַריין.

מאַיק האָט באַצאָלט גענוג געלט אומעטום, אַז די לויה נאָך זיין באַ־ליבטסטן פריינט זאָל זיין וואָס פּייערלעכער. האָט מען אים געבראַכט, היימי׳ן, אין דעם גרויסן ווייסן וואָגן מיט די געשניצטע פענצטערלעך, גע־שפּאַנט צו געזונטע הויכע פערד, איבערגעצויגן אין שוואַרצן, מיט גרויסע פעדערנע פּעכער אַף די קעפּ. געבראַכט האָט מען זיין קערפּער פאַר דער קלינטאָן סטריט שול „אנשי צדק”. צו דער דאָזיקער שול, וואו זיי האָבן געמאַכט זייער ערשטן דזשאָב צוזאַמען.

— וואָס זאָגסטו צו דער דאָזיקער גרויסאַרטיקער לויה? — חכמה׳ט זיך אַ פּעדלערקע.

— ווי אַנדערש האָט איר געמיינט! אַז ס׳שטאַרבט אַזאַ צדיק, — שפּאַסט אַן עלטערער איד.

— שעמען מעגט איר זיךביידע אין אייער ווייטן האַלז אַריין אַזוי צו ריידן וועגן אַ מת, — איז אין כּעס אַף זיי אַ פרוי מיט פאַרוויינטע אויגן.

די פרוי איז ניט היימי׳ס אַ קרובה, און ניט קיין אייגענע. אַן אָרעמע פרוי, וועמען דער לעבן איז זייער שווער, וויינט זי איצט אַף פרעמדע אומ־גליקן און אַף איר אייגן ניט־פריילעך לעבן.

אַ גרויסער עולם האָט זיך געשטופּט פאַר דער שול. ניט אַזוי דער חזן מיט די אויפגעפּוצטע משוררים׳לעך אַף די טרעפּ פון דער שול, ווי אַ געוויסער אָטאָמאָביל מיט פיר חברה־לייט האָט געצויגן יעדן איינעמס אויפמערק־זאַמקייט.

— אָט דאָס איז ער, דער „גוטער איד”.

— ווער? ווער?

— אָט יענער מיטן אָפּגעריסענעם אויער.

— ס'א משל, דאָס איז דאָך מעכעלע, מאיק, איטשע מאיר'ס תכשיט, דעם ליכטיקן גן־עדן זאָל ער דאָרטן האָבן.

— אָט דאָס איז דער מאיק?

— און אָט יענער מיט די לאַנגע אויערן איז מויש, שמערל דעם פּעד־לער'ס אַ זון, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל יענער אויך האָבן.

— די אמת'ע קינדער האָבן זיי שוין נאָך זיך געלאָזט, — באַדויערט איינער פון עולם.

— אַזוינע קינדער זאָלן אויסגעטריקנט ווערן באַ דער מאַמען אין בויך.

אָבער דאָך, ווען דער חזן האָט אָנגעהויבן די „מלא" האָב פיל פרויען זיך געשנייצט די נעזער און פאַרגאָסן טרערן. די משוררים האָבן צעטראָגן דעם „מלא" אַף טעלערלעך (מאיק האָט אַנדערש ניט געוואָלט, נאָר מיט משוררים'לעך). יעדעס וואָרט, וואָס דער חזן האָט אַרויסגעזאָגט, האָבן זיי איבערגעזונגען, זיך אומגעקערט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צו יעדן קלאַנג און זיך אויסגעשפּרייט מיטן געזאַנג איבערן גאַנצן בלאָק און איבער די נאָענטע בלאָקס.

דערנאָך האָט אַ בעל־דרשן געמאַכט אַ הספד. אַ פרייליך בעל־דרשנ'דל פון לודלאָו סטריט מיט אַ גרוי בערדל און מיט אַ שטעקעלע. ער פאַרנעמט זיך אויך מיט שדכנות, דער דאָזיקער בעל־דרשן. אָבער דאָס איז בלויז אַ ביי־זאַך. דער עיקר האָט ער ליב זיך אַליין צו הערן דרשנ'ען פאַר גרויסע מאַסן (אַז אַ בעל־דרשן זאָל מאַכן אַ הספד, איז אויך געווען מאיק'ס קאַפּריז). דער בעל־דרשן אַליין האָט אפילו היימי'ן פערזענלעך ניט געקענט און וויניק וואָס געוואוסט וועגן זיין לעבן. אָבער דאָס איז באַ אים אַ קלייניקייט. וואָס ער האָט גאָדאַרפט וויסן איז: זיין אידישן נאָמען און זיין מאַמעס נאָמען, האָט ער שוין דערלאַנגט די אמת'ע דרשה.

„וויינען און קלאָגן דאַרפן מיר נאָך חיים בן שרה איטע" — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ קלאָגנדיקער שטימע — „דעם יונגן בוים, וואָס איז אוועק־געריסן געוואָרן פון לעבן פאַר דער צייט. ווי איז צו אונז, וואָס ער איז שוין ניטאָ מער מיט אונז. חבל על דאבדין ולא משתכחין, ווי איז צו די, וואָס ווערן פאַרלוירן און מיר קענען זיי גאָר ניט פאַרגעסן..."

שפּעטער, ווען דער בעל־דרשן האָט זיך נאָך מער צעוואָרעמט, האָבן שוין אַלע פאַרזאַמלטע פרויען געוויינט, און אפילו די מאַנצבילן איז אויך געוואָרן אומעטיק. ס'איז שוין ניט געווען קיין פראַגע וועגן היימי'ן. ס'איז געווען דער אומגליק פון טויט, וואָס רייסט אַוועק מענטשלעכע לעבנס.

בלויז די מאַמע שרה איטע אַליין האָט ניט געוויינט. זי האָט זיך שוין

נענוג אַנגעווייגט פאַר דער לויה, אַז איר איז שוין מער ניט נעבליבן קיין איין טרער. מען האָט אַפילו ניט געוואוסט, אַז זי איז זיין מאַמע. זי האָט זיך דוקא געוואָלט מאַכן אַ וועג גלייך צום חזן אַף די טרעפּ. האָט איינער פון עולם אָנגעשריען אַף איר: „וואוהין שטופּט איר זיך, אידענע?" — האָט זי זיך דערשראָקן און איז געבליבן אין איינגעפּרעסטע צווישן עולם. זי האָט כאָטש געוואָלט קוקן אַפן בעל־דרשן, האָט מען איר אויך ניט געלאָזט. מען האָט זי פאַרשטעלט מיט די הויכע פּלייצעס. יעדער איינער פון עולם איז געווען העכער פון איר, דער קלייניקער און אויסגעדאַרטער. אַ גליק כאָטש, וואָס בעניטאַ האָט זי באַמערקט, איז ער אַרויס פון אַטאָמאָביל אין זיין לאַנגן שוואַרצן ראָק מיטן האַרטן קאַפּעליוש, זי אָנגענומען בײַ דער האַנט, זי אַרײַנגעפירט אין אַטאָמאָביל און זי געזעצט לעבן זיך. האָט זיך פאַרשעמט שרה־איטע, וואָס איר זון איז טויט און זי זיצט אין אַזאַ שיינעם אַטאָמאָביל ווי אַ פּריצ'טע. אָבער זי איז שוין געבליבן דאָרטן, ווייל ס'איז געווען אַזוי באַקוועם צו זיצן אַף דעם ווייכן קישעלע. זי איז נאָך גאָר קיינמאָל ניט געזעסן אין קיין אַטאָמאָביל. ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן, אַז זי זיצט אַף אַזאַ געהויבענעם פּלאַץ.

דער טויטער וואָגן רירט זיך. היימי פאַרלאָזט קלינטאָן סטריט. מען פירט אים איצט צו אַ נייער היים. ערשט איצטער וויינט די מאַמע איבער די פרעמדע גאַסן פון ברוקלין. זיצנדיק אין אַטאָמאָביל איז איר געשמאַק צו וויינען. צוויי אַטאָמאָבילן פאָלגן נאָך דעם טויטן־וואָגן. אין ערשטן אַטאָ־מאָביל — היימי'ס געטריי גוטע־פריינט, אין צווייטן — אויך פריינט. די פריינט פון די ביר־שלאַכטן, טראָק־טרייבער און ביר־באָגלייטער, מאַיק'ס הייסע אָנהענגער. מיטן פּנים צוגעפּאַלן צום אַטאָמאָביל־פענצטערל, וויינט שרה איטע. זי קוקט אַרויס אַף די פרעמדע גאַסן און ס'טוט איר זייער ווי דאָס האַרץ, וואָס מען פירט איר קינד אַף פרעמדע לאַנגע גאַסן.

זיי פירן אַ חבר אַפן בית־עולם. זיצן זיי, די קלינטאָנער, ערנסטע און פייערלעבע, מיט שטייפע פּלייצעס. זעקס חברים זיינען זיי געווען. איצטער זיינען זיי פינף. דאָס הייסט פיר, ווייל לואי ליגט נאָך אַלץ אין שפּיטאָל. טרויערן זיי נאָך אַזאַ געטרייען איבערגעגעבענעם פריינט. אָבער דאָס לעבן מוז אָנגיין און מאַיק האָט שוין אויסגעאַרבעט דעם גאַנצן פּלאַן. ער מוז דאָס טאָן, ווייל ספּאַרקי האָט אים טויטלעך באַליידיקט, אים געשלאָגן מיט די הענט גלייך אין פּנים אַריין. פאַר אַלעמען אין די אויגן האָט ער אים געשלאָגן, ווען ער איז אים געקומען אָנזאָגן וועגן די פאַרלוירענע ביר־טראָקס. אַלע, וואָס האָבן געקענט מאַיק'ן, האָבן זיך שוין גערייכט, אַז

ספארקי וועט דערפאר באצאָלן. מען האָט גערעדט מיט גרויס אינטערעס, און מאַיק האָט געוואוסט, אַז מען וואַרט. טויט אָדער לעבן, ער טאָר ניט פאַרפלעקן זיין גוטן נאָמען. ער האָט שוין דעם גאַנצן פּלאַן און בענעדיקט וויינבערג דערמוטיקט אים צו דעם. פאַרנדיק אַזוי לאַנגזאַם, איבער דעם גרויסן וועג צום בית־עולם, האָט ער מיט זיי אַרומגעשמועסט דעם גאַנצן ענין. בוטשי׳ן איז גלייך קאַלט געוואָרן אין בויך, ווען ער האָט זיך דער־וואוסט, וואוהין מאַיק צילט. ער וועט זיך שוין מוזן אַנטרינען, בוטשי, כדי צו פאַרטרייבן די קעלט. מויש האָט אָנגענומען די נייעס מיט פרייד. די גרויע אויגן זיינע האָבן אַזש אויפגעלויכטן. ער האָט אויך צוגעזען די גרויסע שאַנדע, ווי ספּאַרקי האָט געשלאָגן דעם מוסטער־מענטשן זיינעם, מאַיק׳ן, און ער אַליין האָט גאָר געטראַכט פון נקמה, אפילו אָן מאַיק׳ס וויסן.

— יאָ, מאַיק, מיר וועלן דאָס טאָן, — האָבן זיך אַלע זיינע פרישטשעס צעפייערט.

— און אפשר וואָלטן מיר צוגעוואַרט, ביז לואי וועט געזונט ווערן און אַרויס פון שפּיטאָל? — האָט בוטשי כאָטש געוואָלט אָפּ אַ שטיקל צייט אָפּלייגן די דאָזיקע געפערלעכע אונטערנעמונג.

דערויף האָט מאַיק געענטפערט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין צייט, אַז מען מוז דאָס טאָן גלייך, טאַקע מאָרגן, ווייל נאָכדעם וועט זיין צו־שפּעט. וועגן בענעדיקט וויינבערג׳ס מיינונג איבער דעם ענין האָט ער אויך דערציילט די גוטע פריינט, כדי זיי זאָלן אַליין זען, אַז נאָך מענטשן זיינען פאַראינטערעסירט אין דער זאַך. בענעדיקט וויינבערג האָט אים טאַקע ניט געזאָגט דירעקט, נאָר מיט קרומע וועגן, אָבער ער, מאַיק, האָט שוין פאַרשטאַנען. זיי דאָרטן אין דער פּאַרטיי דאַרפן שוין ניט האָבן ספּאַרקי׳ן, ווייל עס גייט אַרויף אָפּן בענקל אַן אַנדער באָס און ספּאַרקי איז נאָך אַן אָנהענגער פון אַלטן באָס. מאַיק האָט איצט אַ גרויסע געלעגנהייט און ער וועט די געלעגנהייט ניט דורכלאָזן.

:: :: ::

דער פרישער קבר האָט שוין געוואַרט מיט דעם בערגעלע ערשט־אויס־געגראָבענער פייכטער ערד. אַן אַנדער חזן, ניט דער פון קלינטאָן סטריט, נאָר אַן אָנגעשטעלטער פון בית־עולם, האָט נאָכאַמאָל געמאַכט אַ „מלא״, ווען מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם ארון אין גרוב. דערנאָך האָט דער חזן געהייסן מאַיק׳ן אַרויפוואַרפן אַ לאָפּעטע ערד אָפּן אָרון. האָט דאָס מאַיק זייער פרום געטאָן. דערנאָך האָט דאָס געטאָן מויש, בוטשי און בעניטאָ

מיט דער זעלביקער פּרומקייט. מען האָט אויך מכבד געווען די איבעריקע גוטע פריינט פון צווייטן אַטאַמאַביל. נאָכדעם האָבן פרעמדע צוויי מענער אָנגעהויבן צו וואַרפן די ערד אין גרוב גיך־גיך און מען האָט צוגעדעקט הײמי׳ן אין קאַסטן. מאַיק׳ן האָט דאָס אַ ריס געטאָן באַם האַרצן, ווען די ערד איז געוואָרן גלייך. ער האָט געפילט, ווי ער צעוויינט זיך, איז ער תיכף אַריין אין אַטאַמאָביל, די חברה נאָך אים און מען האָט אַפילו פאַרגעסן, אַז זיי לאָזן איבער די נידערגעשלאָגענע שׂרה־איטע׳ן. ערשט ווייט לעבן וויליאַמס־בורג, האָט זיך מאַיק דערמאָנט, אַז מען האָט פאַרגעסן אין הײמי׳ס מאַמען, אָבער אומקערן זיך צוריק האָט זיך שוין ניט געלוינט און מען איז שוין געפאָרן גלייך.

— קומט. שוין, — האָט איינער פון די גרעבער אַ מאַך געטאָן צו שׂרה־איטע׳ן.

— שוין ? — האָט זי איבערגעפרעגט און ניט געוואוסט, וואָס שוין.

די גרעבער זיינען אַפּגעגאַנגען. דעם זון׳ס קבר גלאַנצט מיט פייכטער געלער ליים. אַרום־און־אַרום מצבות אָן אַ שיר. לאַנגע גאַסן מיט מצבות. די זון שיינט. אַ האַרבסטיקע שמעקנדיקע זון. דער הימל לויפט אַוועק זייער ווייט.

# בוטשי און זיין טאַטע דער חלוש

היימי האָט זיי שטאַרק אויסגעפּעלט. זיין קלוג קעפּעלע וואָלט שוין אויסגעקלערט עפּעס אַ גלאַט מיטל, ווי אַזוי אויסצומיידן צופּיל געפּאַר. די פיר גוטע פריינט פון קלינטאָן סטריט האָבן אַ גאַנצן טאָג שוין ניט געגעסן. דער מאָגן האָט ניט געוואָלט צונעמען קיין שפּייז. אַפילו מויש האָט זיך ניט צוגערירט צו קיין עסן. דער טאָג איז געווען לאַנג און אויסגעצויגן, און אַלע גאַסן זיינען געווען אָנגעלאָדן, און אַלע מענטשן, וואָס מען האָט באַגעגנט, האָבן אויסגעקוקט אַנדערש. אַקוראַט, ווי זיי וואָלטן געוואוסט, וואָס מאַיק מיט זיינע פריינט קלייבן זיך אָפּצוטאָן.

בוטשי'ן האָבן אָנגעהויבן ווײ צו טאָן די ציינער. ס'האָט אים קיינמאָל קיין איין צאָן ניט ווײ געטאָן. איצטער האָבן אים געשמאַרצט אַלע ציינער. ער איז אַ גאַנצן טאָג איבערגעלעגן אַף קלינטאָן סטריט אין זיין טאַטע־און־מאַמע'ס הויז.

די מאַמע זיינע, די פולע צעשוואומענע אידענע מיט די משונה'דיקע גראָבע פיס, אויפגעלאָפענע פון רומאַטיזם, האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט איר זון'ס וויזיט. שוין אים ניט געזען אַ שיינע פּאָר חדשים. ער האָט זי אָבער געטריבן פון זיך, ווען זי האָט אָנגעהויבן מיט אירע ליבעס־אויסגוסן צו איר גרויסן ריזיקן זון מיט די פאַרלאָפענע וואָרגעס. אַ זון, פאַר וועמען די סטעליע פון הויז איז צו נידעריק. געבוירן האָט זי דעם דאָזיקן ריזיקן זון מיט איר מאַן, דעם חלוש, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אַלע יאָרן זיינע מיט אַ פאַרבונדענעם האַלז.

דער טאַטע, דער פּעדלער, האָט איבערגעלאָזט דעם פּושקאַרט מיט די עפּעלעך, ווען די ווייב האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז בוטשי איז דאָ אין הויז. זי האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך פרייען מיט דער דאָזיקער בשורה. אָבער ער האָט זיך שוין גאָרניט געפרייט. ער איז אַרויסגעלאָפן צום זון, ווי אַ רוצח. די גאַנצע גאַס דערציילט זיך אָן וועגן זיינע שענדלעכע מעשים. אַלע פּעדלערס שושקען זיך וועגן אים. ער וועט אים שוין רעכט דערלאַנגען, דעם זון. דער שוואַכינקער טאַטע מיטן פאַרבונדענעם האַלז איז געוואָרן מיטאַמאָל קרעפּטיק, ווי אַ לייב. אַרויפגעשפּרונגען די טרעפּ גיך און פלינק, אַריין אין הויז און גלייך אָנגעהויבן צו שרייען אַף זיין זון, וואָס איז געלעגן

צעליינט אין בעט מיטן אַנטאָן, מיט די שטויביקע שיך.

— וואָס דאַרפסטו גאָר איננאַנצן האָבן דאָ אין הויז, דו קוילער איינער, — לאָזט ער זיך גלייך צום זון אָן מורא.

— אַ, טריקן אויס! — זאָגט בוטשי צום טאַטן אין זיין גאַסן־שפּראַך, און קוקט זיך אפילו ניט אום אַף אים.

— צו אַ טאַטן רעדט מען אַזוי, דו בורמילע איינער, — שרייט ער מיט אַ קוויטשנדיק קול'כל און טופּעט מיטן פוס. — וואָס ביזטו גאָר אינ־גאַנצן געקומען אַהער, און ווער דאַרף דיך האָבן, אַז דו ביזט גאָרניט מיין זון.

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט זיך בוטשי אויפגעזעצט אַזא נעבעכדיקער.

— אַרויס פון מיין הויז! — לויפט דער טאַטע כאַפּן אַ שטיק האָלץ. — די מינוט זאָלסטו אַרויס פון מיין הויז!

ווען בוטשי'ס מאַמע זאָל זיין דערביי, וואָלט זי שוין ניט געלאָזט איר מאַן שרייען אַף איר ליבן זון, אַף איר טייערן בוינעמל. („בוינעמל" האָט זי אים גערופן). איז די מאַמע ניטאָ דערביי און דער טאַטע פאַרגינט זיך צו בושעווען. ער טראַכט אפילו אַף קיין איין מינוט ניט איבער, אַז דער ריזיקער זון קאָן אים מיט איין בלאָז אַוועקלייגן. ער האָט אים געקאַטעוועט קליינערהייט, איצטער וועט ער אים אויך קאַטעווען.

— די מינוט זאָלסטו זיך פאַרנעמען פון מיין הויז! — שטייט שוין דער טאַטע איבער אים מיט אַ שטיק האָלץ, גרייט צו דערלאַנגען.

בוטשי קוקט אַפן טאַטן מיט גרויסע רחמנות'דיקע אויגן. ער ווערט זיך ניט קעגן טאַטן. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געווערט, ווען דער שוואַכינקער טאַטע פלעגט אים אינגלוויז אום'ברחמנות'דיק קאַטעווען. איצט ווערט ער זיך אויך ניט. אַזוינע אומעטיקע אויגן באַם זון, און דעם טאַטנס כעס ווערט אויסגערונען. ער דאַרף זיין קראַנק, דער דאָזיקער רוצח, גיט דער טאַטע אַ טראַכט. קיינמאָל האָט ער אים נאָך ניט געזען מיט אַזוינע טרויעריקע אויגן.

— נו, דו גייסט? — איז דער טאָן באַם טאַטן שוין שוואַכער, אָבער ער פאָכעט נאָך אַלץ מיטן שטיקל האָלץ, בלויז פון יוצא וועגן.

דער זון אָבער רירט זיך ניט. ס'איז אים שטאַרק ניט גוט. ווען ער קאָן דערציילן זיין טאַטן, וואָס ס'קוועטשט אים, וואָלט ער זיך גאָר מחיה געווען. אפשר וואָלט שוין דער טאַטע געפונען אַן עצה. אָבער, ווי קאָן מען צו אַ טאַטן ריידן וועגן אַזעלכע זאַכן? אַ חוץ דעם מוז דאָס מויל זיין פאַרשלאָסן און פאַרריגלט. קיין שום מענטשלעכע באַשעפעניש טאָר וועגן דעם זיך ניט דערוויסן.

דער טאטע ליגט אוועק דאָס שטיק האָלץ. די גאַנצע גבורה האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. ער איז אַראָפּ צום פּושקאַרט און געזאָגט צו זיין ווייב:

— גיי אַרויף צו אים. מיר דאַכט זיך, אַז דיין זון איז קראַנק.

— קראַנק זאָגסטו? — דערשרעקט זיך די מאַמע און לויפט אַרויף אָן אָן אָטעם צום זון.

— וואָס איז דיר, בוינעמל? — פאַלט זי צו אים צו מיט גרויס געטריישאַפט.

— אָ, מאַ, לאָז מיך אָפּ! — טרייבט ער זי אָפּ.

אַ פּליסיקייט רינט אים פון מויל און ער שפּייט און שפּייט. אַ גאַנץ ריטשקעלע האָט ער שוין אָנגעשפּיגן לעבן בעט. די ציין שמאַרצן אים גע־פערלעך. צו דער מאַמען האָט ער גאָר אינגאַנצן ניט געוואָלט רעדן. פאַר־נאַכט ערשט האָט זיך בוטשי אויפגעהויבן און זיך געלאָזט אַרויסגיין.

— וואוהין איז, בוינעמל?

— אָ, איך דאַרף ערגעץ.

ער איז אַריין צו באַשע'ן, דער רומענערין, געהייסן זיך געבן אַ פּאָר שנעפּסלעך. ס'האָט אים צום אַלעם ערשטן געדראָזשעט פון דעם שאַרפן טרונק. נאָכדעם האָט דאָס אָנגעהויבן צו וואַרעמען. אין קאָפּ האָט אָנגע־הויבן רוישן, אָבער אינגאַנצן גוט איז נאָך אַלץ ניט געוואָרן. צו אַ ריזיקאַלישע אונטערנעמונג, אַז דער שנאַפּס זאָל אים קאָנען קרעפטיקן. ער איז געווען בייז אָף מאַיק'ן. ווייל וואָס מיינט זיך דער דאָזיקער מאַיק. ספּאַרקי'ס נאָמען אַליין וואַרפט אָן אַ ציטער, און ווער איז ער, דער דאָזיקער מאַיק, וואָס נעמט זיך אונטער צו טאָן אַזאַ זאַך. ער לאָזט ניט, דער דאָזיקער מאַיק, לעבן רואיק. אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש איז בוטשי. פאַרפאַלן איז זיין לעבן, און ער לאָזט זיך מיט גרויס פאַרצווייפלונג צו דעם באַשטימטן פּלאַץ, וואו די גוטע פריינט האָבן זיך געדאַרפט טרעפן.

# בעניטאַ און זיין טאַטע סילוועסטראָ

בעניטאָ האָט אַ גאַנצן טאָג געשמייכלט מיט זיינע ווייסע ציין און מיט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן. צו יעדן פרעמדן אַף דער גאַס האָט ער געשמייכלט מיט פריינטשאַפט, מיט אונטערטעניקייט, מיט העפלעכקייט. ער האָט געוואָלט, אַז יעדער איינער זאָל אים ליב האָבן אין דעם טאָג. קיינער זאָל גאָרניט האָבן עפּעס אויסצוזעצן קעגן אים, ווייל ס'דאַרף קומען די נאַכט פון משפט און ס'איז אַ שרעקלעכער געפיל.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גאַראַדזש. ס'איז באַ אים דער גרעסטער צייט־פאַרטרייב צו קוקן, ווי מען פאַרעט זיך לעבן אָטאָמאָבילן, ווי מען פּאָמפּעט זיי אָן, ווי מען וואַשט זיי, ווי מען שויבט זיי. דער ריח פון גאַראַדזש איז ווי אַ טייערער פּאַרפיום צו זיינע נאָז־לעכער. די מענטשן אין די אָוועראָלס, וואָס פּאָרען זיך אַרום די אָטאָמאָבילן, זיינען זייער וויכטיקע מענטשן אין זיינע אויגן. ער וואָלט אויך געוואָלט זיין איינער פון זיי. ער שמייכלט צו זיי מיט באַגייסטערונג און אָנערקענונג. ער האָט שוין פאַרגעסן די שרעק און איז אינגאַנצן געווען פאַרכאַפּט פון דער דאָזיקער קלוגער און וויכטיקער אַרבעט.

פאַרנאַכט־צו, ווען ער איז אַוועק פון גאַראַדזש, איז אים ווידער געוואָרן ניט גוט. ער איז אַוועק אַף קלינטאָן סטריט זיך זען מיט זיין טאַטן. שטענדיק פאַר די לעצטע זעקס יאָר, אַז ער האָט זיך געדאַרפט לאָזן אַף געפערלעכע עקספּעדיציעס, פלעגט ער אַוועק צום טאַטן זיינעם, זיך פאַרנויגן פאַר אים און אויסריידן מיט אים אַ פּאָר ווערטער. ער איז איצט אויך אַוועק. געטראָפן, ווי שטענדיק, דעם טאַטן זיינעם, סילוועסטראָ'ן, אַף דעם זעלביקן פּלאַץ, אַ פאַרמאַזשעטן, מיט שמייכלענדיקע ציין צו יעדן פאַרבייגייער.

סילוועסטראָ האָט זיך מיטן זון שטאַרק דערפרייט, אים געגעבן אַ הייסע זיסע קאַרטאָפליע. האָט זי געבריט דעם זון אין דער האַנט, אָבער ער האָט זי ניט אָנגעביסן, געשמייכלט צום טאַטן און געפרעגט:

— וואָס מאַכסטו, פאָטער?

— אַ דאַנק, אַ דאַנק זון, — האָט דער טאַטע געפרייט זיך, וואָס דער זון גיט אים אָפּ אַזוי פיל כבוד.

— נאַ דיר אַ ביסל געלט, — האָט בעניטאַ אויסגעשטרעקט צום טאַטן אַ פּאָר גרינע פּאַפּירלעך.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, זון, — האָט דער טאַטע כלומרשט ניט געוואָלט נעמען. אָבער דאָך זיי יאָ גענומען, זיי ניט איבערגעציילט און גלייך זיי אַריינגערוקט אין קעשענע.

—אַ גוטע נאַכט, פּאַ, — האָט זיך דער זון פאַרנויגט פאַרן טאַטן.

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט, — האָט סילוועסטראָ ברייט געשמייכלט צום זון.

בעניטאָ איז אַוועק, אַ געשטאַרקטער און געקרעפטיקטער, צום באַשטימטן פּלאַץ.

# מאַיק און די ציגיינערקע

אונטער דעם בריק, אַף דעלענסי סטריט קאָרנער שעריף, האָט זיך אין אַ לײדיקער קראָם אַריינגעצויגן אַ ציגיינערישע משפּחה. דאָס פענצטער איז דאָרטן געווען כמעט אַזוי גרויס ווי אַ טיר. האָבן דאָרט ליב געהאַט צו שטיין חנ׳עוודיקע קליינע ציגיינערלעך מיט צוגעפּלעטשטע נעזלעך צום גלאָז און שמייכלען צו די פאַרבייגייער.

אינעווייניק איז די קראָם געווען צעטיילט אינצווייען. אַף דעם דיל פון ערשטן צימער זיינען געווען אָנגעלייגט קישעלעך און בעט־געוואַנט. די ווענט זיינען געווען באַהאַנגען מיט קאָלירטע אויסגענייטע האַנטיכער. אין צווייטן צימער איז געווען גאָר אַ געהיימע פינצטערניש. דאָרטן איז פאָרגעקומען דאָס טרעפן פון יעדן איינעמס צוקונפט, געגנוואַרט און פאַרגאַנגענהייט.

די מאַמע־ציגיינערקע מיט גרויסע רינגען אונטער די אויערן, מיט אַ קאָלירטער שאַל אַפן קאָפּ, מיט אַ גרינער קלייד און רויטן קאַפּטל, איז געזעסן אַף דער שוועל פון קראָם און אַרויסגעקוקט אַף קונים. זי איז געווען אַ באַרימטע טרעפערקע אין דעם געגנט. געבראָכענע הערצער האָבן זיך געצויגן צו איר מיט פאַרשעמטע פּנימ׳ער. אַז מען איז געקומען צו איר, האָט זי אַריינגענומען אין צווייטן צימער, צווישן דער געהיימער פינצטערניש, געהייסן אַרויפלייגן אַ האַלבן דאָלאַר אַף דער האַנט, האָט זי געקוקט אַף דער האַנט מיטן האַלבן זילבערנעם דאָלאַר און גלייך געכאַפּט יענעמס פאַרגאַנגענהייט און באַלד זיך אַריבערגעטראָגן אין יענעמס נאָענטער און ווייטער צוקונפט. אָן דעם זילבערנעם האַלבן דאָלאַר האָט זי זיך ניט געקאָנט רירן פון דאַנען אַהין. די גאַנצע נבואה האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן.

מאַיק און מויש האָבן זיך אַ פּאָר מאָל דורכגעדרייט פאַר דער קראָם און זיך געשעמט אַריינצוגיין. זי האָט צו זיי געוואונקען מיט גרויסע לוסטיקע ציגיינערשע אויגן. אָבער זיי האָבן זיך געשעמט, די צוויי פריינט. ענדלעך האָט מאַיק זיך גוט אַרומגעקוקט, צי עמיצער פון זיינע באַקאַנטע זעט אים ניט, און ער איז אַריין אינעווייניק מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים. מויש איז געבליבן אינדרויסן. די ציגיינערקע האָט אַריינגעפירט מאַיק׳ן אין צווייטן צימער, וואו בלויז אַ רויט לעמפּעלע האָט געברענט אין אַזאַ געדיכטער פינצטערניש, און זי האָט אים געהייסן זיך אַנידערזעצן אונטער דעם דאָזיקן רויטן לעמפּעלע.

מאיק האָט ווי אַ גוטינקער אינגל געפאָלגט, זיך אַנידערגעזעצט מיט אַ קלאַפּנ־דיק האַרץ און געוואַרט, אַז זי זאָל גלייך אָנהויבן צו טרעפן.

— גיב מיר דיין האַנט, — האָט די ציגיינערקע זיך אָנגערופן שטרענג.

מאיק האָט אויסגעשטרעקט אַ ציטערדיקע האַנט.

— לייג אַרויף אַ דאָלאַר אויף דער האַנט, — האָט די ציגיינערקע גלייך געטראָפן, אַז באַ דעם דאָזיקן בחור דאַרף מען פאַרלאַנגען ניט קיין האַלבן, נאָר אַ גאַנצן דאָלאַר.

האָט שוין מאיק אַוועקגעלייגט אַ גאַנצן דאָלאַר אויף זיין האַנט און דעמאָלט האָט זי שוין באַקומען דעם כוח פון איר נבואה. אַריינגעקוקט טיף, טיף אין די שטריכן פון זיין האַנט און זיך אָנגערופן:

— אוי, אָ, — מאַכט זי און דערשרעקט זיך אַליין פאַר דעם, וואָס זי זעט, — אַ געפערלעכע רייזע דאַרפסטו דורכמאַכן.

— אַ געפערלעכע רייזע? — פרעגט איבער מאיק און דערשרעקט זיך פאַרן וואָרט „געפערלעכע”. יאָ, מאַמע, פונוואַנעט ווייסט זי? — אַ געפער־לעכע רייזע דאַרף ער טאַקע היינט אָוונט דורכמאַכן.

— אָבער דו וועסט איבערקומען די געפערלעכע רייזע אין פרידן, — ווערט איר פּנים מילד, ווען זי זאָגט דאָס וואָרט „אין פרידן”.

— אין פרידן? — פרעגט איבער מאיק ווי אַ קליין קינד.

— וואָס זע איך ווידער? — דערשרעקט זיך שוין ווידער די וואָרזאָגערין.

— וואָס זעסטו? — דערשרעקט זיך אויך מאיק.

— איך זע אַ בלאָנד מיידל אויף דיין לעבנס־וועג, — שטעלט זי אָן שטוינענדיקע אויגן אויף זיין האַנט, אַקוראַט ווי זי וואָלט טאַקע דערזען באַלד אויפן פלאַץ דאָס בלאָנדע מיידל.

— אַ בלאָנדע מיידל? — וואונדערט זיך מאיק. ער ווייסט ניט פון קיין בלאָנדער מיידל, אָבער אַז די ציגיינערקע זאָגט אַזוי, מסתמא ווייסט זי שוין פון דער בלאָנדער מיידל.

— נו, נו, — מאַכט ער צו איר און וויל שוין הערן נאָך עפּעס וועגן זיין צוקונפט.

— יאָ, דאָס בלאָנדע מיידל וויל דיך שטאַרק, — דערלאַנגט זי ווייטער איר נביאות.

— אַ בלאָנדע מיידל וויל מיך? — ווערט אים שוין דאָ קשה. ניט ער ווייסט פון אַ בלאָנד מיידל, ניט ער האָט באַגעגנט אַ בלאָנד מיידל.

— אָבער אַ שלעכטער מאַן איז דאָ אינמיטן, — דערשרעקט זי זיך, די וואָרזאָגערין.

— א שלעכטער מאַן ? ווי אַזוי קוקט ער אויס ? — דערשרעקט זיך אויך מאַיק.

הויבט די וואַרזאַגערין אָן צו מאָלן דעם שלעכטן מאַן אין סימבאָלישע רייד, כדי מאַיק זאָל זיך אַליין אָנשטויסן. ווייל אויב עס איז טאַקע דאָ א שלעכטער מאַן, ווייסט דאָך מאַיק בעסער פון איר, ווי אַזוי ער קוקט אויס. דערנאָך האָט די נביא'טע פלוצלונג דערזען א טייך אַף מאַיק'ס האַנט, און אַז זי האָט דערמאָנט דאָס וואָרט „טייך", האָט מאַיק אַליין שוין איינגעזען, אַז זי זאָגט דעם אמת, און אַז זי ווייסט אַלצדינג.

— און בלויז דורכן טייך וועסטו קריגן דיין גליק, — האָט זי פאַרענדיקט איר נבואה.

— א וועלכן טייך ? — וויל מאַיק וויסן גענוי דעם נאָמען פון טייך.

קאָן זי ניט זאָגן א וועלכן טייך. זי קאָן אים ניט אָנרופן באַם נאָמען, אָבער אויסמאָלן דעם טייך קאָן זי יאָ.

— אַ, אַ, — צעוויגט זי זיך און הויבט אָן צו דעקלאַמירן. — א טייך מיט שווארצע וואסערן, מיט א גרויסן בריק. אוי, ווי גרויס דער בריק איז, זייער גרויס.

זי האָט אים שוין ריכטיק אויסגעמאָלן דעם דאָזיקן טייך, וואָס אויב עס איז ניט איבער איסט־ריווער, איז דאָס זיכער איבער הארלעם־רייווער, אָדער גאָר אינגאַנצן איבער בראָנקס־ריווער, אָדער אפשר טאַקע איבער דעם האָדסאָן אַליין.

מאַיק האָט שוין געזען, אַז זי איז גערעכט, ווען זי האָט דערמאָנט א בריק איבערן וואסער. ס'איז אים געוואָרן וואַרעם פון דעם, האָט ער איר דערפאַר א וואָרף געטאָן נאָך א פּאָר גרינע פּאַפּירלעך און איז אַרויס א דער־מוטיקטער פון דעם דאָזיקן מיסטעריעזן פּלאַץ.

דער לעצטער פרידלעכער וויזיט זיינער, מאַיק'ס יענעם טאָג איז געווען בא בענעדיקט וויינבערג'ן אין אָפיס. מאַיק האָט געוואָלט הערן פון בענע־דיקט'ס מויל קלאָר און דייטלעך, וואָס יענער וויל, און צו וואָס טרייבט ער.

— וואָס ווילט איר זאָל איך טאָן פאַר אייך ? — טרעט מאַיק צו גלייך צום ענין.

— א דאַנק, א דאַנק, — איז בענעדיקט העפלעך. — וואָס אָנבאַלאַנגט מיר פערזענלעך, וויל איך גאָרניט פון דיר.

— וואָס־זשע דען האָסטו מיר געזאָגט... — שטאַמלט מאַיק און קאָן דאָ ניט פאַרשטיין די שפּיל.

— איך האָב בלויז אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, — גיט בענעדיקט לייטיש

אַ מאַך מיט זיין הענטל, — אַז דו וואָלסט זיך ניט געדאַרפט לאָזן פירן פון ספּאַרקי'ן, ווייל וואָס איז ער, אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. מיטן איצטיקן באָס פון דעם דיסטריקט, איז ער אפשר יאָ אַן עפּעס, דער ספּאַרקי, אָבער אַן אים, האָט ער אפילו ניט די ווערט קיין צוויי סענט.

— וואָס־זשע דאַרף איך טאָן ? — וויל מאַיק וויסן באַשטימט.

— דאַרפסט אַליין וויסן, וואָס דו דאַרפסט טאָן. ביזט ניט קיין אינגעלע, מען קאָן זיך שוין אויף דיר רעכט פאַרלאָזן, — גיט בענעדיקט אונטער מוט.

— פאַרוואָס וויל מען אַראָפּוואַרפן דעם איצטיקן באָס ? — פּרובירט מאַיק אויף אַן אַנדער וועג, ווייל עס איז אים אַלץ נאָך ניט קלאָר דער גאַנצער ענין.

— אַ, כ'וויים פאַרוואָס ? — וויל זיך בענעדיקט אַרויסדרייען פון אַ דירעקטן ענטפער.

— דריי ניט מיט דער צונג, — איז שוין מאַיק אין כעס. — איידער כ'גיי אָפּטאָן דעם דזשאַב, וויל איך וויסן מיט וועמען איך האָב דאָ צו טאָן.

— קיינער שיקט דיך ניט אָפּטאָן דעם דזשאַב, — איז שוין בענעדיקט אויך אין כעס, — דו טוסט דאָס פאַר קיינעם ניט. טוסט דאָס פאַר זיך. נאָר אַזוי ווי איך קאָן דיך פון קליינערהייט אָן, און איך גלייך דיך, האָב איך דיר אויסגעזאָגט אַ פּאָר סודות. אָבער דאַרפסט מיך מער שוין גאָר ניט פרעגן. איך האָב דיר גענוג שוין געזאָגט. וועסטו מאַכן גוט, איז דאָס דיין גוטער מזל, און מיר וועלן דיך שטיצן; וועסטו אַריינפאַלן, איז דאָס דיין אומגליק. ניט מיר שיקן דיך, און ניט מיר ווילן עפּעס פון דיר.

האָט שוין מאַיק גאָרניט געוואוסט, און גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס בענעדיקט האָט דאָ צו אים אָנגערעדט. אָבער איין זאַך האָט ער יאָ פאַרשטאַנען, אַז אָט דערנעענטערט זיך די באַשטימטע שעה און מען דאַרף זיך שוין לאָזן אין וועג אַריין.

# ספּאַרקי'ס אידיליע

פרידן און רו. ער זיצט אפן גאניק, ספּאַרקי, און הוידעט זיך אין דער וויג־שטול. אזא קילער ווינט גלעט אים דאָס פעטע פּנים. ער דאַרף זיך שוין ניט ווישן דעם האַלז מיט זיידענע טיכלעך. דער ווינט טריקנט אויס יעדן טראָפּעלע שוויס. ספּאַרקי האָט ליב צו קוקן אפן הויכן באַרג מיט קיילעכדיקן שפּיץ. עס איז שוין סוף זומער. די בוימער ווערן געל און פון דעם וואַלד קלייבט זיך שוין דער זומער אַרויס צוביסלעכווייז. אונטן ליגט דאָס שטעטל, אַ פאַרמער־שטעטל אין די קעטסקילס, מיט אַן אָרעמען הילצערנעם קלויסטער. אַ שטעטל פון איין גאַס בלויז. „סוויט־קאָרן" איז דער פּראָדוקט, וואָס וואַקסט דאָ אַמבעסטן און איז פאַר'שמ'ט איבערן גאַנצן לאַנד. זיי ברענגען אַרויס, די פּאַרמערס, דעם דאָזיקן פּראָדוקט פון זייער שטיינערדיקער ערד מיט גרויס מי און האָרעוואַניע.

אַ שטעטל פון בלויז מיטליאַריקע און עלטערע מענטשן. די יונגנט צעלויפט זיך. זיי יאָגן אַוועק פון דער דאָזיקער האָפענונגסלאָזער אָרעמקייט אין גרויסן ניו־יאָרק און ווערן דאָרטן צעריבן און צעמאָלן אין נאָך אַ גרעסערער אָרעמקייט. ס'איז ניט קיין פּלאַץ פאַר האָטעלן. ווייטער מיט אַ צוואַנציק מייל געפינט זיך דאָס פּלאַץ, וואָס איז געוויינטלעך אין דער צייט באַלעבט מיט טויזנטער שטאָטישע מענטשן, וואָס קומען אַף וואַקאַציע.

זיי האָבן ניט געוואוסט, די דאָזיקע דאָרף־לייט, ווער אַזוינער דער דאָזיספּאַרקי איז — אַ רייכער מאַן, און דאָס אַלעס. זיך אויפגעבויט אַ שיין הויז אפן באַרג, אַריבערגעבראַכט די פרוי און זי איבערגעלאָזט איינע אַליין אין דעם הויז. געקומען אַ פּאָר מאָל אין יאָר אַף אַ באַזוך און זיך אוועקגעפאָרן, ניט אָנקערנדיק זיך מיט די שטעטלשע. די פרוי זיינע האָט זיך שוין יאָ אָנגעקערט. אַלע זונטיק געגאַנגען אין קלויסטער, ביינגעשטייערט פון צייט צו צייט פאַר לאָקאַלע אונטערנעמונגען. אַ פרידלעכע, רואיקע פרוי, וואָס האָט זיך באַליבט געמאַכט צווישן די שכנים.

אין דעם הויז איז דאָס ערשטע מיידעלע געבוירן געוואָרן, און דערנאָך אַ צווייט מיידעלע, און זיי האָבן זיך דערצויגן, די קינדער, אין דער דאָזיקער וואַרעמער נעסט און אפילו ניט געהאַט קיין אָנונג וועגן דער געפערלעכער פּראָפעסיע פון זייער פאָטער. ספּאַרקי'ס פרוי, אַ פולע און אַ קיילעכדיקע,

האָט גאָר מער ניט פאַרלאַנגט, ווי צו זיין אַ גוטע מאַמע און אַ באַלעבאָסטע. פּונקט ווי אַ חיה, וואָס איידער זי דאַרף געבוירן דאָס קינד, קלייבט זי זיך אויס אַ זיכער, רואיק פּלאַץ, אַזוי האָט זי אַ זיכער, רואיק פּלאַץ צו געבוירן קינדער און זיי דערציען.

פרידן און רו. ספּאַרקי זיצט זיך אויף דער וויג־שטול אַ צעבראָסטעטער און וויגט זיך צום קילן ווינט, צום אָפענעם פרייען אינדרויסן. די פרוי זיינע זיצט אַנטקעגן אים און נייט אויס אַ טישטיכל. אירע הענט רוען ניט קיין־מאָל. זי האָט שטענדיק ליב צו טאָן אַן אַרבעט. זיי שווייגן ביידע, מאַן און פרוי. זיי האָבן ניט וואָס צו ריידן צווישן זיך, אפילו ווען ער קומט אַזוי זעלטן. בלויז אַ פּאָר מינוט געדויערן די אַלע רייד, וואָס זי האָט אים מיט־צוטיילן, וועגן הויז, וועגן די קינדער׳ס געזונט און דאָס אַלץ. ער איז צו איר דער מאַן בלויז אויף צו געבן לעבן צו די קינדער און אויף אויסצוהאַלטן דאָס הויז. אַ חיה „ער״, אַ שטאַרקער ער. קיינער ווייסט ניט אין שטאָט, אַז ער האָט אַ ווייב און צוויי קינדער, אַ חוץ אפשר בלויז געציילטע מענטשן פון די גאָר נאָענטע. אַ צוויי מייל ווייטער פון דער הויז געפינט זיך נאָך אַ הויז סאַמע לעבן וועג, וואָס פירט צו ספּאַרקי׳ס עסטייט. דאָרטן האַלטן שמירה זיינע צוויי ליב־וועכטער, וואָס קאָנען אים אָנזאָגן יעדע מינוט דורכן טעלעפאָן וועגן אַ מעגלעכער געפאַר. דאָ הייסט ער ניט „ספּאַרקי״. דאָ הייסט ער מיסטער וויליאַם בוירנס און זיין ווייב הייסט מיסעס בוירנס.

די מיסעס בוירנס ווייסט אויך ווינציק וועגן זיינע אַלע געשעפטן. עפּעס ווייסט זי דאָך, אָבער ניט אַלץ. אַז ס׳קומט דער מאַן, פרייט זי זיך אודאי. זי גרייט פאַר אים צו די באַליבטסטע מאכלים, פּוצט זיך אויס אין די שענסטע קליידער, מאַכט זיך אָנציענד פאַר אים, ער זאָל זי באַגערן.

זיצט זי איצטער אַנטקעגן אים. אין אָנגעפּוידערטע, אַ צוגעקעמטע, מיט אַ פּאָר צוגעקלעפּטע לאָקן אויפן שטערן. זיצט און שטריקט אויס אַ קאָלירט טישטיכל. זי וויל מיט אים ניט ריידן וועגן זיינע געשעפטן אין שטאָט. זי וויל ניט וויסן פון זיי. זי רעדט צו אים וועגן די קינדער.

— און גריים האָט ווידער געבראַכט גאָלע „איים״ — פאַרלויבט זי פאַר איר מאַן זייער עלטסטע טאָכטער.

— גאָלע „איים״! — צינדט ער זיך אָן מיט אַ פּאָטערלעכן שטאָלץ.

— גריים, גריים, — רופט זי.

שפּרינגט אַרויף אויף די טרעפּ אַ פאַררויטלט ניין־יאָריק מיידעלע, מיט קורץ־געשווירענע געקרייזלטע הערעלעך, מיט בלויע טיפע אויגן, מיט אַ באַ־

שפרענקלט נעזל. נאָך איר לויפט נאָך די פיר־יאָריקע גלעדים מיט רויטלעכע האָר, מיט ברוינע אייגעלעך.

— באַווייז דעם פּאַ דיין רעספּעקט, גרייס, — באַפעלט איר די מאַמע.

פאַרשטייט שוין גרייס וואָס מען וויל פון איר און זי לויפט זייער גערן אין הויז אריין. לויפט איר אויך נאָך דאָס יונגע שוועסטערל גלעדים. די קליינע וויל אויך אַנוועזנד זיין, ווען די עלטערע שוועסטער וועט אויפשליסן דעם שופלאָד, וואו דער שטאָלצער שול־באַריכט געפינט זיך. גיט נאָר וויל זי זיין אַנוועזנד, נאָר גאָר אַליין מיט אירע אייגענע הענט אויפשליסן דעם שופלאָד און אַרויסנעמען דאָס וואונדערבאַרע קאַרטל און דאָס באַווייזן צום טאַטן. אַ טאַטע, וואָס איז די גאַנצע צייט ווי אַ לעגענדע. אַן אומפאַרשטענדלעכער טאַטע, וואָס קומט אָפּ אַ ווייל און אַנטלויפט גלייך. די עלטערע שוועסטער לאָזט זי. זי איז גוט צו דער שוואַכערער פון זיך, צו דער אינגערער. די קליינע גלעדים טראָגט אַרויס דאָס שול־קאַרטל מיט אַזאַ שטאָלץ, אַקוראַט ווי ס׳וואָלט געווען אירס.

באַטראַכט ספּאַרקי דעם באַריכט. פרייט זיך מיט זיין טאָכטער׳ס דערפאָלג. זאָגט איר צו, אַז ער וועט איר שיקן פון שטאָט אַ גרויסע מתנה. פרייען זיך די קינדער, פרייט זיך דאָס ווייב און ס׳פרייט זיך ספּאַרקי מיט זיין גרויסן פאַמיליען־גליק.

ספּאַרקי האָט ליב די נאַטור־שיינקייטן. אַליין אַ פאַרמער׳ס אַ זון. ער וועט נאָך אַמאָל אינגאַנצן זיך צוריקציען צו דעם שטילן פרידלעכן פּלאַץ און אָפּלעבן זיינע איבעריקע יאָרן אין דער דאָזיקער באַקוועמער היימישקייט. דערווייל אָבער מוז מען נאָך אָנגיין מיט די „געשעפטן”.

די נאַכט פאַלט אַראָפּ. שווערע פינצטערע וואָלקנס קלייבן זיך פון יענער זייט באַרג. די קינדער האָבן זיך אָפּגעוואַשן און זיצן שוין אַרום טיש. ספּאַרקי, דער האַר פון הויז, זיצט אויבן־אָן. אַ לייטישער טאַטע, און הייבט ניט אָן צו עסן, ביז וואַנעט דאָס ווייב וועט זיך אויך זעצן באַם טיש. זיי האַלטן ניט קיין דינסט־מיידל. ס׳איז דאָ גענוג צייט, און זי האָט ליב צו טאָן די אַרבעט מיט אירע אייגענע הענט. מען עסט וועטשערע פון שיינע טעלער מיט זילבערנע לעפל, גאָפּלען און מעסער. קיין וויין אָדער שנאַפּס קומט ניט אַריין אין הויז, ווייל דאָס ווייב האָט פיינט וויין און אַנדערע אַלקאָהאָלישע געטראַנקען. אַפילו רויכערן מוז ספּאַרקי אָפּ דער ווערַאַנדע און ניט אינעווייניק אין הויז. ספּאַרקי קוויקט זיך מיט די היימישע געקאָכטע מאכלים. ער עסט לאַנגזאַם, כאַפּט ניט, כדי צו ווייזן אַ ביישפּיל פאַר די קינדער. שמייכלט צום ווייב מיט אָנערקענונג פאַר איר קאָך־קונסט.

נאָך וועטשערע האָט יעדע איינע פון די קינדער אַ קוש געטאָן דעם גרויסן גוטן טאַטן, און די מאַמע האָט זיי געפירט שלאָפן. ספּאַרקי אַליין איז זיך אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן און הנאה האָבן פון אַ גוטן סיגאַר.

די מאַמע האָט אויסגעבאָדן די קינדער אין וואַרימער וואַסער. אַרומגעוווּשט מיט ווייכע האַנטיכער, זיי אָנגעטאָן אין די נאַכט־קליידער און זיי געפירט צו זייער שלאָף־צימער. לעבן זייער בעט האָט זי זיי געמאַכט קניען אויף דעם ווייכן קאַרפּעט פון דיל צו זאָגן אַ תפילה צום ליבן גאָט, וואָס טוט מיט זיי גוטס, און אים בעטן ער זאָל זיין אַזוי גוט און אויף ווייטער אויך טאָן מיט זיי גוטס, זיי אָפּהיטן פון אַלע געפאַרן. אָפּהיטן פון געפאַרן דער מאַמען און דעם טאַטן און אַלע ליבע שכנים אַרום.

זיינען איינגעשלאָפן די קינדער אין אַ רויִקן שלאָף און זייער מאַמע איז אַוועק אין באָד־צימער, זיך אויך מאַכן גרייט פאַר דער נאַכט. זיך אויך געוואַשן אין וואַרעמער וואַסער, גוט אַרומגעוווּשט איר קרעפּטיקן ראָזעווען ליב, זיך באַשפּריצט מיט פּאַרפיומען, אָנגעטאָן איר זייבערע נאַכט־העמד, זיך געלייגט אין בעט און געוואַרט אַ כשר׳ע און אַ פרומע ווייב אויף דעם מאַן, וואָס דאַרף קומען און זיך לייגן לעבן איר.

פּלוצלונג האָט די לופט אויפגעטרייסלט. אַ שאָס האָט זיך דערהערט, נאָכדעם אַ צווייטער און אַ דריטער. זי שפּרינגט אַראָפּ פון בעט, כאַפּט אויף זיך דעם שלאָף־ראָק, פאַרגעסט שוין אַריינצוטאָן די פיס אין די שטעק־שיך, שיך, און אַזוי אַ באָרוועסע לויפט זי אינדרויסן.

. . . . . אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט און פאַר די טרעפּ מיטן קאָפּ צום גראָז ליגט איר מאַן מיט אַ צעלעכערטן רוקן. . . . .

# קעמפער און פּאָעט

חיים קופּער, דער זייגער־מאַכער, אַרבעט היינט ניט. ער מאַכט אַ יום־טוב היינט. ער האָט זיך אויסגעפּוצט אין זיינע בעסטע קליידער. ווערא קופּער, מיט די גרויע האָר און מיט די יונגטלעכע שיינע אויגן, האָט זיך אויך פאַרפּוצט אין אירע בעסטע קליידער. מאַמע און טאַטע, צוויי סאָציאַליסטן, גייען באַגעגענען אויף דער סטאַנציע זייער זון דעם קאָמוניסט. זייער זון מאַיקל קופּער קומט אַ באַפרייטער פון אַ טורמע אין דער סאַוט, וואו ער איז געווען פאַרשפּאַרט העכער זעקס מאָנאַטן פאַר יוניאָן־טעטיקייטן. „דער באַרימטער פּראָלעטאַרישער פּאָעט און קעמפער קומט קיין ניו יאָרק", אַזוי האָט די קאָמוניסטישע צייטונג געמאָלדן. אפילו אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע איז אויך געווען אַ שטיקל נייעס וועגן דעם.

— און אפשר, — מאַכט חיים האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט, — וועט אונזער זון, דער קאָמוניסט, גאָרניט זיך וועלן באַגעגענען מיט אונז, די „סאָציאַליסטישע פאַררעטער".

— ס'קאָן גלייך געמאָלט זיין, — צינדט זיך גלייך אָן ווערא קופּער אויף די קאָמוניסטן, — אַזאַ נידערטרעכטיקייט. איך שטיי אויף דער פּלאַטפאָרמע און רייד, הייבט מיר אָן צו שטעלן פראַגן אַ קאָמוניסטישער שנעק. וואָלט ער אָבער טאַקע געשטעלט פראַגן, וואָלט מיך ניט געאַרט. זיינען אָבער דאָס געווען פאַרלוימדונגען קעגן מיר, ניט קיין פראַגן. זאָג איך צו אים: יונגער־מאַן, ווען איך האָב זיך געשלעפּט איבער די סיבירער שנייען, ביזטו נאָך אויף דער וועלט ניט געווען.

— יאָ, דאָס איז זייער פיין, — גיט ער כלומרשט צו, — אָבער וואו שטייט איר איצט — מיט אונז, צי קעגן אונז?

— דעמאַגאָגן, — טרייסט חיים קופּער זיין פרוי.

— דעמאַגאָגן און פאַרלוימדער, — מאַכט דאָס ווייב נאָך שטאַרקער.

— און וואָס מיינסטו? — האָט טאַקע חיים קופּער מורא. — ס'קאָן זיך לייכט מאַכן, אַז אונזער זון וועט אונז ניט וועלן אָנערקענען. שפּילסט זיך מיט די דאָזיקע קאָמוניסטישע פאַנאַטיקער!

— רעד ניט קיין נאַרישקייט, חיים, — שרייט כלומרשט אָן דאָס ווייב אויף איר מאַן, אָבער אַליין פילט זי אויך ניט אינגאַנצן זיכער.

ער האָט זייער ווינציק געשריבן אהיים. זי האָט זיך גיכער דערוואוסט פון די ציימונגען וועגן זיינע אַלע טואונגען, ווי פון זיינע בריוו. אין די זעלטענע בריוו, וואָס זיי האָבן באַקומען, האָט מאיקל ווינציק וואָס דער־מאָנט וועגן זיין פּריוואַטן לעבן. יעדער בריוו איז געווען אַן אַפּיל צו טאַטע און מאַמע, אַז זיי זאָלן אַריינטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. האָבן אים די עלטערן געענטפערט בריוו, וואו זיי האָבן אים דערציילט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי טוט אָן שלעכטס דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַז בלויז די סאָציאַליסטישע איז די אמת'ע אַרבעטער־פּאַרטיי. די לעצטע צייט האָט מאיקל אינגאַנצן אויפגעהערט צו שרייבן בריוו צו די עלטערן. זיי האָבן דאָס אויסגעטייטשט, אַז ער איז בייז אַף זיי, ווייל זיי האָבן גערעדט שלעכטס קעגן זיין פּאַרטיי. גייען זיי איצט צו דער סטאַנציע מיט מורא, מיט דער־וואַרטונג און מיט גרויס בענקשאַפט. דער מאַמען באַאומרואיקט נאָך אַן אַנדער געדאַנק. זי פאַרבאַהאַלט אים פון איר מאַן, ער זאָל אויך ניט טראָגן די יסורים, געגנוג, וואָס זי אַליין איז שוין מיט אַזוי פיל יסורים. זי האָט געלייענט אין די ציימונגען, אַז אַ כוליגאַנישער מאָב איז באַפאַלן דעם זון און אים מערדערלעך צעשלאָגן. האָט זי מורא, אַז אפשר האָט מען אים געשעדיקט. אפשר איז ער פאַרבליבן מיט אַ מום. ציטערט זי, טראַכט איבער און איז אין גרויסע יסורים.

אַף גרענד סענטראַל וואַרט שוין אַ גרויסע מאַסע יוגנט. בחורים און מיידלעך, ענטוזיאַסטישע, באַגייסטערטע אַמעריקאַנער־געבוירענע יונגע מייד־לעך און בחורים. מען שטופּט זיך צו דער פּלאַטפאָרמע, וואוהין ס'דאַרף אָנקומען די באַן פון דער סאַוט מיטן יונגן רעוואָלוציאָנערן העלד.

פון די בילדער, וואָס זיינען אָפט געווען געדרוקט אין דער פּרעסע, האָט ער אויסגעקוקט אַ יונגער, אַ בראַוונער, מיט גרויסע פייערדיקע אויגן, מיט אַ געדיכטער קודלע האָר, מיט גראָבלעכע ליידנשאַפטלעכע ליפּן, מיט אַ גע־שניצטער מאָרדע, אַ שפּיציקער און אַן אַגריסעווער. זייער מאיקל. זייער אַלעמענס מאיקל, און סאָציאַליסטישע טאַטע און מאַמע קאָנען זיך ניט דורכ־שטופּן דורך דער געדיכטער מאַסע ענטוזיאַסטישער יוגנט.

זייטיקע מענטשן וואונדערן זיך. אַזאַ ברען און פייער. אפשר דאַרף דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אָנקומען מיט דער באַן. עס וואָלט טאַקע געווען משיקאַווע אים צו זען, דעם פּרעזידענט.

— וועמען דערוואַרט איר? — פרעגט אַ יענקי בא אַ צערויטלטער און צעפּלאָמטער מיידל זייער העפלעך.

— איר ווייסט ניט וועמען? — וואונדערט זיך דאָס מיידל, וואָס מען

קאָן ניט וויסן אַזאַ זאַך. — מיר דערוואַרטן אונזער חבר מאַיקל קופּער.

— ווער איז ער, דער דאָזיקער מיסטער מאַיקל קופּער? — איז אים שוין ניט געפעלן דער אופן ווי אַזוי זי האָט געזאָגט „אונזער חבר".

— אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער און אַ רעוואָלוציאָנערער טוער, — טיילט זי זיך מיט איר באַגייסטערונג.

— פון די „רעדס"? — גיט ער אַ פרעג און אַנטלויפט תיכף, נישט וואַרטנדיק אַף קיין ענטפער, ווייל ער כאַפּט זיך, אַז דאָס מיידל דאַרף אַפּנים אויך זיין פון דערזעלביקער קאַטעגאָריע.

# אַפּגענאַרט די באָלשעוויקעס

די פּאַרוואַלטונג פון גרענד סענטראַל סטיישאַן האָט אָפּגענאַרט דעם גרויסן באַגײַסטערטן עולם. מעגלעך צוליב דעם, וואָס מען האָט געוואָלט אויסמײַדן אַ געדרענג, און מעגלעך טאַקע גאָר צוליב דעם, כּדי צו צעשטערן די פּייערלעכע אויפנאַמע פון די דאָזיקע „ווילדע באָלשעוויקעס", האָט זי פאַלש אינפאָרמירט וועגן דער פּלאַטפאָרמע צו וועלכער דער צוג מיט מאַיקל'ען האָט געדאַרפט צוקומען. דער צוג, אין וועלכן מאַיקל איז געזעסן, איז אָנגעקומען גאָר צו אַן אַנדערער פּלאַטפאָרמע. איז דער פּראָלעטאַרישער פּאָעט און קעמפער זיך שטיל אַרויסגעשטיגן פון באַן און אַרויף אויף דער סטאַנציע מיט אַ פּלאַטערנדיק האַרץ. ער האָט טאַקע געמיינט, אַז ער וועט גלײַך אָנטרעפן מרים'ען, ווי באַלד נאָר ער וועט אַרויסשטײַגן פון באַן. ער האָט געוואוסט, אַז ס'איז אַן אומגלויבלעכקייט, אָבער ער האָט ניט געוואָלט אָפּלאָזן דעם געדאַנק. ער האָט זיך געוואָלט שפּילן מיט דער מאָדנער אײַנרעדעניש.

אָט איז שוין זײַן ניו יאָרק, די דאָזיקע וואונדערבאַרע פּראַכטפולע שטאָט, נאָך וועלכער ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט. באַזונדערס אין דער ווייסטער אומעטיקער קאַמער פון טורמע, ווען אַלע חושים זײַנע זײַנען געוואָרן פאַרשפּיצט צו דער שאַרפער דינקייט. ניו יאָרק און מרים — צוויי געשטאַלטן, וואָס זײַנען געווען אומצעטיילבאַר. אויף יעדער גאַס פון ניו יאָרק איז געשטאַנען מרים און געוואַרט אויף אים. אויף יעדן ראָג האָט זי אַרויסגעקוקט אויף אים. אין אַלע זײַנע דערינערונגען וועגן דער היים איז זי געשטאַנען אינמיטן. אָפּטמאָל האָט זיך מרים'ס געשטאַלט פאַרביטן מיט דער געשטאַלט פון זײַן מאַמען, ווערא'ן, און פיל מאָל האָט ער ניט געקענט אונטערשיידן, ווער איז געווען ווער. אַ פאַרהאַרטעוועטער קעמפער צווישן די מאַסן און אַזאַ פאַרטרוימטער, ווען ער איז געבליבן מיט זיך אַליין. ניט זײַן מאַמע און ניט מרים האָבן געוואַרט אויף מאַיקל'ען. אַ גרויסע פרעמדע סטאַנציע מיט אַ הויכער סטעליע, מיט אײַלנדיקע פּאַסאַזשירן, מיט לויפנדיקע רויטע היטעלעך, וואָס טראָגן אין די הענט פּעקלעך און טשעמאָדאַנעס. ערגעץ אויפן צווייטן עק טומלט זיך אַ גרויסער עולם. מסתּמא באַגלייטן זיי אַרויס זייערן אַ ליבן פרײַנט, אָדער מסתּמא דערוואַרטן זיי אַ ליבן פרײַנט, וואָס דאַרף באַלד אָנ־

קומען. ס'איז אַ גרויסער ריזיקער ניו יאָרק מיט מיליאָנען לעבנס, מיט טויזנטער פּאַסירונגען.

מאַיקל לאָזט זיך שוין צו דער טיר, אָבער עמיצנס שאַרפער קוק האָט אים באַמערקט. אין איין אויגנבליק האָט זיך די גאַנצע מאַסע געגעבן אַ לאָז מיט פיל אימפּעט. גלייך אַף מאַיקל'ען זיינען זיי געלאָפן. מאַיקל האָט זיך דערשראָקן און איז אַזש בלאַס געוואָרן. ער האָט געמיינט, אַז מען לויפט אים שלעכטס טאָן. ער געדענקט זייער גוט יענעם טאָג, ווען פּונקט אַזאַ גרויסער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַף אים, אים אומגעוואָרפן פון די פיס, אים געטראָטן מיט די פיס, אים געלעכערט דעם קאָפּ. פּונקט מיט אַזאַ אימפּעט האָט זיך יענער עולם אין דער סאַוט געלאָזט אַף אים.

מאַיקל לאָזט זיך אַנטלויפן, אָבער עפּעס איז דאָ אַ טעות. מ'זינגט גאָר דעם „אינטערנאַציאָנאַל". אויב אַזוי איז ער דאָך גערעטעוועט, אַז מ'זינגט דעם „אינטערנאַציאָנאַל". ער דערקענט, אַז זיי זיינען אייגענע און ער צע־שמייכלט זיך ווי אַ קינד. אָבער איידער וואָס און איידער ווען, גיט מען אים אַ הויב־אויף אין דער לופטן. ענטוזיאַסטישע געזונטע בחורים האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן מיט געוואַלד. ער איז גאָר אַ שעמעוודיקער, דער מאַיקל. ס'איז אים ניט באַקוועם אין דער לופטן. מען לאָזט אים אָבער ניט אָפּ. מ'טראָגט אים אַרויס אַף דער גאַס, אינמיטן „הוראַ"־אויסגעשרייען און קלאַנגען פון „אינטערנאַציאָנאַל".

ווערא דערזעט איר מאַיקל'ען אין דער לופט און זי באַמערקט גלייך, אַז זיי פּנים איז גאַנץ, אָן אַ מום, דער קאָפּ איז גאַנץ, אַ שיינער קאָפּ. קיין שום מום ניטאָ אָפן קאָפּ. און ניט אָפן פּנים, אָבער אפשר אין אַן אַנדער טייל קערפּער. זי ציטערט, זי וואָלט געוואָלט וואָס גיכער אויסגעפינען. דאָ נאָך טראָגט מען אים אין דער לופטן. מען קאָן אים נאָך אַראָפּוואַרפן און צעטרעטן.

— חיים, חיים, — שלעפּט זי איר מאַן, — וואָס שטייסטו?

אָבער וואָס קאָן שוין חיים טאָן אַנטקעגן אַזאַ ברויזנדיקן איבערפליסנ־דיקן כוח פון אַזאַ שטורמישער יוגנט.

אינדרויסן איז גלייך אימפּראָוויזירט געוואָרן אַ פּלאַטפאָרמע. ער שטייט שוין, זייער זון, אַף דער פּלאַטפאָרמע, אַ שעמעוודיקער, ווי אַ יונגער אינגל. ער קאָן גאָר קיין וואָרט ניט אויסריידן. אָט דאָס הייסט אַ קעמפער? פון גרויס פאַרלוירנקייט ווישט ער זיך די נאָז מיט זיין אַרבל. שעמט זיך שוין איצט די מאַמע אויך פאַר איר זון. זי קאָן דאָס גאָרניט צוזען—אַזאַ גרויסער בחור און ווישט זיך די נאָז מיטן אַרבל. אמת טאַקע, אַז דאָס איז זיין

טבע נאָך פון קינדהייט אָן, אַז ווען ער פאַרלירט זיך, ווישט ער זיך די נאָז מיט דעם אַרבל. זי האָט אָבער געמיינט, אַז ער איז שוין פון לאַנג אַרויסגעוואַקסן פון די קינדערשע שלעכטע געוואוינהייטן.

ער איז געקומען צו זיך, מאַיקל. ער הייבט אָן ריידן. ס'ווערט שטיל. די גאַנצע גאַס אַרום ווערט שטיל. אַפילו די לויפנדיקע מאַשינען פאַרהאַלטן זייער געאייל, וועלנדיק זיך דערוויסן וואָס עס קומט דאָ פאָר. די פּאָליסלייט אױף די הויכע פערד, וואָס זיינען גלייך אויסגעוואַקסן אַרום עולם, לייגן אויך צו אַן אויער. זיי ווילן וויסן צי זיין ריידן וועט זיי אפשר געבן אַ געלעגנהייט צו ברעכן קעפּ.

חיים און ווערא האָבן זיך ביידע צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. זיי פרייען זיך, דאָס פּאָרל, וואָס זיי האָבן אים געבוירן. איז דען זייער חלום ניט מקוים געוואָרן? זיי האָבן דאָך אַזוי גע'חלומ'ט, אַז זייער זון זאָל אויס־וואַקסן אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער פירער, אַ בריליאַנטענער אָראַטאָר, ער זאָל שטיין פאַר גרויסע מאַסן און צינדן די מענטשן מיט הייסע געדעכטע רייד.

ער דערציילט וועגן דער שוידערלעכער לאַגע פון די סטרייקנדיקע וועבער אין דער סאַוט, וועגן דער פאַרצווייפלטער נויט. מיט גרויס ווייטיק אין האַרצן שילדערט ער דאָס שווערע לעבן. ער אַליין איז געווען אַ וועבער. ער אַליין האָט געפילט אױף זיינע פּלייצעס די נידערטרעכטיקע עקספּלואַטאַציע, די הפקרות און ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי. ער אַפּעלירט טאַקע גלייך אָפן אָרט פאַר שטיצע. דער סטרייק האַלט נאָך אָן. אָפן פרייען פעלד וואַלגערן זיך די וועבער מיט זייערע ווייבער און קינדער, אָבער זיי קעמפן נאָך.

האָבן שוין טאַטע און מאַמע פאַרגעסן, אַז דאָס רעדט אַ קאָמוניסט. גאַנצע פינף דאָלאַר שלעפּט אַרויס חיים דער זייגערמאַכער פון זיין טאַש און גיט. אַ סך פון עולם גיבן פּאַפּירענע דאָלאַרס און האַלבע דאָלאַרס. מען שרייט „הורא" און מען פּאַטשט בראַוואָ.

די פּאָליסלייט זיינען געוואָרן אומגעדולדיק. זיי יאָגן דעם עולם. אַ טייל פון דער יוגנט שטעלט זיך קעגן. מענטשן פאַלן, פאַרטויבטע פון די פּאָליצייאישע שווערע דובינקעס. מען פּאַקט אַריין מאַיקל'ען אין אַ מאַשין. טאַטע און מאַמע לאָזן זיך לויפן צו דער מאַשין, אָבער איידער וואָס ווען און די מאַשין יאָגט אַוועק.

# טאַטע און מאַמע האָבן מורא

טאַטע און מאַמע זיינען פאַרשעמט און דערנידעריקט. די עלטער האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן א לאָז אַראָפּ אַף זיי. נאָך יונגע טאַטע און מאַמע, אָבער מיטאַמאָל זיך דערפילט אַלט, און זיי פאָרן אַהיים אין די יום־טוב׳דיקע קליידער באַליידיקטע און צעוויטיקטע. די איינציקע טרייסט זייערע איז, אַז מאַיק האָט זיי ניט געקאָנט באַמערקן צווישן אַזאַ גרויסן עולם. די איינציקע האָפענונג, אַז אָט אינגיכן וועט זיך מסתמא עפענען די טיר און עס וועט זיך באַווייזן דער אַנטלאָפענער זון מיט זיין אָנגעבויגענעם האַלז, מיט די טייערע וואַרעמע אויגן.

עס איז שוין נאַכט. אין די ריינע, ציכטיקע צימערן איז שטיל. מען רעדט שוין ניט צווישן זיך. וועראַ איז פאַרקלעמט און חיים ווייסט איר ניט וואָס צו זאָגן. שוין זעקס יאָר, אַז עס האָט זיך אָפּגעטאָן פון די דאָזיקע ציכטיקע צימערן דאָס ליבע קול פון זייער גערעטענעם זון. צווישן די ווענט האָט שוין זעקס יאָר ניט געקלאַפּט דער אָטעם פון דער דאָזיקער געשטאַלט, אין וועלכער זיי האָבן פאַרקערפּערט זייערע אַלע יונגע יאָרן, זייערע אַלע איבערלעבונגען און טראַכטונגען. די געשטאַלט, וואָס דאַרף ווייטער אָנגיין מיטן לעבן, פאַרזעצן זייער לעבן, האָבן קינדער און די קינדער זאָלן פאַרזעצן מאַיקל׳ס לעבן, און אַזוי אָן אַן עק און אָן אַ סוף. אַן אייביק לעבן.

די וועטשערע איז שוין קאַלט געוואָרן. מאַיקל׳ס באַליבטער מאכל. קאָטלעטן מיט באָרשט. ברוינע צוגעדאַרטע קאָטליעטלעך צוגעגרייט אַפן רוסישן אופן. טאַטע און מאַמע זיינען פאַרביטערט. זיי ווילן שוין אָנהייבן טראַכטן שלעכטס קעגן זייער זון. עס דערהערן זיך אָבער מיטאַמאָל זיינע טריט. באַקאַנטע שטילע טריט. אַזוי פלעגט ער טרעטן איבער די טרעפּ, ווען ער פלעגט, פריער מיט יאָרן, אַהיים קומען שפּעט אין דער נאַכט.

ער קלאַפּט אָן אין דער טיר. מען לויפט אַנטקעגן. ער קומט אַריין און שטעלט זיך אַף דער שוועל און שמייכלט מיט די גראָבלעכע ליפּן און מיט די וואַרעמע אויגן. דער זעלביקער ליבער ריח פון הויז, ווי מיט זעקס יאָר צוריק. די זעלביקע שטילקייט און רואיקייט. די זעלביקע יונגטלעכע ברוינע אויגן מיט די זיידענע ווייסע האָר. דער זעלביקער טאַטע, ווי מאַיקל׳ס אַן עלטערער ברודער, אויך מיט אַן אָנגעבויגענעם האַלז, אויך מיט גראָבלעכע

ליפּן, אויך מיט אַזאַ קודלע האָר, אַ באַזילבערטע אין די שפּיצן. זיי האָבן זיך ניט געהאַלזט. זיי האָבן זיך פאַרשעמט אַלע דריי. מען האָט אַנידער־געזעצט דעם זון פון אויבן־אָן. ער האָט געגעסן די דערוואַרעמטע וועטשערע, און גרויס הנאה געהאַט. דער זעלבער טעם פון אַמאָל, ווען ער האָט פאַר־שפּעטיקט אין אָוונט און די מאַמע האָט אים דערוואַרעמט די וועטשערע.

— מיין זון, האָט מען, חלילה, ניט באַשעדיקט דיין קערפּער? — טרעט די מאַמע גלייך צו מיט דער פראַגע, וואָס האָט זי געהאַלטן אין איין מאַטערן.

— אַלץ איז גאַנץ, — באַרואיקט זי דער זון.

ווייל אָבער דער פאַרדאַכט ניט אָוועקגיין פון ווערא'ן. עס דאַכט זיך איר אויס, אַז ער זאָגט ניט דעם אמת, אַז עפּעס איז דאָך יאָ געשעדיקט געוואָרן. אָבער זי וועט שוין דאָס אויסגעפינען. זי האָט שוין אַ פּלאַן. דעם טאַטן אָבער מאַטערט אַן אַנדער פראַגע. עס פאַרדריסט, וואָס דער זון איז אַ קאָמוניסט. ער קאָן זיך ניט איינהאַלטן. ער מוז אים גלייך זאָגן.

— אַפילו מיר פרייען זיך זייער, וואָס דו ביזט אויסגעוואַקסן אַזאַ־אַ, און די יונגעלייט טראָגן דיך אויף די הענט, אָבער —

— איז וואָס „אָבער", טאַטע? איז דאָך גוט, — צעשמייכלט זיך מאַיקל.

— אָבער, דו ביזט דאָך מיט די קאָמוניסטן... — איז דער טאַטע אַנט־ריסטעט.

— אַי, טאַטע! האָסט דאָך געזען די יוגנט, דאָרטן אין גרענד־סענטראַל. ווען ניט אָט־דער אידעאַל, האָבן מיר דאָך דאָ ניט קיין צוקונפט. עס וואָלט ניט געווען פאַרוואָס צו לעבן אויף דער וועלט.

— אָבער, זון, — מישט זיך שוין אויך אַריין די מאַמע, — איר קאָנט ניט אויפטאָן קיין גוטס. איר גייט אין אַ פאַלשן וועג.

— און וואָס, למשל, מיינסטו מיט דעם וואָס דו זאָגסט „פאַלש"? — פאַרגעסט שוין מאַיקל, אַז ער רעדט צו זיין מאַמען, און ווערט בייז.

— יאָ, זון, פאַלש. מען דאַרף ניט ברענגען די אומזיסטיקע קרבנות, — ענטפערט די מאַמע מילד.

— אומזיסטיקע קרבנות? — איז מאַיקל דערשטוינט. — דו, מאַמע, זאָלסט אַזוי זאָגן? דו, וואָס האָסט אַליין מקריב געווען דיין יוגנט פאַר דער באַפרייאונג פון רוסלאַנד.

— יאָ, אָבער וואָס האָט זיך באַקומען דאָרטן? — ווערט זי טרויעריק.

— וואָס הייסט, וואָס? — קאָכט זיך מאַיקל. — אַן אַרבעטער־מאַכט,

אזא גוואַלדיקע ריזיקע סאָציאַליסטישע בוויאונג. די יונגנט אַנטוויקלט זיך דאָרט אַזאַ פרייע און אַ פריידיקע, — הויבט ער אָן זינגען אַ ליבּ־געזאַנג צו דעם לאַנד, וואָס האָט אים אַליין געגעבּן מוט איבּערצוטראָגן אַלע פייניקונגען אין דער סאָוט.

דער מאַמען טוט שוין באַנג, וואָס זי האָט אָנגעהויבּן. זי וויל בעסער, אַז עס זאָל זיין רואיק און פרידלעך צו איר זון'ס צוריקקער. זי וויל, אַז ער זאָל זיך וואָס גיכער לייגן שלאָפן, וועט זי שוין קאָנען זיך דערוויסן וועגן דעם, וואָס באַאומרואיקט זי אַזוי שטאַרק. אָבּער די צוויי צדדים האָבּן זיך שוין פאַרטשעפּעט און עס איז פאַרפאַלן.

— נו, גענוג שוין, — האָט זי געשיקט דעם מאַן אין שלאָף־צימער, — גענוג שוין. מאָרגן איז נאָך אויך אַ טאָג, מיר וועלן נאָך ריידן.

— יאָ, — מאַכט מאַיקל און צעשמייכלט זיך, — מיר וועלן נאָך ריידן.

ענטפערט שוין ניט די מאַמע. זי מאַכט דאָס בעט פאַרן זון. דאָס זויבּערע ווייסע שמעקנדיקע בעט־געוואַנט, מיט דער גרינער געקעסטלטער קאָלדרע. „טאַקע, טאַקע די געקעסטלטע קאָלדרע", וואונדערט זיך מאַיקל. ער האָט גאָר פאַרגעסן אין דער גרינער געקעסטלטער קאָלדרע. די היימישקייט זינגט צו אים פון יעדן ווינקעלע. דער גרויסער אַלטמאָדישער זייגער, וואָס הענגט אין צימער, טיקעט אַזוי פריינטלעך, און רעדט צו אים, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן.

ער ליגט שוין, מאַיקל, אין דער ווייכקייט פון דער מאַמע'ס געמאַכטער בעט. רו זינגט אויס יעדער טיק פון זייגער. פון דער סטעליע, פון די ווענט, פון יעדן ווינקעלע, קומען אַרויס די אַלע שלאָף־שלוחים, וואָס פלעגן זיך יאַוועץ אין זיינע קינדער־יאָרן. אַזוינע אומגעזעענע שלוחים, וואָס האָבּן ווייך געמאַכט אין די אויערן און די מידקייט איז אַראָפּגעפאַלן, און ער איז איינגעדעקט געוואָרן אין רו און אין פרידן און איינגעשלאָפן מיט אַזוי פיל בטחון אינצווישן דער זיכערקייט פון דער מאַמע'ס היים.

דער מאַן אירער איז שוין אויך איינגעשלאָפן. אָבּער ווערא איז וואַך. זי וואַרט נאָך אויס אַ לאַנגע ווײַלע, ביז ביידע, סיי דער טאַטע און סיי דער זון, וועלן זיין שוין עט־עט פאַרטאָן אין שלאָף. זי הויבּט זיך אויף פאַרזיכטיק פון בעט. צינדט אָן אַ חלבּ'ן ליכט און פאַרשטעלט דאָס פאַרן שלאָפנדיקן מאַן מיט די הענט. זי לאָזט זיך צום זון'ס צימער. אַף די שפּיץ פינגער דערגרייכט זי דעם זון'ס בעט. ער שלאָפט אָן אָפּגעדעקטער, מיט אַ האַנט אונטער דער באַק. זיין אַלטע געוואוינהייט. זי צענעמט אים די האָר פון קאָפּ און קוקט אַריין. אַ צייכן פון אַ קלאַפּ. ס'פאַרקלעמט איר

באַם האַרצן. זי צעשפּיליעט דאָס העמד פון זיינע פּידזשאַמעס. פול מיט בושה טוט זי דאָס. אַמאַמע זאָל זיך שעמען פאַר דער נאַקעטקייט פון איר אייגן קינד! אָבער זי שעמט זיך, און זי מוז דאָס טאָן. זי גיט אַזש אַ קרעכץ — אַ לייב אינגאַנצן צעפּאַסעוועט און צעשלאָגן. ברוינע צייכנס, בלויע שטיקער לייב.

מאַיקל כאַפּט זיך אויף. דערשרעקט זיך פאַרן אָנגעצונדענעם חלב'נעם ליכט, דערשרעקט זיך פאַרן אומגעווינלעכן וויזיט, אָבער ער כאַפּט זיך גלייך אין וואָס עס האַנדלט זיך.

— עס איז גאָרניט, מאַמע, — מאַכט ער צו איר מילד, — עס האָט זיך שוין פאַרהיילט.

— ווײ, ווײ, ווי זיי האָבן דיך צע'מזיק'ט, די כוליגאַנעס.

— יאָ, מאַמע, זיי האָבן מיך שוין ריכטיק צע'מזיק'ט. אָבער גיי שלאָפן, אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, זון.

# מאַיקל באַגעגנט מילדרעד׳ן

די גאַסן פון דער איסט־סאַיד בעטן זיך בא מאַיקל׳ען ער זאָל זיי באַשרייבן. זיי לאָזן אים ניט צורו. זיי מאָנען פון אים. פילט ער זיך שולדיק. יעדן טענעמענט־הויז אַף קלינטאָן סטריט איז ער שולדיק אַ חוב. ער קאָן זיי אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן, די דאָזיקע טענעמענט־הייזער מיט זייערע אָרעמע און פאַרהאָרעוועטע מענטשן. אַ פּעדלער האָט טאַקע אַזוי צו אים געזאָגט:

— נו, מאַיקעלע, ביזט געוואָרן אַ גרויסער מאַכער בא די קאָמוניסטן, האָב איך געהערט, און אַ שרייבער אויך דערצו. פאַרוואָס זאָלסטו ניט באַשרייבן מיין פּושקאַרט מיט מיינע צרות? ס׳איז דאָ פּלענטי, וואָס צו באַשרייבן, וואָס אַרט דיך.

ער וועט באַשרייבן, מאַיקל, נאָר פריער פאַר אַלץ וויל ער עפּענען אַן אַרבעטער־צענטער אין קלינטאָן סטריט. ער גייט טאַקע היינט צוליב דעם אין קאָמוניסטישן צענטער, איבעררעדן דאָרטן מיט די פירער.

ער גייט צופוס איבער דער איסט־סאַיד צו יוניאָן־סקווער. ס׳איז אַ האַרבסטלעכער פאַרנאַכט, ס׳רוקט זיך אָן אַ קעלט. אַף די טראָטואַרן שפּאַצירן מיידלעך און בחורים. ער קוקט זיי אַלעמען אַריין אין די פּנימ׳ער. יעדער איינער פון זיי איז פאַר אים אַ קאַנדידאַט פאַר זיין אַרבעטער־צענטער, וואָס ער גייט גרינדן. יונגע מיידלעך און בחורים מיט פיל לעבעדיקייט אין די אויגן. יעדער איינער און איינע פון זיי וואָלטן געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז מאַיקל וויל פאַר זיי גרינדן אַן אַרבעטער־צענטער. מאַיקל אַליין ווייסט, אַז זיי וואָלטן געלאַכט, אָבער אַזוי האָבן אויך געלאַכט די וועבער און וועבערינס אין דעם שטעטל אין דער סאַוט, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן מיט זיי וועגן אַ יוניאָן. פון אַ קוילן־מאַין־דיסטריקט האָט אים די פּאַרטיי געשיקט צום וועבער־דיסטריקט. ער איז שוין אויך געווען אַ מאַינער, מאַיקל. דערנאָך — געוואָרן אַ וועבער. דאָס זיינען געווען שווערע יאָרן, און וואָס וועלן אים ברענגען די ווייטערדיקע יאָרן? ער האָט, דאַכט זיך, דערזען מרים׳ען. אַפן צווייטן בלאָק גייט אַ מיידל מיטן רוקן צו אים. אירע האָר זיינען קופּער־רויטע. איר האַלז איז אָפּגעדעקט און ווייס. ער מאַכט ברייטע שפּאַן. ער מוז זי דעריאָגן, און אויב ס׳איז מרים — וואָס

וואָלט ער איר דען געזאָגט? אָ, וואָלט דאָס שוין נאָר געווען מרים! ס'איז ניט מרים. דאָס מיידל איז בלויז אַן אַנדערע וועגן מרים'ען.

דאָס זיינען געווען שווערע יאָרן אין דער פרעמד, אָבער וויכטיקע יאָרן. ער האָט געזען זיין אַמעריקע. דאָס וואונדערלעכע לאַנד זיינס, וואָס פּראָדוצירט מיט אַזוי פיל שפע אַלדאָס־גוטס פאַרן מענטשנס לעבן. אַזאַ פּרוכטבאַרע ערד מיט אוצרות פון די טייערסטע מינעראַלן אין אירע אינגעווייזן. אַ זאַפטיקע, געשמאַקע אַמעריקע.

ס'ווערט טונקל דער טאָג. באַלד וועט שוין זיין נאַכט. ער דערזעט פלוצלונג די נאַכט אין דעם וועבער־שטעטעלע, ווי זי פלעגט צופאַלן מיט אַזוי פיל עלנטקייט. אַף די גאַניקעס פון די קאָמפּאַני־הייזער האָט מען גערעדט אין דער שטיל, אַקוראַט ווי מען וואָלט זיך גע'סוד'עט. נויט און אָרעמקייט האָבן זיך גע'סוד'עט אַף די דאָזיקע גאַניקעס. ער פלעגט גיין, מאַיקל, פון גאַניק צו גאַניק, זיך זעצן אַף די טרעפּ און פאַרנעמען דאָס קלאָגן פון פרויען, מענער און קינדער, וואָס האָבן שוין ניט געהאַט קיין האָפענונג אַף בעסערס. הונדערטער משפחות, וואָס זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו לאַנגזאַמען טויט אין די וועבערייען. ביינער, וואָס קריכן ארויס פון די רעקלעך, האָר וואָס פאַלן אויס פאַר דער צייט, קינדער וואָס האָבן פאַרגעסן ווי אַזוי צו לאַכן און שטיפן.

דאָ אַף דער איסט־סאַיד לאַכן די בחורים און עס שטיפן די מיידלעך אַף די גאַסן. ווייסט אָבער מאַיקל פון צענדליקער טויזנטער, וואָס גייען ניט אַף די גאַסן, וואָס זיינען פאַרבליבן אינעווייניק אין די ענגע וואוינונגען, אומעטיקע און פאַר'חושכ'טע. ער פאַררייסט דעם קאָפּ צו די באַלויכטענע פענצטער. ס'קוקן פון דאָרטן אַרויס פנים'ער צו דער טומלדיקער גאַס. אַ איד אין אַ יאַרמולקע, מיט אַ פּנים פון אַש־קאָליר. אַ קראַנקער איד, וואָס איז געשעדיקט געוואָרן פון שווערן לעבן. פון אַן אַנדער פענצטער קוקט אַרויס אַ קליין מיידעלע מיט אומעטיקע אויגן. זי זיצט לעבן פענצטער אונטערגעשפּאַרט מיט אַ קישן. דאָס האָט, ווייזט אויס, די מאַמע איר אונטערגעשפּאַרט דעם קישן, ס'זאָל איר זיין באַקוועם אַרויסצוקוקן אַף דער גאַס, ווייל אַרויסגיין זיך שפּילן מיט די איבעריקע קינדער קאָן זי ניט, ווייזט אויס, ווייל זי איז קראַנק.

פון נאָך אַ פענצטער קוקט אַרויס אַ בחור מיט אַן אויסגעצויגענעם פּנים. מידקייט אין זיינע אויגן, מידקייט אין זיינע לאַנגע הענט. ער רוט זיך, ווייזט אויס, אַזוי נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, און עס איז בא אים שוין ניט פאַרבליבן קיין ענערגיע אַרויס אַף דער גאַס און לאַכן און שטיפן, ווי

אַלע יונגע בחורים טוען. פון אַן אַנדער פענצטער קוקט אַרויס אַן עלטערע מיידל מיט אַן איינגעדאַרטן האַלז, מיט אויסגעלאָשענע האָפענונגסלאָזע אויגן אויף דעם פריילעכן לעבן, וואָס גייט אַן אינדרויסן.

אויף דער פּערצנטער גאַס גלייך אויף אים גייט אַ מיידל אין אַ גרויסער הוט און שמייכלט צו אים מיט געדיכט־אונטערגעפירטע אויגן. אַ יונגע שטאַלטנע מיידל מיט שלאַנקע פיס. זי קומט־צו צו אים נאָענט. זי לאַכט אים אַריין אין פּנים. זי גיט אויף אים אַ טראָג אַן מיט דעם ריח פון ביליקע פּאַרפיומען און שמירעכצן.

— ווילסט גיין מיט מיר, שיינינקער? — לאַדט זי אים איין ליבלעך.

— ניין, אַ דאַנק. איך דאַרף ערגעץ אַנדערש זיין, — ענטפערט איר מאַיקל זייער העפלעך.

צעלאַכט זי זיך פון זיין העפלעכקייט, גיט זיך אַ דריי אויס צו אים, איילט אוועק און לאָזט איבער מאַיקל'ען אַ פאַרשעמטן.

עס קומט אָן נאָך אַ פרוי אויף מאַיקל'ען, און וויל ער איז געבליבן שטיין, נעמט זי אים אַן פאַר אַ מעגלעכן קאַסטימער, וואָס וויל זיך אויסקלייבן עמיצן. זי איז אַ פולע קיילעכדיקע פרוי מיט זייער אַ הויכן בוזעם, מיט שרייענדיקע רויטע איבערגעפאַרבטע האָר. זי שמייכלט צו מאַיקל'ען מיט אַ ברייטן מויל, זי שטעלט זיך אָפּ לעבן אים און קוקט אים אַריין פאַרפירעריש אין די אויגן.

— איך קאָן דיר געבן דעם אמת'ן גוד־טאַים, — זאָגט זי צו אים אין אַן אידישן ענגליש.

זי וואָלט געקאָנט זיין זיין מאַמע, אָט די פרוי, מיט די פאַרפּוידערטע פולע באַקן, מיט די געדיכט־באַשמירטע רויטע ליפּן. ער פילט זיך שולדיק קעגן איר, ער ווייסט איר גאָרניט וואָס צו זאָגן. ער שווייגט.

— האַ, וואָס זאָגסטו? — איז זי שוין אומגעדולדיק, און וואַרפט דערשראָקענע בליקן אין אַלע זייטן.

— אָ, ניין, אַ דאַנק, — מאַכט ער העפלעך.

— אַ דאַנק דיר דער באָבען דיינער, — מאַכט זי צו אים אין אידיש, אַ דערצאָרנטע, און איילט אוועק פון אים אַ צעשוואָומענע, אַ קיילעכדיקע, מיט די שרייענדיקע רויטע האָר.

מאַיקל פאַרבלייבט נאָך אַלץ אַ צוגעשמידטער צום פּלאַץ. יעדע פרוי, וואָס גייט פאַרביי אַליין אָן אַ באַגלייטער, דאַכט זיך אים אויס, אַז זי איז פון די, וואָס פאַרקויפן זייערע לייבער.

לעבן אַן אָפענער טיר פון אַ הויז, וואו ס'שטייט אָנגעשריבן: „פּווירנישד

רום", שטייט אַ שטאַלטנע יונגע פרוי מיט גרויסע בלויע אויגן. זי איז פאַרפּוצט אין אַ שיינעם מאַנטל מיט אַ פוטערנעם געדיכטן קאָלנער. זי איז ניט פאַרשמירט און ניט פאַרפּוידערט. זי איז נאָך גענוג יונג און פריש און זי דאַרף זיך נאָך ניט פאַרפּוידערן און פאַרשמירן זיך. ער וואונדערט זיך, מאַיקל, אויב זי איז אויך ניט פון יענע. זי קוקט צו די פאַרבייגייענדיקע מענער מיט לוסט אין אירע אויגן.

— גוד איוונינג, — מאַכט זי צו אַ מיטליאַריקן אידן, אַ צעשוואומענעם, מיט אַ היפּש בייכל.

שטעלט זיך גלייך אָפּ דער פעטינקער מיטליאָריקער אידל, אַ פאַרצאַפּל־טער. ער גלויבט זיך ניט, אַז דאָס האָט אַזאַ יונגע מיידל געמיינט אים.

— האַו דו יו דו, — באַגריסט זי אים שוין זייער ליבלעך.

— העלאָו, — מאַכט ער שוין מיט מער קוראַזש און זיינע אויגן שמייכ־לען פון דערשטוינונג, פון פּלוצימדיקייט, פון דעם וואָס ער פאַרשטייט שוין ווער זי איז, פון דעם וואָס ער האָט זיך גאָרניט געריכט, אַז אַזאַ יונגינקע וועט אים פאַרטשעפּען.

— קום מיט מיר אַרויף, טייערינקער, — לאַדט זי אים איין זייער גאַסטפריינטלעך.

זי זעט שוין, אַז ער איז אַ פאַרטשעפּעטער, גיט זי אים שוין אַ וואונק מיט די אויגן און סטאַיעט באַלד ניט אין דער אָפענער טיר, וואו ס'הענגט אַ שילדל „פוירנישד רומס טו לעט". ער קוקט זיך אַרום, דער איד, צי קיינער פון זיינע באַקאַנטע זעט ניט, וואָס ער גייט טאָן. דערנאָך גיט ער אַ יאָג אַריין אין דער זעלביקער אָפענער טיר.

דערנאָך האָט מאַיקל דערזען אַ יונג קליין מיידל אָנקומען פון קאָרנער פון דער דריטער עוועניו. ער האָט טאַקע געמיינט, אַז ס'איז נאָך אַ קינד פון פערצן, אָדער פופצן יאָר. אין אַ גרויסן הוט מיט זייער געדיכט־אונטער־געשמירטע אויגן. דער גרויסער הוט האָט איר פּנים געמאַכט אויסקוקן נאָך קינדערשער. אַ גרין פּנים, אָן אַ טראָפּעלע בלוט. אַ בלאַסע נאָז. זי האָט געשמייכלט צו אים מיט אַרויסגעשטעקטע דאַרע באַקן־ביינער און מיט קאַליע ציינדלעך.

— מילדרעד ! — האָט ער גלייך דערקענט.

זי האָט זיך אומגעקוקט מיט דערשרעק, דערקענט ווער ס'האָט זי אַ רוף געטאָן און זיך גלייך געלאָזט אַוועקיאָגן. ער האָט זי שוין אָבער ניט אָפּ־געלאָזט. ער איז איר נאָכגעלאָפן, ער האָט זי אַ פּאַק געטאָן מיט דער האַנט.

— דו אַנטלויפסט גאָר פון מיר, מילדרעד ? פון מאַיקלען אַנטלויפסטו ?

— מאַכט ער איר פאָרוואורף.

— איך האָב קיין צייט ניט, — פאַרענטפערט זי זיך פאַר אים און רייסט זיך.

— אָ, ניין. איך לאָז דיך שוין ניט אָפּ.

— דו ווילסט גאָר מיט מיר ניט ריידן? — טאַדלט ער זי.

אַ קראַנקע מילדרעד שטייט פאַר אים. זי הוסט אין אַ נאָז־טיכעלע. אַ בלאַסע, אויסגעמאַגערטע מילדרעד.

— קום מיט מיר אַריין אין אַ רעסטאָראַן, וועלן מיר כאַפּן אַ ביים, — לאַדט ער זי איין.

— אָ, אַ דאַנק, אַ דאַנק.

ער האָט זי שוין אָבער אַריינגעפירט אין אַ נאָענטן רעסטאָראַן. אַ הילפלאָז מיידל, וואָס האָט בעסער געוואָלט אַנטלויפן, ניט איבערלעבן די שאַנדע פאַר אַ היימישן מענטשן, אָבער זי האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט ווערן קעגן פרעמדע מענטשן, האָט זי שוין איצט זיך אויך ניט געוועדט.

מאַיקל האָט באַשטעלט פאַר איר קאַווע מיט קעיק. כאָטש זי איז געווען שטאַרק הונגעריק, האָט זי אָבער ווייניק געגעסן, צעדרויבלט דעם קעיק מיט אירע דאַרע פינגער, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי איבערגעבראָכענע, און ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען קיין ביסן.

— אָ, מילדרעד, נאָכוואָס טוסטו דאָס? — איז מאַיקל פול מיט ווייטיק.

— איך טו דאָס ניט, — לייקנט זי שטיין און ביין.

מאַיקל קאָן ניט ריידן מיט איר. ער ווייסט ניט ווי אַזוי. זי וויל גאָר יעדע מינוט פון אים אַנטלויפן. ס'ווערט אים צעבראָכן דאָס האַרץ, זעענדיק ווי זי הוסט. איר פּנים, אין דער ליכט פון רעסטאָראַן, זעט אויס ווי ס'וואָלט געווען פון ליים. אַ פינצטערער ליימיק פּנים. זי דאַרף זיין זייער קראַנק.

— וואו וואוינסטו? — וויל ער וויסן.

— ערגעץ, — וויל זי אים ניט זאָגן, און שמייכלט מיט די דאַרע באַקן.

— דו זעעסט זיך מיט דייניקע?

— ניין, — איז איר זייער אומבאַקוועם צו ענטפערן אויף דער פראַגע.

— וואוהין ביזטו אוועק, נאָכדעם ווי דיין טאַטע איז געשטאָרבן?

— צו מיין מאַן, — איז זי אומצופרידן, וואָס זי דאַרף אים ענטפערן.

— וואו איז דיין מאַן איצט?

— זיך דערטרונקען, — לאַכט זי מיט די דאַרע באַקן־ביינער.

— וואָס מיינסטו? זיך דערטרונקען?

מילדרעד גיט זיך מיטאַמאָל אַ ריס פון אָרט. זי לויפט אַרויס. מאַיקל יאָגט איר נאָך. מילדרעד אַנטלויפט. פאַרדרייט זיך צום ראָג פון דריטער עוועניו און פאַרשווינדט.

# מאַיקל פֿאָרט קיין נוואַרק

מאַיקל פֿאָרט קיין נוואַרק. ער גלויבט זיך ניט, צי ער פֿאָרט טאַקע. ער איז שוין אין באַן. ער זיצט אין אַ וואַגאָן מיט שטומע מענטשן. ברוגז'ע מענטשן. מען זיצט זיך אַף די בענק, יעדערער פֿאַר זיך. מען האָט מורא צו קוקן פֿריינטלעך איינער צום אַנדערן. מאַיקל איז דערשראָקן. ער פֿאָרט טאַקע. די באַן יאָגט זיך מיט אים גיך, גיך. וואָס־זשע וועט ער איר זאָגן? אפֿשר אַרויסגיין אַף דער נאָענטער סטאַנציע און זיך אומקערן צוריק קיין ניו יאָרק?

:: :: ::

אַ שטילע גאַס מיט רייכע הייזער. אַזוינע פֿיינע געשניצטע גלעזערנע גאַניקלעך. בלומען־גערטנדלעך פֿאַר די הייזער. רויטע שטיינער אַף די טראָטוארן פֿאַר יעדן אַריינגאַנג. זאַטע רואיקע הייזער. אין דער גאַס וואוינט מרים. ער האָט זיך דערוואוסט איר אַדרעס בײַ איר מאַמע בעסי'ן. זי וואוינט אויך צווישן די זאַטע און רואיקע. קינדערלעך שפּילן זיך לעבן די גערטנדלעך. קינדערלעך אָנגעטאָן ווי בערעלעך. מחמת ס'איז אַ קאַלטער האַרבסט־טאָג, און די מאַמעס האָבן אַריינגעטאָן זייערע קינדער אין אַזוינע האָריקע הויזן מיט האָריקע רעקלעך און היטלעך. ווי פֿון איין שטיק באַשטייט זייער אָנטאָן, און זיי זעען אויס, ווי מענטשעלעך אין די פּעלעכלעך פֿון קליינע בערעלעך. אפֿשר האָט שוין מרים אויך אַ קינד? אפֿשר וועט ער זי טרעפֿן אַ צע־שוואומענע מאַמע, אַ אידישע פּולבלעכע מאַמע, אַ צופֿרידענע און אַ זאַטע, און זי וועט אַף אים קוקן אַ פֿרעמדע און אַ ווייטע?

ער לאָזט זיך איבער די רויטע געפֿלאַסטערטע ציגל, וואָס פֿירן צו דעם גאַניק. פֿאַרן הויז שפּילט זיך ניט קיין קינד. אפֿשר שפּילט זיך איר קינד לעבן אַן אַנדער הויז? אַ ווייסער גאַניק מיט צענדליקער שויבן. אינעווייניק שטייען בענקלעך, אַ טישל, אַ דיוואַן. אַ שטומער, אומעטיקער גאַניק. קיינער זיצט דאָרט ניט אינעווייניק. אומזיסט און אומנישט שטייט ער זיך. אַזאַ ריינער און אַזאַ ציכטיקער. ער קוועטשט דאָס קנעפּל. ס'פֿאַרטראָגט זיך דער קלונג איבער אַלע צימערן. אָבער מען אײַלט זיך ניט דאָרטן אינעווייניק צו ענטפֿערן אַפֿן קלונג. אפֿשר זאָל ער זיך אָפּטראָגן, אײדער מען ענטפֿערט? יאָ, ער וועט אַנטלויפֿן.

ווער־זשע זאָל עס קלינגען אין אַזאַ שעה? מרים לייענט אַ בוך. דאָס שוואַרצע מיידל פּאָרעט זיך אין קיך. אַן אומגעוויינלעכער קלונג. זי וועט שוין אַליין גיין עפענען. זי קומט אַרויס אַפן גאַניק. דער, וועמען זי האָט געזען בלויז אין חלום, שטייט פון יענער זייט גלעזערנער טיר. מיט אַן אויסגעבויגענעם האַלז שטייט ער אַזאַ פאַרלוירענער. ער האָט זי שוין אויך דערזען פון יענער זייט גלעזערנער טיר מיט אירע קופּער־רויטע האָר, מיט איר גרויסן ווייסן האַלז, מיט די גרויסע מאַגנעטיקע ברוינע אויגן.

ער גיט איר די האַנט. זיי דערקענען זיך, די הענט. זיי כאַפּן זיך אַרום, די הענט, ווי צוויי אַלטע גוטע באַקאַנטע. אָבער איידער וואָס ווען צענעמען זיי זיך תיכף, און בלייבן ווידער פרעמד.

מיט גרויס שפּאַנונג איז אָנגעפילט דער גרויסער צימער. עס וואַרט דער טיש, עס וואַרטן אַלע בענקלעך מיט די הויכע ווענטלעך. עס וואַרט דער בלומען־טאָפּ אַפן פענצטער. זיי ווייסן ניט וואָס צו רעדן צווישן זיך, די ביידע פריינט. ער ווישט זיך מיטן אַרבל די נאָז. ווייסט שוין מרים, אַז ער שעמט זיך, אָבער זי שעמט זיך אויך.

— ווען ביזטו געקומען קיין ניו יאָרק, מאַיקל? — ווערט איר מאָדנע, וואָס זי זאָגט טאַקע אַרויס דאָס וואָרט „מאַיקל" אין דער הויך. דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס איז שוין געוואָרן באַ איר אַ לעגענדע.

גוט, וואָס זי האָט אים געפרעגט ווען ער איז געקומען. ער כאַפּט זיך שוין אָן אָן דער טעמע. ער דערציילט ניט בלויז ווען ער איז געקומען, נאָר וואו ער איז בכלל געווען. אין ריידן דערפילט ער די גרויסע רעטונג. ער וויל זיך שוין ניט אָפּשטעלן אַף קיין איין מינוט, ווייל ווען ער וועט זיך אָפּשטעלן, וועט ער ווידער בלייבן פאַרלוירן. ער רעדט מיט פאַרטראָגענע אויגן. ער קוקט ניט צו איר, ווייל ווען ער גיט אַ קוק אַף איר, וואָלט ער ווידער געוואָרן פאַרלוירן.

זי זיצט אַף אַ בענקל לעבן טיש, ער זיצט אַנטקעגן איר, מיט אַן אָפּ־געקערט פּנים. ער רעדט ניט צו איר. ער רעדט צום ווינקל פון צימער. דאָרטן דערזעט ער אַלע זיינע איבערלעבונגען פון די זעקס יאָר. ער שפּרינגט איבער יאָרן. ער כאַפּט אַרויס פון דאָ און דאָרטן די איינדרוקן, וואָס זיינען פאַר־בליבן אין זיין זכרון. ער דערציילט איר ניט, אַז שטענדיק, אין יעדער וויכטיקער געשעעניש פון זיין לעבן, האָט ער געבענקט נאָך איר. ער האָקט איבער יעדן עפּיזאָד טאַקע דאָרטן, וואו ער האָט געבענקט נאָך איר, און שפּרינגט אַריבער צו אַ צווייטן:

„אָ, אין יענעם טאָג, ווען אַ מאַב פון כוליגאַנעס איז אַף מיר אַרויפ־

געפאַלן... מעי האָט זי געהייסן, אָט יענע פרוי, וואָס איז געשאָסן געוואָרן פון די סאָלדאַטן. אַ קליינינקע, פרידלעכע פרוי מיט אַ הייליק פּנים. ווען ס'גייט איר גוט אין לעבן, וואָלט זי בעסער ליב געהאַט צו זיצן אינדערהיים מיט אירע קינדערלעך און זינגען די הייליקע הימנעס. פיר קינדערלעך האָט זי געהאַט..."

זי וואונדערט זיך, מרים, צי ס'איז ווידער ניט קיין חלום, צי זי הערט טאַקע אין דערווירקלעכקייט מאַיקל'ס קוועלנדיק קול. ער האָט, מאַיקל, מחיה געווען דאָס צימער מיט דער יוגנטלעכקייט, מיט דער וואַרעמקייט פון זיין קול. ער האָט דאָס אָנגעוואַרעמט איר צימער.

„פיר קינדערלעך האָט זי געהאַט, און זי האָט געפירט די סטרייקער אַף דער פּיקעט־לאַין. אין אַ זייט האָט זי דעמאָלט געהאַלטן איר פּנים, ווען זי איז געגאַנגען פאָראויס מיט אַ סטרייק־פּלאַקאַט. אינמיטן דער גאַס זיינען אַלע געגאַנגען. דאָרטן זיינען ניטאָ קיין טראָטואַרן. אַלע זיינען געגאַנגען. קיינער איז ניט פאַרבליבן אינדערהיים. אַפילו די הינט זיינען נאָכגעגאַנגען. מענער, פרויען און קינדער אין צעריסענע קליידער מיט אויסגעצויגענע פּנים'ער צו דעם דערשרעק, וואָס האָט אַף זיי געוואַרט הינטער די פאַרמאַכטע טויערן פון דער פאַבריק.

„גרויע פאַסמעס האָט דער ווינט געריסן פון די פרויאישע קעפּ. דער ווינט איז געלאָפן איבער די מאָגערע אויסגעבויגענע רוקנס. דער ווינט האָט געריסן די אַלטע פאַרלאַטעטע קליידלעך. די הינט האָבן זיך אויך געשראָקן, פּונקט ווי די מענטשן. זיי האָבן ניט געהאַווקעט. זיי זיינען נאָכגעגאַנגען נייגעריקע, מיט אויסגעצויגענע העלזער. אפשר האָט מען אים געוואָלט טרעפן מיט דער קויל, ניט מעי'ען, דער קליינעניקער פרידלעכער פרוי, ווייל ער, מאַיקל, האָט געשפּאַנט לעבן איר. ווי אַ טויב האָט זי אַ פלאַטער געטאָן צו דער ערד..."

באַ מרים'ען שטייען טרערן אין די אויגן. זי שעמט זיך, וואָס זי איז אַזאַ שוואַכע און הילפלאָזע. דאָרטן קעמפן פרויען און גיבן אַוועק זייערע לעבנס, און זי האָט אַזוי שוואַך געהאַנדלט אין איר לעבן. זאָל איר כאָטש מאַיקל פאַרגעבן. מיט זיין גרוים גוטסקייט זאָל ער איר פאַרגעבן.

דערנאָך, ווען מען האָט זיך צוגעוואוינט איינער צום אַנדערנס זיין, איינער צום אַנדערנס געשטאַלט, איינער צום אַנדערנס רייד, איז אויסגעקומען אַזוי נאַטירלעך דאָס זיצן צוזאמען און שמועסן, אַקוראַט ווי מען וואָלט זיך ערשט נעכטן צעשיידט און איצטער טרעפט מען זיך נאָכאַמאָל.

ס'איז גאָרניט פּאַרלאָפן. אַ חלום געווען. ווי מען האָט זיך געבאָדן אין טייך און די וואסערן האָבן אַלץ אַראָפּגעשווענקט.

אָבער פּלוצלונג — קלונג. דער שיין פון מרים'ס אויגן האָט זיך אָפּגעטאָן, דאָס פּנים איז איר געוואָרן בלאַס, און דער האַלז איז איר געוואָרן רויט. די ווירקלעכקייט קומט אָן. מיט אַזוינע פעסטע שטאַרקע טריט פון אַ באַלעבאָס, שפּאַנט זיך אריין אייב באַרנעץ.

— אָ, אַ גאַסט! מרים'ל, דו האָסט אַ גאַסט, — דערפריייט ער זיך זייער שטאַרק און שטרעקט אויס אַ לאַפּע צו מאַיקל'ען. — איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז דו קערסט האָבן געסט, — באַרימט ער זיך, וואָס פאַר אַ גרויסער חכם ער איז. — איך זע עפּעס, אַזביידע פענצטער זיינען ליכטיק, טראַכט איך מיר: „מרים'ל קער שוין אַוואַדע האָבן געסט באַ זיך."

ער איז זייער צופרידן, אייב באַרנעץ, מיטן גאַסט. ער פּאַדיעט אַרום מאַיקל'ען.

— פאַרבעט אים, מרים'ל, צו סאַפּער, — ווענדעט ער זיך צו זיין פרוי.

מאַיקל וויל ניט בלייבן צו קיין שום סאַפּער. מאַיקל וויל גלייך אַנטלויפן. ער שעמט זיך פאַר מרים'ען, ווען ער דערזעט אייב באַרנעצ'ן. ער וויל אַנטלויפן.

— אויב אַזוי, וועל איך אייך צופירן מיט מיין מאַשין צום סטיישאָן, — וויל ער כאָטש מיט עפּעס מהנה זיין דעם טייערן גאַסט.

— יאָ, מאַיקל, מיר וועלן דיך צופירן צו דער באַן, — זאָגט מרים מיט גרויסע טרויעריקע אויגן.

מאַיקל און מרים זעצן זיך אריין אין דער מאַשין. מאַיקל העלפט איר אריינשטייגן אין דער מאַשין. שמייכלט אייב באַרנעץ. ס'טוט אים הנאה, ווי דער דאָזיקער טייערער גאַסט באַנעמט זיך אַזוי דעליקאַט צו זיין ווייב.

זי איז אַ געפאַלענע, מרים. זי באַהאַלט אַפילו ניט פון אים איר געפאַלנקייט. זי האָט איצט מורא צו קוקן אים אין די אויגן. זי זיצט מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלז, אַקוראַט ווי זי וואָלט געזאָגט צו אים:

— נאַ, מאַיקל, קוילע מיך.

פּונקט אַזוי האָט זי אויסגעקוקט דעמאָלט, ווען ער איז אַרויפגעגאַנגען צו איר און געטראָפן אַ ליכטיק הויז און זי אין די כלה-קליידער. מיט אַן אויסגעצויגענעם אונטערטעניקן האַלז האָט זי אים באַגעגנט אַף דער שוועל. ער וויל ניט, מאַיקל, זי זאָל זיין געפאַלן. ער נעמט אָן איר האַנט, און זי ווערט זיך ניט. זיי הייבט אָן צו ציטערן, איר האַנט. זיי טוליען זיך, אירע פינגער, צו זיינע. דאָס וואָס דאָס מויל קאָן ניט זאָגן, זאָגן איצט אירע

פינגער! היימישע פינגער. זיי דערקענען זיך גלייך. א גרויסע שמחה באַפאַלט אַט די ביידע הענט. שוין יאָרן און יאָרן, אַז זיי האָבן זיך ניט געזען צוזאַמען, די הענט. זיי פאַלן צו, די פינגער, איינער צו אַנדערן, און קושן זיך, און רעדן איינער צום אַנדערן. אייב באַרנעץ דרייט אויס דעם קאָפּ און צעשמייכלט זיך. ס'געפעלט אים, ווי פיין זיי שוויַיגן איינער צום אַנדערן.

גאַסן לויפן פאַרביי. ליכט שווינדלט פאַרן אַטאָמאָביל-פענצטער. א פאַרק טראָגט זיך דורך. איבער אַלע וועלטן האָבן געבענקט די הענט איינע נאָך דער אַנדערער. איצט האַלטן זיי זיך צו. זיי ווילן זיך שוין ניט פאַרלאָזן. קוים זיך ווידער געטראָפן. זיי האָבן זיך געזוכט, די הענט, איבער וועלדער און פעלדער, איבער טייכן און ים'ען. זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן ווידער...

— און אַט זיינען מיר שוין דאָ, — מאַכט אייב באַרנעץ פריילעך און שטאָלץ, וואָס ער איז אַזאַ פלינקער מאַשינען-טרייבער און ער האָט אַזוי שנעל אים צוגעפירט צו דער סטאַנציע.

די הענט וויינען. זיי ווילן זיך ניט צעשיידן. זיי פאַרהאַלטן זיך ביזן לעצטן טראָפּן.

— קומט אַמאָל צו אונז צו גאַסט, — לאַדט אים איין אייב באַרנעץ. — א, מרים'ל? — ווענדעט ער זיך צו זיין ווייב. ס'הייסט, זי זאָל אים אויך איינלאַדן.

דער אַטאָמאָביל דרייט זיך אויס צוריק אַהיים. מאַיקל זעצט זיך אין דער באַן. די באַן לאָזט זיך לויפן מיט א וואָיעניש איבער די פאַרנאַכטיקע אומעטיקע פעלדער...

# ווען איין מענטש קושט דעם צווייטן מיט גרוים גוטסקייט...

ס'האָבן געברומט אירע בלוטן נאָך מאַיקל'ען די ערשטע פּאָר יאָר. ס'האָט ווי געטאָן זיין נאָמען אפילו. ס'האָט ווי געטאָן זיין שמייכל, ס'האָט איר פאַרקלעמט פון זיין געשטאַלט, וואָס האָט זיך באַוויזן אין איר גערדאַנק.

דערנאָך איז שוין געקומען די גרויקייט פון לעבן. פאַרשלאָפענע יאָרן זיינען געקראָכן. א פוילקייט צום לעבן. א שאָף אין פעלד צופּט זיך דאָס גראָז. ס'איז שטיל אין די אויערן. קיינער קומט ניט. אזוי דאַרף דאָס מסתמא זיין.

איצט האָבן זיך ווידער צעברומט אירע בלוטן מיט א גרויס גערויש. זי וואונדערט זיך, מרים, ווי זי האָט דאָס געקאָנט דערלאָזן. העלדישע פרויען פאַראַן אַף דער וועלט, וואָס קעמפן פאַר זיך און פאַר אַלע שוועסטער־פרויען. אין אַלע מעשיות פון דער סאַוט, וואָס ער האָט איר דערציילט, האָט זי געזען איר אייגענע געפאַלנקייט. זי האָט ניט געקאָנט קעמפן אפילו פאַר איר אייגן לעבן. וואָס טוט זי אין דער מאַשין פון דעם פרעמדן מאַן מיטן רויטן קאַרק? וואָס מיינט דאָס שיינע הויז מיטן ווייסן גאַניק צו איר?

— קום, מרים'ל, איך בין שוין זייער הונגעריק, — פּעסטשעט זיך באַרנעץ פאַר זיין ווייב.

ער איז הונגעריק, איר מאַן, דאַרף מען אים אָנקאָרמענען. זי דערלאַנגט אים די וועטשערע.

— א געשמאַקער באָרשטש, מרים'ל, — מאַכט ער זייער צופרידן.

ער האָט ליב באָרשטש, אייב באַרנעץ, פעטן באָרשטש מיט א מאַרך־ביין. זי ווייסט שוין, וואָס ער האָט ליב און זי שטעלט אים צו אַלע באַליבטע זאַכן זיינע. זי האָט אים ניט פיינט, מרים. זיך צוגעוואוינט שוין צו דעם דאָזיקן מענטשן. זי דערוואַרטעט אים שוין אַלע פאַרנאַכט. באַאומרואיקט זיך, ווען ער פאַרשפּעטיקט...

— עס, מרים'ל, ס'ווערט קאַלט, — זאָרגט ער זיך וועגן איר, וואָס זי זיצט זיך אזוי א בלאַסע און א פאַרקלערטע.

זי טראַכט, מרים. זייער שנעל לויפן די געדאַנקען. זי וואונדערט זיך, צי זי וואָלט געקאָנט פאַרלאָזן דאָס הויז. אזוי זיך אוועקגיין און מער זיך

ניט צוריקקערן. זי האָט ליב באַקומען דאָס הויז.
זעקס צימערן פאַרמאָגט דאָס הויז. גייט זי איצט פון צימער צו צימער און צינדט אָן אַלע ליכט.
— וואָס טוסטו, מרימ׳ל?
זי וויל איצט, אַז אַלע צימערן זאָלן זיין ליכטיק און צו זען איר גרויסע שאַנדע. זי גייט אַריין אין גרויסן זאַל — דער גאַסט-צימער. אַ גרויסע פּיאַנאָ שטייט דאָרטן. אַ פאַרשלאָסענע. מרים קאָן ניט שפּילן אויף קיין פּיאַנאָ. צוליב וואָס האָט מען באַדאַרפט די פּיאַנאָ? אָבער אייב האָט געזאָגט, אַז ס׳איז זייער שיין, ווען אַ פּיאַנאָ איז דאָ אין הויז. זי צעעפנט די פּיאַנאָ, מרים, און גיט אַ קוועטש אַ פּאָרביינדלעך. דערטראָגט זיך פון דאָרטן אַ פאַרוואונדעטער געשריי. רויטע לעמפּעלעך העגנען אונטער דער סטעליע. זיי מאַכן רויט דעם גרויסן זאַל. און אַז מען וויל, צינדט מען אָן די בלויע לעמפּעלעך, ווערט בלוי דער גאַנצער צימער.
אַ ביבליאָטעק-צימער מיט שאַפעס פול מיט ביכער. זי האָט געקויפט, וואָס פאַר אַ בוך ס׳איז נאָר דערשינען. געשלונגען זיי מיט גרוים דורשט. געוואָלט וויסן, וואָס זאָגן קלוגע מענטשן וועגן לעבן.
אָט איז דער עס-צימער מיטן גרויסן טיש, ארום וועלכן ס׳זיינען שטענדיק געזעסן בלויז צוויי מענטשן. עלעגאַנטע בענקלעך שטייען אויסגעשטעלט, לייטישע און סטאַטעטשנע. קלאָרע, קרישטאָלענע ליכט פאַלט פון די לאָמפּן.
— מרימ׳ל, וואָס טוסטו? — איז ער שוין רעכט דערשראָקן.
די גרויסע ציכטיקע קיך מיטן ווייסן אויוון, מיט די ווייסע טעלער און גלעזער אין די פענצטערדיקע שאַפעס, מיט די זויבערע גרויסע פינקלדיקע טעפּ.
דער באָד-צימער מיט דעם גראָבן שפּיגל-גלאָז, מיט דעם ציכטיקן לייַלעך ארום דעם שפּריץ, מיט דער מאַרמאָרנער גלאַנציקער וואַנע, מיט די קעסטלעך, בערשטלעך, סלאָיקעלעך און טערקישע האַנטיכער.
דער גראַמער שלאָף-צימער מיט דעם גרויסן ברוין-רויטלעכן בעט מיט דער קאָלירטער זיידענער צודעק אויף דער בלויער קאָלדרע.
— מרימ׳ל, ס׳איז שוין שפּעט, קום שלאָפן.
מען לייגט זיך ביידע שלאָפן, מאַן און ווייב. ער וויל זי אַרומנעמען, זי רוקט זיך אָפּ צו דער וואַנט.
— מרימ׳ל, אַ?
זי טוליעט זיך צו דער קילער וואַנט. ער מיינט ס׳איז אַ שפּיל אַזאַ, געפעלט אים די שפּיל. שטרעקט ער אויס די האַנט.
— ניטע, ריר מיך ניט אָן! — שרייט זי אויס אין דערשרעק.

וואונדערט זיך אייב באַרנעץ, ווייל בלויז די ערשטע צייט נאָך דער חתונה האָט זי געוויזן ווידערשטאַנד. דערנאָך איז זי געוואָרן אַ געהאָרכזאַמע. ווען ער האָט געוואָלט, איז ער געקומען און גענומען לוסט פון דעם יונגן פרישן קערפּער.

— מרים׳ל, אַ?

נו, אַז זי שווייגט, מסתמא פילט זי ניט גוט. ער וועט איינשלאָפן. איינגעשלאָפן מיט אַ שנאָרך. איז מרים געבליבן אַ וואַכנדיקע און זיך געוואונדערט, ווי אַזוי האָט זי געקאָנט זיך געפינען לעבן אָט־דעם מענטשן די גאַנצע צייט. ווייזט אויס, אַז זי איז פאַרטעמפּט געוואָרן, גאָרניט געוואוסט. עס איז געווען אַ מין אומבאַקוועמער חוב. אַליין איז זי פאַרבליבן אַ מיידל אַלע יאָרן. זי האָט ניט געוואוסט, וואָס עס הייסט גענום מיט אַ מאַן. אַ פאַרפרוירענע און אַ פאַרגליווערטע אַלע יאָרן. וואָלט כאָטש געווען געבוירן געוואָרן אַ קינד.

שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך געלאָזט אויסוועבן אַ חלום אַזאַ, ווי זי און מאַיקל גייען האַנט־אין־האַנט אַף וויליאַמסבורגער בריק. זי האָט גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט וועגן אייב באַרנעץ. ניט געווען אַזאַ מענטש אַף דער וועלט. זי און מאַיקל גייען שוין שטענדיק אַזוי צוזאַמען און ס׳שיינט די זון אַפן איסט־ריווער און ס׳שפּילט דער גאַנצער בריק. ניט אַף דראָטן הענגט דער בריק, נאָר אַף סטרונעס אַזוינע, וואָס וויגן זיך און וואָס ברומען אַ געזאַנג צו דער גאַנצער יונגער מענטשהייט, וואָס שפּאַצירט אַף דעם בריק. עפּעס ווי אַ גרויסער יום־טוב הײַנט. רויטע, געלע, גרינע לעמפּלעך אין די טויזנטער אַריינגעפּאַסט אין יאַפּאַנעזישע לאַמטערנעס, באַלויכטן דעם ריזיקן שפּאַציר־גאַנג איבערן איסט־ריווער. ס׳גייען נאָך יונגע פּאָרלעך. אַלע גליקלעכע. אַ גרויסע פרייד אַף דער וועלט. איר שוועסטער מילדרעד גייט אויך מיט אַ בחור. די בחורים צימבלען אַף יוקעלעילים. קיין אָטאָמאָבילן לויפן ניט אַף דעם בריק. אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר זיי, פאַר די יונגע פּאָרלעך. מאַיקל קושט זי און זאָגט צו איר:

— ווען איין מענטש רעדט צום אַנדערן מיט גרויס גוטסקייט, איז דאָס אַ גרויסע בענטשונג. הײַנט נאָך, ווען איין מענטש קושט דעם צווייטן מיט גרויס גוטסקייט, דערהויבט מען זיך צו דער העכסטער הויכקייט.

זי לאַכט, מרים, פון דעם מאַיקל׳ען, וואָס מוז שטענדיק אויסטייטשן יעדן קוש, וואָס ער טוט איר. אָ, איר מאַיקל, דער קלוגער שיינער מאַיקל.

## וואָס טוסטו דאָ, מרים?

די מאַמע איז געקומען פאַרנאַכט אַהיים און געטראָפן מרים'ען זיצן אין דער פינצטער.

— טאָכטער, מרים, ס'איז דו? — פרעגט די מאַמע און ס'פאַלט איר אײַן דאָס האַרץ פון איר פּלוצימדיקן וויזיט, פון איר טרויעריקן זיצן.

— ס'איז איך, מאַמע, — ענטפערט מרים אַ שולדיקע.

— וואָס איז געשען? — פרעגט בעסי אין גרויס פּחד.

— איך בין געקומען מיט דיר וואוינען, — ענטפערט מרים און וואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, וואָס די מאַמע וועט דערויף זאָגן.

די מאַמע זאָגט אָבער גאָרניט. זי זעצט זיך אַנידער אָפן בענקל, אַ מידע פון דעם שווערן טאָג אַרבעט. אוי, ווי אירע ביינער זיינען צעבראָכן, ווי אירע פיס טוען שוין ווידער וויי. זיי ווערן געשוואָלן. זיי לויפן־אויף אַזוינע מאָדנע און גראָבע, און דאָ נאָך איר אומגליקלעכע טאָכטער. זי וואָלט שוין געווען גענדאַרפט פון לאַנג אַוועק פון אים, ווייל ווי איז צו דער פרוי, וואָס איר ליב איז פרעמד צו אַן אייגענעם מאַן. זי האָט זיך די גאַנצע צייט אָנגעשטויסן, אַז איר קינד ווייסט ניט דעם גענום פון מאַן, אַז זי איז געבליבן אַ פאַרגליווערטע און אַ פאַרפרוירענע. וואָס־זשע זאָל זי איצט זאָגן צום קינד? זי וועט בעסער איינדרימלען. שווער מאַכן זיך צו אירע אויגן. שווער באַפאַלט זי דער שלאָף אַזוי זיצנדיק אָפן בענקל. אירע איברים ווערן איר אָפּגענומען. בלויז די פיס בלייבן וואַכנדיק. שווערע גראָבע פיס, און זיי צעוואַקסן זיך ערשט איצט, די פיס, אַזוינע גרויסע און ברייטע.

מרים האָט זיך שוין ניט געקאָנט דערוואַרטן, וואָס איר מאַמע וועט איר זאָגן. די מאַמע אירע שווייגט. אין דער פינצטער זיצט די מאַמע אירע און שווייגט פון דאָרטן אַרויס. אַ שווייגנדיקע מאַמע אַלע יאָרן, האָט ליב צו זיצן אין דער פינצטער. זי קאָן ניט פאַרליידן די ליכט. נאָך אין קלינטאָן סטריט, ווען אַלע זיינען געזעסן אַרום טיש, פלעגט זי אַוועקגיין אין דער פינצטערער קיך, זיך אַוועקזעצן אָפן בענקל דאָרטן און אַזוי אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַן אומעטיקע מאַמע פאַרמאָגט זי, מרים. וואָס קאָן איר שוין אַזאַ מאַמע העלפן? איז וואָס־זשע איז אַזוינס אַ מאַמע, ווייל איצט

מרים ווײסן. וואָס מײנט צו איר די פרוי, וואָס האָט זי געבוירן און איבער־געלאָזט אַף הפקר צום שווערן לעבן.

ליוסי קומט אַרײַן אַזאַ אומעטיקע. זי האָט נאָך מרים׳ען ניט געזען אין דער פֿינצטער. ערשט ווען זי האָט אָנגעצונדן די גאַז, האָט זי ערשט דעמאָלט דערזען איר שוועסטער מרים׳ען, ווי זי זיצט אַזאַ שולדיקע.

— וואָס טוסטו דאָ? — פֿרעגט ליוסי אַ דערשראָקענע.

— געקומען דיך זען, — מאַכט מרים כלומרשט אין שפּאַס.

— ניין, זאָג מיר דעם אמת, וואָס איז געשען? — פֿאַרשטייט גלײַך ליוסי, אַז עפּעס איז שוין געשען.

— איך בין זיך צעגאַנגען מיט מײַן מאַן, — פֿאַרשעמט זיך פּלוצלונג מרים, וואָס זי האָט געזאָגט: „מײַן מאַן״.

ענטפֿערט איר שוין ניט דערויף ליוסי. זי טראַכט אויך, אַז מרים וואָלט שוין געדאַרפֿט פֿון לאַנג אַזוי טאָן. זי וויל איבערהויפּט ניט מער טראַכטן וועגן איר שוועסטער. זי האָט אירע אייגענע צרות. זי איז פֿאַרצווייפֿלט ביז גאָר. ס׳וועט איר אויסקומען זיך וואַרפֿן אין וואַסער אַרײַן.

— אָבער וואָס איז דער מער מיט דיר? — כאַפּט זיך גלײַך מרים, אַז איר יונגע שוועסטער איז זייער אומגליקלעך. — וואָס קוקסטו מיר אַזוי אויס?

— אָ, גאָרניט, מיד פֿון דער אַרבעט, — האַקט זי אָפּ אַ ליגן גלײַך אַפֿן אָרט, ווײַל זי אַרבעט שוין ניט די לעצטע וואָכן. אַוועק איר באָס קיין אויסלאַנד, חתונה געהאַט מיט זײַן באַשערטער. ליוסי׳ן האָט ער אַפֿילו ניט געלאָזט ווײסן, ווען ער פֿאָרט. זי האָט בכלל ניט געוואוסט, צי ער דאַרף פֿאָרן. זי האָט זיך געקליבן אים דערציילן וועגן איר לאַגע, און דאָס אַלץ אָפּגעלייגט. ווען זי האָט שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און אים געמוזט זאָגן, האָט זי געטראָפֿן דעם אָפּיס אַ פֿאַרשלאָסענעם.

ליוסי נעמט אַרום איר שוועסטער און צעוויינט זיך.

— וואָס איז, ליוסי? וואָס איז געשען? — דערשרעקט זיך די גרויסע שוועסטער.

— אָ, גאָרניט, — וויל ליוסי ניט דערציילן. זי שעמט זיך פֿאַר איר וואוילער, פֿאַר איר גרויסער, גוטער שוועסטער.

# קושט זיך מיט אים און וויינט

ליוסי גייט אַריין צום באָרדער אין צימער. ער איז נאָך ניטאָ. ער לערנט אין אַרבעטער־אוניווערזיטעט. קומט זייער שפּעט אַהיים. זי ליגט זיך אַף זיין בעט. זי בענקט נאָך אים. זי וואָלט געוואָלט ער זאָל שוין וואָס גיכער קומען און רעדן צו איר. אַ פּנים מיט קרומע קנייטשן, מיט קורצזיכטיקע אויגן, מיט ברילן, אַ קליין־געוואַקסיקער. אָבער יעדער וואָרט זיינס איז פֿול מיט טעם. זי האָט אַפילו שוין אָנגעהויבן צו רעדן מיט אים אידיש. זי האָט זיך שטענדיק געשעמט מיטן אידיש. זי שעמט זיך איצט אויך, אָבער צו אים וויל זי דוקא רעדן אידיש. ס'איז גוט צו ליגן אין זיין בעט. אָט דאָ איז זי געראַטעוועט. עס ווערט גרינגער דער אומגליק. זי טראַכט שוין גאָרניט. ס'גייט אַוועק שעה נאָך שעה אין אַזאַ מין דערלייזונג. שאַ, ער גייט. זי דערקענט שוין זיינע טריט. לויפנדיקע טריט, און ברומט זיך שטענדיק אונטער עפּעס אַ ניגונ'דל. ער ווייסט ניט, ווער ס'ליגט באַ אים אין בעט. ער צינדט אָן די גאַז. ער דערזעט אירע גרויסע אומעטיקע אויגן, וואָס קוקן אַף אים און בעטן רחמנות.

— וואָס טוסטו אין מיין בעט? — גיט ער אַ קאַרטשע איין דאָס גראָבע נעזל.

— ס'איז וואַרעם אין דעם בעט, כאַ־כאַ־כאַ, — צעלאַכט זי זיך.

— הייסט דאָס, אַז ס'איז דאָ יאָ וואַרעם, — גיבן זיך אַ צעפינקל באַ אים די שוואַרצע קורצזיכטיקע אייגעלעך.

— אָ, מענדרלע, מענדעלע, — זעצט זי זיך אויף און וויל זיך לאַסטשען צו אים.

— וואָס מענדעלעסטו מיר פאַר די לעצטע עטלעכע טעג? — שרייט ער בלומרשט אָן אַף איר.

— אָ, ביזט אַזאַ קלוגער, מענדל. זאָג מיר, — ווייסט זי ניט וואָס זי וויל אים זאָגן, און זי וויל אים עפּעס גראָדע יאָ דערציילן, אָבער ווי אַזוי?

— וואָס בעלעמעטשעסטו? — בייזערט ער זיך. — אַרויס מיט לשון. וואָס קוועטשט דיך דאָרטן, דערצייל.

— אָ, מענדל, ס'איז שווער...

— וועמען איז דען ניט שווער? — האָט ער צו איר אַ טענה. — יעדן

איינעם איז שווער. און אַלץ נעמט זיך פון אונזער אָרעמקייט.

— אָ, ס'איז ניט פון דער אָרעמקייט, — גיט זי אַ זיפץ.

— פונוואַנעט ווייסטו, אַז ס'איז ניט פון דער אָרעמקייט? — וויל ער בא איר אויסנאַרן דעם אמת. — אַלץ קומט פון דער אָרמעקייט.

— ס'איז עפּעס אַנדערש, — קאָן זי ניט זאָגן דייטלעך און קלאָר, וואָס עס איז דער עפּעס אַנדערש.

— דער אַנדערש איז אויך צוליב דער אָרעמקייט, — קוקט ער איר אַריין מיט זיינע דורכדרינגלעכע קורצזיכטיקע אייגעלעך. און ליוסי'ן דאַכט זיך אויס, אַז ער האָט שוין געטראָפן, אַז ער האָט שוין פאַרשטאַנען אַלץ, אַלץ. ס'ווערט אים אַזש קאַלט פון דעם.

— אָ, מענדעלע, רעד צו מיר, — בעט זי זיך בא אים.

קאָן ער צו איר שוין אויך ניט רעדן. ס'ווערט אים אויך קאַלט. עפּעס האָט ער טאַקע יאָ פאַרשטאַנען. שוין פאַר די לעצטע עטלעכע טעג, אַז זי איז אַזוי צעדרייט און ער האָט פיל געטראַכט וועגן איר צעדרייטקייט. ער האָט זיך שוין אָנגעשטויסן אַז ס'דאַרף זיין פאַרבונדן מיט יענע נעכט, ווען זי, אַן אויסגעפּוצטע אין זיידענע קליידער, פלעגט אַרויספאָרן מיט יענעם רייכן מאַן. ער קוקט אָף איר צודרינגלעך, אַ שטראָפנדיקער, אַ כמורנער.

— אָ, ניין, ס'איז ניט דאָס, וואָס דו טראַכסט, — וויל אים ליוסי אַראָפּפירן פון וועג.

— פונוואַנעט ווייסטו, וואָס איך טראַכט? — פרעגט ער מיט איינגעשמעלערטע קורצזיכטיקע אייגעלעך.

— וואָס דו זאָלסט ניט טראַכטן, איז דאָס ניט דאָס, — וויל זי אים צעטומלען זיינע געדאַנקען. און כדי ער זאָל טאַקע מער ניט טראַכטן פון איר קיין בייז, נעמט זי אים אַרום און גיט אים אַ קוש. ס'ערשטע מאָל, וואָס זי טוט צו אים אַזאַ זאַך. האָט שוין גראָדע דער קוש יאָ צעטומלט זיינע געדאַנקען. געבליבן איז ער זיצן אַ פאַרלווירענער, מיט אָפענע ליפּן, מיט זיינע שיטערע ציינדלעך.

ליוסי האָט זיך צעלאַכט פון זיין פאַרלוירנקייט. שטענדיק פרייט זי זיך, ווען דער דאָזיקער קלוגער מענדל פאַרלירט זיך פאַר איר. זי גיט אים נאָך אַ קוש, און נאָך אַ קוש און לאַכט, און לאַ־אַ־כט. אָבער באַלד גייט איבער איר געלעכטער אין געוויין. גיט ער איר אַ קוש. לאָזט זי אַזוי גיך ניט אָפּ זיין קוש און וויינט.

— נו, שאַ, שאַ, — מאַכט ער מיט גרויס ליבע. און זי וויינט און ווייינ־ט, קושט זיך מיט אים און וויינט.

# מען האָט אונז אָפּגענאַרט

זיי שלאָפֿן שוין ווידער צוזאַמען, ווי אַמאָל אױף קלינטאָן סטריט. אױפֿן שמאָלן בעט ליגן זיי צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער און בײַ ליוסי׳ן קלאַפּט דאָס האַרץ זייער הויך.

— וואָס איז דיר, ליוסי שוועסטערל? פֿאַרוואָס קלאַפּט אַזוי שטאַרק בײַ דיר דאָס האַרץ? — פֿרעגט מרים מיט דער זעלבער גוטסקייט אין קול, ווי אַמאָל, ווען ליוסי איז נאָך געווען אַ קליין מיידל.

— איך ווייס ניט, — איז יענע הילפֿלאָז.

— ביזט אפשר קראַנק? — זאָרגט זיך מרים.

— איך ווייס ניט, — האָט זי איין תּירוץ.

— דערציייל מיר, ליוסי שוועסטער, — נעמט זי מרים אַרום. — דערציייל מיר און שעם זיך ניט.

— אָ, מרים, ס׳איז מיר ניט גוט, — קלאָגט זי זיך.

— ביזט פֿאַרליבט, ליוסי?

— אין וועמען זאָל איך זיין פֿאַרליבט? — האָט זי צו דער שוועסטער אַ טענה.

— איך ווייס, אפשר אין באָרדער? — פֿאָרשט מרים איר קליינע שוועסטערל. זי האָט שוין געהאַט אורזאַכן אַזוי צו דענקען, זעענדיק ווי זי פֿאַרברענגט אין זיין צימער מיט אים שטונדן און שטונדן.

— ער איז דאָך אַ יוראָפּישער? — האָט זי ווידער צו דער שוועסטער אַ טענה, — און אַזאַ קליינינקער מיט גרויסע ברילן.

— ס׳איז גאָרניט, שוועסטער, וואָס ער איז אַ יוראָפּישער, און אויך וואָס ער איז אַ קליינינקער, — אַרגומענטירט מיט איר מרים. — דער עיקר, אַז דו האָסט אים ליב. אין ליבע ווערט אַלצדינג שיין און אַנגענעם, און מען באַקומט אַזאַ גרויסן פֿאַרלאַנג צום לעבן, — רעדט די עלטערע שוועסטער וועגן ליבע און מיינט ניט נאָר ליוסי׳ן, נאָר זיך אויך.

— איך דענק אַפֿילו ניט וועגן אים, — ווערט ליוסי מיטאַמאָל שטאָלץ און בלאָזט זיך אָן.

— נו, דענק־זשע וועגן גאָרניט, ליוסי, און שלאָף איין. ס׳איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. די גאַנצע וועלט שלאָפֿט שוין, וועלן מיר אויך

שלאָפֿן, — רעדט צו איר די עלטערע שוועסטער אין דעמזעלביקן טאָן, ווי אַמאָל, צוריק מיט יאָרן, ווען יענע איז נאָך געווען אַ קליינע.

ציט זיך ליוסי צו אירע רייד, טוליעט זיך צו דער שוועסטער און מען ווערט ביידע אַנטשלאָפֿן, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. אָבער שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך ליוסי אויפֿגעכאַפּט מיט גרויס שרעק און אויפֿגעוועקט די שוועסטער.

— וואָס איז געשען, ליוסי? — איז יענע צעטומלט.

— איך בין טראָגנדיק, מרים, — פּלאַצט ליוסי אַרויס אָן שום פֿאַר־רעדעס.

— וואָס רעדסטו נאַרישקייטן, — פֿאַרשטייט אַפּילו ניט יענע, וואָס זי האָט איר נאָר־וואָס געזאָגט.

— יאָ, איך בין טראָגנדיק, — צעוויינט זי זיך.

ליוסי האָט איר אַלץ דערציילט, און מרים האָט זי געשלאָגן. איבער די באַקן געשלאָגן און געמאַכט בייז:

— אַ, דו, דו, — וואָס „דו" האָט זי אַפּילו ניט געקאָנט זאָגן.

ליוסי האָט זיך געלאָזט שלאָגן. ס'זיינען איר געווען ליב דער שוועס־טער'ס פּעטש. זי האָט בלויז געוויינט און זיך געבעטן:

— ראַטעווע מיך, מרים, ראַטעווע מיך.

מרים האָט זיך דערנאָכדעם געוואונדערט, וואָס זי האָט געשלאָגן די קליינע שוועסטער. זי האָט זיך אויך געוואונדערט, וואָס זי פֿילט אַזאַ גרויסע באַליידיקונג פֿון דעם. אפשר דערפֿאַר, וואָס זי האָט נאָך אַלץ געטראַכט וועגן ליוסי'ן, ווי וועגן אַ קליינער שוועסטערל, און האָט בשום אופֿן זיך ניט געקאָנט פֿאַרשטעלן זי אַלס אַ פֿרוי. יאָ, אַ פֿרוי ליגט לעבן איר, אַ זינדיקע פֿרוי און זי איז איר שוועסטער. און זי ווערט פֿול מיט רחמנות צו דער דאָזיקער זינדיקער שוועסטער. דורכן גאַנצן לעבן זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן צו אירע פֿאַמיליע אַזוינע גרויסע אומגערעכטיקייטן. אַ טאַטע, וואָס איז געשטאָרבן אין זיינע יונגע יאָרן, אַ שוועסטערל מילדרעד, וואָס איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן און מען ווייסט ניט וועגן איר גאָרניט. אַ שווייגנדיקע מאַמע, וואָס האָט קיינמאָל ניט געקאָנט ריידן צו אירע קינדער. זי אַליין, וואָס איז אָפּ־געשטאַנען מיט אַ מאַן זעקס יאָר, און האָט ניט געוואוסט דעם זינען פֿון דעם. אַ ברודער מויש — אַ פֿאַרברעכער. זי האָט דאָך שוין געזען מויש'ס בילד אין די צייטונגען. מיט די לאַנגע אויערן איז ער געווען אויסגעמאָלן. אין פּאָליציי־סטיישאָן האָבן איר די רעפּאָרטערס אַראָפּגעכאַפּט, און פֿאַר־

בינדונג מיט א מאָרד. אַ פאַמיליע אַזאַ אַף דער איסט־סאַיד, און פאַרוואָס? און פאַרוואָס?

— איך וועל דיך ראַטעווען, ליוסי שוועסטערל, — טרייסט זי מרים מיט גרוים גוטסקייט, און גלעט דעם דאַזיקן זינדיקן קערפּער.

— ווי אַזוי? — וויל ליוסי וויסן.

— מיר וועלן זען, — פאַרזיכערט זי מרים, — מיר וועלן שוין זען.

:: :: ::

דער גרויסער שוידער פון דער אָפּעראַציע ליגט נאָך אין ליוסי'ס אויגן. גרויסע צעווייטיקטע אויגן. זי ליגט אַף איר בעט און וויל ניט אָפּלאָזן איר שוועסטער מרים פון זיך.

— אָ, גיי ניט אַוועק, בלייב מיט מיר, — בעט זי זיך.

— זיי ניט קיין קינד! — שרייט אַף איר אָן די שוועסטער.

אָבער ליוסי האָט מורא מען זאָל פון איר אַוועקגיין. זי וועט נאָך שטאַרבן.

— אוי, אוי, מרים, איך וועל שוין דאָס מער ניט טאָן, — קלאַמערט זי זיך אין דער שוועסטער'ס הענט.

דער מאַמען האָט שוין מרים פאַררעדט די ציין. איר געזאָגט, אַז ליוסי פילט זיך ניט גוט. ווייזט אויס, אַ פאַרקילונג. די מידע מאַמע דערשרעקט זיך טאַקע, וואָס דאָס קינד איז קראַנק. אָבער גוט כאָטש, וואָס מרים איז שוין דאָ אין הויז. זי וועט שוין אַכטונג געבן אַף ליוסי'ן. זי האָט שטענדיק אַכטונג געגעבן אַף איר. זי וועט זיך דערווייל צוזעצן. דער געשוואָלענער פיס נאָגט איר דעם גאַנצן מאַרך.

— לאָז אים ניט אַריין, מענדל'ען, — בעט זיך ליוסי בא איר שוועסטער, ווען זי דערהערט זיינע אייליגדיקע טריט.

— וואָס אַרט דיך, אַז ער וועט אַריינגיין צו דיר? — שפּאַרט זיך מיט איר די שוועסטער.

— ער וועט זיך נאָך דערוויסן, — האָט ליוסי מורא. — דו קאָנסט אים נאָך ניט. ער איז זייער אַ קלוגער.

— ער וועט ניט וויסן, ער וועט ניט וויסן, — שמייכלט מרים, וואָס ליוסי טרייבט אַזוי איבער דעם באָרדער'ס קלוגשאַפט.

אָבער ער האָט שוין יאָ געוואוסט, דער מענדל. ער האָט שוין דער־שמעקט דעם גאַנצן ענין.

פון אַ באַמערקונג דאָ און דאָרט, פון אַן אומפאַרזיכטיק וואָרט, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט בא ליוסי'ן, פון איר וועלן אים פאַרזיכערן, אַז עס

איז בלויז אַ פאַרקילונג, און אַז ער זאָל איר גלויבן, אַז ס'איז בלויז אַ פאַר־קילונג. ער האָט זיך געפילט זייער נידערגעשלאָגן פון דעם. ער האָט מיט־אַמאָל דערפילט אַ גרויסע מידקייט און איז געזעסן אין איינגעהויקערטער לעבן איר בעט און געשוויגן.

— פאַרוואָס רעדסטו צו מיר ניט? — מאָנט ליוסי פון אים רייד.

— וואָס זאָל איך רעדן? — מאַכט ער טרויעריק. — אַזוי איז דאָס. מיר ווערן געבוירן אין אַן אָפּגענאַרטער וועלט.

— וועגן וואָס רעדסטו? — דערשרעקט זיך ליוסי.

— אָט וועגן זיך רייד איך, וועגן דיר, — גיט ער זיך אַ מאַך סתם אַזוי.

— וואָס וועגן מיר? — איז זי איצט זייער פּילבאַר וועגן זיך.

— מען האָט אונז אָפּגענאַרט ליוסי, זייער מיאוס אָפּגענאַרט.

— ווער האָט אונז אָפּגענאַרט? — דערשרעקט זי זיך טאַקע אויף אַן אמת'ן, טאָמער ווייסט ער שוין.

— יעדער איינער האָט אונז אָפּגענאַרט, — איז אים זייער טרויעריק.

— איך ווייס ניט, וואָס דו רעדסט? — קאָן זי אים ניט פאַרשטיין.

— אָט נעם זיך, צום ביישפּיל, — שטעלט ער אָן אויף איר זיינע קורצ־זיכטיקע, אומעטיקע אויגן.

— וואָס מיך? — דערשרעקט זי זיך שוין ווידער, טאָמער ווייסט ער.

— אָט ביזטו געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע, אין אַזאַ וואונדערבאַר לאַנד. האָסט אַפילו ניט גענומען זיך די מי צו פאַרשטיין און צו לערנען וועגן דיין אייגן לאַנד.

— וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? — וואונדערט זי זיך.

כאַפּט זיך אָבער מענדל, ווי נאַריש ער איז. זי איז איצט אַזאַ קראַנקע און ער דולט איר אַ קאָפּ. ער דאַרף בעסער זיין גוט צו איר. אָבער ער קאָן ניט. ער איז פאַרוואונדעט. ער שטויסט זיך שוין אָן, אַז דער דאָזיקער פרעמדער מאַן מיטן רייכן אָטאָמאָביל, וואָס פלעגט אָפּט קומען נאָך ליוסי'ן און דערנאָכדעם זי אַהיים ברענגען אַ שיכור'ע, האָט זי פאַראומריייניקט, פאַרשוועכט פאַר אים. ער וויל איצט ליב האָבן. ער וויל איר קאָנען פאַר־געבן. זיין גראָדער שכל האָט איר פאַרגעבן, אָבער זיין בלוט פאַרגיט איר נים. ער גייט אַוועק פון איר און לאָזט זי איבער אַ קראַנקע און אַ וויינענדיקע.

# מרימ׳ל, אָ?

אייב באַרנעץ איז געקומען אַ באַוואַקסענער, ניט קיין געגאָלטער, מיט רויטע אויגן.

— מרימ׳ל, איך קאָן ניט שלאָפן און ניט עסן, — האָט ער צו איר אַ טענה.

— ס׳טוט מיר זייער לייד, אייב, — מאַכט זי צו אים מילד, — אָבער מיר קאָנען אַף ווייטער ניט פאַרבלייבן צוזאַמען.

— פאַרוואָס ? — הויבט ער ניט אָן צו פאַרשטיין דעם גרויסן אומרעכט, וואָס מען האָט אים געטאָן.

מיר זיינען ניט צוגעפאַסט איינער צום אַנדערן, — וויל זי אים געבן צו דערקלערן.

— האָב איך דיר חס וחלילה געטאָן שלעכטס ? — בעט ער זיך בא איר רחמים. — האָב איך דען עפּעס פון דיר געקאַרגט ? האָב איך דיר דען חס וחלילה אפילו געזאָגט אַ הויך וואָרט ? — הויבט ער ניט אָן צו פאַרשטיין איר האַנדלונג.

ער איז געווען געוואַלדיק צופרידן מיט זיין פאַרהייראַטן לעבן. האָט ער שוין געמיינט, אַז זי איז אויך צופרידן. אַזאַ פיין נאַשער־שמייכעלע פלעגט אַרומשפּרינגען אַף זיינע וואָנצעס, ווען ער פלעגט זיך לאָזן פון זיין אָפיס אַהיים. ס׳דערוואַרט אים אין דערהיים דאָס ליכטיקע שקאַפּקעלע זיינע מיט אירע שיינע האָר, מיט אירע ברוינע קוקערס, מיט דעם לאַנגן אונטער־טעניקן האַלז אירן. אין אַ זומער־פאַרנאַכט, נעמט ער זי אַרויס אין זיין אַטאָמאָביל און פירט זי איבער אַלע שיינע וועגן אַרום דער שטאָט. גיט אַ כאַפּ אַלעמאָל אַ קוק אין שפּיגעלע, און האָט הנאה צו זען, ווי זי זיצט אַזאַ פאַרגאַפטע און פאַרוואונדערטע פון די נאַטור־שיינקייטן. איז אַ ווינטער־פאַרנאַכט, האָבן זיך זיינע וואָנצעס געפרייט, וואָס ער וועט קומען אין דער־וואַרעמער, זויבערער היים, און זי, אַזאַ ציכטיקע און אַזאַ געמיטלעכע, וועט פאַר אים דעקן דעם טיש און אים דערלאַנגען די וועטשערע. נאָך דער וועטשערע וועט ער זיך זעצן אין הוידע־שטול, און קוקן אַף איר, ווי זי לייענט אַ בוך, אָדער אַ צייטונג. ער אַליין לייענט ניט גאָרניט, ניט קיין ביכער און ניט קיין צייטונגען. דערפאַר אָבער האָט ער ליב צו זען, ווי זי

ליגענט די דאָזיקע ביכער, און ס'איז שוין פאַר אים געווען געגוג. אַז ער האָט זיך געוואָלט שוין לייגן שלאָפן, און זי איז נאָך אַלץ געווען פאַרטאָן אין די ביכער, האָט ער אָנגעהויבן מאַכן צייכנס. זיך געצויגן, געגענעצט ליטיש, געזאָגט: „מרימ'ל, אַ, מרימ'ל, אַ."

און זי איז שוין אויך געגאַנגען מיט אים אין בעט אַריין. אַ באַלוינונג פאַר אַלע זיינע שווערע יאָרן.

ער האָט ניט געוואָלט איצט אָפּטרעטן. ער האָט ניט געוואָלט אַהיימפאָרן:

— וואוהין וועל איך שוין גיין אָן דיר? — האָט ער געזאָגט מיט גרויס רחמנות צו זיך אַליין. — קום, מרימ'ל, מיט מיר אַהיים. אָט גייט צו ווינטער, וועל איך דיר קויפן אַ פאָר־קאָוט, דעם טייערסטן פאָר־קאָוט, וואָס מען קאָן נאָר קויפן. איך וועל ניט זשאַלעווען. ווילסטו פאָרן מיט מיר קיין יוראָפּ? מיטן ערשטן קלאַס וועלן מיר פאָרן, אין די שענסטע האָטעלן וועלן מיר איינשטיין.

מרימ'ען רירט די געפאַלנקייט פון אָט־דעם מענטשן. זי האָט אַף אים גרויס רחמנות. אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַזאַ שווערע קינדהייט, ניט קיין בעסערע קינדהייט ווי זי, מרים, אַליין. (ער האָט איר אַלץ דערציילט אַף זיין אופן, ווי ער האָט „געסאָפּערט" אין דער „אָלד קאָונטרי"). איצטער איז ער טויטלעך פאַרוואונדערט, ווי אַ חיה, וואָס ווייסט ניט פאַרוואָס, אָבער מען פילט, אַז ס'טוט וויי.

— דו זעסט, מרימ'ל, איך וויין פאַר דיר, — נעמט ער טאַקע און וויינט פאַר איר.

אַף אַ בענקל אין עס־צימער איז ער שוין פאַרבליבן אַ גאַנצע נאַכט, ווען מרים איז אַוועק שלאָפן צו ליוסי'ן אין צימער. פאַרשיידענע געדאַנקען זיינען אים אָנגעקומען. ס'איז אויך צו אים אָנגעקומען אַ געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד. אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט צוהערן צו דעם געדאַנק. ער האָט געטראַכט וועגן אַוועקנעמען זי מיט גוואַלד, אַזוי אַף די הענט זי אַרויס־טראָגן פון איר צימער אין אָטאָמאָביל אַריין, וואָס וואַרט אינדרויסן, און מיט איר אַוועקשמייסן אַהיים. שפּעטער האָט ער שוין גאָרניט געפּלאַנעוועט. גלאַט אַזוי געהאַט אַף זיך רחמנות און געריטשעט אינדערשטיל. פאַרטאָג האָט ער זיך פּלוצלונג דערמאָנט אין זיינע ביזנעס, און אַ גרויסע פּאַניק איז אים באַפאַלן. מען וועט נאָך צעשלעפּן זיינע ביזנעס, מען וועט נאָך צעטרענצלען זיין פאַרמעגן, אויב ער וועט זיך אַזוי־אָ אַראָפּלאָזן. ער מוז יאָגן אַהיים.

## דאָס הויז פון די איינזאַמסטע מענטשן אין ניו יאָרק

זי איז קראַנק, מילדרעד. א הוסט האָט זיך אָנגעקלעפּט אָן איר און לאָזט זי שוין ניט צורו. אַף דער דרייצנטער גאַס אין א מעבלירטן צימער וואוינט זי. א שמאָל חדר'ל, ווי א קאָרידאָר. ס'האָט טאַקע געזאָלט זיין א דורכגאַנג, אָבער שפּעטער האָט מען זיך מישב געווען, אזוי ווי ס'איז געווען א פענצטער אין דעם דורכגאַנג, האָט מען שוין צוגעבויט נאָך א טיר, אריינ־געשטעלט א בעטל מיט א דרעסער, און פאַרדונגען צו מילדרעד'ן פאַר צוויי דאָלאַר מיט פינף־און־זיבעציק סענט א וואָך.

אין דעם הויז, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי שטאָק, האָבן געוואוינט איינזאַמע מענער און איינזאַמע פרויען. א גאַנצן טאָג איז זעלטן ווער פאַר־בליבן אין הויז, אויסער א פּאָר פרויען, צווישן זיי אויך מילדרעד, וואָס האָבן „געאַרבעט" ערשט באַנאַכט, נאָענט דערביי אַף דער פערצנטער גאַס. די איבעריקע איינוואוינער זיינען אַלע זיך צעגאַנגען איבער דער שטאָט, ווי באַלד נאָך דער פּאַרטאָג איז געקומען. איניקע זיינען אוועק צו דער אַרבעט, אייניקע — זוכן אַרבעט, און אייניקע זיינען גלאַט אזוי אוועק צווישן מענטשן, אַף די באַפעלקערטע גאַסן. ווייל אויב מען האָט גאָרניט וואָס צו טאָן, און מען דאַרף בלייבן אַליין מיט די נאַקעטע ווענט, איז דאָס זייער א גרויסע שטראָף פאַר אַן איינזאַמען מענטשן.

פאַרנאַכט־צו זיינען אַלע צוריקגעקומען אין זייער „היים". יעדער איינער אין זיין קליינעם צימער, יעדער איינער צווישן די ווענט מיטן אָפּגעקראַכענעם פאַרגעלטן שפּאַליר. יעדער איינער לעבן זיין בעט, וואָס האָט פאַרנומען דריי־פערטל פון צימער.

ס'איז קיינעם פון זיי גאָרניט איינגעפאַלן צו גיין צום שכנ'ס אָדער שכנה'ס טיר, אָנקלאַפּן און זיך אריינבעטן אינעווייניק, זאָגן, אַז איינעם אַליין איז אומעטיק, אינצווייען וועט אפשר זיין פרייל·עכער.

מען האָט זיך באַגעגנט אין קאָרידאָר, איבער די טרעפּ. טונקעלע שאָטנס פון מענשן. פרעמדע און ווייטע. אַקוראַט ווי מען וואָלט געווען פון אַן אַנדער מין. יעדער איינער מיט זיין אומגליק.

אין דער הויז איז יעדער איינער געווען פון די פאַרוואָרלאָזטע, פון די

עלנטסטע מענטשן אין דער ריזיקער שטאָט מיט די צענדליקער טויזנטער היימען.

יעדער איינער אין דעם הויז איז געווען אַ קאַנדידאַט פֿאַר דער בוועריגאַס, פֿאַר דער דאָזיקער גאַס, וואָס געפֿינט זיך טאַקע באַלד באַם ראָג. מענטשן מיט די לעצטע מיטלען צום לעבן האָבן געוואוינט אין דעם הויז. מען האָט נאָך ווי עס איז געקראָגן דאָס ביסל רענט, באַצאָלט פֿאַר אַ גאַנצער וואָך און ניט געוואָלט טראַכטן וועגן דער צווייטער וואָך.

אַן איירישע לענדליידי האָט אָפּגעדונגען דאָס הויז פֿון עמיצן אַנדערש און געפּרובירט אַרויסשלאָגן מיטלען צום לעבן פֿאַר זיך און פֿאַר איר זון, דעם קאַליקע. אַ קרומער אויף ביידע פֿיס, אַ מלחמה־וועטעראַן, אַ העלד פֿון דער לעצטער קריג, וואָס אַמעריקע האָט אָנגעפֿירט פֿאַר דער דעמאָקראַטיע.

די דאָזיקע איירישע לענדליידי האָט ניט געוואוסט פֿון קיין רחמנות, ווייל דאָס לעבן האָט צו איר אויך ניט געהאַט קיין רחמנות. אַלע טאָג געוואַשן די טרעפּ. געקראָכן פֿון שטאָק צו שטאָק, גערייניקט די וואַש־צימערן, געפּאָכעט מיט דער נשמה אויסצופּרעסן דאָס שטיקעלע לעבן פֿאַר איר מיט איר זון, דעם קאַליקע. איז אַז עמיצער פֿון אירע קוואַרטיראַנטן האָט ניט געהאַט קיין רענט פּונקט אין טאָג, ווען די נייע וואָך האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי ניט געהאַט קיין רחמנות. די גאַס וועט יעדערן אַריינגעמען. די ליבע דרייצנטע גאַס, מיט דער בוועריגאַס אין שכנות.

פֿונוואַנעט זיינען געקומען אַלע מענער און פֿרויען, וואָס האָבן באַוואוינט דאָס הויז? ווער ווייסט? צי פֿון ניו יאָרק אַליין, ווי מילדרעד, אַ שטייגער, צי פֿון אַנדערע שטעט? מענטשן וואָס האָבן ערגעץ געהאַט אייגענע, אָבער אין אָרעמקייט ווערט מען ניט אָנערקענט פֿון די אייגענע, אָדער מען שעמט זיך מיט דער דאָזיקער אָרעמקייט פֿאַר די אייגענע, אָדער זיי האָבן טאַקע גאָר אינגאַנצן שוין ניט געהאַט קיין אייגענע. שוין לאַנג זיי פֿאַרלוירן, און מען פֿאַרמאָגט גאָרניט, אַ חוץ אויסגעהאָרעוועטע הענט, אַ גוף וואָס ווערט עלטער, האָר וואָס ווערן גרוי, און אַ דערשלאָגנקייט, וואָס קומט אָן מיט דער עלטער, און אַ מורא, אַז מען וועט פֿאַרלירן דאָס שטיקל דאַך איבערן קאָפּ. באַזונדערס ווינטער, אין די גרויסע אומ׳ברחמנות׳דיקע קעלטן, ווען דער ניו יאָרקער ווינט איז אַ גזלן, פֿרירט און גליווערט אַפֿילו דאָס געוואַנט אויפֿן לייב. דעמאָלט כאַפּט מען זיך אַריין אין הויז, אויב די וואָך איז שוין אַ באַצאָלטע, מען צינדט אָן דאָס גאַז־אויווועלע, מען קריכט אַרונטער אונטערן צודעק און מען וואַרעמט אָן דאָס בעט.

מילדרעד איז קראַנק. אַ שטאַרקער הוסט האָט זיך צו איר צוגעקלעפּט

און וויל זי שוין ניט אָפּלאָזן, און ניט אַזוי דער הוסט, ווי איר געפּאַלנקייט, אַז אַפילו מיט איר ליבּ קאָן זי שוין אויך גאָרניט אויפטאָן. אַזאַ ברענעניש אין רוקן. ס'ווערט ערגער און ערגער.

אַ טאָג איז איינמאָל געווען, אין דעם דאָזיקן איינזאַמסטן הויז. זי קאָן אים גאָרניט פאַרגעסן. מען ליגט זיך אַזוי רואיק אין בעט. מען ליגט און מען ליגט. אַף די טרעפּ פאַרעט זיך שוין די איירישע באַלעבאָסטע. מילדרעד קאָן שוין דערקענען, ווען זי פאַרעט זיך. זי קנאַקט מיט די טירן, זי שעלט זיך גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. פּלוצלונג — אַ קוויטש. די איירישע לענדליידי קוויטשעט מיט אַזאַ דערשרעק, אַז ס'ווערט אַזש פאַרגליווערט בּאַ מילדרעד'ן די הויט אַפן לייב.

די געזונטע איירישע לענדליידי, די פולע, די הויכע, האָט מורא יעדן טאָג פאַר דעם, וואָס זי האָט איצט דערזען אין צימער. פאַר די לעצטע אַכט יאָר, וואָס זי האַלט אויף דאָס הויז, האָט זי שוין עטלעכע מאָל דערזען די דאָזיקע זאַך. גייענדיק יעדן אינדערפרי אַרויף צו די צימערן, האָט זי מורא פאַר דעם, וואָס זי קאָן טרעפן: מ'שליסט אויף דעם צימער, גיבּן אַ יאָג די גאַזן. אַף בעט, צי אַף דער ערד, ליגט דער פאַרגליווערטער קערפּער פון איינזאַמען מאַן, אָדער פון דער איינזאַמער פרוי, וואָס מען ווייסט ניט דער־נאָך, ווער דער טאַטע און די מאַמע זיינען געווען, צי האָט מען איבערהויפּט געהאַט אייגענע אַף דער וועלט. גראַדע באַגייט מען זעלבסטמאָרד פּונקט אין דעם טאָג, ווען ס'הויבּט זיך אָן די נייע וואָך פאַר זיי, ווען מען דאַרף איינצאָלן די רענט. דאַרף שוין די איירישע לענדליידי ניט אַרויסוואַרפן דעם מענטשן, מען טראָגט אים שוין אַרויס אין גאַס.

מילדרעד האָט אַרויפגעכאַפּט אַף זיך די קליידער, ווען זי האָט געהערט דעם געשריי, און איז אַראָפּגעלאָפן אַפן צווייטן שטאָק, וואו די איירישע באַלעבאָסטע אירע איז געשטאַנען בּאַ אַן אָפענער טיר, דורך וועלכער ס'האָט געיאָגט דער גאַז. און אַף דער ערד איז געלעגן אַ מיידל אין ראָזעווע גע־שטרייפטע פאַדזשאַמעס מיטן פּנים צום דיל. מילדרעד האָט זיך אויך צע־קוויטשעט און איז גיך אַריינגעלאָפן אין איר צימער און האָט זיך פאַרשלאָסן מיטן שליסל. זי האָט אַ פּאָר מאָל באַגעגנט דאָס מיידל אַף די טרעפּ. אַן עלטערע מיידל מיט אַן אָפּגעקראָכענעם פוטערנעם קאָלנער. אַפילו זומער האָט זי געטראָגן אַפן האַלז דעם דאָזיקן אָפּגעקראָכענעם פוטערנעם קאָלנער.

ס'האָט זיך גערודערט אַפן צווייטן שטאָק. פּאָליציי איז אָנגעקומען מיט דעטעקטיווס. אַן אַמבולאַנס פון דער גאַז־קאָמפּאַניע איז אָנגעפאָרן מיט אַ גרויס געקלינגעריי. שכנים פון בלאָק זיינען זיך צונויפגעלאָפן. מען האָט

אַרויסגעטראָגן דעם טויטן קערפּער פון הויז און אַוועקגעפירט צום שטאָטישן מאָרג, וואוהין מען פירט אַוועק אַלע פאַרוואָרלאָזטע זעלבסטמערדער. די זאַך איז געשען אינדערפרי. פאַרנאַכט, ווען מילדרעד, אַ צוגעפּודרעטע, אַן אונטערגעפאַרבטע און אַן אונטערגעשמירטע, האָט זיך געלאָזט אַראָפּגיין פון דריטן שטאָק אַפן צווייטן, האָט זי אַזש פאַרמאַכט די אויגן פון דער שרעק, ווען זי האָט געדאַרפט פאַרבייגיין יענע טיר. ס'איז שוין אָבער געווען ליכטיק אין יענעם צימער. אַ מענטש האָט שוין דאָרטן געוואוינט. אַן אַנדער איינזאַמער האָט זיך שוין אַריינגעקליבן.

מילדרעד איז אַרויס אַף דער גאַס, אַריין צום איטאַליענער אין לאָנטש־רום און אָפּגעגעסן איר מאָלצייט. דערנאָך זיך געלאָזט אַף פערצנטער גאַס אין איר גרויסן הוט, מיט די געדיכט־אונטערגעשמירטע ברעמען און אָנגע־הויבן איר פּרנסה־שפּאַציר. אַהין און צוריק, אַהין און צוריק...

# אין אַזאַ קאַלטער נאַכט...

אַן אייז־קאַלטער ווינט האָט זיך פּלוצלונג געיאָוועט דאַון־טאַון, און אויסגעפּירן די ביינער פון די אָרעם־אָנגעטאָנענע. דער ווינט האָט שוין אויסגעבלאָזן פון מילדרעד'ן יעדע פּיצעלע וואַרעמקייט. מיט פּאַרפרוירענע בלויע הענטלעך אין די קעשענעס, מיטן האַלז טיף אין קאָלנער, האָט זי אַרומגעשפּאַצירט אַף פּערצנטער גאַס, און האָט זיך געהאַלטן נאָענט צו דער ריזיקער אויסגעלאָשענער געביידע פון דער עלעקטריק און גאַז קאָמפּאַני.

די גלאַטע אָפּגעפּאָלירטע שטיינער פון דער דאָזיקער מיליאָנענדיקער געביידע קוקן אויס זומער אויך קיל. אַ קילע פרישע גלאַטקייט. איצטער, ווען דער ווינט שמייסט מיט אַזוינע פּראָסטיקע כוואַליעס, שלאָגן אָפּ די דאָזיקע גלאַטע ווענט מיט אַ שוידערלעכער קעלט.

אין דעם אַריינגאַנג פון דער דאָזיקער געביידע שטייט זי און קוקט מיט גרויסע אונטערגעשמירטע אויגן אַף די איינזאַמע מענער, וואָס לויפן געשטויסענע פון ווינט. אָבער קיינער האָט זיך שוין ניט געוואָלט ציען צו דעם דאָזיקן דאַרינקען פּאַרבלויטן מיידעלע. געהאַט דערפאָלג האָבן יענעם אָוונט מערסטנס די פעטע, הויכע און פולע פרויען, וואָס האָבן געטראָגן וואַרעמקייט אין זייערע גלידער פאַר יעדן איינעם, וואָס קאָן קויפן. די „קונים" זיינען געווען פון אָרימערן קלאַס. עלנטע בחורים, וואָס האָבן שוין ניט געוואוסט פון ווייבערשער נאָענטקייט חדשים און חדשים. עלטערע בחורים, וואָס וואוינען אַרום דעם געגנט אין די מעבלירטע צימערן אַף דריטער עוועניו, סאַמע אונטערן אייביק־דונערנדיקן עלעווייטעד־באַן. מערסטנס רוסן, פּאָליאַקן און דייטשן. בחורים מיט אָפּגעבליאַקעוועטע פּנים'ער, צעקלאַפּטע און צעשלאָגענע פון דעם שווערן לעבן.

אין דער דאָזיקער קאַלטער נאַכט איז געווען זייער „ביזי" אַף דעם בלאָק. אָבער מילדרעד'ן האָט קיינער ניט באַגערט, אַז זי זעט אַליין אויס ווי אַ פאַרפרוירן שטיקל אייז, וואו־זשע וועט זי שוין נעמען די וואַרעמקייט צום מאַן? קיינער האָט זי ניט געוואָלט, און די נאַכט ווערט שפּעט, און מאָרגן הויבט זיך אָן דער טאָג פון אַ נייער וואָך, ווען מען דאַרף צאָלן רענט, און זי פאַרמאָגט שוין גאָרניט. זי האָט שוין אַפילו פאַר די לעצטע צוויי וואָכן ניט געצאָלט דעם מאַן, וואָס מאָנט־אויף שטייער באַ אַלע פרויען, וואָס גייען אום

אף דעם בלאָק. דער מאַן דאַרף זיין דער, וואָס באַשיצט זיי פון פּאָליציי און פון דעטעקטיוום. ער האָט אף איר רחמנות געהאַט, דער מאַן, און ער האָט זי שוין מערער ניט געפּרעסט. ער האָט שוין דערקענט, אַז זי איז שוין באַם סוף, אַז זי ווערט צעפאַלן.

מילדרעד ווייסט ניט פון וואָס עס האָט זיך גענומען באַ איר די איבל־דיקייט אפן האַרצן און אַזאַ שוואַכקייט אין אַלע איברים. זי האָט שוין אפילו ניט פאַרמאָגט די ענערגיע צו טאָן צו די מענער דעם געצוואונגענעם שמייכל, וואָס דאַרף אויסקוקן ווי אַ פאַרפירערישער וואונק. גרויסע אויגן באַ איר. צוליב דער געדיכטער שוואַרצער פאַרב אונטער זיי, האָבן אויסגעקוקט אומהיימלעכע און סטראַשענדיקע.

אַ מערדערלעכע קאַלטע נאַכט. עס איז שוין שפּעט. מילדרעד חלש׳ט נאָכן וואַרעמען בעט. זי וויל שוין ניט טראַכטן, וואָס מאָרגן וועט זיין. אפשר וועט דער מאָרגן שוין קיינמאָל ניט קומען.

זי קאָן גיט אויפשליסן די טיר פון הויז, אַזוי זיינען איר די פינגער פאַר־פרוירן. זי הויבט זיך אף די טרעפּ. אַזאַ וויסטקייט און טונקלקייט אף די טרעפּ, וואָס האָבן שוין ניט אָנגעזען די ליכטיקייט פון טאָג שוין יאָרן און יאָרן. זיי זעען נאָר אָן די שטויביקע ליכט פון אַן איינזאַמען גאַז־לעמפּל.

מילדרעד צינדט אָן דאָס גאַז־אויוועלע. ס׳פלאַקערט־אויף מיט בלויע צינגעלעך. ס׳איז איר גוט צו קוקן אף די דאָזיקע בלויע צינגעלעך. לעבעדיקע, וואַרימע, שיינע פריינט. זיי צישען, די דאָזיקע בלויע פלעמלעך, און לאַכן צו איר. אַ גרויסע ברכה אף מילדרעד׳ן. זי וואַרפט אַראָפּ די קליידער פון זיך און בלייבט אַ קליינע דאַרע מיידעלע אין אַ קוויטיקן אונטערהעמד. זי זעט איצט אויס, ווי איר מאַמע בעסי. אָבער איר מאַמע בעסי האָט מיט איר דאַרן גוף שוין איבערגעלעבט אַ סך ווינטערס און זומערס. זי דאַרף ערשט לעבן, כדי זיך אויסצוגלייכן מיט דער מאַמע׳ס אַלע איבערגעלעבטע זומערס און ווינטערס. זי האָט אָבער ניט קיין כח צום לעבן. דער הוסט שטיקט זי. דער רוקן ברעכט איר. זי קאָן זיך ניט איינבויגן.

זי קריכט אַריין אין בעט און ס׳ווערט וואַרימער און וואַרימער. אַ גרויסע פרייד כאַפּט זי אַרום פון דער וואַרעמקייט. זי הוסט שוין ניט. עס ברעכט איר שוין ניט דער רוקן. ס׳איז איר גוט. פונקט, ווי ווען זי איז געווען אַ קליין מיידעלע און אַריינגעקראָכן צום טאַטן און מאַמען אין וואַרעמען בעט אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט.

זי וויל ניט טראַכטן וועגן דעם פאַרגאַנגענעם לעבן. ס׳קאָן איר נאָך ווערן אומעטיק. איצטער מוז זיין פרייד. די גרויסע פרייד, וואָס זאָל מאַכן

געזונט אַלע אירע איברים. זי וועט אַזוי אַנטשלאָפֿן ווערן, און דער מאָרגן וועט שוין זיין גאָר אַן אַנדערער. מאָרגן, מאָרגן וועט שוין קומען גאָר אַ גרויסער גליק. זי ווייסט דאָס, ווייל זי וויל דאָס אַזוי שטאַרק. אַנדערש, וועט זיך נאָך אָפּשטעלן דאָס גאַנצע לעבן. אַנדערש, ענדיקט זיך די גרענעץ פֿון דער וועלט און ס'בלייבט אַן אָפּגרונט.

# דער לעצטער ליגן

דער מאָרגן איז טאַקע געווען דער גרענעץ פון דער וועלט פאַר מילדרעד׳ן. מיטן רענצעלע אַף דער גאַס איז זי געשטאַנען. אָט דאָס אַמאָליקע רענצעלע, מיט וועלכן זי האָט צוריק מיט זעקס יאָר פאַרלאָזט איר מאַמע׳ס היים. ס׳האָט נאָך געלעבט אָט דאָס רענצעלע און ס׳האָט געטראָגן אין זיך איר לעצטן פאַרמעגן: פודרע־קעסטעלעך, פאַרב־רערעלעך, און אַ פּאָר שטיקלעך שמוציקע אונטערוועש.

ס׳איז פאַרנאַכט. דער אייזיקער ווינט איז נאָך ניט אַוועק פון ניו יאָרק. ער האַלט נאָך אָן מיט דערזעלביקער רציחה, וואָס נעכטן. זי איז הונגעריק, מילדרעד, און וואָס זי קאָן טאָן איז זאָגן אַ ליגן און עסן. דעם לעצטן ליגן. מאָרגן, וועט זי שוין ניט קאָנען זאָגן דעמזעלביקן ליגן.

— אַ גוטן אָוונט, טאָני.

— אַ גוטן אָוונט, ליידי, — ענטפערט טאָני, דער רעסטאָראַטאָר, אַ פריינטלעכער און אַ העפלעכער.

ער ווייסט, ווער זי איז, אָבער ער רופט זי „ליידי”. פאַר דעם דאָזיקן עלטערן איטאַליענער זיינען די דאָזיקע מיידלעך נאָך געהויבענער און חשוב׳ער ווי די „אָנשטענדיקע”, רייך־געקליידעטע פרויען. פון יענע, די „אָנשטענדיקע”, האָט ער גאָרניט, אָבער די דאָזיקע גיבן אים צו לייזן. ער האָט זיי ליב, די דאָזיקע מיידלעך. באַזונדערס אין די קאַלטע נעכט, ווען זיי לויפן אַריין אין זיין לאָנטש־רום וואָס אַף דריטער עוועניו איבערגעפרוירענע און פאַרבליאַנעטע, סערווירט ער זיי מיט אַ באַזונדערער פרייד די הייסע קאַווע, וואָס טוט־אויף ממש וואונדער פאַר אים אין די אויגן. פנים׳ער צערויטלען זיך פון דעם דאָזיקן וואונדערבאַרן געטראַנק, אויגן צעשיינען זיך און זיי שמייכלען צו אים, צו טאָני׳ן, מיט דעם פאַרשמירטן פאַרטוך. בלויז פאַר איין ניקעלע, און ער ברענגט אַזאַ גרויסן נוצן דער מענטשהייט.

זי, מילדרעד, וויל האַמבורגער סטייק. ער וועט איר געבן אַ האַמבורגער סטייק. ס׳איז געבליבן פונעם טאָג גענוג האַמבורגער סטייק. ער וועט ניט זשאַלעווען. ער לייגט איר אָן אַ פולן טעלער. מיט פעטער יויך באַגאָסן, מיט אַ מעסער און אַ גאָפל, מיט אַ פאַפּירענער סאַלפעטקע.

— עס, ליידי, ס׳איז אויסגעצייכנטער האַמבורגער סטייק, — לאַדט ער

זי איין זייער גאַסטפּריינטלעך.

עסט מילדרעד ביסן נאָך ביסן און ס'ווערט איר ווידער גוט. מחיה'דיקע זאַפטן צעלויפן זיך אין מאָגן. ס'ווערן איינגעשטילט די ווייטיקן אין רוקן און ס'ווערט עפּעס גוט.

נעכטן האָט זי ניט געוואָלט טראַכטן פונעם היינט. איצטער וויל זי שוין ניט טראַכטן וועגן דעם נאָכדעם, וועגן דעם וואָס וועט שפּעטער זיין, אַז זי וועט פאַרענדיקן דאָס עסן. נאָך דעם, וואָס זי וועט אָפּעסן, מעג די וועלט אונטערגיין, אַרט איר שוין ניט. זי לעקט אויס יעדער פּיצעלע, זי ווישט אויס דעם טעלער. זי באַשטעלט אויך קעיק און קאַווע. אַ גרויסע סעודה פראַוועט זי היינט. אָבער וואָס איז די „לידי" געבליבן אַזאַ אומעטיקע נאָכדעם, וואָס זי האָט אָפּגעגעסן?

— וואָס איז, לידי? — זאָרגט זיך טאָני, וואָס זי קוקט אַף אים אַזוי מאָדנע.

— איך האָב ניט צו באַצאָלן, — לאַכט זי אַ שולדיקע.

— ס'איז אָלראַיט, לידי, וועסט מיר מאָרגן אָפּגעבן, — איז טאָני'ן אַ ביסל ניט גוט, וואָס מען האָט אים ניט צו באַצאָלן. — איך האָב דיר ניט איינמאָל געבאָרגט און דו האָסט מיר אָפּגעגעבן, וועסטו איצטער מיר אויך אָפּגעבן, — לאָזט ער איר דערוויל צו וויסן זייער אײדל, אַז פונדעסטוועגן דאַרף מען אָפּגעבן.

— אַ גוטע נאַכט, — נעמט זי דאָס רענצעלע.

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט.

# וואַרעם גאָלד

ס'איז שוין רעכט פינצטער און מילדרעד האָט טאַקע ניט קיין היים. אַף קיין שום גאַס איז ניטאָ קיין ווינקעלע, וואו זי זאָל האָבן אַ רעכט זיך צוצוטוליען. אַזוי פיל טויזנטער מענטשן לויפן פאַרביי אַף די טראָטואַרן און זיי האָבן קיין שום שייכות ניט צו איר. מען קען זי ניט, מען ווייסט זי ניט. דער ווינט שמייסט אַף דער פּלייצע, פליוכעט מיט קעלט גלייך אין פּנים אַריין. זי פאַרמאָגט בלויז איין דאַים אין קעשענע. אַ קליינע זילבערנע מטבעה. זי ווייסט ניט וואוהין זי גייט, אָבער זי גייט. מיט אַלע זיך איילנדיקע מענטשן איילט זי זיך אויך. האָט אַפילו קיין צייט ניט איבערצואוואַרטן דורכלויפנדיקע אָטאָמאָבילן.

זי קומט אַרויף אַף די רייכע גאַסן. פון די אונטערשטע שטאָקן דורך די פענצטער שיינט אַרויס אַזאַ ליבע ליכט. אַ קלאָרע קרישטאָלענע ליכט דורך זויבערע פאָרהאַנגען. דאָרטן, אינעווייניק זיצט מען אין די ווייכע שטולן און מען לייענט ביכער און צייטונגען אין דער גרויסער באַקוועמלעכקייט און וואַרעמקייט. זאָל דער ווינט וואָיען אין דרויסן, זאָל ער שטורעמען — אין די טרוקענע, זויבערע, וואַרעמע היימען וועט ער ניט דערגרייכן.

זי קומט אָן צו די ריזיקע מויערן. אין די העל־באַלויכטענע אַריינגאַנגען שטייען גרויסע מענער אין יוניפאָרמס מיט גאָלדענע קנעפּ, וואָס איילן זיך מיט גרויס העפלעכקייט צו די אָטאָמאָבילן וואָס פאָרן צו. זיי עפענען די טירן פון די אָטאָמאָבילן מיט גרויס פאַראַד, און פאַרנויגן זיך פאַר די הערן און דאַמען מיט די וואונדערבאַרע שיינע מאַנטלען און פוטערס.

וואַרעם גאָלד אין די פענצטער. מילדרעד האָט שטענדיק געמיינט, אַז גאָלד דאַרף זיין וואַרעם. אַ טרוקענע וואַרעמקייט דאַרף האָבן גאָלד, וואָס מען קאָן זיך באַ דעם אָנוואַרעמען די פאַרפרוירענע ביינער.

אַלע אירע יאָרן האָט צו איר געשיינט דאָס דאָזיקע גאָלד פון די ווייטע פענצטער. פון וויליאַמסבורג בריק אַלס אַ קינד האָט זי דאָס געזען אין די הויכע וואָלקן־קראַצער פון מאַנהעטן. פון אַנטאָנינאָ'ס סטודיאָ האָט זי דאָס געזען, אין יענע גליקלעכע צייטן, ווען זי האָט נאָך געהאַט אַ מאַן, און דאָס לעבן איז געווען גרינגער. פון דעם דאַך פון איר הויז אַף קלינטאָן סטריט, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד, האָט זי געזען דאָס דאָזיקע גאָלד אין די

ווייטע שויבן. ווי א פרעמדער מזל, ווי אַן אומדערגרייכבאַרער פייער, וואָס מען קאָן דאָס קיינמאָל ניט נעמען אין דער האַנט אריין. אַן אייביקע מעשה פון גאָלד אין ווייטע שויבן.

וואוהין־זשע זאָל זי טאָקע איצט גיין? אַז ס'הויבן שוין אָן צו פרירן די האָר אפן קאָפּ דורכן ברייטן הוט, דער הוט פון איר פּראָפעסיע, וואָס וועט שוין קיין פּרנסה צו איר ניט ברענגען. ס'פאַלט איר איין אַ גליקלעכער געדאַנק: זי וועט אריינגיין אין אַ סאָבוויי, זי וועט זיך זעצן אין אַ וואַגאָן, און אַזוי אַרומפאָרן אהין און צוריק. די שטרויענע בענקלעך אין וואַגאָן זיינען דאַרטן ווארעמע, אָנגעהייצטע. זי צעשמייכלט זיך אַזש פון איר געניאַלן געדאַנק.

מילדרעד גייט אַריין אין אַ וואַגאָן. זעצט זיך אַנידער אין אַ ווינקל. שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן דער וואַנט. ס'איז איר גוט. ווען זי פאַרמאַכט נאָך די אויגן, איז שוין גאָר וואויל. אַ זיסער שלאָף קושט איר אין די ברעמען. אַזאַ גוטסקייט קומט צו איר, פּונקט ווי זי וואָלט ניט געווען קיין היימלאָזע און ס'דערוואַרטעט איר נאָך גרויס פרייד אין לעבן.

די באַן לויפט און לויפט, און לויפט. זי האָט זייער ליב, אַז עס לויפט און לויפט און לויפט, ווייל אַז עס שטעלט זיך אָפּ, וואַכן־אויף די געדאַנקען, און ס'ווערט אומעטיק.

# די לעצטע סטאַנציע

צענדליקע וועלטן האָט מילדרעד איבערגעלעבט אין יענעם אָוונט, פאָרנ־דיק אַהין און צוריק, אַהין און צוריק אין אונטערערדישן באַן. טויזנטער מענטשן האָבן געביטן פאַר איר זייערע פּנים׳ער. זי איז איינגעשלאָפן מיט באַקאַנטע פּנים׳ער און זיך אויפגעכאַפּט מיט פרעמדע פּנים׳ער. זיינען די פרעמדע פּנים׳ער איר אויך געוואָרן באַקאַנט, און דערנאָכדעם זיך ווידער אויפגעכאַפּט מיט פרעמדע פּנים׳ער.

יונגעלייט און מיידלעך, סטודענטן און סטודענטקעס פון די נאַכט־קאָלעדזשעס, פאָרן אַהיים קיין ברוקלין. מיט די ביכער און די העפטן. גרופּעס־ווייז זעצן זיי זיך אויף די בענק. שטיפן אַרום און שפּאַסן. ווייזן זיך איינער דעם אַנדערן, ווי אַזוי זיי האָבן געלייזט געוויסע פּראָבלעמען, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט זיי פאַרגעבן. צייגן זיך די ביכער, בייטן זיך מיט ביכער. א לעבן אַזאַ, וואָס מילדרעד האָט קיינמאָל ניט געוואוסט. זיי זיינען אויך ניט פון די רייכע, די דאָזיקע שטודירנדיקע יוגנט. פון אָרעמע היימען קומען זיי. באַטאָג אַרבעטן זיי, באַנאַכט לערנען זיי פול מיט האָפענונגען צום וויטעריקן לעבן זייערן, וואָס וועט זיי ברענגען גליק אין זייער אויסגע־שטודירטער פּראָפעסיע. זיי זעען ווי ס׳זיצט א מיידל אין א ווינקל מיט א גרויסן הוט, מיט אונטערגעשמירטע ברעמען. א בלאַסע, א בלוטלאָזע שמייכלט זי פון שלאָף מיט אַרויסגעשטעקטע דאַרע באַקן־ביינער. ווייסן זיי ניט פונוואַנען זי קומט, פונוואַנען זי שטאַמט, וואוהין זי פאָרט, און ווי אַזוי האָט זי דאָס לעבן געבראַכט זי זאָל אויסקוקן אַזוי וואָרלאָז. זיי טראַכטן ניט פון דעם. זיי זיינען פאַרנומען מיט זייערע אייגענע טראַכטונגען, וועגן זייער צוקונפט, וועגן אָט־די ביכער, וואָס מען דאַרף פאַרגעדענקען כדי צו ווערן קלוג און צו דערגרייכן אָט־די דאָזיקע צוקונפט. יונגע, אַכצן־יאָריקע, צוואַנציק־יאָריקע קינדער.

זי איז געפאָרן, מילדרעד, מיט אַלע סטודענטן און סטודענטקעס קיין ברוקלין. אין ברוקלין האָט זיך אַרויסגעריסן די דאָזיקע פרייליכע שטודירנ־דיקע יוגנט. בא יעדער סטאַנציע זיינען זיי זיך צעלאָפן צו זייערע וואָרעמע היימען, וואו עס וואַרט הייסע מילך פאַר זיי מיט א לייכטן צוביים. ס׳וואַרטן

אף זיי מאמעס שוין אין שלאף־רעק, וואס קאנען זיך ניט לייגן שלאפן ביז וואנען זיי וועלן באזארגן זייערע קינדער.

מילדרעד האט שוין ניט געוואוסט, אז אלע וואגאנען זיינען שוין ליידיק, אז אלע טירן שטייען צעעפנט צו דער קאלטער נאכט אף דער לעצטער איינזאמער סטאנציע אין סוף פון ברוקלין. דער מאן, וואס גייט איבער די ליידיקע וואגאנען צונויפנעמען די צייטונגען, האט זי אויפגעוועקט:

— די לעצטע סטאנציע, ליידי, — האט ער איר געלאזט וויסן, מורא האבנדיק, אז זי האט פארשלאפן.

„די לעצטע סטאנציע". פאר מילדרעד'ן איז ניטא קיין לעצטע סטאנציע און ניט קיין ערשטע סטאנציע. ניטא קיין מיטן און ניטא קיין סוף. ס'איז דא א פרעמדער קאלטער ווינט, וואס צופט די פארפרוירענע דארע פיסלעך אונטער די דינע זאקן. ווייטע הייזער לייכטן אין דער פינצטער. אומעטום זיינען דא היימען. זי קוקט אראפ צו די רויטע בלוטיקע רעלסן. ס'ציט זי אראפ־אראפ צו דער דאזיקער בלוטיקייט, פונקט דעמאלט, ווען עס הויבט אן צו הודזשען און א נייער באן דארף באלד אנלויפן. זי וויל ניט, מילדרעד, קוקן אראפ. זי וויל ניט. ס'וועט איר נאך זיין גוט.

פארט זי צוריק קיין מאנהעטן מיט אזוינע איינזאמע מענטשן, וואס מען ווייסט אפילו ניט וואס זיי האבן איצט געטאן אין ברוקלין. און צוליב וואס פארן זיי צוריק אזוי שפעט אין דער נאכט קיין מאנהעטן. אפשר א זון, וואס איז געקומען זען זיינע עלטערן אין ברוקלין, און איצט קערט ער זיך אום צוריק אהיים צו זיין ווייב און קינדער. א מיידל, וואס איז אפשר געקומען געוואויר ווערן דער שוועסטער, וואס ליגט אין קימפעט. א מיטליאריקער איד, וואס וואוינט גאר אין די בראנקס, און איז געפארן צו א מיטינג פון זיין לאנדסמאנשאפט. א מאן מיט א גרויס רענצל, וואס פארט צו איינער פון די גרויסע אייזנבאן־סטאנציעס ארייננצוזעצן זיך אין א באן, וואס וועט אים פירן אין א ווייטער, ווייטער שטאט.

:: :: ::

ווייסט שוין ניט מילדרעד, וויפיל מאל זי איז שוין געפארן אהין און צוריק פון סוף ברוקלין ביזן סאמע סוף בראנקס. געדענקט זי שוין ניט וויפיל מאל זי האט געביטן די באנען.

דער ווינט אף דער לאנגער ברייטער איינזאמער פלאטפארמע מיט די הונדערטער לעמפלעך איז זיך גאר מחיה מיט אט־דער דארער מיידעלע. ער רייסט איר דעם דינעם מאנטל, ער ציט פון איר דעם ברייטן הוט. וואו איז איר רענצעלע? ליידיק איז איר האנט, וואס האט געהאלטן דאס

רענצעלע. פארגעסן אווארע דאָס רענצל אין א וואגאָן, ווען זי האָט געביטן די באַן. ס׳טוט איר שטארק באַנג נאָך דעם לעצטן שטיקל פארמעגן, דאָס לעצטע ביסל האָב־און־גוטס אירס. איצט פארמאָגט זי שוין גאָרניט, א חוץ דעם ניקל אין קעשענע. זי קוקט אראָפּ צו די בלוטיקע רעלסן און דער קאָפּ דרייט זיך איר. ס׳הודזשעט געוואלד אין אירע אויערן. עמיצער לאָזט זי ניט אראָפּשפּרינגען אף די רעלסן. מען האלט זי צו.

זי לויפט בעסער אריין אין א הודזשענדיקער באַן און זעצט זיך אנידער. די טירן פון וואגאָן שטייען צעעפנט און דער ווינט יאָגט צו די פּיס. די שטרויענע בענק זיינען נאָך קאַלט. זאָלן שוין אריינקומען נאָך מענטשן, וועט זי שוין ניט זיין איינע אליין, און ס׳וועט ווערן אויך ווארעמער.

:: :: ::

מילדרעד האָט זיך יענעם אָוונט באַקענט מיט טויזנטער מענטשן פון דער שטאָט ניו יאָרק. עס זיינען אריין אין וואגאָן די טעאטער־באַזוכער אף טאימס סקווער, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אהיים פון די שיינע פאָר־שטעלונגען — אף בראָדוויי. א לוסטיקע מענטשהייט פארפּוצט אין די טייערסטע זיידנס, וואָלענס און פוטערווארג. יונגע מיידלעך און בחורים, וואָס שמעקן מיט פּארפומען, מיט קענדי און מיט שאָקאָלאַד.

דערנאָך איז אריין א גאנצע חתונה אין וואגאָן. א כלה־מיידל מיט איר חתן, מיט מחותנים, מיט שוועסטערלעך און ברידערלעך. ס׳האָט פארשמעקט פון זיי מיט לעקעך און בראָנפן. אן איטאליעניש כלה־מיידל, וואָס איז נאָך געווען אנגעטאָן אין איר גארליאנדע און איר טיולענעם ווייסן חופּה־קלייד מיטן קרענצל בלומען אף איר קאָפּ. אן איטאליענישער חתן מיטן הארטן קאפּעליוש און מיטן פארשעמטן פּנים. די חתן־כלה מיט אלע מחותנים האָבן אָפּגעפּראוועט די חתונה ערגעץ אין א האָל דאַון־טאַון. איצט פאָרן זיי צו זייער נייער היים קיין ברוקלין. אף א טעקסי האָט שוין, ווייזט אויס, ניט געקלעקט, פאָרן זיי אלע צוזאמען מיט דער באַן. זיצן די עלטערע מחותנים אנטקעגן חתן־כלה מיט פארפלאָמטע פּנים׳ער און שפּאסן אפן חשבון פון דער יונגער פּאָר. אָבער דער כלה אָרן שוין ניט זייערע שפּאסיקע רייד. זי איז מיד. שפּארט זי זיך אָן אף איר חתנ׳ס אקסל מיט אלע רעכט פון א ווייב. ער איז שוין איר מאַן פאר דער גאנצער וועלט און ער וועט זי שוין ניט פארלאָזן ביזן סוף פון איר לעבן.

מילדרעד האָט אויך געפירט די נאכט־ארבעטער צו זייערע היימען.

סאָבוויי־אַרבעטער, וואָס רייניקן די ליניעס באַנאַכט, וואָס מאַכן צורעכט די רעלסן, וואָס צעפירן קוילן איבער די סטאַנציעס, סאָבוויי־אַרבעטער אין שווערע בלאָטיקע שיך, אין פעלצלעך, מיט באַוואַקסענע פּנים׳ער, מיט שטויב אַף די ברעמען, מיט שווערע אויגן. פינצטערע און געדולדיקע.

זי האָט געפירט די שרייבער, וואָס קערן זיך אום פון די רעדאַקציעס, וואָס האָבן שוין צוגעגרייט אין די רעדאַקציעס דעם סענסאַציאָנעלן שטאָף פאַר דער ניו יאָרקער באַפעלקערונג, וואָס וועט שלינגען די שרייענדיקע נייעס צוזאַמען מיט דער הייסער קאַווע צום פרישטיק.

ס׳פאָרן אַהיים מידע זעצער מיט בלייענע פּנים׳ער, בעקער מיט פאַר־מעלטע ברעמען. זיי האָבן זיך גוט אויסגעוואַשן די פּנים׳ער, איידער זיי האָבן זיך געלאָזט צו דער סאָבוויי, אָבער אַ ביסל מעל איז דאָך פאַרבליבן ערגעץ צווישן די ברעמען.

ס׳פאָרן אַהיים נאַכט־וויטערס אין לאַקירענע שיך, אין אַלטע מאַנטלען אַף שיינע געפּרעסטע פראַקן און שיין־געפּאַסטע הויזן מיט פּערפעקטע גלייכע קניימשן.

ס׳פאָרן אַהיים די באַנאַכטיקע צייטונגס־פאַרקויפער, די יונגע אינגלעך מיט אָנגעשריענע העלזער.

עס ווערט ענג אין די וואַגאָנען. ווינציק וואַגאָנען טשעפּעט מען אָן אין די שפּעטע באַנאַכטיקע באַנען. שטופּט מען זיך אָן אין יעדן וואַגאָן, און מילדרעד׳ן איז גוט פון דעם, וואָס מען שטופּט זיך אָן. די דאָזיקע אַר־בעטער, וואָס זיצן מיט איר אַף דער באַנק, וואָס שטייען איבער איר און הענגען זיך אָן אין די אויבערשטע רימענס, וואַרעמען זי מיט זייערע אָטעמס. זיי ווייסן אַליין ניט, אַלע מענטשן אין וואַגאָן, וואָס פאַר אַ געוואַלדיקע טובה זיי טוען איר מיט זייערע אָטעמס. מען בלאָזט פון איר אָפּ די קעלט. מען מאַכט איר וואַרעם אין די אויגן, מען אוכקעט איר אַריין אין די אויערן.

דערנאָך קומט אָבער אָן דער גרויסער געאייל, די גרויסע פּאַניק, דער גרויסער געדראַנג, די גרויסע טרעטעניש, וואָס מען רופט אָן „ראָש אור”, די געאייל־שטונדע.

אַלע אַרבעטער אומעטום, אין ברוקלין, אין בראָנקס, אין האַרלעם, אין מאַנהעטן, אין קווינס און אין לאָנג־איילאַנד, האָבן זיך אויפגעכאַפּט אינדער־פרי מיט גרויס דערשרעק. מען לויפט צו די סאָבוויס, צו די עלעווייטעדס און צו די טראַמווייען, מיט קעלט, מיט פּחד, מיט שלאָף, מיט זויערן טעם אין מויל. מען פאַרכאַפּט די ליידיקע בענק אין איין אויגנבליק, מען הענגט

זיך אויף די רימענס, מען שטופּט זיך, מען פּרעסט זיך צונויף, מען טרעט זיך אויף די פּים.

דעמאָלט איז שוין מילדרעד ניט געפֿאָרן אין די באַנען. זי האָט זיך דערשראָקן פֿאַרן גרויסן געאייל. זי איז געשטאַנען ערגעץ אויף אַ פּלאַט־פֿאָרמע פֿון אַ סטאַנציע, וואָס זי האָט אַפילו איר נאָמען ניט געוואוסט. גע־שטאַנען פֿאַרצויגן פֿון די שיינענדיקע רעלסן, פֿון דער גרינער ליכט, און דערנאָכדעם פֿון דער רויטער ליכט. ס'האָט זי געשלעפּט אַראָפּ, אַראָפּ צו די אָנקומענדיקע הודזשענדיקע באַנען.

זאָל זי בלויז אַ מאַך טאָן מיט די הענט, זאָל זי אַ ריס טאָן מיט אירע פּיס. אָבער עמיצער שרייט געוואַלד אין אירע אויערן. אַ גאַנצע וועלט שרייט געוואַלד אין אירע אויערן.

# ס'וועט מילדרעד'ן נאָך זיין גוט אין לעבן

מילדרעד ווייסט שוין ניט, וואו זי איז. זי איז ערגעץ ווייט־ווייט אין א פרעמדער געגנט פון ניו יאָרק.

נאָך דער דאָזיקער מורא'דיקער קאַלטער נאַכט איז געקומען א טאָג מיט א וואַרעמער זון. פּונקט ווי אין א זומער־טאָג האָבן געשיינט די גאַסן און געפרייט זיך. מילדרעד אָבער איז שוין אָפּגעטיילט פון דער וועלט, אַקוראַט ווי זי איז ניט קיין קינד צו דער דאָזיקער ערד. נאָך דער נאַכט אַרומפּאָרנדיק אין סאָבוויי האָט זיך שוין איר פריערדיק לעבן אָפּגערוקט אף גאַנצע דורות. אייביקייטן זיינען פאַרלאָפן און זי ווייסט שוין אַפילו ניט, וואו זי איז געבוירן געוואָרן, צי זי געהערט אינגאַנצן צו טאַטע און מאַמע.

מילדרעד איז געזעסן ערגעץ אין א פּאַרק אף א באַנק. פון צייט צו צייט געשלאָפן. נאָך יעדער ביסעלע שלאָף האָט זיך נאָך מערער אָפּגערוקט די וועלט, און ווען זי האָט אויפגעעפנט די אויגן, האָט זי זיך געוואונדערט איבער דער העלער ליכטיקייט, איבער די הויכע ביימער פאַרריסן צום בלויען הימל. זי האָט זיך געוואונדערט, וואָס זי געפינט זיך גאָר דאָ. וואו־זשע דען דאַרף זי זיך געפינען, אויב ניט דאָ? זי האָט אַפילו פאַרגעסן ווי אַזוי זי הייסט. ווי אַזוי טאַקע איז איר נאָמען? און ווי אַזוי איז זי בכלל גאָר געקומען אף דער וועלט? וואָס איז געווען דער זינען פון איר קומען אף דער וועלט? אַז זי ווייסט ניט דעם באַדייט פון לעבן.

זי זעט, ווי פרויען אין ווייסן פירן זיך אַרום מיט שיינע אויסגעפּוצטע קינדערלעך. אין חנ'עוודיקע בלויע מאַנטעלעך מיט גאָלדענע קנעפּ. וועמעס זיינען אָט־די קינדער? וואָס פאַר א שייכות האָט זי צו זיי? פונוואַנעט שטאַמט זי טאַקע אַליין? איז זי אויך אַמאָל געווען א קליין מיידעלע, און א פרוי אין ווייסן האָט זי געהאַלטן באַם הענטל, און זי איז געווען אָנגעטאָן אין א בלויען מאַנטעלע מיט גאָלדענע קנעפּ? ווער איז זי, אָט דאָס מיידל, וואָס זיצט איצט אף א באַנק און הוסט.

זי שפּאַנט און שפּאַנט, און זי דערגרייכט א גרויסן בריק. דער בריק קוקט שוין אוים צו איר היימיש. אַזא בריק האָט זי שוין איינמאָל געזען. ס'דערמאָנט דער דאָזיקער פּלאַץ א פריידיקן געדאַנק פון א ווייטער פאַרגאַנגענער וועלט. זי ווייסט ניט ווי אַזוי דער בריק הייסט, אָבער זי קאָן

שווערן, אז ס'איז איר בריק. אַטאָמאָבילן און טראָקס שמייסן מיט אַזאַ אומגעהויערער שנעלקייט. וואוהין לויפן זיי? וואוהין יאָגן זיי? אַקוראַט, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַזאַ וויכטיקן ציל. וואוהין יאָגן זיך בכלל אַלע מענטשן? זי ווייסט נים. זי האָט פאַרגעסן די גאַנצע שייכות פון מענטש צום לעבן. זי איז הונגעריק און ווייסט אַפילו נים, אַז זי איז הונגעריק. עס שווינדלט אין די אויגן, ס'ברענט דער קאָפּ, און די וואַסערן פון טייך ציען זי צו זיך.

היימישע וואַסערן, אַלטע באַקאַנטע. שוין לאַנג, לאַנג צוריק איז זי געשטאַנען איבערגעבויגן איבער די דאָזיקע וואַסערן און דעמאָלט האָבן זיי איר אויך געצויגן צו זיך. זיי ווילן זי, די וואַסערן. קיינער וויל זי נים, אָבער די וואַסערן ווילן זי יאָ.

— קום צו אונז, מיידל, — ריידן זיי צו איר. — קום, מיר וועלן דיך אַריינגעמען אין די טיפענישן און דיך באַהאַלטן פון דער פרעמדער וועלט. בא אונז אין די טיפענישן געפינט זיך אויך דיין ליבער מאַן אַנטאַנינאַ. ער ליגט דאָרטן און ער שמייכלט מיט זיינע גרויסע שוואַרצע פייערדיקע אויגן.

„אַנטאַנינאַ" האָט עמיצער דערמאָנט. ווער האָט דערמאָנט דעם נאָמען „אַנטאַנינאַ"? און אַנטאַנינאַ איז געווען אַ שיינע מעשה פון אַמאָל. אַ מאַן האָט זי געהאַט, אַ באַרימטן מאָלער, האָט ער געהייסן אַנטאַנינאַ. איז אַנטאַנינאַ מיט איר געשלאָפן אין איין בעט, זי געוואַרעמט און זי באַשיצט. דערנאָך איז געקומען אַ מיסטער באַלדן, און ער האָט איר געטאָן שלעכטס.

דערנאָך האָט אַנטאַנינאַ אָנגעהויבן צו שיכור'ן, און דערנאָך האָט ער אויפגעהערט צו מאָלן, און דערנאָך איז ער אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער.

איצט פאַרשטייט זי, מילדרעד, פאַרוואָס די וואַסערן רעדן פון אַנטאַ־נינאַ'ן, און פאַרוואָס זי וויל אויך גיין אַהינצו. וואָס פאַר אַ וואַרעמע וואַסערן, וואָס פאַר אַ גלאַטע וואַסערן. זיי וועלן זי באַהאַלטן טיף, טיף, אין זיך, אויסבאַהאַלטן זי פאַר דער וועלט. זי וואָלט שוין געוואָלט גיין אַהינצו, שרייט עמיצער אין אירע אויערן: געוואַלד, געוואַ־ל־ד!

די זון פאַרגייט און די נאַכט ווערט ווידער קאַלט. זי האָט אַ ניקל אין קעשענע, האַלט זי נאָך צו באַם לעבן, דער דאָזיקער ניקל.

זי איז גאָר אויף קלינטאָן סטריט, מילדרעד. ווי אַזוי איז זי גאָר געקומען אויף קלינטאָן סטריט? איר קלינטאָן סטריט. ס'ווערט איר פרייליך, זי וועט גיין אַהיים. זי האָט דאָך אַ היים. זי האָט דאָך אַ טאַטן, וואָס הייסט שמערל, און אַ מאַמען בעסי, און מרים, און ליוסי, און מויש. אַזאַ גרויסע משפחה האָט זי. און אַן אויפשטעל־בעטל האָט זי אויך. וואָס־זשע טוט זי טאַקע

אין דעם קאַלטן אינדרויסן, ווען דער ווינט צופּט אָן רחמנות? זי וועט גיין אַהיים. אָט איז דאָך דאָס הויז. אָט איז די שמאָלע טיר פון האָל.

זי גייט אַרויף די טרעפּ, און דער ליבער היימישער ריח קומט איר גלייך אַנטקעגן. דער ריח פון קעז, פון מייז, און פון פאַרשימלטער טוכלער לופט. איר ליבער ריח. אין דעם ריח איז זי געבוירן געוואָרן, זיך אויסגעבאָוועט, און געוואָרן אַ גרויס מיידל.

אָ, זי גייט אַהיים. אַזוי פיל יאָרן, אַז זי איז ניט געווען אינדערהיים. שוין לאַנג געדאַרפט גיין אַהיים. זי שפּאַנט אַרויף צום פערטן שטאָק. זי זעט דאָס הענטל פון גלעקל. פונוואַנעט האָט זיך גענומען אַ גלעקל באַ זייער טיר? זי געדענקט שוין גאָרניט קיין גלעקל. מסתמא צוגעקויפט אַ גלעקל.

אָט באַלד וועט איר שוועסטער מרים אַרויסשטעקן דעם קאָפּ, אָנשרייען אַף איר פאַרוואָס זי קומט אַזוי שפּעט אַהיים, אָבער זי וועט זי שוין אַריינלאָזן. זי קלינגט און קלינגט. זי איז אומגעדולדיק, מילדרעד.

עס עפנט זיך די טיר און אַ בייז פּנים פון אַ פרוי אין איר שלאָף־ראָק באַווייזט זיך:

— ווער... דאַרפסטו דאָ?

— מרים... — שטאַמלט זי. — שמערל דער פידלער, — וויל זי מאַכן בעסער.

מען פאַרהאַקט הינטער איר די טיר און זי וואונדערט זיך. זי האָט גאָר זיך גערעכנט צו טרעפן מרים'ען און דאָ האָט זי געטראָפן אַ פרעמדע פרוי. אָבער ס'ווערט איר ניט אומעטיק, מילדרעד'ן. זי דערפרייט זיך. ס'איז איר איינגעפאַלן אַ גרויסער געדאַנק. אַפן דאַך, ווייסט זי, איז דאָ אַזאַ אָרט, אַן אָפּדאַך אַזאַ מיט מאַטראַצן און אַלטע קאָלדרעס, וואוהין זי פלעגט אַלס קינד זיך פאַר'גנב'ענען, אָפּליגן דאָרט גאַנצע טעג און קוקן אַף דער שטאָט. ס'איז דאָרט אַ וואַרעם ווינקל. ווי וואונדערבאַר!

זי קריכט אַרויף אַפן דאַך. עס איז נאָך דאָרטן דאָ דער זעלביקער אָפּדאַך. זי רוקט זיך אַריין צווישן אַלטע מאַטראַצן, צווישן צעריסענע קאָלדרעס. זי דעקט זיך גוט איין. און עס ווערט איר וואַרעם. זי שמייכלט צו אַלע שטערן, וואָס קוקן צו איר פון אויבן. ס'וועט איר נאָך זיין גוט אין לעבן. זי פאַר־שלעפערט זיך איין אַליין.

אַ שניי האָט אָנגעהויבן צו פאַלן שפּעט אין דער נאַכט. זיך געלייגט אַזוי ווייך אַף מילדרעד'ס שלאָפנדיקע אויגן, אַף אירע לאַכנדיקע באַקן־ביינער, אַף אירע קרומע ליפּעלעך. צוגעדעקט דאָס פּנים מיט ווייסן, צו־געדעקט אַלע מאַטראַצן, אַלע קאָלדרעס. אַ שיינער, ליכטיקער ווייסער דאַך.

# מאַיק דער אַלמעכטיקער

גרויסע שוועריקייטן האָט מאַיק געדאַרפט דורכגיין נאָך ספּאַרקי'ס טויט. די פּאָליציי האָט אים באַאומרואיקט, פּילע געננגס האָבן אזוי גיך ניט געוואָלט אָנערקענען זיין הערשאַפט, אָבער ער איז שוין דורכגעקומען אַלע שוועריקייטן. איצטער איז ער דער איינציקער באָס. אַ קליין פליגעלע זשוזשעט אים אָבער אין אויער, דאָס איז לוטשי מיט זיין גענג אין האַרלעם, וואָס וויל בשום אופן ניט צושטיין און קריכט אָפטמאָל אַריין אין זיין טעריטאָריע. אָבער מיט דער צייט וועט דאָס שוין אויך זיך אויסגלייכן. מאַיק האָט זייער גרויסע פּלענער. ער וויל גאָר פאַראייניקן די געננגס פון אַלע באָראָס, אַ צענטראַלע מאַכט באַשאַפן, און ניט זיין אין קריג איינער קעגן אַנדערן און שטערן דעם נאָרמאַלן גאַנג פון „ביזנעס". אָבער דאָס וועט שוין אויך קומען מיט דער צייט.

שוין אַרום צוויי מאָנאַטן, אַז ער געניסט דעם זיסן טעם פון זיין אַ הערשער, און ס'האָט זיך אים זייער פּאָסמאַקעוועט. די וועלט בוקט זיך, די וועלט פאַרנויגט זיך, און ער האָט זיך שוין אַליין אויך איינגערעדט, אַז ער איז אַ גרויסער מענטש, אַז ער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזאַ שטאָף, וואָס קיין אַנדערע פּשוט'ע מענטשן פאַרמאָגן ניט. ער איז געוואָרן זייער גאוה'דיק און סנאָביש אַפילו צו זיינע אייגענע קלינטאָנער גוטע פריינט. ער זידלט זיי, ער שרייט אף זיי, ער בייזערט זיך, קלאַפּט מיט די פויסטן אין טיש אַריין:

— לואי זאָל מיר זיין!

לואי האָט זיך עפּעס אָפּגעטאָן פון זיי. ער וויל ניט קומען. בוטשי איז שוין געווען באַ אים אין הויז אים רופן. בעניטאָ איז געווען, און אַפילו מויש אַליין איז געווען.

— פאַרוואָס וויל ער ניט קומען? — ברויזט איצטער און קאָכט זיך דער מאַיק. ער זידלט זיך און שפּייט, ס'אַרט אים ניט, וואו זיינע שפּייען פאַלן, צי אף דעם ווייכן קאָסטבאַרן קאַרפּעט פון דיל, צי אַפן טייערן געשניצטן טיש, צי אף די באַגילדעטע ווענטלעך פון די בענקלעך. דער גרויסער שפּיגל שטייט אים פּונקט אַנטקעגן און מאַכט אים נאָך, מאַיק'ן, מיט אַלע זיינע קנייטשעלעך. ער קוקט אָבער ניט אין שפּיגל איצט. ער קוקט אין שפּיגל, ווען ער בלייבט איבער אַליין. קוקט אף זיך, באַטראַכט זיך זייער געניו, און וויל וויסן, וואו זיין אייגענע גרויסקייט ליגט.

— ער זאָגט, אַז ער איז אָפּגעשוואַכט פון דער וואונד, — פאַרענטפערט בוטשי זיין חבר לואי'ן.

— עפּל־סאָוס! — מאַכט מאַיק צונישט דעם גאַנצן תירוץ. — ער איז געוואָרן געל, ער האָט זיך דערשראָקן אין די הויזן.

— זאָלן מיר אים אפשר צורו לאָזן? וואָס דאַרפן מיר אים האָבן? — וויל בעניטאָ מאַכן שלום.

— ניט באַ מיין לעבן! — איז מאַיק אַנטשיידן און גזלנ'יש.

מאַיק קאָן ניט דערלויבן אַזאַ זאַך. דערלאָזן עמיצן זיך אָפּטיילן פון דער גענג, איז אַקוראַט ווי פאַרראַטן. נאָך ערגער ווי פאַרראַטן. מען קאָן קיינמאָל ניט זיין זיכער, כל זמן יענער, דער אָפּגעטיילטער, לעבט, אַז ער זאָל ניט אַרויסשפּרינגען מיט אַ מסירה'לע. צופיל ווייסט שוין דער דאָזיקער לואי וועגן זייערע אַלע מעשים.

בעניטאָ קוקט אויף דעם ברוגזנדיקן מאַיק'ן מיט גרויסע ווייסע שמייכלענדיקע ציין. ער קוקט אויף זיין האַר, אויף מאַיק'ן, און קאָן בשום אופן ניט פאַרשטיין, ווי דער פריערדיקער גוטער, ליבער חבר מאַיק האַלט זיך אַזוי באַסיש אפילו פאַר זיינע אייגענע חברים. ער טראַכט אויך, בעניטאָ, אַז זיין אייגן לעבן ליגט אויך אין די הענט פון דעם דאָזיקן מאַיק'ן. לואי איז אַ ביישפּיל. מען קאָן זיך שוין ניט אָפּטיילן פון אים. מען טאָר שוין ניט. ביזן לעצטן וועט מען שוין מוזן שטיין צוזאַמען. אָנגעהויבן דאָס דאָזיקע לעבן פון געפאַר, וועט מען שוין מוזן גיין ביזן סוף. וואָס דער סוף וועט זיין, וויל ער ניט טראַכטן. דערווייל איז דאָ געלט אַ סך אין די קעשענעס. מען הוליעט און מען שיכור'ט אין אַזוינע פּלעצער, וואָס ער, בעניטאָ, האָט אויף זיין לעבן ניט געחלומ'ט. אָבער וואָלט דער מאַיק געווען אַ ביסל מערער חבר'יש. ס'פאַרדריסט אים, בעניטאָ'ן, וואָס יענער כעס'ט זיך אַזוי אויף זיי, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען שולדיק, וואָס לואי וויל זיך ניט יאָווען.

בוטשי קוקט אויף זיין חבר פול מיט חניפה. ער שוויצט אַזש פון גרויס חניפה צו מאַיק'ן. מאַיק האָט אים געמאַכט פאַר אַן אונטער־באָס אין דער נעגנט אַרום קלינטאָן סטריט. געניסט ער איצט גרויס כבוד און רעספּעקט פון אַלע זיינע אונטערטאַנען. אונטערטאַנען זיינען אַלע, אפילו די אָרעמע פּעדלערס. זיי בויגן זיך פאַר אים אינדרייען. אַ שאָד נאַר, וואָס אַלע רופן אים „בוטשי". ס'פּאַסט ניט צו האָבן אַזאַ נאָמען, ווען מען איז אַזוי גרויס געוואָרן אין דער וועלט.

— שוין זאָלט איר אים מיר ברענגען! — גיט מאַיק אַ טראַך אין טיש אַריין. — אַ טויטן, צי אַ לעבעדיקן.

אַלע שפּרינגען אויף. דער באַפעל מוז גלייך אויסגעפירט ווערן. מויש, בעניטאַ און בוטשי לאָזן זיך אַרויס.

— סאַ לאָנג, מאַיק! — געזעגענען זיי זיך מיט אים.

— סאַ לאָנג — ענטפערט ער אונטער דער נאָז און וויל זיך ניט פאַר־גינען צו זיין פריינטלעך צו זיי.

:: :: ::

די פאַרנאַכטיקע ווינטערדיקע זון גייט אַריין אין דעם גרויסן האָטעל־צימער דורך אַלע דריי ברייטע פענצטער. די וועלט פון די שטאַרקע און פון די רייכע קוקט אַריין אין דעם דאָזיקן הויכןברייטן לופטיקן צימער.

דעם טייערסטן צימער אין דעם האָטעל האָט מאַיק אויסגעקליבן אין דער געגנט פון טאַימס־סקווער און בראָדוויי. זיין קינדהייט און בחור׳שאַפט האָט ער פאַרבראַכט אין אַ פייכטן קעלער מיט פינצטערע ווינקלען, וואוהין די זון האָט קיינמאָל ניט אַריינגעדרונגען, וואוהין די ליכט איז ניט אָנגעקומען אויך באַנאַכט, ווען מען האָט אָנגעצונדן דעם גאַז־רער. וואו די לופט האָט געשמעקט מיט פּאַפּ און מיט קליי און מיט פאַרשימלטע ספרים. איצטער שיינט צו אים די זון פון די רייכע אין אַלע דריי פענצטער און ער לויכט־אויף, מאַיק. זיין פּנים ווערט מילד, אַפילו די בייזע ברעמען זיינען געוואָרן מענטש־לעכער. ער האָט גאָרניט געוואוסט, מאַיק, אַז ער האָט אַזוי ליב זון. ניט די זון אַף דער גאַס, נאָר אַ זון, וואָס קומט אַריין אין אַ הויז אַריין, וואָס מאַכט שיינען יעדער ווינקעלע. זיין פּנים איז איצט אויך פול מיט זון. דער צימער געפינט זיך אַף גאָר אַ הויכן שטאָק.

מאַיק קוקט אַרויס פון פענצטער און איז פאַרגאַפט: אַזאַ גרויסע וועלט! אונטערן פאַרנאַכטיקן הימל שוועבט איצט אום אַ גרויסער שטאָלענער פויגל. מאַיק איז אויך געגליכן צו דעם דאָזיקן שטאָלענעם פויגל, וואָס הויערט אין די הויכע הימלען.

# באַהאַלטסט זיך אויס פון אונז?

דער מאַמע׳ס אָרעמע אָבער ציכטיקע וואוינונג אַף קלינטאָן סטריט האָט צוריק אַריינגענומען לואי׳ן מיט גרויס ליבע און היימישקייט.

לואי שלאָפט שוין ווידער אין זיין מאַמע׳ס ווייכן זויבערן בעט. זיין אָפּגעשוואַכטער קערפּער פאַלט־צו צו דעם דאָזיקן שמעקנדיקן בעט מיט גרויס חשק. דאָס צישען פון דער גנעיי־מוזיק פאַרשלעפערט אים. רו און פרידן אַף זיין גאַנצן געמיט.

דער טאָג איז אָבער שווער. די אויערן זיינען וואַך צו די טרעפּ. יעדער שווערער טראָט איבער די טרעפּ מיינט, אַז מען גייט אַף זיין לעבן. אַלעמאָל קומען זיי נאָך אים. ער האָט מורא, אַז מען וועט אים טאָן שלעכטס. ער קאָן שוין גוט די מאָראַל זייערע. אַז ס׳ווערט אים גאָר שרעקנדיק, ווענדט ער זיינע אויגן צו זיין מאַמען. ער קאָן אָבער ניט זען איר פּנים. ער קאָן זען בלויז איר רוקן. מיטן רוקן צו דער גאַנצער שטוב זיצט זי אַזוי אַפּ גאַנצענע טעג פאַר דער ניי־מאַשין, וואָס שטייט פאַרן ליכטיקן פענצטער. אַ רויטלעכער האַלז־און־נאַקן מיט געלע פלעקן, רויטלעכע אָפּגעבליאַקעוועט האָר.

היינט אינדערפרי איז געווען בוטשי. ער האָט זיך געבייזערט. ער האָט אים געזאָגט, אַז ס׳איז ניט ערלעך, אַז לואי דאַרף זיך יאַווען. אַז ערשט איצטער הויבט זיך אָן ס׳ריכטיקע לעבן, אַז מאַיק איז שרעקלעך בייז. לואי קאָן מאַכע זיך אַליין ניט פאָרשטעלן, וואָס פלוצלונג איז ער אַזוי אָפּגעפאַלן פון זיי. אפשר ווייל ער איז אָפּגעשוואַכט, און אפשר דערפאַר וואָס ער האָט איר געגעבן אַ שבועה, דער מים בערן. „מים בערן״ רופט ער זי נאָך אַלץ. „שוירלי״ וואָלט ער זי געדאַרפט רופן. זיי זיינען שוין זייער נאָענט. זיי טרעפן זיך שוין זייער אָפט. צום איסט־ריווער פאַרגייען זיי. צו די איינזאַמע פאַרלאָזענע אַלטע באַרזשעס, וואָס שטייען דאָרטן שוין יאָרן און יאָרן, דורכגעמוליעוועט פון די וואַסערן, אָפּגעגריזשעט פון די ווערים. זיי פירן אָן די ליבע מיט אַלע קלימפּערלעך. מיט קרעכצן און הייסע קושן. קוקן אַף דער בלאַסער ניו יאָרקער לבנה און דערזעען דאָרטן זייער מזל, וואָס וועט צו זיי שיינען.

פאַר דעם שיין פון דער בלאַסער לבנה, אין גרויסן פייער פון זיין באַנערן זי, האָט ער געמוזט שווערן צו איר, אַז ער וועט זיך אָפּרייסן פון

דער חברה. דער פלאַן זאָל זיין, אַז ער זאָל זיך פשוט ניט יאָווען. ווען מען וועט קומען נאָך אים, זאָל ער זיך מעלדן קראַנק, און דאָס אַלץ. אפשר וועלן זיי אים אָפּלאָזן. זיי וועלן פאַרגעסן אָן אים.

זי דאַרף היינט קומען צו זיי. ס'ערשטע מאָל, וואָס זי קומט צו זיי אין הויז אַריין. די מאַמע זיינע איז נאָך ניט באַקאַנט מיט איר. היינט וועט זי איר זען.

די ווינטערדיקע זון זעצט זיך. די מאַמע פּאָרעט זיך אין קיך. דאָס גרייט זי צו אַ פיינע וועטשערע פאַר דער כלה. אַ בריה אַ מאַמע פאַרמאָגט ער. אַלצדינג קומט אַרויס בא איר געראָטן. זי האָט נאָך עט אינדערפרי פאַרפּוצט די גאַנצע שטוב, אַזוי ווי מען דאַרף פאַרפּוצן צוליב אַ טייערער כלה. זי האָט באַהאַנגען די בייכיקע ווענט, וואָס זיינען גרין געוואָרן פון אַלטקייט, מיט קאָלירטע שאַלן און מיט שטיקלעך פאַרביקע געוואַנטן, וואָס פאַלן איר אַראָפּ פון איר געניי. זי האָט אַנידערגעשטעלט אָפן געדעקטן טיש אַ גרויסן ראָזעווען פּרוכטאָוניק מיט ניס, עפּל און באַנאַנעס. אָ, זיין מאַמע ווייסט שוין, ווי אַזוי אויפצונעמען אַזאַ וויכטיקן גאַסט.

ס'הערט זיך אַ קלאַפּ אין דער טיר. לואי עפנט די טיר. זי שטייט, שוירלי, מיט גרויסע צעשראָקענע אויגן, דערשראָקן פאַר דער פרעמדער אומ־געבונג פון הויז. ער פירט זי אַריין אין הויז אַריין.

די מאַמע קומט אַרויס פון קיך אַ פאַרזיכטיקע. זי בלייבט שטיין אויף דער שוועל מיט פאַרשנדיקע אויגן. שטייט שוירלי אַ באַשיידענע פאַר דער דאָזיקער פרוי, וואָס דאַרף זיין לואי'ס מאַמע. דער גרעסטער וואונטש אירער אין דער דאָזיקער גרויסער מינוט איז, אַז יענע זאָל זי ניט פאַרשטויסן, אַז זי זאָל געפינען חן און לייטזעליקייט אין יענער'ס אויגן. איר גרויסער באַגער אין דער איצטיקער מינוט איז, אַז לואי'ס מאַמע זאָל צו איר אַ שמייכל טאָן מיט פריינטשאַפט, ווייל זי איז אַן אָרעמע מיידל. זי פאַרמאָגט גאָרניט אויף דער וועלט, אַחוץ דעם, וואָס זי האָט ליב אָט־דעם הויכן, שמאָלן, שלאַנקן בחור.

די מאַמע לאָזט זיך פון דער שוועל צו דער כלה. מען ווייסט נאָך ניט, וואָס זי וויל טאָן. איר פנים דערציילט גאָרניט. שטעלט זיך אָפּ דער גאַנצער גאַנג פון לעבן צו וואַרטן און זען, וואָס אַזוינס וועט די מאַמע זאָגן צו דער כלה.

— וואָס פאַר אַן ערלעכע אויגן דו פאַרמאָגסט, טאָכטער! — גיט די מאַמע אַ קוש דער כלה.

:: :: ::

נאָך וועטשערע זיינען חתן־כלה געגאַנגען שפּאַצירן. מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַף דער גאַס. האָט זיך געגעבן אַ צעיאָג פאַר זיי דער פאַר־נאַכטיקער טומל פון קלינטאָן סטריט. פאַרנאַכט־צו פאַרשטאַרקט זיך דער טומל נאָך מערער אַף דער דאָזיקער גאַס. די פּעדלער, דורכגעפרוירענע און פאַרצווייפלטע, וואָס זיי האָבן ווינציק געלייזט אין פאַרלויף פון טאָג, ווילן איצט אַריינכאַפּן דאָס לעצטע ביסל לייזונג איידער מען גייט אַהיים. שרייען זיי און רופן צו די ווייבער:

„ווייבער, מציאות, מציאות, איידער מען גייט אַהיים. דריי פאַר אַ ניקעלע, פיר פאַר אַ ניקעלע און זאָל שוין מיינס איבערגיין.”

די קינדער פון קלינטאָן סטריט, וואָס האָבן שוין אָפּגעגעסן וועטשערע, באַקומען מערער קראַפט אין זייערע העלזער. אין אַלטע צעריסענע לייבלעך (סוועדערס) מיט די שוואַרצע קוטשמעלעך לויפן זיי אום איבערן בלאָק און שרייען און פּילדערן. די געפּילדערייען הויבן זיך איבער די דעכער. דאָרטן ווערט אַ גרויסע כוואַליע פון אַלע געשרייען, און זי שפּרייט זיך, די כוואַליע, צו אַנדערע דעכער, צו אַנדערע בלאָקס. מען פאַראייניקט זיך מיט די איבעריקע כוואַליעס און ס'ווערט איין ריזיקער שטיק געשריי איבער דער גאַנצער שטאָט.

שרייט ניו יאָרק פון אונטער דער טיפעניש אַרויס מיט פאַרדעמפטן ברומען פון די לויפנדיקע אונטערערדישע באַנען. שרייט ניו יאָרק אַראָפּ פון אַלע דעכער מיט אַ בריאַזגענדיקן געדונער פון די לויפנדיקע הויך־באַנען. שרייט ניו יאָרק מיט מילי־מיליאָסן קליינע געשרייעלעך פון יאָגנדיקע אָטאָ־מאָבילן און טראָקס. שרייט ניו יאָרק מיט געוויין און מיט געלעכטער פון מענטשלעכע ליידן און פריידן. מיט דעם רעוועט פון שיפן. מיט דעם קלינגען פון טראַמווייען. איין אומגעהויערער גרויסער געשאַל פון דער ריזיקער שטאָט, וואָס קייקלט זיך, וואָס וואַרפט זיך, און צאַפּלט זיך, און הויבט זיך, און טרייסלט זיך, און מאָלט גיך, גיך דאָס לעבן פון די זיבן מיליאָן מענטשלעכע לעבנס.

— פּיו־ר־ו — דערהערט לואי פלוצלונג אַ באַקאַנטן פייף, וואָס פלעגט אים אַזוי דערפרייען אין די פריערדיקע צייטן, ווייל דאָס איז געווען דער באַקאַנטער סיגנאַל פון זיינע קלינטאָנער גוטע פריינט. איצטער אָבער זיינען זיינע בלוטן פאַרקילט געוואָרן. די גרויסע פרייד האָט אָפּגערונען פון זיין לייב. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, זיך אויסגעדרייט צו דער ריכטונג פון פייף.

— וואָס איז געשען? — דערשרעקט זיך שוירלי.

— זיי זיינען געקומען נאָך מיר, — גיט ער אַ קוק אַף איר מיט אומגליק אין זיינע אויגן.

— לאָמיר אַנטלויפן! — כאַפּט זי אים אָן בײַ דער האַנט.

לואי קאָן שוין ניט אַנטלויפן. ער לאָזט איבער זיין כלה. ער לאָזט זיך צו זיי. בוטשי און מויש שטייען אַפן ראָג. דער גרויסער אַטאָמאָביל פֿאָרט לאַנגזאַם אינמיטן דער גאַס. בעניטאַ זיצט דאָרטן לעבן דער ראָד.

— דו באַהאַלטסט זיך אויס פון אונז? — פרעגט אים מויש סאַר־קאַסטיש.

— ווער באַהאַלט זיך אויס? — באַליידיקט זיך כלומרשט לואי. — איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך בין קראַנק.

— מיר זעען שוין, ווי דו ביזט קראַנק, — איז אויך בוטשי סאַר־קאַסטיש.

— קום מיט אונז! — באַפעלט מויש מיט גרוים אויטאָריטעט, אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען מאַיק אַליין.

— וואוהין? — ווערט לואי זייער בלאַס, צוליב דעם וואָס בעניטאַ קוקט אַף אים מיט אַזוינע גרויסע לאַכנדיקע ציין, וואָס בוטשי איז פֿאַר־כמורעט, וואָס אין מויש'ס אויגן זיצן צוויי קליינע מערדערס.

— קריך אריין! — באַפעלט מויש. — וועסט שוין אַליין זען וואוהין.

# זעקס גוטע ברידער זיינען זיי געווען

זיצט לואי אין אַטאָמאָביל צווישן מויש׳ן און בוטשי׳ן. קיין רעוואָלווערן האַלטן זיי ניט צוגעשפּאַרט צו זיין ליב, אָבער ס׳איז שוין אַקוראַט ווי זיי וואָלטן יאָ געהאַלטן. רויטע בליצן רייסן־אויף פאַר לואי׳ס אויגן. פאַר־שיידענע שטיקלעך קאָלירן האַלטן זיך אין איין דרייען. אין דער נאָז אַריין שפּאַרט דאָס בלוט. ס׳קוקט שוין אויס, ווי מען גיט אים אַ „ראַיד״, ווי מען פאָרט מיט אים אין אַזאַ מקום, וואָס מען קומט שוין פון דאָרטן ניט צוריק. ער אַליין מיט זיינע איבעריקע גוטע פריינט האָבן געגעבן מיט צוויי יאָר צוריק אַ „ראַיד״ צו אַ געוויסער פּערזאָן. איז יענער געזעסן, ווי אַן אָפּגעפּליקטער האָן מיט בלוטיקע אויגן און געקוקט פאַרוואונדערט אויף דער וועלט, וואָס איז פאַרביינעלאָפן דער מאַשין פון ביידע זייטן. מיט אַן אויס־געשטרעקטן האַלז, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ איז יענער געזעסן. אפשר איז יענער גאָרניט געזעסן, ווייל לואי אַליין זיצט איצט אויך ניט, זיין אונטערשטער טייל קערפּער רירט אפילו ניט אָן דאָס זיץ־קישעלע פון אַטאָ־מאָביל. ער זיצט ווי אויף דער לופט, לואי. ער וואונדערט זיך, צי זאָל דאָס טאַקע זיין זיין לעצטע שעה? זיין לעצטע רייזע איבער דער וועלט? זיין לעצטער פאָר איבער אַזוינע רוישנדיקע שפּילעוודיקע גאַסן? דורך אַזוינע לוסטיקע טעאַטערס און מואווים, וואו מענטשן גייען אַריין און גייען אַרויס אַזוי פריי און אָפן און קיינער צווינגט זיי ניט.

א גרויסער פּראָטעסט קומט אָן אין זיין האַלז. ער וויל זיך צעשרייען אינדערהויך מיט גרויס צאָרן: „וואָס מיינט איר צווינגען אַ מענטשנס לעבן? וואָס מיינט איר צונעמען די פרייהייט פון באַוועגן זיך אויף דער וועלט? וואָס מיינט איר זיך?״

מען שטעלט זיך אָפּ לעבן אַ שיינעם האָטעל אין אַ זייטיקער גאַס ניט ווייט פון בראָדוויי.

— קריך אַרויס, — מאַכט מויש פאַרכמורעט.

ווי געוואַלדיק לואי׳ס פיס דערפרייען זיך מיט די שטיינער פון דער גאַס. זיי פאַלן צו, זיינע פיס, צו די דאָזיקע שטיינער מיט אַ באַזונדערן טעם. זיי פרעסן זיך איין אין דעם האַרטן באָדן. זיי לעבן נאָך, זיינע פיס, זיי באַוועגן זיך געזונטע און שטאַרקע.

— וואוהין נעמט איר מיך? — עקשנ'ט זיך לואי איין און וויל ניט גיין.
— ריר זיך, — מאכט מויש פינצטער.
— מען וועט דיך ניט אפּבייסן, — גיט בעניטאַ צו אים אַ פרייליכן וואונק.

פון דעם פרייליכן וואונק איז לואי'ן געוואָרן אַ ביסל לייכטער. טאַקע, וואָס עקשנ'ט ער זיך איין? ער איז שוין געגאַנגען, וועט ער שוין דערגיין ביזן סוף.

מען הויבט זיך אינדערהויך מיט אַ שיינעם ווייסן עלעטוויטאָר. דער עלעוויטאָר־בחור לאַכט צו דער חברה מיט ווייסע ציין. פון יענעמס לאַכנ־דיקע ווייסע ציין ווערט לואי'ן אויך לייכטער. וואָס מערער פריינטלעכע פּנים'ער זאָלן קוקן אַף אים, וויל ער האָט מורא, אַז דער סוף וועט שוין ניט זיין קיין גוטער.

מען עפנט די טיר פון צימער. מען לאָזט לואי'ן אריין. ווי אַ געפאַנגענע חיה בלייבט ער שטיין אַף איין אָרט און פילט די געפאַר פון אַלע זייטן ארום און ארום. ער דערזעט נאָך ניט מאַיק'ן. מאַיק איז אין צווייטן צימער. אָבער ווען מאַיק באַווייזט זיך, פאַלט אים שוין אָפּ דער דאָזיקער מורא'דיקער געפיל פון שרעק. ס'איז דאָך זיין מאַיק, דער היימישער מאַיק. צוזאַמען אויפ־געהאָדעוועט זיך אַף דער וועלט. פון איין קוואַל געטרונקען נאַרהאַפטיקייט.
— האַו דו יו דו, מאַיק? — מאַכט לואי גוטברודעריש.
— האַו דו יו דו יורסעלף, — וויל מאַיק ניט אַרויסווייזן קיין פריינט־לעכקייט.

— וואָס איז דער מער מיט דיר? וואָס ביזטו זויער? — מאַכט זיך לואי טאַמעוואַטע.

— וואָס ביזטו ניט געקומען, אַז מען האָט דיך פריער גערופן? — איז מאַיק כלומרשט רואיק, אָבער זיין אָפּגעביסן שטיקל אויער ווערט רויט מיט דער בייזער קללה.

— איך האָב ניט געקאָנט קומען, — כמורעט זיך אויך אָן לואי.
— דו האָסט זיך אויסבאַהאַלטן פון אונז, — זאָגט מאַיק מיט פאַר־אַכטונג.

— איך האָב זיך ניט אויסבאַהאַלטן, דו קענסט מיך, — הויבט פּלוצלונג אָן לואי צו שרייען אַף מאַיק'ן. — דו ווייסט, אַז איך בין ניט פון די שרעקעוו־דיקע, — מאַכט זיך לואי הפקר'דיק. — וואָס מיינסטו, דו וועסט שיקן נאָך מיר, ווי נאָך אַ פּריזאָנער (געפאַנגענעם), — שרייט לואי נאָך העכער. —

אזוי צאָלט מען אָפּ אַ פריינט, וואָס האָט פאַרגאָסן בלוט פאַר אייך, — איז לואי געוואָלדיק אויפגעטראָגן.

— וואָס שרייסטו אַף מיר? — שרייט אויך מאַיק. — בארואיק זיך, — מאַכט שוין מאַיק ווייך. — מיר האָבן געזען, אַז דו קומסט ניט, האָבן מיר געשיקט נאָך דיר.

מאַיק האָט לואי׳ן ליבערשט ווי אַלע איבעריקע חברה. ער איז איידעלער ווי די איבעריקע, ער איז מערער מענטשלעך. דאָס וואָס לואי האָט ערשט אַף אים געשריען, איז אויך גאָרנישט.

— מען שלעפּט מיך אין אָטאָמאָביל, אַקוראַט ווי איך וואָלט געווען אַ רעט (אַ שטשור), — קאָן לואי ניט מוחל זיין די באַליידיקונג, וואָס מען האָט געטאָן צו אים.

— אָלראַיט, אָלראַיט, — וויל שוין מאַיק פאַרגלעטן.

— אַז איך בין אָפּגעשוואַכט, — פּיעסטשעט זיך לואי פאַר מאַיק׳ן, אין וועמען ער האָט דערפילט ווידער אַ פריינט.

— אָלראַיט, אָלראַיט, — איז מאַיק זייער מילד. — ווער האָט דען צו דיר עפּעס? האָסט זיך נאָר געדאַרפט באַווייזן, און דאָ פּלאַנעווע איך דיר איבערצוגעבן די טראַנספּאָרטן, — זאָגט ער אַרויס די לעצטע ווערטער מיט גרויס באַדייטונג.

מאַיק איז איצט זייער אַ וויכטיקע פּערזאָן. וויל ער דאָס לאָזן וויסן לואי׳ן מיט יעדן וואָרט זיינעם. ער וויל איצט אויסנעמען פאַר זיין חבר לואי׳ן.

ער איז איצט אַזאַ גרויסער באָס. און ער האָט אַזוי פיל געשעפטן אַף זיין קאָפּ, קלאָגט ער זיך כלומרשט פאַר לואי׳ן, און אין דעם קלאָגן זיך ליגט אַ גרויסע באַרימערישקייט. ער דאַרף האָבן אַן אייגענעם מענטשן צו די טראַנספּאָרטן מיט ביר, אַף וועמען ער זאָל זיך קאָנען פאַרלאָזן. בלויז לואי פּאַסט זיך צו אַזאַ דזשאָב. און ער פרעגט נאָר, וואָס מען האָט אים געבראַכט אַהער. לויט מאַיק׳ן נאָך, דאַרף לואי זיך איצט אויפשטעלן און אים דריקן די האַנט פאַר דעם גרויסן כבוד, וואָס ער טיילט אים צו, צו זיין דער באָס איבער אַלע טראָקס. אָבער לואי שטעלט זיך ניט אויף. ער איז אָנגעכמורעט און מאַיק טייטשט דאָס אויס מיט דעם, וואָס ער איז טאַקע אָפּגעשוואַכט פון דער וואונד. פאַלט אים, מאַיק׳ן טאַקע איין דערביי אַ גליקלעכער געדאַנק:

— דו פאָרסט קיין אַטלאַנטיק סיטי. זיי דאָרטן אָפּ אַ וואָך, רו זיך דאָרטן אויס און דערנאָך ועסטו זיך שוין נעמען צו דער אַרבעט.

— אז איך וויל ניט פאָרן קיין אַטלאַנטיק סיטי ? — וואַרפט זיך אָפּ לואי.

— וועסט שוין יאָ פאָרן ! — ווערט מאַיק'ס שטימע באַפעלעריש. — און דו, בעניטאַ, — גיט ער שוין גלייך אָפּ אַ צווייטן באַפעל, — מאָרגן פאַר פרי זאָלסטו אָפּפירן לואי'ן קיין אַטלאַנטיק סיטי, און אין איינוועגס, לואי, — גיט ער זיינע ווייטערדיקע קאָמאַנדעס, — זאָלט איר זיך אָפּשטעלן לעבן טרענטאָן אין ברעדלי'ס גאַראַדזש. ברעדלי וויל פאַרקויפן דעם גאַ־ראַדזש. ווען מיר אים אָפּקויפן און אים איבערגעבן בעניטאַ'ן, וועט דאָרט זיין אַ גוטער אָפּשטעל־פונקט פאַר אונזערע טראַנספּאָרטן. האָסט דאָך ליב גאַראַדזשן, בעניטאַ ? — גיט מאַיק צו יענעם אַ שמייכל.

— איך וועל זאָגן, אַז יאָ ! — צעשיינט זיך בעניטאַ, ווייל אַ גאַראַדזש איז דאָך זיין טרוים. אַזאַ גרויסער גאַראַדזש, אפשר דריי בלאָק פאַרנעמט ער ; ער שטייט סאַמע אין צענטער, וואו פיר וועגן באַגעגענען זיך. — אָ, איך וועל זאָגן אַז יאָ, — איז ער דאַנקבאַר מאַיק'ן.

:: :: ::

זעקס גוטע ברידער זיינען זיי געווען, איז איינער פון זיי געשטאָרבן, זיינען זיי געבליבן פינף. פינף אָריגינעלע קלינטאָנער און ס'פעלט איצט שטאַרק אויס אָט דער קליינטשיקער היימי מיט זיינע חנ'עוודיקע וואָנצעלעך. מען דערמאָנט אים איצט.

— איך טרינק פאַר האיימי'ן, — הייבט אויף מאַיק זיין קעלישעקל מיט שנאַפּס.

די קלינטאָנער ווערן אומעטיק, און אַלע הויבן אויף די קעלישעקלעך מיט גרויס ערנסט און פרומקייט. זיי האָבן שוין אַ גוטן צד אָפּ יענער וועלט. עפּעס וועט ער שוין פאַר זיי אויפטאָן אָף יענער וועלט. היימי איז זייער מאַרטירער. אַ הייליקער אַזאַ, וואָס מען דאַרף זיין גוט צו זיין גייסט. איצט, ווען זיי האָבן דערגרייכט אַזאַ גרויסע מדרגה צווישן די רייכסטע און די מעכטיקסטע, זיינען זיי אפילו געוואָרן רעליגיעז געשטימט. מאַיק היט שוין אָפּ זיין טאַטנ'ס יאָרצייט און מויש אויך. מען וויל זיך אָנשפאַרן אין גאָט. מען דאַרף אים איצט האָבן, ווייל מען איז רייך און מען האָט דאָס מורא צו פאַרלירן.

פינף גוטע ברידער זיינען זיי איצט. אָבער איינער פון זיי וויל זיך ארויסדרייען. ער טרינקט, לואי, דעם שנאַפּס און ס'וואַרגט אים אין האַלז.

די חברים זיינע זיינען איצט צעפלאָמט פון דעם בראַנפֿן און פון דער גרויסער פריינטשאַפֿט. זיי לאָזן אים ניט לעבן. ערשט איצטער דערמאָנט ער זיך אין דער מיס בערן. דעמאָלט, ווען ער האָט געמיינט, אַז זיין לעבן איז אין אַ געפאַר, ווען מען האָט אים געהייסן קריכן אין אָטאָמאָביל, האָט זיך די דאָזיקע רויטע מיידל גאָר אָפּגעטאָן פון זיין געדאַנק. איצטער דערמאָנט ער זיך אָן איר. זי ווייסט זיכער ניט, וואָס איבערצוטראַכטן. זי האָט שוין מסתמא דערציילט זיין מאַמען. ער וואָלט איצט געדאַרפט לויפן צוריק אַהיים. אָבער ס'פּאַסט אים ניט אַוועקצוגיין אינמיטן דערינען. גוט כאָטש, וואָס מאַיק הויבט זיך אויף פון טיש. מאַיק נעמט אַרויס פון שאַפע זיין טייערן בראָד־ווייער אָנצוג. פאַר זיי אַלעמען אין די אויגן טוט ער זיך אָן. ער שעמט זיך ניט מיט זיין נאַקעטקייט פאַר זיינע גוטע ברידער. קליינערהייט פלעגן זיי זיך אַלע באָדן אין איסט ריווער אין דעם, וואָס די מאַמע האָט זיי געהאַט. ער בלייבט, מאַיק, אין יוניאָן־סוט מיט די געזונטע, האָריקע, מוסקולעסטע נאַקעטע פיס. אַ באַוואָקסענער, ווי אַ בער.

לואי ווייסט נאָך ניט וואוהין מאַיק גייט אַזאַ אויסגעפּוצטער. אָבער די איבעריקע חברה ווייסן שוין יאָ. מאַיק, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן מיט דעם „שוואַכערן" געשלעכט, האָט זיך איצט אָנגעהויבן פריינטלען מיט אַ געוויסער רויט־האָריקער קעטרין, אַ טענצערין אין אַ קאַבאַרעט. קלייבט ער זיך איצט אַהינצו. מויש וועט זיך שוין אויך דאַרפן איבערטאָן אין בראָדווייער אָנצוג. ווייל מויש דאַרף אים באַגלייטן. מויש וואַכט שוין איבער מאַיק'ן טאָג און נאַכט. זיין לעבנס־היטער איז מויש.

מען צעגייט זיך. לואי בויגט זיך אָן צו דער ערד. ער האָט רעזיגנירט. ער וועט שוין מוזן זיין צוגעבונדן. מען קאָן זיך ניט אָפּרייסן. זייער גורל איז זיין גורל. פון איין שטיק קלינטאָן סטריט זיינען זיי געמאַכט. ער וועט שוין מוזן זאָגן דער מיס בערן, אַז זי זאָל זיך גיין פון אים, ער וועט זי ניט אַריינשלעפּן אין זיין אומגליק. מאָרגן מוז ער פאָרן אין אַטלאַנטיק סיטי און דערנאָך מיט די טראַנספּאָרטן אין פייער און אין טויט.

# קום, לאָמיר אַנטלויפֿן!

היימישע טריט דערהערן זיך. זיי שטייען ביידע אויף פֿון דער קאַנאַפּע. די מאַמע מיט דער כלה. עס קומט אַריין לואי מיט אַ פֿרעמדן פּנים. ניטאָ מער די מילדקייט אין אים צו דער מאַמען און צו זיין ליבער מיידל. זיינע אויגן זיינען האַרטע, בייזע, אָן שום רחמנות, ווייל די וועלט האָט צו אים אויך ניט קיין רחמנות. ער געהערט ניט צו קיין מאַמען און ניט צו קיין שום אַנדערער פֿרוי. זיין לעבן געהערט צו אַ מין געמיינדע, וואָס האָט אַלע רעכט אַף זיין טריט און שריט. ווי וועט זיין צו זיין לעבן, אויב ער וועט זיך אָפּקערן פֿון דער דאָזיקער געמיידע.

אַפֿן וועג אַהיים האָט לואי אָנגענומען דעם פֿריערדיקן געשטאַלט זיינעם. דעם פּרצוף פֿון דעם אונטערוועלט־מענטשן, וואָס האָט שוין קיין שום אויס־וועג ניט, נאָר זיין אַף דער וואַך, און לעבן אַזוי לאַנג וויפֿיל עס לאָזט זיך. אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם הויז, פֿאַרנאַכט, אַ געטרייער זון און אַ ליבער חתן, איצט איז אַריינגעקומען אין דעם הויז אַ פֿרעמדער בחור, אַ גענגסטער. ער וויל שוין סיי־ווי־סיי קיינעם ניט האָבן. ער וואָלט שוין גאָר אינגאַנצן ניט געוואָלט איבערשלאָפֿן אין דעם הויז. ער דאַרף בלויז דאָ נעמען געוויסע זאַכן.

— וואָס איז געשען, לייבל? — פֿרעגט די מאַמע און דערשרעקט זיך פֿאַר זיין פֿרעמדן פּנים.

— אָ, גאָרניט, מאַ, — וויל ער אַפֿילו ניט קוקן אַף איר.

— ניין, ס'איז יאָ עפּעס געשען, — לייגט זי איר האַנט אַף זיין אַקסל.

— ס'איז גאָרניט געשען, און פֿרעג מיך ניט קיין נאַרישע פֿראַגן, — צעשרייט ער זיך אַף איר, און וואַרפֿט אַראָפּ גראָב איר האַנט פֿון זיין אַקסל.

— אָבער זון? — אַרט ניט דער מאַמען וואָס דער זון האָט זי אַזוי גראָב באַליידיקט. ס'גייט איר איצט ניט אָן די באַליידיקונג. זי דאַרף וויסן דעם גורל פֿון איר זון.

— לאָז מיך צורו און באַדער מיך ניט, האָב איך דיר געזאָגט! — איז זיין קול זייער גראָב און פֿרעך.

שוירלי קאָרטשעט זיך איין פֿון זיין גראָבקייט. ס'ערשטע מאָל, אַז זי האָט אים געזען אין אַזאַ צושטאַנד. ער איז שוין באַלד ענלעך צו די גאָרילאַ־פּנים'ער, וואָס האָבן אים פֿריער אָוועקגעריסן פֿון איר, וואָס האָבן אים אַריינ־

געוואָרפן אין דער מאַשין. זי האָט דערזען אין אים דעם גענגסטער, און זי האָט אויפגעשווידערט. מיט אַזוינע פאַרשמעלערטע אומהיימלעכע אויגן קוקט ער אַף איר. זי וועט פאַרלאָזן דאָס הויז. זי האָט שוין דאָ מערער ניט וואָס צו טאָן. מען האָט איר אונטערגעוואָרפן אַן אַנדער לואי׳ן. יענער לואי איז אַ צאַרטער און אַ מילדער.

די מאַמע קאָן שוין איר זון. אויב ער איז אין אַזאַ צושטאַנד, וועט שוין קיין גוטס ניט אַרויס. ער קאָן נאָך ברעכן בענקלעך. זי וויל אים ניט דער־ברענגען צו נאָך אַן ערגערע גראָבקייט אין דער אַנוועזנהייט פון דעם דאָזיקן ליבן און פרומען מיידל. זי גייט אַוועק אַ ברוגז׳ע אין צווייטן צימער.

— איך וויל דיר מערער ניט זען, — מאַכט ער צו שוירלי׳ן גראָב, און וויל אַפילו ניט קוקן אַף איר.

זי שווייגט. זי קאָן אים גאָרניט ניט ענטפערן דערויף, סיידן זיך אויפ־הויבן און אַוועקגיין. אַז ער וויל זי שוין ניט מערער, קאָן זי שוין גאָרניט טאָן דערצו. ער איז צו איר ניט קיין אייגענער ברודער, און ניט קיין איינער פון איר משפחה. דער איינציקער בונד וואָס קאָן עקזיסטירן צווישן זיי, איז דעמאָלט, ווען ער וויל זי. אַנדערש איז זי אַ פרעמדע מיידל, וואָס איז געקומען אין אַ פרעמד הויז, און מען דאַרף טאַקע באַלד אַוועקגיין מיט גרויס חרפּה.

— אַלץ וואָס איך האָב דיר געזאָגט פריער, פאַרגעס, — גיט ער צו איר אַ מאַך מיט דער האַנט, צו ווייזן איר, ווי אַזוי זי דאַרף אים פאַרגעסן.

— יאָ, איך וועל דיך פאַרגעסן, — ענטפערט זי אַן אָפּגעבריטע.

— מיר זיינען ניט קיין פּאָר, — איז ער שוין אַ ביסל אומצופרידן, וואָס זי האָט אַזוי שנעל איינגעשטימט אים צו פאַרגעסן.

— פאַרוואָס? — פילט זי זיך זייער געפאַלן, וואָס זי מוז ברעכן איר שטאָלץ און אים פרעגן „פאַרוואָס".

— איך געהער ניט צו אַזוינע, ווי דו, — דערפרייט ער זיך אַ ביסל, וואָס זי האָט געפרעגט „פאַרוואָס".

— ס׳שטייט דיר ניט אָן צו געהערן צו אַזוינע, ווי איך? — פרעגט זי אים מיט גרויס ווייטיק.

— דו ביזט צו גוט פאַר מיר, — טוט אים שוין באַנג, וואָס ער פאַר־שאַפט יסורים דער דאָזיקער וואוילער מיידל, וועלכע ער האָט אַזוי ליב.

— דו רעדסט נאַרישקייטן, — דערפרייט זי זיך שוין פון זיינע לעצטע ווערטער.

— איך רעד ניט קיין נאַרישקייטן, — שפּאַרט ער זיך איין. — מיין לעבן

איז שוין אַ פֿאַרפֿאַלנס, און איך וויל דיר ניט שלעפּן מיט זיך אין דער זעלביקער געפֿאַר.

— דו וועסט ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן, — נעמט זי אים אָן באַ דער האַנט.

דערפֿילט ער שוין דאָס קליינע וואַרימע הענטל אין זיין האַנט און ער דערפֿרייט זיך, וואָס נאָך אַלע בייזע רייד צו איר, געטרויט זי אים נאָך אַלץ איר קליין וואַרעם הענטל.

— אָ, מים בערן, — איז ער פֿאַרצווייפֿלט.

— רוף מיך ניט „מים בערן", — פּראָטעסטירט זי, וואָס ער קאָן זיך נאָך ניט אָפּגעוואוינען פֿון רופֿן זי „מים בערן".

— אָ, שוירלי, — מאַכט ער דאָס שוין בעסער.

— וואָס האָבן זיי צו דיר געטאָן ? — פֿרעגט זי אים שוין מיט אַלע רעכט פֿון אַ כלה, נאָכדעם ווי ער האָט זי אַזוי אינטים גערופֿן „אָ שוירלי".

— זיי האָבן צו מיר גאָרניט געטאָן, — וויל ער ניט ריידן פֿון זיין אומגליק.

גייט זי שוין ווייטער און נעמט אַרום זיין האַלז מיט איר וואַרעם הענטל. די פֿרוי אין איר דערפֿילט זיך שוין זיכערער, און זי וועט אים שוין יאָ מאַכן צו דערציילן אַלץ, אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים, זינט מען האָט אים אַוועקגעריסן פֿון איר. פֿון דעם אַרומנעמען קאָן זיך שוין לואי גאָרניט ווערן. איצטער איז זי די שטאַרקע, און אַז זי גיט אים נאָך אַ קוש, איז ער שוין אינגאַנצן איר אונטערטאַן.

— ניין, איך וויל דיך ניט פֿאַרלירן, — ווערט אים היים און גוט.

— דו וועסט מיך ניט פֿאַרלירן, — איז זי שוין שטאַרק זיכער מיט איר קראַפֿט איבער אים און גיט אים אַ צווייטן קוש. — וועסט זיך נאָך אַרויס־דרייען פֿון זיי.

— אוממעגלעך, — איז ער פֿאַרצווייפֿלט.

— ס'וועט יאָ זיין מעגלעך, — ווערט זי געוואַלדיק זיכער באַ זיך.

— ווי אַזוי ? — קאָן ער ניט גלויבן, — אַז מאָרגן אינדערפֿרי קומט מען שוין נאָך מיר.

— לאָמיר אַנטלויפֿן, — פֿאַלט איר איין גלייך אויפֿן אָרט אַזאַ קלוגער געדאַנק. — יאָ, לאָמיר טאַקע גלייך אַנטלויפֿן. — זי גיט זיך טאַקע האַסטיק אַ שטעל־אויף פֿון דער קאַנאַפּע און איז שוין גרייט.

— יאָ, אַנטלויפֿן, קינדער, — דערהערט זיך פּלוצלונג דער מאַמע'ס שטימע.

— קום מיט מיר, — פֿאַלט איין שוירלי׳ן נאָך אַ בעסערער געדאַנק. — קום מיט מיר, איך וועל דיך שוין אָוועקפירן ערגעץ.

— גיי מיט איר, — צעוויינט זיך די מאַמע. — גיי און ראַטעווע זיך.

— שוין ? — ווייסט ער ניט וואָס צו טאָן.

— יאָ, שוין, — ציט אים שוין שוירלי בײַ דער האַנט.

לואי גייט איר נאָך, אַ הילפֿלאָזער. ער גלויבט ניט, אַז עפּעס וועט אַרויסקומען. אָבער ער איז שוין אין דעם רשות פֿון אָט די צוויי פֿרויען. פּונקט ווי ער האָט זיך פֿריער ניט געקאָנט ווערן קעגן דער אַבסאָלוטקייט פֿון מאַיק׳ן און זיינע פֿריינט, אַזוי קאָן ער זיך שוין איצט ניט ווערן קעגן דער אַבסאָלוטקייט פֿון אָט די צוויי פֿרויען.

# זאָלן זיי מיך גאָר לאָזן צורו

— האַ דו יו דו, שוירלי, — הויבט זיך אויף פון טיש שוירלי'ס הויכער שוואַגער ניטן, און גייט גלייך צו איר. ער נעמט זי אַרום און טוט איר אַ זאַפטיקן קוש אין די ליפּן.

געפעלט ניט דער דאָזיקער קוש שוירלי'ס שוועסטער ציטלען, ס'געפעלט אויך ניט לואי'ן און ער כמורעט זיך אָן.

— וואָס טוסטו אַזוי שפּעט באַ אונז? — פרעגט ציטל באַ דער שוועסטער שוירלי'ן, ניט מיט קיין איבעריקער פריינטלעכקייט.

זי, ציטל, וויל ניט האָבן צו־אַפּט באַ זיך אין הויז איר אַמעריקאַנער־געבוירענע שוועסטער. דער פריילעכער הויכער מאַן אירער שפּילט זיך צופיל אַרום מיט דער דאָזיקער קלענערער שוועסטערל אירער.

— איך דאַרף עפּעס האָבן, — ענטפערט שוירלי איר שוועסטער ציטלען, און פאַרציט שטייף אירע ליפּן.

צוויי שוועסטער: ציטל און שוירלי. די ערשטע געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד; די צווייטע — דאָ אין די בראָנקס. איז שוין ניטאָ קיין שום ענלעכקייט צווישן זיי. ניט אין זייער אינערלעכער געשטאַלט, ניט אין זייער אויסערלעכער פאָרמע. דאָס קול אַפילו איז פאַרשיידן. דער גאַנצער קאָליר איז אַנדערש. שוירלי האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין די בראָנקס אַף מאַראַנצן־זאַפּט, אַף גרייד „איי" מילך און אַף אַנדערע נאַרהאַפטע שטאָפן. ציטל האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין רוסלאַנד, אַף הערינג מיט ציבעלעס, אַף קאַרטאָפליעס און פאַסאָליעס. קומענדיק קיין אַמעריקע, זיך גוט אָנגעהערעוועט אין שאַפּ און פאַרלוירן איר גאַנצע זאַפט פון די ביינער. איז זי אַ קראַנקע מיט אַ גרין פּנים. אַ וויינענדיקע, אַ קלאָגנדיקע און פאַרוויינטע און פאַרקלאָגט דעם מאַנ'ס פריילעכקייט. ס'העלפט אָבער ניט. ס'רירט אים ניט. ער איז צו געזונט און שטאַרק, דער דאָזיקער ניטן פון כערסאָנער גובערניע, ער זאָל זיך אָפּעסן דאָס האַרץ. זי שלאָגט אים אַפילו, דעם מאַן אירן, ווען זי איז צופיל פאַרביטערט. לאָזט ער זיך שלאָגן פון איר און לאַכט. ווייל אַז זי שלאָגט אים מיט אירע שוואַכע הענטלעך, טוט אים דען וויי?...

— נו, זעץ זיך, שוירלי, און איר, יונגערמאַן, ווי אַזוי הייסט איר, זיצט

אויך, איר קאַנט גאָרניט דערליידן דערביי, — ווייל נייטן ברעכן מיט זיינע שפּאַסיקע רייד יענעמס שעמעוודיקייט.

— דאָס איז מיין פריינט לואי, — באַקענט זי איר געליבטן און אַלע אירע זומער־שפּרינקעלעך אַפן פּנים ווערן רויט.

— לואי הייסט ער? גוט. זיץ, לואי. וועסט מאַכן אַ שנעפּסל, לואי? — גיט ער אים אַ וואונק מיט די אויגן ווי מאַן צו מאַן.

— ניין, ער טרינקט ניט, — זאָגט שוירלי אַ ליגן. — איך וויל מיט דיר עפּעס ריידן, — מאַכט זי אין געהיים.

זי נעמט אַרויס איר הויכן שוואָגער אינדרויסן אויף אַ שפּאַציר. ציטל וויל דאָס שטאַרק ניט ליידן.

— נאָר מען סוד'עט זיך! — קלאָגט זי. — פאַרגעסט ניט צוריק צו קומען, — שרייט זי זיי נאָך.

— וועסט מיך ניט אָנווערן, — באַרואיקט ער זי אַ לוסטיקער. — קום, שוירלי, — נעמט זי נייטן אָן זייער העפלעך באַם אָרעם, ווי אַ גאַלאַנטער קאַוואַליער.

לואי בלייבט אין דעם פרעמדן הויז מיט דער אומפריינטלעכער ציטלען.

— איר וועט אפשר טרינקען אַ קאַפּע קאַפּע, — לאַדט אים איין ציטל זייער זויערלעך.

— ניין, אַ דאַנק, — טרייסלט זיך לואי אָפּ.

ס'טוט אים באַנג, לואי'ן, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פירן פון שוירלי'ן אין אַזאַ פרעמדער אומהיימלעכער הויז. די לופט דאָ איז ניט זיינע. קיינמאָל אין זיין לעבן נאָך נישט געווען אין אַזאַ באַלעבאַטיש הויז. ס'איז צו אים איבערהויפּט געווען פרעמד דער אינעווייניק פון הייזער, וואו מענטשן וואוינען מער אָדער ווייניקער רואיק און פירן זיך אָן איינגעזעסן לעבן. אַ חוץ זיין מאַמע'ס הויז, און די אָרעמע היימען פון זיינע גוטע־ברידער, האָט ער בלויז געוואוסט פון שיינקען, טרינק־פּלעצער, ביליאַרד־צימערן, „פריילעכע הייזער" און אַנדערע עפנטלעכע פּלעצער. צוויי שאַפעס מיט ביכער שטייען אין אַ ווינקל פון צימער. ער וואונדערט זיך, לואי, וועגן אָט די ביכער. ער האָט געמיינט, אַז שאַפעס מיט ביכער שטייען בלויז אין פּאַבליק סקול, אָדער אין אַ לייברערי. ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז מען זאָל האַלטן אַזוי פיל ביכער אין דער היים.

ציטל איז זייער נייגעריק. זי וויל שטאַרק וויסן זיין שייכות צו איר שוועסטער שוירלי, און וואָס איז זיין פּרנסה, און נאָך פיל אַזעלכע זאַכן.

— ווער זייט איר, יונגערמאַן ? — טרעט זי גלייך צו, אָן צערעמאָניעס.
— וואָס מיינט איר ? — דערשרעקט ער זיך.
— איך מיין, ווי אַזוי קומט איר צו מיין שוועסטער שוירלי'ן ? — איז זי זייער דירעקט.
— אין שפּיטאָל זיך באַגעגנט, — ווערט ער רויט און פאַרשעמט זיך, דער הפקר'דיקער קלינטאָן־סטריט גענגסטער.
— אַזוי, אין שפּיטאָל ? געהאַט אפשר אַן אָפּעראַציע ? — ווערט איר שוין דער דאָזיקער פרעמדער בחור אַ ביסל נענטער, ווייל שפּיטאָלן און אָפּעראַציעס זיינען איר זייער באַקאַנטע זאַכן.
— יאָ, געהאַט אַן אָפּעראַציע, — קאָן ער זיך שוין ניט אויסדרייען פון איר.
— טאַקע אַן אָפּעראַציע ? — דערשרעקט זי זיך. — וואָס פאַר אַן אָפּעראַציע ?
— אין דער זייט, — מוז ער איר שוין ענטפערן.
— אין דער זייט ? פון וואָס ? — וויל זי שוין וויסן אַלע איינצלהייטן.
און אַזוי ווי ער דרייט זיך אַרוים פון אַן ענטפער, דערציילט זי אים פון אירע אָפּעראַציעס. זי אַליין האָט שוין אויך געהאַט אַן אָפּערציע, און זייער אַ געפערלעכע אָפּעראַציע.
— און ווי מען הייסט מיר אַזוי ציילן ביז פופצן, און ווי איך הויב אָן צו ציילן : איינס, צוויי, דריי, פיר און אַזוי ווייטער...
זי האָט שוין געפירט מיט אים זייער אַן אינטערעסאַנטן געשפּרעך. ווען זי האָט געענדיקט וועגן איר אייגענער אָפּעראַציע, האָט זי גלייך אָנגעהויבן מיט אַן אַנדער אָפּעראַציע פון אירער אַ באַקאַנטער. אַ שאָד נאָר, וואָס איר מאַן איז אָנגעקומען און צעשטערט אַזאַ עכט־אינטערעסאַנטן שמועס.
שוירלי האָט, ווייזט אויס, געווויינט אַף דער גאַס. אירע אויגן זיינען געווען פייכט. איר שוואָגער אָבער איז שוין געווען זייער פריילעך.
— פון היינט אָן און ווייטער האָבן מיר שוין אַ באָרדער, — אַנאָנסירט ער מיט גרויס פייערלעכקייט.
— וואָס מיינסטו אַ באָרדער ? — הויבט זי שוין אָן צו פאַרשטיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און ס'ווערט איר ניט גוט.
— אָט דאָס, וואָס איך מיין, אַ באָרדער, — ציינט ער אַף לואי'ן. — אפשר אַ שפּעטנער יונגערמאַן ? ער וועט באַ אונז שלאָפן און עסן, און לעבן אַ גוטן טאָג, ווי גאָט אין אָדעס, — מאַכט ער פריילעך און קוקט אַף לואי'ן.
— וואו וועלן מיר אים לייגן ? — איז זי פאַרצווייפלט.

— אַט אַף דער קאַנאַפּע, ס׳איז אַ ווייך פּלאַץ צו שלאָפן, — גיט ער אַ שלאָג מיט דער האַנט אין ווייכן בויך פון דער קאַנאַפּע.

זי האָט שוין גאָרניט וואָס צו זאָגן, צייטל. זי פאַרלאָזט דעם צימער. מיט איר אַוועקגיין דריקט זי אויס איר געגנערשאַפט צו דער אַריינדרינגונג פון דעם פרעמדן מענטשן. נייטן איז אָבער פריילעך, ער צעלאַכט זיך הויך אַף אַ קול, וואָס זי איז אַזוי אַוועקגעגאַנגען.

— אַט אַזאַ איז שוין מיין ווייב, — פאַרלויבט ער זי פאַרן גאַסט. — אָבער זי וועט בעסער ווערן. אַליין איז זי אַ גוטהאַרציקע. און איר, יונגער־מאַן, לואי, הויבט זיך אָן צו פילן היימיש. ווי איך פאַרשטיי, וועט איר דאַרפן מיט אונז פאַרברענגען ניט קיין איין טאָג.

— אפשר, אויב זי איז אַזוי דאַגעגן, וועלן איך אים נעמען אַף אַן אַנדער פּלאַץ, — וויל שוירלי ניט ליידן וואָס איר שוועסטער באַנעמט זיך אַזוי צו איר געליבטן.

— זיי ניט ווי דיין שוועסטער און בלאָז זיך ניט אָן, — גיט ער זי אַ נעם אַרום דער טאַליע און זעצט זי אַף זיינע קני. — האָסט אפשר דאַגעגן ?

— פרעגט ער לואי׳ן אין אַ שפּאַסיקן טאָן, צי ער האָט דאַגעגן, וואָס ער זעצט זי אַף זיינע קני.

לואי האָט שוין גאָר דאַגעגן, אָבער ער שווייגט. שטאַרק אין כעס זיין קאָן ער שוין ניט. ער האָט אים באַצויבערט, דער דאַזיקער נייטן, מיט זיין פריינטלעכקייט, פרייקייט און אָפנקייט.

— אַזוי, אַזוי, יונגערמאַן, — האָט נייטן אָנגעהויבן, ווען שוירלי איז אַוועק אהיים. — הייסט דאָס, אַז אייערע הענטלעך זיינען זייער פלינק מיטן רעוואָלווער.

— איך האָב דאָס שטענדיק פיינט געהאַט, — וויל לואי ווייכער מאַכן זיינע זינד.

— אַ פּאָר הענטלעך האָסטו גאָר נישקשה׳דיקע, — גיט ער אַ טאַפּ יענעמס מוסקולן.

— יאָ, ניט קיין שוואַכע, — טוט לואי׳ן הנאה, וואָס יענער האָט באַ אים אָנגעטאַפּט זיין גבורה.

— פונדעסטוועגן, יונגערמאַן, בין איך ניט אַזוי שטאַרק באַגייסטערט פאַר דיין פּראָפעסיע, — זאָגט אים נייטן מיט פאַרוואָרף.

— מען האָט זיך ניט געקאָנט העלפן. מען איז אויפגעוואַקסן צוזאַמען. חברים, איר ווייסט, — פּרוווט לואי זיך פאַרטיידיקן.

— מען האָט זיך שוין יאָ געקאָנט העלפן, יונגערמאַן, — מוסר׳ט ער

אים. — מען טאָר ניט נעמען א מענטשנ׳ס לעבן אָט אזוי אָ, ניט מיר ניט דיר. יעדער איינער וויל לעבן.

— אָבער אזוי איז דאָס שוין געווען, — ווערט לואי פאַרפינצטערט.

— און ארבעטן מסתמא ווילסטו ניט? — פרעגט ער לואי׳ן מיט שפּאָט. — ארבעטן, זאָגסטו, זאָלן אנדערע, א?

— איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געאַרבעט, — פילט זיך יענער געוואַלדיק שולדיק.

— וועסט שוין איצטער ארבעטן, — מאכט צו אים נייטן מיט א באַפעלנדיקן טאָן, — ס׳איז גראָדע ניט אזוי גרינג צו ארבעטן, אָבער דערפאַר דאַרף מען זיך ניט שעמען.

— זיי וועלן מיך אָבער אויסגעפינען, — פאַרטרויעט אים לואי זיין שרעק.

— מען וועט ניט אויסגעפינען, — איז נייטן אויך א ביסל אומהיימלעך. — דו האָב נאָר געדולד.

— זיי לאָזן אזוי גיך ניט אָפּ, — קאָן זיך לואי ניט בארואיקן.

— וועסט נעמען א טשענס, — גיט אים יענער מוט. — א פּעינטער וואָלסטו געוואָלט זיין? — פאַלט נייטנ׳ען פּלוצלונג איין א גליקלעכער געדאַנק.

— איך ווייס ניט, — איז לואי׳ן זייער שווער פון דעם פאַרשלאָג.

— גוט, וועסט שוין זיין א פּעינטער בא מיר, — לאָזט שוין נייטן ניט אָפּ דעם דאָזיקן געדאַנק. — א הויכער מאַן ביזטו, וועט דיר שוין זיין לייכט צו דערגרייכן מיט דער באַרשט.

— זיי זאָלן מיך נאָר לאָזן צורו, — קאָן לואי ניט פּטור ווערן פון זיין שרעק.

— וועגן דעם דאַרפסטו זיך איצט ניט זאָרגן. כל־זמן דו ביזט אָף א זיכערן באָדן, — בארואיקט אים יענער. — פון היינט אָן און ווייטער גייסטו אריין אין אַ ניי לעבן. דאָס נייע לעבן איז אויך ניט באַזונדערס זיס. א שווער לעבן מיט שונאים ארום און ארום. אין דיין נייעם לעבן וועט דיר אויך אויסקומען צו דערלאַנגען, אָבער גאָר פון אַן אנדער סאָרט דערלאַנגען. האָב זשע מיר אַ גוטן און זאָלן זיך דיר חלומ׳ען גוטע חלומות.

## ער וועט אַנטלויפן, לואי, אַף דער נעקסטער סטאַנציע

נייטן פירט לואי׳ן צו דער ארבעט אין אַ פינצטערן פאַרטאָג. אַף לואי׳ן איז אָנגעפאַלן אַ פּחד אזא פון דעם גרויסן אומרו איבער די פינצטערע פאַר־טאָגיקע גאַסן. מען לויפט. קיינער יאָגט ניט נאָך און מען לויפט. פון אַלע טירן לויפט מען. וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער גאָר, לואי, צו די אַלע וואָס לויפן איצט? מען האָט אים אריינגענומען אין קלעם אריין. פריער זיין מאַמע און זיין רויטע מיידל, איצטער — אָט דער הויכער, ברייטער יוראָפּישער איד, וואָס רעדט אַזוי, אַקוראַט ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען טויב. ער טראַכט, לואי, אַז מען וואָלט טאַקע ניט גענדאַרפט סטאַיען, אַזוי אַוועק פון אָט־דעם פרעמדן מענטשן, וואָס פירט ממש באַ דער האַנט, קומען צו לויפן צו מאַיק׳ן, פאַלן אים פאַר די פיס און זיך שלאָגן אין האַרצן פון חרטה.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער ניט געקאָנט שלאָפן. אַן ארויסגעריסענער פון זיין סביבה איז ער געלעגן אַף דער קאַנאַפּע און ניט געקאָנט צושליסן קיין אויג. קלינטאָן סטריט האָט אים גערופן. זיין הפקר׳דיק לעבן האָט געקלאַפּט צו אים אין די פענצטער פון דעם דאָזיקן בראָנקסער פרעמדן הויז און אים גערופן צו דער פריילעכער נאַכט. „קום צו מיר" — האָט צו אים זיין הפקר׳דיק לעבן גערעדט — „וואו ביזטו אריין? אָטאַמאָבילן יאָגן זיך איצטער מיט דער פריילעכער חברה. די נאַכט איז אַ רוישנדיקע און אַ צע־הוליעטע. ס׳גיסט זיך וויין און שנאַפּס, מוזיק שפּילט און מיידלעך מיט לאַנגע נאַקעטע פיס טאַנצן, און מען ווייסט ניט, ווי די צייט לויפט אַוועק. מענטשן בוקן זיך פאַר דיר און מען האָט מורא פאַר דיר, און מען גיט דיר אָפּ כבוד. די טאַשן זיינען פול מיט געלט. די געזעלשאַפט דיינע וועט דיר קיינמאָל ניט פאַרגעבן. מען וועט שפּעטן פון דיר אין אַלע טרינק־פּלעצער. אַ „דאָבל־קראָסער" ביזטו, אַ פאַררעטער צו דיין שטאַם. אַז מען וועט דיך פאַקן, וועט מען אריינהאַקן אין דיר אַ פולן בויך מיט בליי. מאַיק אַליין וועט דאָס טאָן מיט זיינע אייגענע הענט, און קיינער וועט ניט זאָגן, אַז ער האָט מיאוס געהאַנדלט קעגן אַן אייגענעם חבר. אַלע וועלן זאָגן, אַז אַזוי האָט ער גענדאַרפט טאָן."

שפּעט אין דער נאַכט איז ער דאָך איינגעשלאָפן. דער יונגער קערפּער

זיינער האָט געדאַרפט שלאָף און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסער פאַר־געסנהייט. ס'האָט, דאַכט זיך, ניט גענומען לאַנג, די דאָזיקע פאַרגעסנהייט, און מען האָט אים שוין געוועקט; דאָס האָט אים נייטן געוועקט.

ער נעמט אים שוין גלייך מיט צו דער אַרבעט. לואי האָט ניט געוואָלט. ער האָט געפּרובירט זיך אָפּבעטן, אָפּדינגען אויף אַן אַנדער טאָג, אָבער נייטן האָט אים אַרויסגעשלעפּט. איצטער פירט ער אים צום עלעווייטער אין אַזאַ קאַלטן פינצטערן פאַרטאָג.

— ס'איז דיר ניט היימלעך, לואי, — מאַכט יענער מיט אַ געדיכטער גוטער שטימע.

— יאָ. עפּעס ניט געוואוינט, — פאַרענטפערט זיך לואי.

— ס'וועט איבערגיין, — טרייסט ער אים. — ווען מען האָט מיך ס'ערשטע מאָל געפירט צו דער אַרבעט, זיינען אַלע גאַסן אַרויפגעפאַלן אויף מיינע פּלייצעס און מיך געדריקט צו דער ערד. איצטער איז דאָס שוין בײַ מיר אַ שפּילעכל. הלואי וואָלט נאָר געווען אַזוי פיל אַרבעט. שלעכט איז בלויז, לואי, ווען קיין אַרבעט איז ניטאָ, ווען די הענט פילן זיך פאַרשעמט וואָס זיי הענגען אַראָפּ ליידיקע. יאָ, ס'טרעפט אַזאַ זאַך אויך.

לואי שווייגט. ער האָט דערויף גאָרניט וואָס צו זאָגן. ער איז מוחל די אַרבעט און איז מוחל די אַרבעטלאָזיקייט. וואָס וויל מען מאַכן פון אים? ער איז דאָך אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, ניט קיין „גרינער" דאַרטן.

— די ערשטע צייט וועסטו מאַכן בלויז דריי דאָלאַר אַ טאָג. אָבער אַז דו וועסט זיך שוין אויסלערנען די אַרבעט, וועסטו שוין מאַכן ניין און צען דאָלאַר אַ טאָג, — טרייסט אים נייטן.

„דריי דאָלאַר אַ טאָג און דערנאָכדעם ניין און צען", און ער, לואי, פון איין רייזע מיט די טראָקס האָט אַריינגעכאַפּט אַרום הונדערט און אַמאָל צוויי הונדערט דאָלאַר אויך. איצט אַז מאַיק איז נאָך דער באָס, און אים וויל מען אויך מאַכן פאַר אַ שטיקל באָס, וועט שוין זיין פיל מער. יאָ, ער וועט אַנטלויפן.

דער עלעווייטער יאָגט אַן איבערגעפּאַקטער מיט מענטשן פון פאַרשיידענע ראַסן און פאַרשיידענע פעלקער. אַלט און יונג מיט שטיקלעך נאַכט אין די אויגן, מיט פּיצלעך זיסן שלאָף צווישן די ברעמען. אַט דאָס וועט שוין אויך זיין לואי'ס גורל. אַלע אינדערפרי אַזוי צווישן דער ענגשאַפט, צווישן אַט די אָרעמע מענטשן. יאָ, אויף דער נעקסטער סטאַנציע וועט ער אַנטלויפן. ער וועט זיך אַזוי אַ לאָז טאָן און אַוועק, און אויב נייטן וועט אים וועלן

פארהאַלטן, וועט ער אים דערלאַנגען אַ באַגראַב. ער וועט אים ניט שאַנעווען, דעם דאָזיקן יוראַפּישן איד, וואָס קאָמאַנדעוועט מיט זיין לעבן.

ער איז ניט אַוועק, לואי. סטאַנציע נאָך סטאַנציע איז פאַרבייגעלאָפן דורכן פענצטער פון וואַגאָן. פון בראָנקס קיין הארלעם, פון הארלעם קיין מאַנהעטן, פון מאַנהעטן קיין ברוקלין, און פון דאָרטן נאָך וויטער.

אין עק ברוקלין האָבן זיי ביידע אַרויסגעשטיגן. ליידיקע פעלדער שפּרייטן זיך אין אַלע זייטן אַרום און אַרום, און זיי שפּרייזן צווישן די פאַר־פּרווירענע בלאָטעס, צו אַ גרופּע הייזער, וואָס מען האַלט אין בויען.

:: :: ::

ווען אַ שטייגער עמיצער פון דער חברה זעט אים איצט, ווי ער שטייט זיך איצט אין די אָוועראָלס מיטן ווייסן היטעלע און שמירט אַ וואַנט, — ער וואָלט זיך שוין געדאַרפט באַגראָבן לעבעדיקערהייט אין דער ערד.

— אָט אַזוי, — לערנט אים ניימן, — איינגעטונקען, אויסגעקוועטשט, נאָך אַמאָל איינגעטונקען, אָבער לייכט, און שמיר, ברודער־אַרבעטער, שמיר אַף וואָס די וועלט שטייט.

לואי צעליאַפּעט די פאַרב, ער צעגיסט. זיינע אָוועראָלס זיינען שוין איינגאַנצן אויסגעפאַרבט, דאָס פּנים איז אים אויך באַגאָסן. ניימן, אָט דער הויכער מיטן פאַרברענטן פּנים, קוקט זיך שוין ניט אום אַף אים. ס׳איז יענעם זייער פריילעך. ער זינגט זיך נאָך אונטער דערצו.

— עי דונאַי, דונאַי, — מאַכט ער און פירט מיט דער באַרשט אַזוי לייכט און גרינג. — עי דונאַי, דונאַי.

:: :: ::

פאַרנאַכט האָט ער זיך אומגעקערט אַ דערשלאָגענער, אַקוראַט ווי די מענטשן אַף די גאַסן וואָלטן אים גוט אָנגעבראָכן און צעטרייבערט זיינע אַלע ביינער. קיין טראָפּן בלוט אין פּנים. הילפלאָזע פאַרצווייפלטע אויגן. אויב דאָס איז די ברכה פון דער אַרבעט, וויל ער ניט די דאָזיקע ברכה. איז שוין גלייכער צו אַרבעטן מיטן פּיסטאָל.

מאָרגן אינדערפרי וועט ער שוין אַנטלויפן. זאָל ער פריער אָפּעסן און זיך אויסשלאָפן. ער איז הונגעריק ווי אַ וואָלף. „עי דונאַי, דונאַי,״ קאָן ער ניט פּטור ווערן פון דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם ניגון.

אָבער נאָך וועטשערע, נאָכדעם ווי שוירלי איז נאָך אים געקומען און אים ארויסגענומען אַף אַ שפּאַציר, איידער זי פאָרט אַפּ צו דער ארבעט, איז שוין אַלץ כדאי געווען. אַ ציטערנדיקן און אַ חשוב׳ן האָט זי אים געפירט. ער האָט זיך געלאָזט פירן, ער האָט זיך געלאָזט צערטלען פון איר.

— וועסט זען, לואי, מיר וועלן נאָך זיין גליקלעך, — קושט זי אים.

ער וועט ערשט זיין גליקלעך? — לואי איז שוין גליקלעך, וואָס ער קאָן זיך אָפּרוען, וואָס עס שטראָמט צוריק די ענערגיע נאָך דער פולער וועטשערע — וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געפילט דעם זיסן טעם פון אָפּרו, ווי אין איצטיקן מאָמענט, ווען ער זיצט אַף אַ באַנק אין פּאַרק מיט זיין פיל־געליבטן מיידל. אַלע זיינע איברים זינגען זיך אזוי אין גרוים פרידן און אין וואַרעמקייט.

# מאַיקל, מרים און ווערא

מאַיקל און זיין מאַמע ווערא זיינען אויך אַרויף אַפן דאַך. ס'זיינען אָנגעלאָפן אַהין פילע פרויען און מענער פון דעם בלאָק.

אַן אויסגעפרווירענע מיידעלע איז זיך געלעגן צוגעדעקט מיט צעריסענע קאָלדרעס. מיט אַן אומשולדיק פנים. דער שניי האָט אָפגעוואַשן פון איר יעדן סימן פון איר שענדלעכער פּראָפעסיע. אַן אָרעם מיידל איז זיך געלעגן מיט פאַרמאַכטע לאַנגע וויעס און געלאַכט מיט אירע אַרויסגעשטעקטע דאַרע באַקן־ביינער און מיט אירע קאַליע ציינדלעך.

אַלע אַפן דאַך האָבן שוין געוואוסט, ווער די אומגליקלעכע מיידל איז. מען האָט זי דערקענט: שמערל דעם פעדלער'ס מיטלסטע טעכטערל. מען האָט זיך נאָר געוואונדערט, פאַרוואָס זי איז גראַדע געקומען אַפן דאַך פון דעם הויז, וואו איר מאַמע וואוינט שוין ניט מער. אפשר האָט זי ניט גע־וואוסט, וואו איר מאַמע וואוינט — האָט מען זיך משער געווען. ווייל ווען זי איז אַוועק פונדערהיים, האָט זי זיי אַלעמען איבערגעלאָזט אין דעם הויז, ווי אַזוי זשע האָט זי געקאָנט וויסן, אַז זיי וואוינען שוין ניט מער דאָ.

— געקומען צו פליען צוריק דאָס פייגעלע און געטראָפן די נעסט אַ חרוב'ע, — האָט אַן עלטערע פרוי באַמערקט מיט אַ משל, און זיך ביטער צעוויינט פון איר אייגענעם משל.

— אַזאַ דאַרינקע מיידעלע, — האָט געקלאָגט אין דער הויך די דאָזיקע פרוי, וואָס וויינט און קלאָגט אַף אַלע לויות פון דעם בלאָק.

קיינער פון די מענטשן, וואָס זיינען זיך אָנגעלאָפן אַפן דאַך, האָבן ניט געוואוסט וועגן איר שענדלעכער פּראָפעסיע. זי איז געלעגן פאַר זיי אַלעמען אַן ערלעכע מיידל אין אָרעמע קליידער, אין אַ דינעם מאַנטל מיט אויסגעריבענע שיכלעך. די גרויסע הוט אירע איז איינגעלאָפן פון פּראָסט. זי איז אַראָפּגעפאַלן פון איר קאָפּ בשעת'ן שלאָף, און זיך געוואַלגערט לעבן איר אַ פאַרגראָבענע אין שניי. אירע דינע פינגער זיינען געווען איבער־געבראָכן, געלע פינגערלעך אָן אַ טראָפּן בלוט.

ווערא וויינט און מאַיקל איז פאַרכמורעט. זי לאַכט צו אים, מילדרעד, מיט אירע קאַליע ציינדלעך, אַקוראַט ווי זי וואָלט געזאָגט צו מאַיקל'ען: נו, מיין גרויסער רעוואָלוציאָנער, וואָס קאָנסטו שוין איצט זאָגן?

פרעמדע מענער זיינען געקומען נעמען מילדרעד'ן. דער אמבולאנס וואַרט אונטן אין גאַס. מען וויל זי אָפּפירן אין מאָרג. אַ פרוי איז געלאָפן אָנזאָגן בעסי'ן וועגן איר גרויסן בראָך. האָט זי שוין אָבער קיינעם ניט געטראָפן אין הויז. אַלע זיינען דאָרט אַוועק, צו דער אַרבעט.

ערשט פאַרנאַכט האָט זיך מילדרעד'ס משפחה דערוואוסט. זיינען זיי געלאָפן צום מאָרג אַ קוק צו טאָן צום לעצטן מאָל אויף דעם גליד פון זייער משפחה, וואָס איז פון זיי פאַרלוירן געגאַנגען אָן שום זינען און אָן שום באַרעכטיקונג.

:: :: ::

פאַרנאַכט איז פאָרגעקומען אַ גרויסער מיטינג אויף דעם בלאָק. מאַיקל מיט זיין מאַמען האָבן פאַררופן דעם מיטינג.

מיט אַן אָנטבלויזטן קאָפּ, מיט אירע זיידענע ווייסע האָר, וואָס האָבן געפלאַטערט צום ווינט, איז וועראַ געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע צווישן אַלע פעדלערס, פעדלערקעס און אַרבעטער פון דעם בלאָק. זי האָט גערעדט צו די מענטשן פון קלינטאָן סטריט וועגן דער דאָזיקער מילדרעד מיט אַזוי פיל ליבע און ווייטיק, ווי זי וואָלט אַליין געווען די מאַמע פון דער דאָזיקער מיידל.

— מיינע ברידער און שוועסטער, — רעדט זי צו די פעדלער און אַר־בעטער מיט פאַרוואָקסענע פנים'ער און פאַרפרוירענע ליפּן, צו די פרויען אין די פאַרלאַטעטע מאַנטלען און אָפּגעריבענע קליידער, — מיינע ברידער און שוועסטער, פון דעם הויז האָט מען אַרויסגעטראָגן אַ מיידעלע אַ פאַר־פרוירענע צום טויט. אַ סך פון אונז האָבן זי געקענט. שמערל דעם פעדלער'ס טאָכטער איז זי געווען. איך האָב זי נאָך געקענט, ווען זי איז געווען אַזאַ פּיצל און איך האָב זי געקענט ווען זי איז אונטערגעוואַקסן, און איך האָב זי געקענט ווען זי איז געוואָרן אַ גרויסע מיידל...

ווערא האָט דאָ געוואָלט אָנהויבן דערציילן די געשיכטע פון דער אָרימער מיידל און וואָס פאַר אַ מוסר מען קען זיך אָפּלערנען פון דעם, אָבער איינ־מיטן דערינען זיך צעוויינט, דערמאָנענדיק זיך ווי זי האָט זי געזען מיט דעם געלן פנים, מיט די פאַרמאַכטע לאַנגע וויעס. זיך צעוויינט און באַגלייט געוואָרן פון אַ גאַנצן וויינענדיקן בלאָק. מען איז געשטאַנען אין שניי און מען האָט געוויינט מיט פאַרפרוירענע ליפּן. מחמת זי איז געווען שטאַרק פאַרקלעמט, האָט זי שוין ניט געקענט ריידן, ביז מאַיקל האָט איר געזאָגט:

— לאָז מיך, מאַמע, איך וועל ריידן.

— רייד, זון, — האָט די מאַמע איינגעשטימט זייער גערן.

אין אידיש האָט מאַיקל זיך צערעדט, וואָס איז גלייך געפעלן געוואָרן דעם גאַנצן בלאָק.

„חברים און חבר'טעס", האָט ער אָנגעהויבן, און די ווערטער „חברים און חבר'טעס" זיינען געווען אַ נייעס אין דעם בלאָק. ס'ערשטע מאָל ווען די דאָזיקע צוויי ווערטער זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרן פאַר אַלעמענס אויערן פריי און אָפן.

— מסתמא פון די קאָמוניסטן, — האָט איינער אַ איד מיט אַ פאַר־זשאַווערט פנים באַמערקט. ער אַרבעט בא אייזן און דערפאַר איז פאַר־זשאַווערט זיין פנים.

— ניט מסתמא פון די קאָמוניסטן, נאָר טאַקע פון זיי, פון די פאַר־ברענטע קאַמוניסטן, — האָט אַ בייזער קלאָוקמאַכער פאַרריכט דעם ערשטן.

— און אַז אַ קאָמוניסט, איז וואָס? אַבי ער איז אַ גוטער מענטש, — נעמט זיך אָן פאַר מאַיקל'ען די פרוי, וואָס האָט געוויינט אַף היימי'ס לויה, וואָס האָט געוויינט אינדערפרי אָפן דאַך און וואָס וויינט אַף אַלע לויות און אַף אַלע פרעמדע אומגליקן, און אַליין איז זי רעכט אָנגעזאַפט מיט יסורים פון איר אייגן שווערן לעבן, וואָס האָט איר קיינמאָל קיין פרייד ניט געבראַכט.

— און איך קען אים נאָך פון זינט ער איז געווען אַזאַ פיצל, — באַרימט זיך די פעדלערקע פון זון־קערלעך.

— אַן אַמעריקאַנער בחור און זאָל ריידן אַזאַ פיינעם אידיש, — וואונדערט זיך אַ איד מיט אַ צווייענדיקער ליפ, — אַקוראַט ווי אַ יוראָפּישער באָי, — איז ער גאָר נתפעל.

— ער איז שוין געלעגן אין טורמע פאַר די אַרבעטער, — לאָזט זיי וויסן די פרוי, וואָס ווייסט פון אַלע פאַרבאָרגענע זאַכן.

— שאַט, שאַט, לאָזט הערן אַ וואָרט! — געפינט זיך תמיד בא יעדער פאַרזאַמלונג איינער, וואָס האָט ליב זיך גוט איינצוהערן וואָס דער רעדנער זאָגט און האָט פיינט אַז מען רעדט זיך דאָרטן איבער הינטער זיינע פלייצעס.

ס'ערשטע מאָל, אַז מאַיקל רעדט פאַר די דאָזיקע מענטשן אַף אַן עפנט־לעכן פלאַץ, צו די ברידער און שוועסטער פון קלינטאָן סטריט, ווי ער האָט אַמאָל געשריבן אַ ליד אונטער דעם נאָמען. יענע ליד איז געווען אַבסטראַקט, אָנגעהויבט פון זיין טאַטע'ס און מאַמע'ס רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען. איצט רעדט ער צו זיינע ברידער און שוועסטער פון קלינטאָן סטריט ממשות'דיקע רייד. ער וויל, מאַיקל, אַז מען זאָל מער ניט דערלאָזן צו אַזאַ פאַל. ער דערציילט ניט וואָס מילדרעד האָט געטאָן אַף צו פאַרדינען איר ברויט, ער

ווייל זי ניט פאַרשעמען אין איר אייגענעם בלאָק. ער גיט בלויז אָנצוהערן, אַז ס׳האָט מעגלעך געקענט פּאַסירן אַזאַ זאַך, אַז די נויט זאָל טרייבן צו שענדלעכע טאַטן. אין דעם בלאָק געפינען זיך פיל מיידלעך, וועמענס סוף קאָן זיין דער זעלבער ווי מילדרעד׳ס. ניט נאָר מיידלעך, אויך די אינגלעך. ער דערמאָנט מאַיק׳ן, מויש׳ן, בוטשי׳ן און אַלע איבעריקע.

דער עולם איז טרויעריק. אַ האָפענונגסלאָזער עולם, וואָס איז שוין פאַרטעמפּט און הילפלאָז פון דעם שווערן לעבן. עס שטייען אַ סך טאַטעס און מאַמעס, וואָס גיבן זיך אָפּ אין דעם מאָמענט אַ רעכענונג וועגן זייערע אייגענע קינדער.

— וואָס קינדער? ווער קינדער? בייזע וועלף, ניט קיין קינדער, — באַמערקט די עלטערע פרוי, וואָס האָט ליב צו רעדן מיט משלים. זי, די דאָזיקע פרוי, האָט שוין זייער אַ ביטערע דערפאַרונג מיט איר מיידל. אַ מיידל, וואָס איז קוים זעכצן יאָר אַלט און ווערט שוין פאַרפאַלן אויף גאַנצענע נעכט מיט אַזוינע הפקר׳דיקע בחורים.

— איר מיינט, אַז ער איז ניט גערעכט? — רופט זיך אָן דער אייזן־אַרבעטער מיטן פאַרזשאַווערטן פּנים. ער האָט אויך אַ זון, וואָס שניידט זיך אויף דעם זעלבן וועג וואָס מאַיק. אַ בחור׳ל פון פערצן יאָר, וואָס זיצט איינגעשפּאַרט אין דער „רעפאָרמאַטאָרי״ פאַר צו׳גנב׳ענען פון דער לערערין איר בייטל מיט געלט.

— שאַט, לאָזט הערן אַ וואָרט! — איז אין כעס דער איד, וואָס האָט ליב זיך גוט איינצוהאָרכן צו דעם, וואָס דער רעדנער זאָגט.

ער רעדט, מאַיקל, פאַר די אָרעמסטע און פאַרהאָרעוועטסטע מענטשן פון ניו יאָרק. פּנים׳ער קוקן צו אים. אַלערליי אָפּגעקראָכענע פּנים׳ער, צעקנייטשטע, צעאַקערטע, צעשלאָגענע. ער וויל זיי דערהויבן, ער וויל זיי דערמונטערן. ער וויל זיי מאַכן גרויס. דערציילט ער זיי אַ משל פון דעם פּרינץ, וואָס איז געגאַנגען אין לאַטעס און אין שמאַטעס, און האָט ניט געוואוסט אַז ער איז אַ פּרינץ. ער האָט געמיינט, אַז די אָרעמקייט זיינע איז באַשערט פון גאָט, און אַז עס וועט שוין אייביק זיין אַזוי. אָבער, אַז אַן אַלטער געוועזענער לערער זיינער האָט אים אויסגעזאָגט ווער ער איז, איז ער געוואָרן מוטיק און שטאַרק און האָט זיך געלאָזט צו דער קרוין־שטאָט אָפּנעמען זיין מלוכה. דער נמשל זיינען אויך אַלע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס פון קלינטאָן סטריט און פון אַנדערע גאַסן. אַרבעטער בויען דאָס לעבן. אָן זיי וואָלט זיך די וועלט ניט געקאָנט אַ ריר טאָן פון דאָנען אַהער. זיי זיינען די פּרינצן פון לעבן, און אַליין גייען זיי אין שמאַטעס און אין

לאַטעס. דעריבער דאַרפן זיי וויסן זייער גרויסן יחוס און זיך ניט אַזוי אַפּלאָזן, און ניט מיינען, אַז עס וועט שוין אייביק זיין אַזוי.

דעם עולם איז געפעלן דער דאָזיקער משל. מען האָט געשמייכלט. מען איז געוואָרן דערהויבן.

— אַ גאָלדן מויל, — באַמערקט דער איד מיטן פאַרזשאַווערטן פּנים.

— זעט איר דאָך! — מאַכט דער בייזער קלאָוקמאַכער. וואָס „זעט איר דאָך", האָט קיינער ניט געוואוסט.

מאַיקל קערט זיך נאָכאַמאָל אום מיט זיינע רייד צו די קינדער פון קלינטאָן סטריט. מען דאַרף ניט דערלאָזן. מען דאַרף די קינדער אויפקלערן זייער לעבן. דעריבער איז זיין עצה, אַז מען זאָל אויפעפענען אין דעם געגנט אַן אַרבעטער־צענטער.

— אַן אַרבעטער וואָס? — פרעגט דער בייזער קלאָוקמאַכער.

— אַן אַרבעטער־צענטער, — דערקלערט מאַיק, וואָס אַזוינס ס'מיינט און וואָס ס'קאָן אויפטאָן.

— הייסט דאָס אַ פאַראיין אַזאַ — פּאַרטייטשט אין דער הויך דער בייזער קלאָוקמאַכער, וואָס אַן אַרבעטער־צענטער מיינט. — באַלאַנג איך דאָך שוין צו אַזאַ פאַראיין, אָבער ווייסיך וואָס? ס'האָט ניט די ווערט קיין שמעק־טאַבאַקע.

— ניט קיין פאַראיין, — דערקלערט מאַיקל אַ גדולדיקער, — אַן אַרבעטער־הויז אַזאַ, וואו מען זאָל אויפעפענען אַ שול פאַר די קינדער, זיי דאַרפן לערנען אידיש.

— און העברייאיש, — כאַפּט אונטער אַ פּעדלער, וואָס סימפּאַטיזירט מיטן ציוניזם.

מאַיקל פאַרשווייגט דעם פּעדלער פון העברייאיש. ער וויל זיך איצטער ניט אַריינלאָזן אין אַרגומענטן. דאָס וועט ער שוין טאָן נאָכדעם. ער דער־ציילט זיי וואָס נאָך אַזוינס קאָן אויפטאָן אַן אַרבעטער־צענטער פאַר די עלטערן און פאַר די קינדער.

—אַ סעטלמענט־הויז, מיינט ער, — דערפרייט זיך די פּעדלערקע פון זון־קערלעך, וואָס זי האָט ענדלעך געכאַפּט, וואָס ער מיינט.

— ניט קיין סעטלמענט־הויז, — הויבט אָן מאַיקל צו דערקלערן דעם אונטערשייד צווישן אַ סעטלמענט־הויז און אַן אַרבעטער־צענטער.

דער עולם אָבער באַציט זיך סקעפּטיש צו זיינע רייד. מען האָט זיי שוין פיל מאָל אָפּגענאַרט מיט אַזוינע קלובן און הייזער. פאַרשיידענע פּאַ־

ליטווישנס פון דעם געגנט האָבן פאַר די וואַלן אויך פיל מאָל אויפגעעפנט אַזוינע צענטערס, און דערנאָך זיי אונטערגעפייפט.

איז מאַיקל אָבער פאַר'עקשנ'ט. ער איז גוואַלדיק אַמביציעז צו צעשלאָגן זייער סקעפּטישקייט. ווערן זיינע רייד פייערדיקער, בילדלעכער און פאַר־שטענדלעכער. דער עולם ווערט פאַרכאַפּט פון זיין יוגנטלעכקייט, פון זיין אימפּעט, פון זיינע קלאָרע רייד. מאַיקל'ס קול ווערט קלינגענדיק און וואַרעם. ער לאָזט ניט מבטל צו זיין דעם ענין, ער דערלאָזט ניט צו דער רעזיגנאַציע, וואָס יעדער נייער פּראָגע־שטעלער רופט אַרוים באַם עולם.

— איך בין עלטער פון דיר, — פּאַלט אַריין אין זיינע רייד דער בייזער קלאָוקמאַכער, — ווייס איך שוין, אַז ס'וועט גאָרניט זיין, בלויז רייד און רייד, פּוסטע רייד.

דער עולם איז איינפאַרשטאַנען מיט דעם קלאָוקמאַכער'ס באַמערקונג. יאָ, רייד און רייד, און דאָס לעבן בלייבט אַזוי שווער ווי געווען; די קינדער זייערע טוען וואָס זיי ווילן און מען איז הילפלאָז. דאָס איינציקע וואָס מ'קען טאָן איז קלאָגן און זיפצן און זיך אויסריידן אַ ביסל דאָס האַרץ. אדרבא, זאָל מאַיקל טאַקע ריידן וועגן דעם, וועט אַ ביסל לייכטער ווערן אַפן האַרצן, אָבער דאָס אַלץ.

מאַיקל אָבער לאָזט זיי ניט אָפּ. טאַקע דאָ אַפן אָרט וויל ער וויסן ווער עס פאַרשרייבט זיך דער ערשטער איז דער איניציאַטיוו־קאָמיטע צו בויען דעם אַרבעטער־צענטער אין דעם געגנט.

— ווער איז דער ערשטער? — קוקט מאַיקל מיט פאַרשנדיקע אויגן צו אַלעמענס פּנים'ער.

צעגייט זיך דער עולם. אַ היפּשער טייל איז זיך צעגאַנגען. אַ קליינע גרופּע איז געבליבן שטיין אַרום מאַיקל'ען. צווישן דער קליינער גרופּע זיינען די מערסטע פאַרבליבן אַפן פּלאַץ בלויז פון נייגעריקייט וועגן, צו זען, צי עס וועט זיך טאַקע געפינען עמיצער, וואָס וועט זיך פאַרשרייבן. מאַיקל פּאַלט אָבער ניט אַראָפּ באַ זיך. ער ווייסט, אַז דער אָנהויב וועט זיין זייער שווער. וואָס ער וויל איצט, איז כאָטש אַ קליינעם אָנהויב.

— ווער איז דער ערשטער? — ווערט זיין קול נאָך פאַר'עקשנ'טער.

— איך, — מאַט אַ איד אַ קאַפּן־מאַכער מיט אַ קרומען האַלז, מיט קאַסאָקע אויגן. — איך וועל זיין דער ערשטער. אָט איז מיין יאַט, — באַ־ווייזט ער פאַרן גאַנצן עולם זיין בחור'ל, וואָס איז אַ געטרייע קאָפּיע פון טאַטן, אויך מיט אַ קרומען האַלז, אויך מיט קאַסאָקע אויגן. — ער גנב'עט

דאָך שוין פון די פּושקאַרטס, — פאַר'מסר'ט ער דעם זון פאַרן גאַנצן עולם.
— קוקט אַף אים און זעט אומיסטנע.

— פּונדעסטוועגן וואָלט אַ טאַטע ניט געדאַרפט אויסזאָגן אַף זיין אייגן קינד, — מאַכט דער בייזער קלאָוקמאַכער.

— גלייכער אין דער יוגנט, איידער שפּעטער, ווען ער וועט שוין שיסן מענטשן אַף די גאַסן, — רופט זיך אָן דער איד דער אייזן־אַרבעטער מיטן פאַרזשאַווערטן פּנים.

— ווער נאָך? — איז מאַיקל דערמוטיקט מיט דעם ערשטן אַפּרוף. — ווער וויל זיין פון די ערשטע אין קלינטאָן סטריט, וואָס וויל אויפבויען אַ שוץ־וואַנט קעגן דעם שווערן לעבן אונזערן?

— איך, מאַיקל, — דערהערט זיך אַ וויינענדיקע שטימע.

— דאָס איז מרים, די שוועסטער פון דער אומגליקלעכער, — לאָזט גלייך וויסן די עלטערע אידענע, וואָס ווייסט פון אַלע פאַרגאַנגענע זאַכן.

— ווי איז מיר, זי וויינט, — באַמערקט די פרוי, וואָס וויינט אַף אַלע אומגליקן, און צעוויינט זיך טאַקע גלייך.

— זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ מיליאָנער און איז דערנאָך אַנטלאָפן פון אים, — גיט אינפאָרמאַציע די אידענע, וואָס ווייסט פון אַלע פאַרבאָרגענע זאַכן.

— ווער האָט איר געהייסן אַנטלויפן? — רופט זיך אָן דער בייזער קלאָוקמאַכער.

— פון קיין גוטס אַנטלויפט מען ניט, וואָס אַרט אייך, — רופט זיך אָפּ די פּעדלערקע פון זון־קערלעך.

— שאַט, שאַט! וואָס האָט איר זיך צעגראַגערט? — קאָן ניט ליידן דער איד, וואָס האָט ליב, אַז עס זאָל זיין שטיל אַף אַ מיטינג.

— האָבן מיר שוין צוויי, — זאָגט אַרויס מאַיקל'ס גראָבלעכע ליפּן דאָס וואָרט „צוויי" מיט גרויס באַ'טעמ'טקייט. — ווער נאָך?

— איך, מיין זון, — רופט זיך אָן ווערא.

— דו, מאַמע? — ווערט מאַיקל רויט פון פאַרגעניגן.

— און איך אויך, — רופט זיך אָן די פרוי, וואָס וויינט אַף אַלע אומגליקן. זי האָט געזען, אַז ווערא, אַזאַ טייערע נשמה, שליסט זיך אָן, פאַרוואָסשע זאָל זי זיך ניט אָנשליסן?

— ווער נאָך? — פלאַמט שוין מאַיקל פון גרויס דערפאָלג.

— און איך אויך, — רופט זיך אָן דער בייזער קלאָוקמאַכער. — איך האַלט ניט פון אַזוינע זאַכן, אָבער פּרוּוון שאַדט ניט.

— ווער נאָך? ווער נאָך? האַלט מאַיקל אין איין פרעגן.

מען איז שוין אָבער שטום. קיינער רופט זיך שוין ניט אָן. אַזוי פיל יאָרן געוואוינט צו קרעכצן, זיפצן און באַקלאָגן זיך, און איצט אָנהויבן מיט־אַמאָל עפּעס אַ זאַך, וואָס איז זייער ווייט דערוויייל. ניין, זייער אָרעמקייט וועט שוין קיינער ניט דערלייזן. מען האָט ניט קיין כח צו געבן אַ ווידער־שטאַנד.

— גוט, — מאַכט מאַיקל אַ באַגייסטערטער, — אױף היינט וועט דערווייל זיין גענוג. מיר וועלן שוין ריידן צו אייך אַ צווייטן מאָל, און אַ דריטן מאָל, און אַ פערטן מאָל, ביז מיר אַלע דאָ אױף קלינטאָן סטריט וועלן זיך אויסלערנען צו באַקעמפן אונזערע אַלע אומגליקן.

— בראַוואָ, בראַוואָ, — פּאַטשן זיי אַלע. בראַוואָ פּאַטשן זיי יאָ, אָבער אָנשליסן זיך וועלן זיי ניט.

מאַמע און זון און מרים גייען אַלע דריי צוזאַמען אַוועק פון מיטינג. ווערא האַלט אַרומגענומען די טרויעריקע מרים אַרום דער טאַליע און פירט זי צו איר הויז.

מאַיקל גייט הינטער זיי מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און מיט אַ צעפּאַטלטע האָר. אַ סאָלדאַט, וואָס קערט זיך אום פון שלאַכטפעלד אַ זיגער.

# אַ גוטע נאַכט, ליוסי!

ליוסי האָט שוין איצט אַזוי פיל פוטערנע מאַנטלען. וואָס פאַר אַ מאַנטל זי וויל נאָר, קאָן זי איצט אָנטאָן. ניט זי קאָן אָנטאָן, נאָר זי מוז שוין אָנטאָן. אַלע מאָל מוז זי אָנטאָן אַף זיך אַן אַנדער מאַנטל, דאָס גוט אָפּציען אַף איר פיין־געפּאַקטן קערפּער און זיך אַ דריי טאָן פאַרן ברייטן פענצטער אַ פּאָר מאָל, זיך אַ קער טאָן אין אַ זייט, זיך אויסדרייען מיט די פּלייצעס, בלייבן שטיין אין פּראָפיל, כדי צו באַווייזן די גאַנצע פיינקייט פון דעם פוטערנעם מאַנטל פאַר די פיל פאַרבייגייער, וואָס שטעלן זיך אָפּ פאַר די שוי־פענצטער פאַר׳חידוש׳טע און נייגעריקע.

נאָך מיידלעך אין דער קראָם טוען אַזוי ווי זי, ליוסי. דרייען זיך אינעװייניק פאַר די פענצטער אין די שיינע פוטערנע מאַנטלען, כדי אָנצורעגן די פאַרבייגייענדיקע פרויען אינדרויסן זיי זאָלן אַריינקומען און קויפן די דאָזיקע וואונדערבאַרע מאַנטלען.

מיידלעך ברונעטע, רויטע, בלאָנדע און פון אַלערליי שאַטירונגען. די שענסטע מיידלעך פון ניו יאָרק. מען האָט זיי צונויפגענומען, די דאָזיקע שיינהייטן, פון אַלע עקן פון שטאָט. דורך אַ צופאַל זיינען זיי אויסגעוואַקסן מיט אַזוינע וואונדערבאַרע קערפּערס בײַ זייערע אָרעמע עלטערן, פונקט ווי זי, ליוסי, בײַ איר טאַטן, שמערל דעם פעדלער.

ליוסי קומט צו דער אַרבעט אין איר דינעם מאַנטל, אין איר וואָלוועלן מאַנטל, וואָס קוים־קוים וואָס ער האַלט זיך נאָך. אַ פאַראַיאָריקער מאַנטל, וואָס זי האָט געקויפט אַ מציאה ערגעץ אין אַן אָרימער קראָם. זי גייט אַהיים פון דער אַרבעט אויך אין דעם זעלבן מאַנטל. ציטערט פון קעלט נאָך מער ווי אַלעמאָל, ווייל איר קערפּער ווערט צוגעוואוינט צו די טייערע ווייכע גלעטנדיקע מאַנטלען, וואָס אַז מען טוט אָן איינעם פון זיי, ווערט חשוב און שטאָלץ דער גאַנצער קערפּער. זיי שמעקן, די דאָזיקע מאַנטלען, מיט עפּעס אַזאַ מין רייכקייט. פאַרנאַכט, ווען מען גייט אַהיים און מען מוז אָנטאָן דעם דינעם אָרעמען מאַנטל, פילט מען זיך אַזוי פאַרשעמט. אַ חוץ דעם, וואָס מען איז פאַרשעמט, איז טאַקע קאַלט און ס׳בלאָזט אַריין און ס׳ווילט זיך וויינען פון פאַרדראָס, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט אין קראָם אַזוי פיל וואונדערבאַרע וואַרעמע מאַנטלען.

ווען ליוסי איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, ווען זיי האָבן נאָך געוואוינט אַף קלינטאָן סטריט, איז גאָר אין די קאַלטע נעכט פלעגט דער טאַטע ארויפ־ווארפן אַף איר צודעק אַ שווער פעלצל אַזאַ, איז איר געווען ווארעם אין די פיס פון דעם שווערן פעלצל. פאַרטאָג אָבער, ווען דער טאַטע האָט געדאַרפט ארויסגיין צו זיין פושקארט, האָט ער געמוזט צוריק צונעמען זיין פעלצל און זיך דאָס אַליין אָנטאָן אַף זיך. פלעגט ווערן מיטאמאָל אַזוי קאַלט און אומהיימלעך אין די אָנגעווארעמטע פיס, פונקט ווי אַ קאַלטער ווינט וואָלט אָנגעהויבן צו בלאָזן אונטער דער קלאָדרע. דעמזעלביקן געפיל האָט זי איצט אויך, ווען זי קערט זיך אום אהיים אין איר דינעם אָרעמען מאַנטל.

:: :: ::

נאָך מילדרעד'ס טויט, ווען אין הויז האָט מען געקלאָגט און ס'איז געווען אַזאַ ווייסטער אומעט, איז זי אריין אין באָרדער'ס צימער, זיך געלייגט אַפן בעט, געוואָלט אַוועק פון אומעט, אָבער זי האָט שוין ניט געקאָנט אַוועק. דער אומעט איז איר נאָכגעגאַנגען אויך אהין. זי געדענקט איר שוועסטער מילדרעד מיט אַ שרעק אַזאַ, עפּעס אַזוינע אומהיימלעכע אויגן האָט זי געהאַט. זי האָט שטענדיק מורא געהאַט פאַר אָט דער שוועסטער, באַזונדערס נאָכדעם, וואָס יענע האָט זי איינמאָל געשלאָגן אָן רחמנות. ליוסי איז, ווייזט אויס, נאָך געווען זייער אַ פּיצל, ווען מען האָט זי איינמאָל איבערגעלאָזט מיט דער דאָזיקער שוועסטער. צי ליוסי איז געווען הונגעריק און האָט געוואָלט עסן, צי זי האָט גלאַט אַזוי געוואָלט זיך צעוויינען? האָט זי געוויינט, און מילדרעד, וואָס האָט זי ניט געקאָנט איינשטילן מיט גוטן, איז איבערגעגאַנגען צו פּעטש. יענע האָט איר געפּליאַסקעט גלייך אין פּנים אריין. וואָס מער ליוסי האָט געוויינט, אַלץ מער האָט זי יענע געפּליאַסקעט.

אויך איצט שרעקט זיך ליוסי און ווייסט ניט פאַרוואָס. ליגט מיט אָפענע אויגן אין דער פינצטער און וויינט. זי איז שוין געוואָרן אַ גרויסע מויד. זי האָט שוין איבערגעלעבט פאַר די לעצטע פּאָר חדשים פילע יאָרן. זי האָט מורא פאַרן שווערן לעבן. זי וויל ניט דעם מאַן, וואָס מיינט בלויז איר קערפּער. זי וויל עמיצן, וואָס האָט אַ באַציאונג צו איר. די מענטשלעכע ווארעמקייט פון מאַן, וואָס דערמונטערט און פאַרשטאַרקט און מאַכט וויכטיק דאָס אייגענע לעבן.

מענדל קומט זיך אריין ווי שטענדיק. אַן אָפּגעלערנטער, אַן אָפּגע־חקרנ'טער פון די פיל אינטערעסאַנטע נייע געדאַנקען, וואָס ווערן אַנטפּלעקט

אין דעם אַרבעטער־אוניווערזיטעט, וואו אַלע יונגע מענטשן דאַרטן ווערן באַ יעדער נייער לעקציע נאָכאַמאָל געבוירן און מען דערזעט די וועלט אין אַ גרויסער שאַרפער ליכט.

ער צינדט אָן דאָס לעמפּל, דערזעט ווער ס'ליגט אין זיין בעט און בלייבט שטיל. מיט קורצזיכטיקע אייגעלעך גייט ער צו צום בעט און דערפילט גלייך, אַז עפּעס איז געשען.

— עמיצער וויינט מאַקע? — מאַכט ער כלומרשט אין אַ שפּאַס.

— מיין שוועסטער מילדרעד, — דערציילט זי אים אַלץ וועגן איר שוועסטער מילדרעד.

ער האָט געוואוסט פון פריער וועגן דער דאָזיקער מילדרעד. ליוסי האָט אים אַמאָל דערמאָנט וועגן דעם. ער שווייגט. ס'איז אים אויך שווער. זי וואַרט אַף זיין וואָרט. ער מוז איר עפּעס זאָגן.

— רייד עפּעס צו מיר, מענדל, — בעט זי אים.

— וואָס זאָל איך ריידן? — מאַכט ער מיט דער טיפער וואַרעמקייט אין זיין שטימע. — ס'איז איצטער זייער קאַלט אינדרויסן. מען איז מיד פון אַרבעט. דאָס האַרץ ווערט צעבראָכן פון דעם, וואָס דו האָסט מיר ערשט דערציילט. דער אומגליק געוועלטיקט דאָ אַף דער איסט־סאַיד אַף יעדן טריט און שריט. קאַלטע פאַרפרוירענע מענטשן האָבן מיך איצט אָפּגעשטעלט אַף יעדן קאָרנער, איך זאָל זיי געבן אַ ניקל אַף אַ קאָפּע קאַפע. איצט, ווען מירביידע געפינען זיך אין צימער, ווערן מענטשן דערפרוירן אַף טויט. מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר לייענען אין די צייטונגען: „אַזוי פיל און אַזוי פיל מענטשן זיינען געטויטעט געוואָרן פון דער קעלט." ס'איז ניט נאָר מילדרעד, ס'איז איך און דו, און מיר אַלע, וואָס ווערן אַרויסגעוואָרפן אַף דער גאַס, נאָכדעם וואָס מיר האָבן אַזויפיל נוצן געבראַכט פאַר דער וועלט מיט אונזערע הענט. מיר קאָנען זיך אויך געפינען אין דעם גזלנ'ישן קאַלטן אינדרויסן, שפּעטער אין אַ צייט, ווען מיר וועלן שוין ניט טויגן און מיר וועלן שוין ניט האָבן פאַרוואָס צו באַצאָלן פאַר אונזער נאַכטלעגער...

ביז גאָר שפּעט האָט ער גערעדט צו איר. ניט נאָר געמאָלן דעם שוידער פון לעבן, נאָר אויך די פרייד פון לעבן, וואָס קאָן קומען אונטער אַנדערע אומשטענדן. זי האָט אים איצט גוט פאַרשטאַנען. ניט אַזוי פיל דורך איר פאַרשטאַנד, ווי דורך איר ליבע צו אים. ס'איז אויסגעגאַנגען דאָס האַרץ אין איר, אַז דער דאָזיקער אַלץ־ווייסנדיקער מענדל זאָל זי אַרומנעמען, זאָל זי אַ גלעט טאָן. ווען ער טוט צו איר אַזאַ זאַך, וואָלט שוין געוואָרן זייער גוט אַף דער וועלט. בלויז זיינע רייד זיינען פול מיט וואַרעמקייט צו איר,

אָבער ער אַליין רוקט זיך אָפּ פון איר. זי וואָלט שוין אַזוי געוואָלט בלייבן מיט אים אין דעם בעט און זיין צוגעטוליעט צו אים, ווייל אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט אַזוי גוט דאָס לעבן, קאָן שוין אויך זי פירן אין לעבן.

— נו, מען גייט שוין שלאָפן, — זאָגט ער איר כלומרשט אין אַ שפּאַס, און מיינט טאַקע אַז ליוסי זאָל זיך מטריח זיין און טאַקע גיין צו איר צימער.

זי שטייט אויף און פילט זיך זייער געפאַלן. ס'איז אַקוראַט ווי מיט די וואַרעמע מאַנטלען אין קראָם. ס'גלעט אַזוי דער מאַנטל און ס'וואַרעמט און דערנאָך דאַרף מען אים אויסטאָן דעם קאַלטן דינעם מאַנטל און גיין אַהיים. אַן אָרעמע מיידל.

— אַ גוטע נאַכט, — ווינטשעוועט זי אים אַ ציטערנדיקע.

— אַ גוטע נאַכט, ליוסי, — זאָגט ער איר און ער ציטערט אויך.

# ליוסי פאַרלירט אַ חבר'טע

ליוסי איז געקומען געוואויר ווערן צו איר חבר'טע בעטי, די יונגע שטאָלצע ווייב פון סימאָר'ן, וואָס איז אַן אָשער אין קעפּיטאָל טעאַטער און מאַכט פערצן דאָלאַר אַ וואָך. סימאָר, איר מאַן, האָט זיך אַפּילו ניט אויפגעהויבן פון בעט צו באַגריסן זיין ווייב'ס בעסטע חבר'טע.

— אָה, ליוסי, העלאָ, — האָט ער אַ מאַך געטאָן אַ פוילער און אַן אָפּגעלאָזענער.

ס'איז געווען זייער גוט צו ליגן אויסגעשטרעקט אין בעט אין אַזאַ מין פאַרדולטקייט, ווי איינער וואָס האָט זייער אַ סך גע'שיכור'ט, און איצט קאָן ער זיך ניט רירן.

בעטי'ן, וואָס האָט געעפנט די טיר פאַר איר חבר'טע, האָט אויך געצויגן צום בעט. אַ צעפּאַטלטע, אַ נאַכלעסיקע, אָבער אַ גליקלעכע, האָט זי אויפגענומען איר חבר'טע ליוסי, צו וועמען זי איז געווען צוגעבונדן פון קליינערהייט אָן.

—דו זעסט, ליוסי, דאָס איז אונזער נעסט, — האָט זי אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט אַפן צימער, וואָס איז געווען באַהאַנגען מיט בילדער־אויסשניטן פון די זונטיקדיקע צייטונגען.

זי איז געווען שטאָלץ, בעטי, צו באַווייזן איר ליבעס־נעסט פאַר איר גוטער חבר'טע. אַ נעסט אַפן פינפטן שטאָק אַף עוועניו „איי”, קאַלט און נאַס, מיט אַ קליין גאַז־אויוועלע, וואָס האָט בלויז אָנגעוואַרעמט דאָס ווינקל, וואו ס'איז געשטאַנען. ווייטער אָבער איז די וואַרעמקייט ניט געגאַנגען. ווייטער האָט מען שוין געדאַרפט נוצן די אייגענע וואַרעמקייט. איז זיי טאַקע געווען וואַרעם ביידן, בעטי'ן מיט איר מאַן סימאָר'ן, איידער ליוסי איז געקומען. זיי זיינען געלעגן ביידע אין בעט, מידע און פוילע, און הנאה געהאַט פון דעם גרויסן בונד, וואָס הייסט מאַן און ווייב, ווען אַ פרעמדער בחור קומט זיך צונויף מיט אַ פרעמדער מיידל; מען ווערט נאָענט און אייגן, און מען ווייסט גאָרניט ווי אַזוי צו באַדאַנקען די נאַטור, וואָס זי האָט באַשאַפן אַן „ער” און „זי”, וואָס צוזאַמען פלאַמט אויף דאָס לעבן אַזאַ וואַרעמס, פול מיט פאַרלאַנגען און גרויסע האָפענונגען.

נאָכדעם ווי בעטי האָט איר געוויזן יעדער פיצעלע פון איר פאַרמעגן,

דעם טיש, די צוויי בענקלעך, די טעלער, לעפל און גאָפּל, דאָס קליינע אויוועלע, וואָס שטייט אין אַ פינצטער צימערל, גרוים ווי אַ גענייץ, וועלכעס בעטי רופט אָן איר קיך, — האָט זי שוין גאָרניט געהאַט וואָס צו זאָגן צו איר חבר'טע ליוסי. געוויינלעך, אַז די דאָזיקע צוויי גוטע פריינט טרעפן זיך אָן צוזאַמען, האָבן זיי שוין פיל ווענן וואָס צו שמועסן. איצט האָט בעטי שוין גאָרניט וואָס צו זאָגן ליוסי'ן. עס ציט זי צו סימאָר'ן. זי שעמט זיך אפילו, אָבער דאָך לייגט זי זיך מיט אים.

—עקסקיוז מי, — זאָגט זי צו איר חבר'טע ליוסי און ציט זיך אוים לעבן איר ליבן מאַן און פאַרגלאָצט די אויגן פון גרוים תענוג, ווען ער נעמט זי ארום.

ערשט אַ מאָנאַט, אַז זיי האָבן חתונה געהאַט, און דער גרויסער געגום פון זיין צוזאַמען ווערט אַלץ שטאַרקער, און זיי קאָנען זיך נאָך ניט אָפּרייסן איינער פון אַנדערן. ס'גייט זיי ניט אָן קיין געסט, קיין טאַטע און מאַמע, אַבי זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן.

ליוסי וואונדערט זיך, ווי אַזוי איר חבר'טע קאָן ליב האָבן אַזאַ פאַרשוין ווי סימאָר'ן. אַ מענטש, וואָס האָט אַזאַ אידיאָטישן אויסדרוק אָף די וואַנ־צעלעך, וואָס קאָן ניט אויסריידן קיין גאַנצן זאַץ, אַ חוץ אַ פּאָר גאַסן־ווערטלעך, וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט אין וואָדעוויל. בעטי איז איר דער־ווידער איצטער. איצטער, נאָכדעם ווי זי האָט זיך שוין אָנגעהערט פיל רייד פון מאַיקל'ען, וואָס קומט שוין אַזוי אָפּט צו זיי אין הויז, די פאַר־נונפטיקע רייד פון דעם מענדל'ען. עס איז מעגלעך, ווען זי זאָל איצטער דאַרפן זיך אויסקלייבן אַ חבר'טע, וואָלט זי אַזאַ מיידל ווי בעטי אָפּגעשטויסן. ס'וואָלט איר געווען לאַנגווייליק. אָבער צו בעטי'ן איז זי צוגעבונדן דורך יאָרן און יאָרן פריינטשאַפט. די גראָבע צעשוואומענע בעטי, בא וועלכער ס'איז ניט אַוועקגעגאַנגען קיין איין מאָנאַט נאָך דער חתונה און זי ווערט שוין באַלד ענלעך צו איר גראָבער צעשוואומענער מאַמען. זי איז איצט געקומען, ליוסי, צו כאַפּן אַ לאַנגן שמועס מיט איר חבר'טע, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן. אָבער אַז בעטי האָט זי אפילו ניט אינזינען. זי שמועסט איצט מיט איר ליבן מאַן.

— דו וועסט היינט ניט גיין צו דער אַרבעט. דו פאַרבלייבסט מיט מיר, — לייגט זי צו איר באַק צו זיין באַק.

— אָ, יע? — ענטפערט ער איר אַ גליקלעכער, וואָס זי וויל אים איינ־ריידן אַזאַ זאַך.

— דו וועסט זאָגן, אַז דו ביזט געווען קראַנק, — וויל זי אים אויסלערנען א תירוץ.

— אָ, יע? — מאַכט ער ווידער.

— ס'איז אָלראַיט, מען וועט דיר גאָרניט טאָן דערפאַר.

— אָ, יע? — ענטפערט ער צום דריטן מאָל.

שווייגן זיי ביידע. מען קושט זיך. מען האָט שוין פאַרגעסן, אַז אַ דריטער מענטש איז דאָ אין הויז. מען קושט זיך לאַנג, מיט גרויס טעם.

— איך וועל היינט קומען אַהיים זייער שפּעט, — לאָזט ער איר וויסן נאָך אַ ווײַלע.

— אָ, יע? — ענטפערט זי אים פּריילעך, ווײַל זי ווייסט, אַז ער שפּאַסט.

— איך גיי היינט אויס מיט אַן אַנדער מיידל, — זאָגט ער איר גלאַט אַזוי, כדי זי צו מאַכן אייפערזיכטיק.

— אָ, יע? — מאַכט זי צו אים אַרויסרופנדיק.

— זי איז אַ „סוועל קיד", — וויל ער דווקא איר מאַכן גלויבן, אַז ער גייט טאַקע היינט אַרויס.

אָט דאָס איז געווען דער אינטערעסאַנטער שמועס, וואָס דאָס פאַר־ליבטע פּאָרל האָט געפירט צווישן זיך אין ליוסי'ס אָנוועזנהייט. ליוסי איז געווען אַ ביסל אייפערזיכטיק אויף סימאָר'ן. ער האָט באַ איר צוגענומען אַ חבר'טע, וואָס פלעגט ניט וועלן אָפּטרעטן פון איר.

— איך וועל מאָרגן צוריק גיין אויף מיין אַלטן דזשאָב, — לאָזט אים וויסן בעטי. און מען ווייסט ניט, צי זי מיינט דאָס ערנסט, אָדער כדי צו רייצן זיך מיט אים.

— אָ, יע? — מאַכט ער בייז.

— ס'איז מיר אומעטיק צו זיצן ליידיק, — פּעסטשעט זי זיך פאַר איר מאַן. — ס'וועט דיר גאָר ניט העלפן, איך וועל גיין צוריק צו דער אַרבעט.

— אָ, יע? — מאַכט ער באַפעלעריש. דאָס הייסט, אַז ער האָט געזאָגט ניין, איז ניין.

— דער באָס גלייכט מיך, — צעלאַכט זי זיך, — כאַ, כאַ, כאַ. אַ יונגער באָס און אַ שיינער אויך, כאַ, כאַ, כאַ.

— אַ יונגער באָס און אַ שיינער אויך, כאַ, כאַ, כאַ.

זאָגט ער שוין איצט ניט „אָ, יע?", נאָר ער בלייבט שטיל און פאַר־כמורעט. ער איז שוין אייפערזיכטיק. עס דאַכט זיך אים אויס, אַז עפּעס אמת איז דאָ אין אירע רייד.

ווען סימאָר איז שפּעטער אַוועק צו דער אַרבעט, האָט בעטי געמאַכט

חוזק פון איר מאַן, וואָס ווערט גלייך איפּערזיכטיק ווי אַ האָן, ווען זי דער־מאָנט אים אַן אַנדער מאַן.

— דו מיינסט, אַז ס'איז אמת, וואָס דער באָס וויל מיך צו דער אַרבעט?

— לאַכט זי צו איר חבר'טע זייער ביטרע. — ס'הויבט זיך ניט אָן.

מיט דעם וויל זי זיך באַרימען פאַר ליוסי'ן, ווי זי איז אָנגעלייגט און חשוב בײַ איר סימאָר'ן, אַז ער לאָזט איר אַפילו ניט גיין אַרבעטן. „ס'שטייט אים ניט אָן, אַז זיינס אַ ווייב זאָל גיין אַרבעטן. קיינמאָל ניט ווי לאַנג ער לעבט", — גיט זי איבער אַ שטאָלצע וואָרט־בײַ־וואָרט וואָס סימאָר האָט געזאָגט.

— קלעקט אייך דען אויף צום לעבן? — וואונדערט זיך ליוסי.

— ער גייט קריגן אַ „רעיז", — ענטפערט זי מיט גרויס גדלות.

ליוסי'ן ווערט פרעמד די חבר'טע בעטי מיט יעדער מינוט. זי רוקט זיך אָפּ פון איר ווייטער און ווייטער. באַזונדערס נאָכדעם, ווי בעטי האָט זי אויך איינגעלאָדן אין בעט אַריין, און געשושקעט זיך מיט איר. געהירזשעט אַלעמאָל און געפּייערט. דאָס האָט זי דערציילט צו דער חבר'טע אינטימע זאַכן וועגן זייער צונויפלעבן זיך אַלס מאַן און ווייב. אַלע איינצלהייטן האָט זי דערציילט, איבערגעטריבן אויך אין פילע פאַלן. פון דער גאַנצער געשיכטע האָט זיך געדראַפּט באַקומען דאָס בילד, ווי נאַריש די מענער זיינען, ווי קלוג, פאַרשטייט זיך, זיינען די פרויען, און ווי זיי האָבן זיי ליב, אָט די נאַרישע מענער, אָט די קלוגע פרויען.

— דו שווייגסט עפּעס, ווי אַ פרעמדע, — האָט בעטי געפּאַקט איר חבר'טע ליוסי מיט אַזאַ מין פרעמדן קוק צו איר.

— ס'איז גאָרניט, — פאַרענטפערט זיך ליוסי.

בעטי האָט, ווייזט אויס, דערפילט אַז זי רעדט איצט ניט צו איר היימישער ליוסי, נאָר ווי צו אַ פרעמדער מיידל. איז זי געוואָרן שטיל. אַ קאַלטע וואַנט האָט זיך אויפגעשטעלט צווישן ביידע חבר'טעס. מען האָט געשוויגן ביידע און אין שווייגן האָט אָנגעהויבן וואַקסן און אָפּרוקן זיך אַלץ ווייטער און ווייטער זייער גאַנצע געמיינשאַפטלעכקייט. מענדל וואָלט געזאָגט, טראַכט ליוסי, „נאָך אַ מיידל פון דער איסט־סאַיד מיט די השגות פון אַ נאַרישער הון, וואָס זעט בלויז דאָס ביסל פּראָסע פאַר די אויגן, און דעם שטאָלצן האָן, וואָס דראָדלט זיך אָן און נעמט זיך איבער מיט דעם, וואָס ער איז אַ האָן."

ליוסי וואָלט איצט געוואָלט רעדן צו איר חבר'טע וועגן דעם, וואָס זי האָט לעצטנס אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און באַנעמען, — ווייסט זי ניט ווי אַזוי צו רעדן איצט. זי איז אומגליקלעך, ליוסי, וואָס זי פאַרלירט אַ חבר'טע.

פונקט ווי מען שניידט אוים פון קערפּער אַ גליד. זי וועט שוין בעסער גיין, ליוסי, פונדאַנען.

— גוד־באַי, בעטי.

— גוד־באַי, — שטרעקט אוים אירע גראָבע ליפּן די חבר׳טע בעטי.

מען צעקושט זיך ביידע. אָבער דאָס איז שוין געווען צום לעצטן מאָל. זיי האָבן זיך מער שוין ביידע ניט געזען. ליוסי׳ס לעבן איז אוועקגעגאַנגען גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. בעטי׳ס לעבן איז אַוועק, ווי דאָס לעבן פון פיל אַזוי אָרעמע פאָרלעך אויף דער איסט־סאַיד, וואָס האָבן חתונה זייער שנעל, לעבן אין אַ זיסן טשאַד דאָס ערשטע יאָר, און דערנאָך שפּייט מען זיך אין פּנים, דערנאָך באַליידיקט מען זיך מיט די מיאוס׳טע ווערטער. דערנאָך שלאָגט מען זיך און מען ממית׳ט זיך, און מען ווייסט אַליין ניט פונוואַנען ס׳שטאַמט אַזאַ שלעכטקייט איינע צום אַנדערן. פון וואַנען עס נעמט זיך די געמיינקייט, וואָס איינער ווייזט אַרויס צום צווייטן.

# מאיק האָט שטענדיק געוואונען

מויש איז דאָס ערשטע מאָל בייז אַף מאיק'ן, זיין האַר. ער קלאַפּט אין דער טיר, ס'איז געוואַלדיק ווינטיק. און יענער וויל אים ניט אַריינלאָזן.

— עפן, ס'איז זייער ווינטיק, — שרייט מויש אַריין אין דער פאַר־שלאָסענער טיר מיט גרויס פאַרצווייפלונג.

ס'הערט זיך דאָס אויפשליסן פון דער טיר. מאיק אין קאָלירטע טערקישע פּאַדזשאַמעס, מיט צעטומלטע ברעמען, לאָזט אים אַריין. מויש וואָלט זיך צעלאַכט, ווען דער ענין מיט וועלכן ער איז געקומען וואָלט ניט געווען קיין גוואַלדיק ערנסטער. דער גרויסער פּירער זיינער, דער פאַרהאַרטעוועטער, דער הפקר'דיקער מאיק מיט אַן אָפּגעריסענעם אויער און אין אַזוינע פּאַדזשאַמעס. פעט געוואָרן איז דער דאָזיקער מאיק. אַ היפּש בייכל האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען. דער גרויסער פּירער איז אַראָפּגעפאַלן בא מויש'ן אין דעמדאָזיקן הילוך. אין דעם צווייטן צימער, ווייסט מויש, געפינט זיך די דאָזיקע קעטרין, וועלכע ער האַסט. זי האָט אים ווייך געמאַכט, זיין טיגערל, דעם בראַוון מאיק. דאָס וואָס ער טראָגט אַזוינע נאַרישע פּאַדזשאַמעס, איז אויך אַוואַדע איר אידייע. ניט אַזוי האָט מויש פאַרשטאַנען מאיק'ס באַציאונג צו פרויען. בייז, אָפּלאַכעריש. און דאָ גאָר אַ ראָמאַנטישער מאיק, פּונקט ווי אַ געווינלעכער צעקראָכענער יאָלד.

— וואָס ווילסטו? — האָט מאיק געוואַלדיק קיין צייט ניט.

אַף דער שוועל פון צווייטן צימער באַווייזט זיך די הויכע שלאַנקע קעטרין. אירע שיינע בלויע אויגן זיינען אָפּלאַכעריש. אירע קורץ־געשוירענע בלאָנדע האָר זיינען חנ'עוודיק צעפּאַטלט. זי קוקט מיט שפּאָט צו די דאָזיקע צוויי מענער, וואָס שטייען איינער קעגן אַנדערן, ווי קרינגערישע האָנען.

— היים איר זיך אָפּטראָגן, — ווערט מויש באַפעלעריש צום פּירער.

— פאַרשליס הינטער זיך די טיר, — ווענדט זיך צו איר מאיק, זייער העפלעך.

— גראָדע איצט, האָט זיך דיר פאַרגלוסט אָנצוהויבן מיט דעם קליידל?

— מאַכט אים מויש פאַרוואורף.

— מען פרעגט דיך ניט! דערציילט וואָס דו האָסט צו דערציילן, — ווערן מאיק'ס ברעמען אָנגעכמורעט.

— לוטשי, — זאָגט אים מויש מער ניט ווי דאָס איינציקע וואָרט און מאיק פאַרשטייט שוין גלייך אין וואָס עס האַנדלט זיך.

— ווידער לוטשי? — צינדט זיך געוואַלדיק אָן דאָס פּיצל אויער בא מאיק'ן.

— ער איז שוין אויך אַריינגעדרונגען אין דעלענסי סטריט, — איז מויש געוואַלדיק אַנטריסטעט.

— גוט! — ווערן מאיק'ס ברעמען שוואַרץ מיט דער דאָזיקער פינצ־טערער קללה, וואָס מיינט אָן אָנזאָג אַף מאָרד.

— בלין איז שוין אויך אַריבערגעלאָפן צו אים, — גיט איבער מויש נאָך אַ בעסער שטיקל נייעס.

— גוט! — ווערן נאָך בייזער זיינע ברעמען.

— ווי אַזוי וועסטו דאָס מאַכן? — הויבט ניט אָן מויש צו פאַרשטיין, וויל ער ווייסט אַז דער דאָזיקער לוטשי האָט אימפּאָרטירט מענטשן פון פילע אַנדערע שטעט אין לאַנד. די הפקר'דיקסטע מענטשן, חברה־לייטלעך אַזוינע, הויכע און צעלאָזענע. ער, מויש, האָט שוין געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זען אַ פּאָר פון זיי. עכטע אַמעריקאַנער גאַרילאַס, זיבן־פּוסיקע, מיט די אמת'ע מאָרדעס.

— איך וועל דיר שוין מאָרגן זאָגן, ווי אַזוי איך וועל דאָס מאַכן. איצטער גיי, — וויל אים מאיק אַרויסטרייבן.

— מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז מען האָט געזען לוטשי'ן אַרויסגיין פון בענעדיקט וויינבערג'ס אָפיס, — זאָגט אים מויש דאָס לעצטע שטיקל נייעס.

— פון בענעדיקט וויינבערג'ס אָפיס? — פרעגט גלייך איבער מאיק אין גרויס אַלאַרם.

— יאָ, — פאַרשטייט מויש יענעמס אַלאַרם. — ניט דאָס ערשטע מאָל, אַז מען האָט אים געזען דאָרט.

— אויב אַזוי, קום! — נעמט זיך מאיק גלייך אָנטאָן.

מויש שיינט־אויף ווען ער דערזעט זיין חבר ווידער אַ קריגס־פּייאיקן. די בלאַנדע שיינהייט, וואָס איז פאַרבליבן אין צווייטן צימער, ליגט אים שוין ניט אינזינען, מאיק'ן. ער איז איצט וואָך מיט אַלע זיינע אברים און מיט די צונויפגעצויגענע ברעמען, וואָס טראָגן איצט טויט צום שונא. מויש האָט שוין ווידער צוטרוי צו זיין פירער. מען וועט שוין ווידעראַמאָל געווינען. מאיק האָט שטענדיק געוואונען, ווען ער האָט נאָר געוואָלט.

# קום אַריין, מאַיק דער טיגער!

די חברה בײַ דזשאָו'ן אין טרינק־קעלער, וואָס ליגן איבער דאָרטן פּונקט ווי אין אַ קלוב, האָבן גלײַך פֿאַרשטאַנען, ווען מאַיק דער טיגער איז אָנגע־קומען, אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, אַז ס'קומט עפּעס. צו קיינעם זיך ניט גריסנדיק, איז מאַיק אַריין אין צווייטן צימער, און מויש האָט אַרײַנגערופֿן איינעם נאָך איינעם די געקליבנסטע חברה. אַזוינע חברה־לײַטלעך, וואָס לאָזן זיך אַרויס אויף אַ דזשאָב מיט פֿאַרשמעלעטרטע אויגן, וואָס ווילן גאָרניט זען קיין שום זאַך, אויסער די אָנגעמערקטע קרבנות.

ניט קיין אַנדערן ווי לוטשי'ן אַליין וויל פֿון זיי מאַיק. בלינ'ען אויך, אָבער לוטשי קומט דער ערשטער אויף דעם צעטל. מאַיק ווייסט שוין ווי אַזוי צו רעדן צו דער דאָזיקער חברה קווילער. פּונקט ווי אַ געניטער קריגס־פֿירער רעדט ער צו זײַנע סאָלדאַטן, ווען ער דאַרף שיקן אין פֿײַער. דער קריגס־פֿירער פּלאַמט אויף זייערע הערצער, אַז די מלחמה איז גאָר אין די אינ־טערעסן פֿון די סאָלדאַטן, אַז ער שיקט זיי צו טאָן זייער אַ גרויסן טאַט, וואָס די געשיכטע פֿון אַלע דורות וועט בענטשן זייערע נעמען. מאַיק פּלאַמט אויך אויף זייערע בלוטן, מיט דעם, וואָס ער רייצט זיי אָן אויף לוטשי'ן. לוטשי וויל פֿאַרפֿלעקן דעם כבוד פֿון זייער גענג. ער רוקט זיך דאָרטן וואו מען דאַרף ניט. ער מיינט, אַז די חברה בײַ מאַיק'ן זײַנען שיפּע־זיבעלעך, און מען קאָן זיי אַזוי לײַכט אָפּראַמען; אַז גאַנץ ניו יאָרק קוקט איצט אויף זיי און וואַרט זיי זאָלן פֿאַרטיידיקן די ערע פֿון זייער גענג.

די חברה לאָזט זיך מיט צעקאָכטע בלוטן. די נאַכט איז נאָך גרויס. לאַנג לעבן זאָל די נאַכט. אין דער פֿינצטער פֿון דער נאַכט וועט איצט געשען זייער אַ גרויסע זאַך. ווען די ליכטיקייט פֿון טאָג וועט אָנקומען, וועט שוין די גאַנצע שטאָט וויסן, אַז מאַיק'ס בראַווע חברה לאָזן זיך ניט שפּילן אין דער קאַשע. די פּרעסע וועט שוין דערציילן פֿאַר אַלע בירגער פֿון דער שטאָט וועגן זייער טאַט. די פּרעסע איז כמעט אין זייער דינסט. מיט לוטשי'ס טויט, וואָס די פּרעסע וועט באַריכטן, וועט מען אָנשרעקן אַנדערע, אַז זיי זאָלן זיך ניט רוקן דאָרטן, וואו ס'איז פֿאַר זיי צו הייס. זיי האָבן זייער ליב צו לייענען די פּרעסע, די דאָזיקע חברה־לײַטלעך מיט די פֿאַרכמורעטע אויגן. פּונקט ווי אַקטיאָרן, נאָכדעם ווי זיי נעמען אָנטייל אין אַן ערשטער פֿאַר־

שטעלונג, און זיי זוכן די באריכטן פון דער קריטיק פון זייער נייער פאָר־שטעלונג, אזוי זוכן זיי תמיד נאָך אזא דזשאב די באריכטן וועגן דעם וואָס זיי האָבן געמאַכט אז ס'זאָל געשען. זיי לייענען איבער די נייעס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און פילן זיך שטאָלץ, וואָס דאָס איז דאָס ווערק פון זייערע אייגענע הענט. די אַקטיאָרן מוזן זוכן די באריכטן ערגעץ אין די מיטלסטע בלעטער פון דער צייטונג, אָפּטמאָל פארוואָרפן, פארשטעקט אין א ווינקל, אָבער אין זייער פאַל, יאָוועט זיך די נייעס מיט אַן אומגעהויער גרויסן „קאָפּ" אָף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג.

מאַיק האָט זיי צעטיילט אין דריי גרופּן. מויש'ן מיט דער סאַמע וויכ־טיקסטער גרופּע. א שאָד וואָס בעניטאָ און בוטשי זיינען איצט ניטאָ דערביי. איז אָבער בעניטאָ שוין איצט דער באַלעבאָס פון א גרויסן גאַראַדזש לעבן טרענטאָן, און היט אָפּ זייער געוויסנהאַפט דעם גאַנצן ביר־טרעפיק. בוטש איז ניטאָ, מען קאָן אים אזוי שפּעט אין דער נאַכט ניט דערגרייכן. ער האָט שוין געקלונגען צו אים אין וואוינונג, איז ער ניטאָ.

די חברה זיינען אוועק אָף זייער וויכטיקער מיסיע. מאַיק איז געבליבן אליין. ער וועט זיך שוין ניט רירן פון אָרט. וועט שוין אזוי אפן פּלאַץ איבערוואַרטן די צייט, ביז מען וועט קומען אים אָנזאָגן די פרייליכע בשורה. אז ער וועט שוין פארטיק ווערן מיט לוטשי'ן, וועט ער קומען צו בענעדיקט וויינבערג'ן און כאַפּן מיט אים א „פריינטלעכן" שמועס. ער וועט שוין אים זאָגן, וואָס ער, מאַיק, דענקט וועגן אָט דעם קליינעם אידל מיט די זיסינקע אייגעלעך.

ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אפן טיש. ס'ווערט אים זייער וואַרעם אין די אויגן. ער איז איינגעשלאָפן. וואָס פאַר א גוואַלדיקער גוטער שלאָף דאָס איז געווען פאַר מאַיק'ן. דער לעצטער שלאָף זיינער. ער איז געוואָרן צוריק א קינד. אַלע זעקס צוזאַמען האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזט אין סענטראַל פּאַרק. היימי אויך. צופוס זיינען זיי געגאַנגען, ווייל זיי זיינען אָרעמע קינדער פון קלינטאָן סטריט און האָבן ניט געהאַט קיין ניקלס צו באַצאָלן פאַר טראַנס־פּאָרטאַציע. אפילו ווען זיי וואָלטן יאָ געווען האָבן ניקלס, וואָלטן זיי דאָס אויך ניט אוועקגעגעבן. ס'זיינען פאַראַן בילכערע זאַכן, וואָס צו טאָן מיט די דאָזיקע ניקלס.

אָ, אזא ליכטיקער פריילנגדיקעם טאָג! ס'איז דער יום־טוב פּסח. דער יום־טוב פּסח, וואָס איז פארבליבן אין טעם, ניט צוליב די מצות און די קניידלעך, נאָר צוליב דעם, וואָס מען איז פריי פון סקול, וואָס אַלע גאַסן זיינען אזוינע וואַרעמע. ס'איז גאָרניט ניטאָ קיין גרעסערע פרייד פאַר אַן

אָרעם אינגל פון קלינטאָן סטריט, ווי וואָרעמע ליכטיקע פּרייע גאַסן.

אַ חברה פון זעקס גוטע פרײַנט, פּרעכע, ווילדע, הפקר'דיקע, לאָזן זיך איבער די גאַסן פון זייער ניו יאָרק. די קינדער דאַרפן שוין ניט לייענען קיין מעשה־ביכלעך. ס'איז דאָ גענוג וואָס צו לייענען איבער די גאַסן פון ניו יאָרק. ס'איז דאָ וואָס צו לייענען אין די גרויסע שוי־פענצטער, וואו עס זיינען אויסגעשטעלט די פילע וואונדערבאַרע זאַכן, וואָס אינגלעך האָבן אַזוי ליב: פוט־באָלס, שפּיצעכעקע געלע פוט־באָלס. צוויי רייכע אינגלעך אין שוי־פענצטער מיט גרינע מענטעלעך מיט גאָלדענע קנעפּ ווילן וואַרפן איינער דעם אַנדערן דעם פוט־באָל.

זיי לאַכן, די זעקס קלינטאָנער קינדער, פון די צוויי רייכע טויטע אינגלעך, וואָס ווילן זיך וואַרפן דעם פוט־באָל און זיי קענען ניט.

ראָלער־סקעיטס אין די צענדליקער שיינען מיט זילבער. קיינער פון די זעקס האָט נאָך ניט געהאַט קיין ראָלער־סקעיטס, סיידן היימי. אָבער בלויז פון אַ לינקן פוס. ער האָט ערגעץ צוגע'גנב'עט דעם ראָלער־סקעיט און אַלע חברה האָבן געפּרובירט פאָרן אַף אים.

צענדליקער בעיז־באָלס ליגן אין גרויסע הויפנס אין דעם דאָזיקן שוי־פענצטער. האַרטע בעיז־באָלס און ווייכע בעיז־באָלס פון דעם פיינסטן שטאָף. אָפּגעפּאָלירטע בעיז־באָל שטעקנס שטייען אין אַ ווינקל און קוקן אַף די זעקס חברה־לייט. זיי לאַכן, די זעקס. אָט דאָס טאָקע, וואָס זיי האָבן ליב, אַזוינע פיינע שטעקנס. ס'איז אַ גרויסער שטאָלץ באַ אַ ניו יאָרקער אינגל צו האַלטן אַן אמת'ן עכטן בעיז־באָל שטעקן און פאָכן מיט אים אין דער לופט. ס'איז אַ גרויסע חשיבות אַזאַ זאַך.

עס זיינען אויך אויסגעשטעלט אין דעם שוי־פענצטער בעיז־באָל היטלען און בעיז־באָל קאָסטיומען. אַז מען טוט אָן אַף זיך אַזאַ קאָסטיום און אַזאַ היטל און מען האַלט אַזאַ שטעקן, ווער איז שוין צו דיר גלייך!

זיי לאָזן זיך אין סענטראַל פּאַרק. אַזאַ גרינע און פרייע וועלט. מאַיק נעמט אַרום היימי'ן און פ'ווערט אים אַזוי גוט פון דעם. ער האָט אַזוי ליב דעם קליינגעוואוקסיקן חבר זיינעם מיט דער אַסטמאַ. אָ, ווי גוט עס איז איצט מאַיק'ן. קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיין ספּאַרקי'ן, פון קיין לוטשי'ן.

— מאַיק, מאַיק, — וועקט אים דזשאָו, דער איטאַליענער.

— וואָס איז, דזשאָו? — הויבט מאַיק אויף אַ שטערן, וואָס איז פול מיט קנייטשן, אַ באַק, וואָס איז אויך פול מיט קנייטשן, זיך אָנגעקוועטשט זיין לייב אין האַרטן טיש.

— טעלעפאָן, — לאָזט אים וויסן דזשאָו.

— העלאָ, מויש, — איז מאַיק אומגעדולדיק.

— ניטאָ לוטשי, — איז מויש אומגליקלעך דאָרטן אין טעלעפאָן. — מיר האָבן געזוכט אין יעדן פּלאַץ, וואו ער דאַרף זיך אויפהאַלטן, אָבער ניטאָ.

מאַיק קאָכט זיך און שיפּעט פון כעס. ער איז ניט אויסגעשלאָפן. ער איז צעדרייט. ער וויל גאָרניט וויסן. זאָלן זיי ניט אויפגעבן. זאָלן זיי אים ווייטער זוכן. זאָל מען דאָס ניט אָפּליינן. ער וועט שיקן בוטשי'ן און בעניטאָ'ן צו זיי. ס'מוז זיין אוים לוטשי.

מאַיק האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל פון טעלעפאָן. ער דרייט זיך אַרום איבערן צימער, ווי אַ געפאַנגענער טיגער. עס מוז זיין אוים לוטשי. ער איז געפאַלן אַף אַ פּלאַן. ער וועט אַליין צופאָרן צו בעניטאָ'ן קיין טרענטאָן. רעקרוטירן פון דאָרטן אַ פּאָר חברה. ער האָט געוואָרפן אַן אויג אַף אַ פּאָר יונגען, וואָס אַרבעטן דאָרטן מיט בעניטאָ'ן.

— פונדעסטוועגן, באָס, וואָלט איך דיר ניט געראַטן, זאָלסט זיך לאָזן איינער אַליין, — שליסט אויף דזשאָו פאַר מאַיק'ן די אייזערנע טיר.

— נאַרישקייטן, — איז מאַיק אומגעדולדיק און גיט אַ טאַפּ אין קעשענע דאָס שטיקל געווער.

— אַ גוטן טאָג, באָס, — ווינטשט אים זייער פרום דזשאָו דער איטאַ־ליענער. אַקוראַט ווי ער וואָלט געפילט, אַז דאָס זעט ער שוין מאַיק'ן צום לעצטן מאָל.

דזשאָו איז שוין דערפאַרן אין אַזוינע זאַכן. עטלעכע באָסעס אַזוינע האָבן זיך געביטן פאַר זיינע אויגן. בלויז אים, דזשאָו'ן, דעם קאַליקע, לאָזט מען צורו. קאָן ער שוין אָפּשאַצן אַזוינע סיטואַציעס זייער גוט. טוט אים באַנג. מען לעבט זיך קוים איין מיט איינעם, שווימט שוין אַרויף באַלד אַ צווייטער.

אָנהויב פרילינג. פון דער האַלב־טונקלקייט לויפן שוין די מענטשן פון דאַון־טאַון צו די באַנען און טראַמווייען. אַ גרויסער אומרו אַף די גאַסן. מאַיק פאַרשטייט ניט דעם דאָזיקן אומרו. פאַר אים זיינען זיי פון אַן אַנדער מין, די באַשעפעניש, וואָס לויפן אין דעם בלאָסן פאַרטאָג צו דער אַרבעט. ער, מאַיק, איז קיינמאָל אַזוי ניט געלאָפן צו דער אַרבעט. בלויז די שוואַכערע אין לעבן וויסן דעם טעם פון יאָגן זיך מיט אַזאַ אימפּעט אין די טונקעלע פאַרטאָגן. ער, מאַיק, איז פון די שטאַרקערע. געבוירן געוואָרן צו גרויסע זאַכן. זאָל ער נאָר אָפּראַמען לוטשי'ן, וועט ער שוין זיין דער איינציקער הערשער.

דער אָטאָמאָביל זיינער, וואָס שטייט שטענדיק גרייט און וואַרט צו זיין דינסט אומעטום וואוהין ער גייט, וואַרט איצט אויך אַף אים. אינעווייניק

װאַרט שױן אױף אים אױפֿן דער שאָפּער זײַנער: אַ הױכער אײרישער, פֿון זײַנע אַמאָליקע ביר־בוטלעגער. אַ שטאַרקער, פֿלינקער חברה־מאַן, אױף װעמעס איבערגעגעבנקײט מען קאָן זיך שטענדיק פֿאַרלאָזן. ער איז אָבער, װײַזט אױס, איצט אַנטשלאָפֿן געװאָרן, דער שאָפֿער. ער שפּרינגט ניט אַרױס פֿון פּלאַץ, און עפֿנט ניט די טיר פֿאַר זײַן הערשער און באָס, װי ער טוט דאָס געװײנלעך. מאַיק איז בײז פֿאַר אַזאַ נאַכלעסיקײט. ער גײט אַ גײ צו מיט כעס צום אַטאָמאָביל. ער װיל אָנקלאַפּן אין פֿענצטערל. אָבער גלײַך װי אַ בליץ װאָלט דאָס אַ יאָג געטאָן אין זײַן מוח און ער גיט זיך אַ כאַפּ גלײַך צום געװער.

— ניט אַזױ געאײַלט! — דערפֿילט ער פֿון בײדע זײַטן פּלײצעס קאַלטע שטיקלעך צוגעפּרעסט צו זײַן לײַב.

עס גיט זיך אָן עפֿן די טיר פֿון אינעװײניק און צװײ פּיסקעס פֿון גרױסע רעװאָלװערן שטײען אים אַנטקעגן.

— קום אַרײַן, מאַיק דער טיגער! — לאַדט מען אים פֿון אינעװײניק.

# מאַיק פאָרט צו זיין אייגענער לויה

מאַיק דער טיגער איז געפאַנגען. די גאַנצע קראַפט האָט אויסגערונען פון אַלע זיינע איברים. עס האָט אים געגעבן אַ שלאָג אין דער נאָז דאָס גאַנצע בלוט. ער האָט זיך שוין ניט געקאָנט דערמאָנען, ווי אַזוי ער איז אַריין אין דער מאַשין. ער האָט זיך דערזען אַן איינגעפּרעסטער צווישן צוויי אומגעלומפּערטע הויכע יונגען. אַ שטילינקער זיצט זיך איצט מאַיק צווישן זיי. אוים פּירער, אוים געוועלטיקער. אַ נעבעכדיקער יונגערמאַן, וואָס ציטערט פאַר זיין לייב.

מען פאָרט דאָך מיט דער מאַשין דורך קלינטאָן סטריט און דאָרטן איז שוין ליכטיק. די ערשטע שטראַלן פון דער זון זיינען ערשט אָנגעקומען אהינצו, ווען מ׳האָט דורכגעפירט דעם געפאַנגענעם זון פון דער דאָזיקער גאַס, וואו ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען דאָס לעבן, וואו ער האָט זיך אויפגעבאָוועט, וואו ער האָט אַריינגעזאַפּט פּינצטערניש און טוכלעקייט פון קעלער, וואו ער האָט אַריינגעאָטעמט דעם שטויב פון די שטיינער, וואו עס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין אים די קאַליע בלוטן פון אַ גאַס פון אָרעמקייט און נויט.

די פּעדלער קומען שוין צו זייערע פּושקאַרטס.

— מיסעס ברענער, מיסעס ברענער! — וויל ער אויסשרייען.

זי קען אים, די מיסעס ברענער. ניט איינמאָל גע׳גנבֿ׳עט באַנאַנעס פון איר פּושקאַרט. זאָל זי אים ראַטעווען. ער איז דאָך פון איר גאַס.

ווי מען יאָגט זיך אַזוי מיט אים. אָט איז די שול אנשי־צדק. אין דער שול האָט זיין טאַטע געדאַווענט צו גאָט זייער פרום, אַז זיין מעכעלע זאָל אויסוואַקסן אַ כשר׳ער און ערלעכער איד. אין דער שול האָט ער צום ערשטן מאָל זיך באַקאַנט מיט דעם זיסן טעם פון פאַרברעכן.

אָט איז דאָס הויז, וואו שמערל דער פּעדלער האָט געוואוינט, מויש׳ס טאַטע. וואו איז מויש? ניטאָ מויש, זיין איבערגעגעבענער חבר. אַליין צווישן בייזע וועלף.

אָט איז שוין וויליאַמסבורגער בריק. ווי מען יאָגט זיך מיט אים איבער דעם דאָזיקן בריק! דער בריק פון זיינע קינדערשע פריידן. די זון האָט זיך שוין רעכט צעשיינט איבערן איסט־ריווער. אַ שיף גייט זיך אַזוי פריי אינ־

מיטן טייך און לאָזט טונקל־ברוינעם רויך. די ריזן־מויערן פון מאַנהעטן שטייען זיך מעבטיקע אַנטקעגן דעם איסט־ריווער. מאַיק'ס נוי יאָרק. זיין ליבע שטאָט, די גרויסע, די ריזיקע, די אויסגעשפּרייטע שטאָט.

די גאַסן אין וויליאַמסבורג לויפן פאַרביי אַזוי געשווינד. דאָס גאַנצע לעבן מאַיק'ס לויפט אויך אַזוי פאַרביי גיך און געשווינד אין קליינע שטיקלעך און פּיצלעך. זאָל כאָטש דער אַטאָמאָביל אייביק אַזוי יאָגן, ווייל כל זמן ער יאָגט, דער אַטאָמאָביל, לעבט ער נאָך. שטעלט זיך אָפּ דער אַטאָמאָביל, אַזוי שטעלט זיך גלייך אָפּ זיין לעבן.

„מודה אני לפניך" — הויבט ער פּלוצלונג אָן צו זאָגן אין זיך. „מודה אני לפניך" — פונוואַנעט קען ער די דאָזיקע תפילה? ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, האָט אים זיין טאַטע אויסגעלערנט די דאָזיקע תפילה. אים גוט, ווייזט אויס, אַריינגעהאַקט די דאָזיקע ווערטער אין קאָפּ אַריין. „מודה אני לפניך, מלך חי וקים" — זאָגט ער ביזן סוף און מען איז שוין אָפּגעפאָרן אַזוי אַ גרויס שטיק פון זיין לעבן.

רויטע סיגנאַלן אומעטום. ווייט־ווייט אַרויף, איבער דער גרויסער לענג פון דער גאַס ווערן רויט די טראַפיק־ליכט. מען לאָזט אים ניט קוקן אין פענצטער, ווען דער אַטאָמאָביל שטעלט זיך אָפּ. זיי שווייגן, די שטומע שליחים פון טויט. מאַיק וויל זיך צעוויינען פאַר די דאָזיקע חברה־לייט. ער וועט זיי קושן די פיס. זאָלן זיי אים אָפּלאָזן, זאָל ער לעבן דאָס לעבן פון אַ פייגלינג, פון אַ וואָרעם, פון אַ קרעציקן הונט, אָבער ער וויל לעבן.

אָ, די גאַסן האַקן זיך אָפּ. ניטאָ מער קיין מענטשלעכע גאַסן. ליידיקע פעלדער. דאָ־און־דאָרטן ווייטע שטיבלעך. אַ גרויסער ברייטער הימל אַנט־פּלעקט זיך.

— פירט מיך צוריק! — הויבט ער אָן צו רעווען.

זיי פאַרשטאָפּן אים ס'מויל. ער בייסט זיי די הענט.

— דערלאַנג אים שוין, — רופט זיך אָן איינער, וואָס זיצט אַנטקעגן.

מאַיק דערהערט דאָס וואָרט „דערלאַנגען", בלייבט ער שטיל. ווי אַ שעפּעלע. ער פאַרהאַלט דעם אָטעם. ער וועט שוין מער ניט רעווען. אפשר וועלן זיי רחמנות האָבן אויף אים. און עפּעס קומט דאָך יאָ אָן אַ האָפענונג: ס'קומען אָן צוריק די גאַסן. מען איז איבערגעפאָרן די ליידיקע לאַטס און מען איז אַריינגעפאָרן אין אַ נייער געגנט, וואָס איז ערשט אויפגעבויט גע־וואָרן: שיינע ברייטע גאַסן. בײַ יעדן הויז — אַ גערטנדל. קינדערלעך גייען מיט די ביכער אין סקול. געלאַסענע קינדערלעך אָנגעטאָן אין קאָלירטע סוועטערלעך. אפשר וועלן די קינדערלעך אים העלפן. אפשר וועלן זיי מאַכן

א גרויס געוואַלד איבער אַלע גאַסן, און מען וועט זיך אַנלויפן און מען וועט אָפּשטעלן דעם אָטאָמאָביל פון טויט.

וויפיל יאָרן פאָרט ער שוין אַזוי צום טויט איבער די דאָזיקע גאַסן? אַן אייביקייט פאָרט ער אַזוי. זיין גאַנץ לעבן איז ער אַזוי געפאָרן צום טויט.

אָבער אָט ענדיקן זיך שוין ווידער די גאַסן. דאָס מאָל איז שוין דער טויט זייער נאָענט. ער גרייט זיך מיט אַלע זיינע חושים אַריינצוכאַפּן שטיקלעך לעבן, שטיקלעך הימל, שטיקלעך פעלד, שטיקלעך געזעענע זאַכן. ער גרייט זיך אַרויסצושפּרינגען. ער גרייט זיך צו דערלאַנגען מיטן קאָפּ און מיט די פיס. זאָל זי זיך ניט אָפּשטעלן, די מאַשין, זאָל זי זיך ניט.

זי שטעלט זיך אָפּ, די מאַשין. אין אַ טויבער וועלט איז מען אַריינגעפאָרן. אַ וויסטקייט, אַ פאַרדאַרבונג אַף מיילן און מיילן אַרום. דעם אָפּפאַל פון ניו יאָרק פירט מען אַהין. בערגלעך שמוץ רויכערן זיך צום הימל. טויב די וועלט פאַר אַלע געשרייען.

ער קאָן ניט אַראָפּקריכן פון דער מאַשין. די פיס זייען אים אָפּגעשטאָרבן. מען שטופּט אים אַרויס. ער פאַלט אַף די קני.

— ניטע! — שרייט ער. — טוט דאָס ניט! איך בין ניט שולדיק...

# עקסטראַ! עקסטראַ!

זעקס חברים זײַנען זײ געװען. זײַנען שױן צװײ ניטאָ אױף דער װעלט. אײנער האָט זיך אָפּגעריסן פֿון זײ און מען װײסט שױן ניט װעגן אים. זײַנען זײ איצט געבליבן דרײַ: בוטשי, מויש און בעניטאָ. זײ װײסן נאָך ניט אַלע דרײַ פֿון מאַיק׳ס גורל.

צװישן די רױבערנדיקע מיסט־בערגלעך איז ער געבליבן ליגן אַ דורכ־געלעכערטער פֿון קױלן. מיטן פּנים אַרױף צום הימל איז ער געלעגן, דאָס קינד פֿון קלינטאָן סטריט. אַ שװער לעבן דורכגעמאַכט. שטענדיק געבענקט נאָך דער זון, װאָס האָט קײנמאָל ניט אַרײַנגעשײַנט אין פֿינצטערן קעלער.

אױסגעגאַנגען מאַיק און ניט פֿאַרשטאַנען, אַז אַפֿילו װען ער איז געװען דער באָס פֿון אַלע גענגס, איז ער בלױז געװען אַ װערקצײַג אין די הענט פֿון בענעדיקט װײַנבערג׳ן און זײַן גלײַכן. איז אױפֿגעשטאַנען אַן אַנדערער, אַ שטאַרקערער, אַ קלוגערער, אַ פֿײַאַיקערער און אײַנפֿלוסרײַכערער, האָט מען שױן ניט געדאַרפֿט האָבן מאַיק׳ן.

:: :: ::

בוטשי איז אױפֿגעשטאַנען יענעם פֿרימאָרגן פֿון שלאָף זײער אַ לוס־טיקער. ער װאױנט אין אַזאַ הױז, װאָס איז געגליכן צו אַ האָטעל. אַ צװאַנציק־שטאָקיקע געבײַדע האָט מען אױפֿגעשטעלט אױף דער צװײטער עװעניו, מיט פֿאַרטערס, מיט עלעװײטאָרס, מיט װײכע קאַרפּעטס, מיט טעלע־פֿאָנען. דאָרטן װאױנט ער. סאַמע אױבן העכסטן שטאָק איז זײַן דירה. ער האָט ליב צו זען די גאַנצע שטאָט אין זײַנע פֿענצטער.

בוטשי דאַרף הײַנט טרעפֿן זײַן מײדל. אַ ברוקלינער מײדל, אַ גע־פּאַקטע, אַ פֿולע. טילי הײסט זי. ער האָט זיך באַקאַנט מיט איר אױף אַ טאַנץ, איז ער גלײַך „געפֿאַלן פֿאַר איר". ער האָט שױן געטאַנצט מיט איר דעם גאַנצן אָװנט און ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּרײַסן פֿון איר.

בוטשי שטעלט זיך אונטערן קאַלטן שפּריץ און זינגט זיך אונטער אַ לידל. „בלױע הימלען" הײסט דאָס לידל. די גאַנצע שטאָט זינגט איצטער דאָס לידל. בוטשי׳ן געפֿעלט דאָס לידל. ער האָט אױך ליב בלױע הימלען.

ס'וועט אים נאָך זיין גוט, דעם בוטשי'ן. ער וועט אפשר חתונה האָבן פאַר דער טילי'ן. ער טראַכט אפילו ניט וועגן זיין פּראָפעסיע, וואָס שטעלט אים אין געפאַר יעדע רגע. ער מיינט, אַז ס'איז שוין ניטאָ קיין געפאַר. ס'איז שוין פּונקט ווי אַ ביזנעס, אַן איינגעשטעלטע זאַך, אַ פאַרשטענדלעכע. ער מאָנט צונויף פון אַלע ספּיק־איזים אין דער געגנט אַרום האוסטאָן סטריט דאָס שוץ־געלט. אַ טייל פון דעם געלט גייט פאַר דער חברה, וואָס העלפן אים מאָנען, אַ היפּשער טייל גייט פאַרן באָס, פאַר מאַיק'ן, און אים, בוטשי'ן, בלייבט אויך איבער גענוג. ער דאַרף שוין ניט פאָרן מיט די ביר־טראָקס, ווי אַמאָל, ווען מען האָט געקאָנט דערוואַרטן פייער יעדע מינוט. אבי מאַיק איז דער קאָפּ, אבי מאַיק איז דער באָס, איז אַלצדינג רואיק און זיכער.

די וועלט גיט אָפּ כבוד בוטשי'ן. אין אַלע פּלעצער, וואו מען ווייסט ווער ער איז, שטייט מען פאַר אים אויף די שפּיץ־פינגער. ער האָט ליב כבוד, בוטשי. ער הויבט שוין אָן צו טראַכטן, אַז ס'קומט אים. פאַרוואָס זאָל אים ניט קומען? אַז ער איז אַ „זעלבסטגעמאַכטער", פון אַן אָרעם אינגל אויף קלינטאָן סטריט דערוואָרבן זיך די גרויסע שטופּע פון אַ צווייטן צום באָס אַליין, צו מאַיק'ן.

בוטשי ווייסט נאָך גאָרנישט וועגן מאַיק'ן. אַן אויסגעפּוצטער, אַן אָפּ־געגאָלטער, אַן אויסגעוואַשענער, גייט ער איצטער אויף קלינטאָן סטריט. ער דאַרף זען זיין מאַמען. ער איז געוואָרן אַ געטרייער זון, בוטשי. ניט נאָר אַ געטרייער זון, נאָר אויך אַ געטרייער ברודער. ער האָט אין ברוקלין אַ שוועסטער, גיט ער איר אויך פון צייט צו צייט אַ היפּשע סומע געלט.

אין קלינטאָן סטריט בוקן זיך אַלע פּעדלערס פאַר אים.

— אַ גוט מאָרגן דיר, בוטשי, — מאַכן זיי מיט דרך ארץ.

— אַ גוט מאָרגן, אַ גוט מאָרגן, — ענטפערט בוטשי גוטמוטיק.

ס'טוט אים באַנג, וואָס זיין נאָמען איז „בוטשי". ער וואָלט געוואָלט האָבן אַן אַנדער נאָמען, וואָס זאָל קלינגען באַלעבאַטישער.

דער טאַטע זיינער, דער חלוש, וויל זיך צו אים נישט גריסן, וויל אים אפילו ניט באַמערקן.

— ווייבער, צוויי פאַר אַ ניקל, קויפט, קויפט, ווייבער, — שרייט ער מיט זיין קראַנקן האַלז און וויל אפילו זיך ניט אומקוקן אויף זיין רייכן, אויסגעפּוצטן זון.

— וואָס מאַכסטו, פּאַ? — פרעגט יענער פריינטלעך.

— ניט דיין עסק, — דרייט דער פּאַ אפילו ניט אויס דעם קאָפּ צו אים.

— וואָס ביזטו אזוי? — וויל בוטשי ניט לײַדן.

— וואָס באַדערסטו מיך? — ווערט דער טאַטע אויפגערעגט. — יוואָס קומסט צו מיר אײַנגאַנצן צוגײן? ווער דאַרף דיך אײַנגאַנצן האָבן?

בוטשי'ן ווערט פאַרשטערט די פרייד פון טאָג. אַלע האָבן אים שוין אָנערקענט, בלויז זײַן אייגענער טאַטע וויל אים ניט אָנערקענען. דער טאַטע, וואָס פלעגט אים קאַטעוועס קליינערהייט, וואָס האָט קיינמאָל ניט אויסגערעדט צו אים קיין פריינלעך וואָרט. בלויז איינמאָל איז ער געווען צו אים גוט. ווען בוטשי, אַלס אַ יונגער אינגל, איז געוואָרן קראַנק און איז געלעגן אין פיבער, געדענקט ער, ווי גוט און מילד זײַן טאַטע איז געווען צו אים. אַ פּאָר ראָלער־סקעיטס האָט ער אים צוגעזאָגט קויפן.

— מירצעשעם, וועסט געזונט ווערן, בוינעם, קויף איך דיר אַ פּאָר ראָלער־סקעיטס.

אזוי האָט אים זײַן טאַטע צוגעזאָגט זייער ערנסט, אָבער ער האָט אים שוין קיינמאָל ניט געקויפט די ראָלער־סקעיטס. פאַרגעסן אין זײַן צוזאָג און איז געוואָרן צוריק בייז אויף אים.

בוטשי גייט אַרויף צו זײַן מאַמען. ער קאָן שוין ניט פאַרליידן די פינצטערניש אין האָל. ער קאָן שוין ניט פאַרליידן דעם טוכלען ריח פון הויז. שוין אַרום דרייסיק יאָר, אַז זיי וואוינען אין דעם הויז. אַלע ווענט זײַנען טראָגעדיק געוואָרן און באַקומען גראָבע בייכער. אַ גרינע סטעליע, פאַרקויטיקטע ביישטידלעך. ער וועט טאַקע איצט איבעררעדן מיט דער מאַמען, זיי זאָלן זיך איבערקלייבן אין אַ שענערער וואוינונג.

— בוינימל, בוינימל, — לויפט אים די מאַמע אַנטקעגן מיט די גע־שוואָלענע פיס.

— מאַמע, וואָס מאַכסטו?

— וואָס זאָל מען מאַכן, זון? די פיס נאָיען מיר.

— וואָס גייסטו ניט צו קיין דאָקטאָר? — זאָרגט ער זיך.

— געווען אין שפּיטאָל, מיר געגעבן אַזאַ זאַלב, אָבער ווייסיך וואָס!

— וואָס גייסטו ניט צו קיין פּריוואַטן דאָקטאָר? נאַ דיר געלט און זע זיך מיט אַ גרויסן דאָקטאָר, — גיט ער איר אַ היפּש בינטל גרינע פּאַפּירלעך.

— אַ דאַנק, בוינעמל. גאָט זאָל דיר געבן געזונט און פּרנסה און ער זאָל דיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן.

אָבער זי וועט ניט גײן אויסגעבן דאָס געלט אויף אַ דאָקטאָר. זי וויל זיך אַפילו ניט איבערקלייבן אין קיין בעסערער דירה. אזוי פיל יאָרן גע־

וואוינט אין דעם הויז, און דאָ וועט זי פּלוצלונג גיין וואוינען ערגעץ אין דער פרעמד.

— וואָס־זשע דען טוסטו מיט דעם געלט? — וויל בוטשי וויסן א רעכענונג.

— איך לייג מיר צונויף דאָס געלט, זון, אַף אַ רעגנדיקן טאָג, טאָמער וועט זיך חלילה עפּעס מאַכן, ס'זאָל זיך ניט מאַכן.

„ניט געוואוינט צו לעבן ווי מענטשן", — קריטיקירט בוטשי אין געדאַנק זיין מאַמען.

— עקסטראַ! עקסטראַ! — צעשרייען זיך פּלוצלונג די ציַיטונגס־פאַרקויפער אַף דער גאַס, — „מאַיק דער טיגער געפונען אַ דערשאָסענער אַף טויט. עקסטראַ! עקסטראַ!"

# בוטשי׳ס לעצטע שעה׳ן

— באהאלט מיך, ברײנע, — איז בוטשי געקומען צולויפן צו זײן שװעסטער פון ברוקלין שװארץ װי די ערד.

— װאס איז געשען? — פאלט אײן דאס הארץ בא דער געטרײער שװעסטער.

— מען זוכט מיך, ברײנע, מען װיל מיך טויטן, — קאן ער קוים כאפן דעם אטעם.

— װער, בוינעם? — װיל זי װיסן.

— פרעג מיך ניט, באהאלט מיך.

זי פירט אים ארײן אין א פינצטערן צימער. א צימער מיט א פענצטער צו א בלינדער װאנט.

— יא, בוינעמל, איך װעל דיך שוין אויסבאהאלטן, — איז זי נאך מערער דערשראקן, װי דער ברודער.

— נא, ברײנע, אט איז געלט, — גיט ער איר אװעק א פולע זשמעניע מיט גרינע פאפירלעך, װאס האבן שוין בא אים קײן שום װערט ניט.

טוט זי א זיפץ, די שװעסטער, און נעמט צו דאס ביסל געלט. זי װײסט פון װאס פאר א קװאל דאס געלט שטאמט, דערפאר זיפצט זי טאקע, אבער זי׳נעמט דאס צו און פארבאהאלט דאס ערגעץ אין א זיכער פלאץ.

אפשר זוכט מען אים גאר אינגאנצן ניט ארום. אפשר האט מען גע־דארפט בלויז מאיק׳ן און אים װיל מען אינגאנצן ניט האבן. אפשר זאל ער קומען צו לוטשי׳ן, פאלן פאר אים אף די קני, אים קושן די פיס, און אים בעטן ער זאל אים לאזן לעבן.

דאס מײדעלע איז אהײם געקומען פון סקול. די מאמע האט איר דער־צײלט, אז דער אנקל איז זײער קראנק, אז ער ליגט אין צװײטן צימער און מען זאל אים לאזן צורו. איז טאקע דערפאר, װאס מען דארף אים לאזן צורו, האט זי אים שוין ניט געלאזט צורו. זיך ארײנגעגנב׳עט צו אים אין צימער, פריער מיט מורא, מיט שרעק און מיט נײגעריקײט, און דערנאך איז זי שוין געװארן זײער הײמיש מיטן אנקל. אן אכט־יאריקע פלימעניצע מיט בלױע אײגעלעך.

זי האט ניט געװאוסט מיט װאס איר אנקל באשעפטיקט זיך. אז אנקל

איז בכלל א געוואלדיקע גויטוועגדיקע זאך. אן אנקל איז א דערוואקסענער, א גרויסער מאן, וואס ברענגט מתנות צו א פלימעניצע שטענדיק, ווען ער קומט צוגיין. אן אנקל שפילט זיך אויך מיט א פלימעניצע, לאכט צו איר און באנעמט זיך צו איר מיט גרויס פריינטשאפט. איצטער אבער איז דער אנקל בוטשי א טרויעריקער און אן אומעטיקער.

— וואס איז דיר, אנקל? דער קאפ טוט דיר וויי? — טאפט זי אים דעם שטערן, ווי א קליין מאמעלע.

בוטשי צעשמייכלט זיך. די גוטסקייט פון דעם קינד צו אים האט אים גאר דערפרייט. ער ווייסט אבער ניט, ווי אזוי צו ריידן צו קינדער. קיינמאל ניט געהאט צו טאן מיט זיי.

— איך וועל דיר קויפן א מתנה, — איז דאס איינציקע, מיט וואס ער קאן איר באצאלן פאר איר גוטסקייט.

— וואס וועסטו מיר קויפן? — וויל זי טרעפן.

— אן אטאמאביל, — זאגט ער און מיינט, אז דאס וועט בא איר זיין געוואלדיק אנגעלייגט.

— אן אטאמאביל? — איז זי אנטוישט.

— וואס־זשע דען זאל איך דיר קויפן? — זעט ער שוין, ווי זי איז ניט צופרידן.

— א פאונטעין פען, אן אמת'ע פאונטעין פען זאלסטו מיר קויפן.

זי האט א שוואכקייט צו פאונטעין פענס, דאס דאזיקע מיידעלע. מחמת די לערערין פארמאגט א שיינע פאונטעין פען, אף א שנירעלע, וועלכע זי טוט אן אפן האלז. זי וועט איר פאונטעין־פען, וואס מען וועט איר קויפן, אויך טראגן אפן האלז מיט א שנירעלע. זי האט זייער ליב צו שרייבן. די בעסטע האנטשריפט אין סקול פארמאגט זי. ווען זי וואלט נאך געהאט אן אמת'ע פאונטעין־פען, וואלט זי נאך בעסער געשריבן.

— איך וועל דיר שוין קויפן א שיינע פאונטעין־פען, — איז בוטשי'ן פרעמד איר פארלאנג. ער האט קיינמאל ניט געוואלט קיין פאונטעין־פענס. ער איז געוועזן גערן, אז ער האט וואס ווינציקער געהאלטן די פען אין דער האנט.

זי רעדט צו אים, זיין קליינע פלימעניצע, פלאפלט מיט איר קלינגענדיק קול'כל. זי דערציילט אים פארשיידענע מעשיות וועגן דער סקול, וועגן דער לערערין, וועגן א געוויסן שלעכטן אינגל, וואס הייסט יודזשין, וואס שפריצט אף איר וואסער, און וואס ווען דער אנקל אירער פאטשט אים אן, וואלט אויך ניט געווען קיין קרומע זאך.

בוטשי'ן איז זייער אנגענעם די קליינע פלימעניצע זיינע, וואָס פלאַפּלט צו אים אַזוי זאַרגלאַז, פאַר וועמען דאָס לעבן איז אַזוי זיכער, בלויז אַ יודזשין, וואָס שפּריצט אַף איר וואַסער, באַאומרואיקט איר. ער וועט אים שוין רעכט אָנפּאַטשן, אָט־דעם שלעכטן אינגל יודזשין.

:: :: ::

אָבער אַז די נאַכט איז געקומען, מען האָט זיך אַלע געלייגט שלאָפן און ס'איז געוואָרן אַזוי שטיל אין דער וואוינונג פון זיין שוועסטער, האָט בוטשי שוין ניט געקאָנט איבערטראָגן די שרעק. דורכן פענצטער האָט מען געהאַלטן אין איין קריכן. דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט פרעמדע יונגען מיט גרויסע רעוואָלווערן אָנגעשטעלט אַף אים. ניט נאָר זיינען זיי געקראָכן דורכן פענצטער, נאָר אויך פון דער סטעליע, פון אונטערן בעט אַרויס, פון אַלע ווענט האָבן זיי זיך אָפּגעטיילט. ער האָט געוואָלט זיך צעשרייען, האָט אים דאָס קול זיינס ניט געדינט, דער אָטעם איז קורצער געוואָרן. די שטימע איז אויסגערונען. זי איז ערגעץ אַנטלאָפן, זיין שטימע, פון גרויס שרעק.

דאָך איז ער אַ ביסל געשלאָפן. עס האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיין גרויסן ווילן צו לעבן אַזאַ גוטער באַרואיקנדיקער געדאַנק, וואָס האָט אים איינגע־רעדט, אַז ער דאַרף ניט מורא האָבן, אַז דאָ בא דער שוועסטער איז ער אַ זיכערער, אַז ס'איז גאָר אינגאַנצן ניט מעגלעך, אַז מען וועט אים טויטן, ווייל ווי קאָן מען אים טויטן? אַז ער וויל גאָר אַזוי שטאַרק לעבן. ס'האָט אים איינגעשטילט, איינגעשלעפערט, און אין דעם דאָזיקן קורצן שלאָף האָט ער דערזען אַ גרויסע פריידיקע וועלט: אַ וועלט, וואו מען שפּאַנט איבער די גאַסן אָן שום מורא, אָן שום שרעק, וואו יעדער איינער גריסט זיך צו דיר. יעדער איינער איז אַ גוטער פריינט. יעדער איינער וויל בוטשי'ן בלויז גוטס טאָן. ער וויל זיי אַלעמען אויך בלויז גוטס טאָן. אַפילו זיין טאַטע איז געוואָרן גוט צו אים. ער זידלט אים ניט, ער שעלט אים ניט. ער גייט מיט אים שפּאַצירן, דער טאַטע, איבער וויליאַמסבורג בריק און זאָגט צו אים:

— זעסט, מיין זון בונעם, דאָס איז דער טייך, וואָס פאַלט אַריין אין ים אַריין. אַלע טייכן פאַלן אַריין אין ים אַריין, — דערקלערט ער אים. — זעסטו אָט די הויכע הייזער? די רייכסטע מענטשן פון אַמעריקע האָבן זיי אויפגעבויט. וועסט מירצעשעם אויך זיין רייך, מיין זון בוינעם, ווייל דו ביזט געבוירן געוואָרן אין דעם דאָזיקן גליקלעכן לאַנד, אין אַמעריקע. אַז דו וועסט רייך ווערן, מיין זון בוינעם, זע זשע בלי שום תירוץ אויפצובויען אַזאַ הויכן מויער.

דערנאָך האָט ער זיך געזעגנט אַלס דער געזעצלעך־פאַרהייראַטער מאַן פון דער געפּאַקטער טילי׳ן. ער פירט זי איבערן פּאַרק געאַרעמט, און אַלע מענטשן שמייכלען צו אים. פון דעם וואָס ער האַלט איר ווייכע וואַרעמע האַנט, ווערט אים אויך וואַרעם און אַזאַ מין גרויסע פרייד אויסגעמישט מיט אַ זיסער שטעכעניש. זי הויבט זיך אין אים, די פרייד, און ווערט פולער און פולער. ער קאָן אַזש ניט אָטעמען. דאָס גאַנצע לייב ווערט אָנגעלאָדן און קרעפטיק טאַקע מיט דער דאָזיקער פרייד געמישט מיט אָט דעם זיסן פּיין. ער האַלט זי שוין ניט בלויז באַם אָרעם, זיין טילי׳ן, ער האַלט זי אַרומגענומען אַרום גאַנצן קערפּער. ער קאָן שוין ניט אויסהאַלטן דעם דאָזיקן גרויסן עקסטאַז. ער מוז אַ געשריי טאָן פון גרויס גענוס און וואוילזיין. ער גיט זיך אַ צעטרייסל, ער גיט זיך אַ צעשליידער און ס׳באַגעגנט אים אַ טיפע שווידערלעכע פינצטערניש מיט טויזנטער אויגן. זיין לייב איז נאַס, זיין אָטעם — שווער. אָנשטאָט דאָס בענקל מיט זיינע קליידער, שטייט אַ מאַן מיט אַ פּיסטאָל. די פינצטערניש קנאַלט מיט פייער. ער הויבט אָן צו רעווען.

— שוועסטער בריינע, שוועסטער בריינע!

:: :: ::

פאַרטאָג איז בוטשי אַוועק פון שוועסטער׳ס הויז. ער האָט געבלאָנדזשעט איבער די ווייטסטע און פאַרוואָרפענע גאַסן אין ברוקלין. ער האָט אין אַ שמאָל געסל דערזען אַ צעטל אַף אַ טיר: „רום טו לעט”. איז אים איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק, ער וועט דאָ דינגען דעם צימער און אַהערצו וועט מען שוין זיכער ניט טרעפן.

די אַלטע פרוי האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר דעמדאָזיקן הויכן מאַן מיטן באַוואָקסענעם פּנים, מיט די קאַלאַמוטנע אויגן, מיט די איינגעפאַלענע באַקן. זי האָט אים ניט געוואָלט האָבן פאַר אַ באָרדער, אָבער אַז ער האָט איר געשטופּט אין דער האַנט אַריין דאָס געלט, צוויי מאָל אַזוי פיל, וויפיל זי האָט אים אָנגעבאָטן, האָט זי שוין ניט געקאָנטביישטיין דעם נסיון.

ווי נאָר בוטשי איז אַריין אין דעם פרעמדן צימער, האָט אים גלייך געכאַפּט דער מאָגן. ער האָט, דאַכט זיך, גאָרניט געגעסן, און ס׳האָט אים געטריבן. ער איז אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון דעם, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט האַלטן אַף די פיס.

די אַלטע פרוי אין צווייטן צימער האָט געהערט, ווי ער איז אַלעמאָל געלאָפן אין וואַש־צימער, און זי האָט געטראַכט, אַז עפּעס אַן אָנשיקעניש

האָט צו איר געטראָפן. דאָס אַליין, וואָס ער האָט באַצאָלט צוויי מאָל אַזוי פיל וויפיל זי האָט פאַרלאַנגט, האָט זי נאָך מער געשראָקן. זי האָט שוין מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון הויז, כל זמן דער פרעמדער געפינט זיך אינעווייניק. זי וועט שוין וואַרטן ביז איר זון וועט זיך אומקערן פון דער אַרבעט, וועט מען זיך שוין זען אַן עצה האַלטן.

שפּעט אין טאָג האָט דער פרעמדער מאָדנער פאַרשוין אויפגעהערט צו לויפן אין וואַש־צימער. ס'איז דאָרטן געוואָרן שטיל באַ אים אין צימער און די אַלטע פרוי האָט זיך מחיה געווען, וואָס ס'איז שוין געוואָרן שטיל. זי האָט שוין געטראַכט, אַז זי קאָן שוין איצט צולויפן אין גראָסערי אַף אַ פּאָר מינוט איינקויפן אַף וועטשערע.

זי איז פאַרזיכטיק אַרוים פון הויז, אַוועק אין גראָסערי. אָבער אפילו ווען זי איז שוין געווען אין גראָסערי, האָט זי אויך ניט אָפּגעקערט איר פּנים פונעם הויז, וואו זי וואוינט. געהאַלטן אין איין קוקן צו יענעם פענצטער, וואו דעם באָרדער'ס צימער געפינט זיך. איז דאָרטן געווען שטיל און רואיק. שכנות זיינען געקומען איינקויפן און מען האָט זיך צערעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן. אַזוי האָט געדויערט אַ היפּשע ווילע און זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

בלויז אַריינקומענדיק אין הויז, האָט זי שוין גלייך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט מיט איר באָרדער. ס'האָט זי אָנגעהויבן צו שטיקן און צו בייסן אין האַלז. ס'האָט זיך איר אָנגעהויבן צו דרייען דער קאָפּ. זי איז צו צום פענצטער און אָנגעהויבן צו שרייען אין דרויסן אַרוים: גוואַלד! גע־וו־וו־אַ־לד!

:: :: ::

דערנאָך זיינען שוין אַרוים די צייטונגען מיט גרויסע „קעפּ”: „בוטשי דער אָקסן־האַלז געפונען געוואָרן אין אַ ברוקלינער הויז טויט פון גאַז”. „באַנאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב שרעק, אַז ער וועט האָבן דערמוזעלבן סוף, וואָס מאַיק דער טיגער האָט געהאַט”.

# ער שרייט געוואַלד...

פיר וועגן באַגעגענען זיך לעבן גאַראַדזש. איינער פון זיי איז דער גרויסער וועג, וואָס קאָן אָוועקפירן וויִיט־ווייט, אַזש ביז קיין לאָס אַנדזשעלעס. די איבעריקע וועגן זיינען אָפּצווייגן, וואָס פירן אין די נאָענטע שטעטלעך פון דזשוירזי סטייט.

אַכט חברה־לייט האָבן זיי געאַרבעט אַרום גאַראַדזש, זיינען זעקס פון זיי גליַיך זיך צעלאָפן, געבליבן איז בלויז בעניטאָ מיט אַ יונגן אינגל, וועמען ער האָט גערונגען פון אַ שכנ׳ישער פאַרם אַלס אַ העלפער. האָט דאָס אינגל פון גאָרניט ניט געוואוסט. אַ דינער און אַ הויכער פּוילישער בחור. אַ פאַר־גאַפטער אַזאַ און אַ פאַר׳חידוש׳טער.

אָנהויב פרילינג. זוניקע גאָלדענע טעג. די לופט איז געווירציק. אַלע פעלדער אַרום גאַראַדזש גייען שוין אויף מיט אַ יונגער בליאונג.

אָטאָמאָבילן פון אַלע עקן לאַנד האַלטן אין איין דורכשמייסן. זיי שניידן דורך די לופט מיט אַ שאַרפער און דינער געסווישטשעריי.

אפשר וואָלט בעניטאָ געדאַרפט אַנטלויפן און איבערלאָזן דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס הפקר צו פרעמדע מענטשן. אָבער אין גאַראַדזש און אינ־דרויסן שטייען אַזוי פיל מאַשינען, וואָס דאַרפן אים, בעניטאָ׳ן. זיי דאַרפן אים ער זאָל זיי גוט אויסקלאַפּן, אויסגלעטן, אויסשניידן די קאַליע ערטער, אַריינשטעלן געזונטע איברים.

ער וועט שוין בלייבן אַפן אָרט. ער קריכט אַרונטער אונטער אַ מאַשין. ער קלאַפּט אויס מיטן האַמער די מאַשינעריע און ער ברומט זיך אונטער אַ ניגונ׳דל, וואָס ער האָט ניט געוואוסט זיין באַדייט. דאָס ניגונ׳דל האָט ער איבערגענומען פון זיין טאַטן. ווען יענער איז געווען אומעטיק, פלעגט ער זיך אונטערזינגען: „פאַריקאַסאַ באַנדאַלינאַ, זיג, זיג, זיג". אפשר האָט בעניטאָ ניט ריכטיק איבערגענומען אָט דאָס לידעלע. אפשר האָט ער צעדרייט די ווערטער. אָבער ס׳האָט געהאָלפן, ווי אַ שפּרוך אַזאַ, ווען בעניטאָ האָט געקלאַפּט מיטן האַמער און זיך אונטערגעזונגען: „פאַריקאַסאַ באַנדאַלינאַ, זיג, זיג, זיג".

:: :: ::

באנאכט האָט בעניטאָ ניט געקאָנט שלאָפן. ער האָט זיך ארומגעדרייט ארום דעם גאראדזש, געקוקט צו די קילע שטערן אין הויכן הימל, געקוקט צו די טויזנטער פייערלעך, וואָס האָבן זיך געמיניעט אין די פענצטער פון די צעוואָרפענע פארמס ארום־און־ארום. ער האָט זיך צוגעהערט צום צישען פון די יאָגנדיקע אָטאָמאָבילן אף אלע פיר וועגן און געבענקט נאָך גוטע מענטשן, נאָך אזוינע מענטשן, וואָס וועלן אים ניט טאָן קיין שלעכטס, נאָך אזא מענטשן ווי, א שטייגער, זיין טאטע, וואָס וועט קיינמאָל ניט וועלן ווי טאָן אים, בעניטאָ'ן.

אזא גרויסער גאראדזש פינצטערט זיך צווישן דער נאכט. וואָס האלט אים דאָ צו, דער דאָזיקער גרויסער גאראדזש? ער פארמאָגט איצט, בעניטאָ, א סך מזומן אין קעשענע. לאָז ער אוועקגיין איצט־אָ אין דער פינצטערניש פון דער נאכט אין א וויטער פרעמדער שטאָט. פארוואָס־זשע גייט ער טאקע ניט אוועק? ער קאָן ניט. ס'איז זיין גאראדזש. ער איז דער באלעבאָס איבער אזוי פיל קערפערס־מאשינען, וואָס ווארטן אף אים, דעם באשאפער, ער זאָל אין זיי אריינבלאָזן אָטעמס. זיי זאָלן ווערן לעבעדיק. זיי זאָלן אָנהויבן רוישן, זיי זאָלן אָנהויבן לויפן, לויפן.

אָ, צוויי מענטשן קומען אָן פונדערווייטנס גלייך אף אים. צוויי היימישע פנימ'ער. ס'איז מאיק און בוטשי. זיי האלטן די הענט איינער אף דעם אנדערנס אקסלען און אזוי גייען זיי אף אים. ער וועט זיי לויפן אנטקעגן און וועט זיך גוט אויסוויינען פאר זיינע ליבע חברים...

ער שלאָפט, ווייזט אויס, שטייענדיק, בעניטאָ. אינמיטן פעלד שטייט ער ניט ווייט פון גאראדזש און הוידעט זיך אין דער פינצטערניש. וויגט זיך אזוי און ווייט ערגעץ ארום שושקען זיך אלע וועגן וועגן אים, בעניטאָ'ן, וואָס איז פאר'משפט צום טויט.

א מאשין מיט גרויסע ליכטיקע פראָזשעקטאָרס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן גאראדזש. מענטשן זיינען אראָפּגעקראָכן פון דאָרטן און געקלאפּט אין טיר פון גאראדזש, אין פענצטער פון זיין צימער, וואָס איז געווען צוגעבויט צום גאראדזש. בעניטאָ איז געשטאנען פונדערווייטנס און מורא געהאט צוגיין נאָענט. זיי האָבן געקלאפּט און זיך אוועקגעפאָרן.

שטיל איז די נאכט. מיט א פארהאלטענעם אָטעם הערט זי זיך צו, ווי בעניטאָ ליידט; קוקט זיך איין, ווי בעניטאָ שטייט אזוי אינמיטן פעלד און שלאָפט זיך אזוי שטייענדיקערהייט.

:: :: ::

צוויי טעג זיינען אזוי פארביי און בעניטאַ לעבט נאָך אַלץ, אפשר וועט ער שוין אזוי לעבן. ער וועט זיך מאכן טאמעוואטע צו דער געפאר, און אַזוי טאמעוואטערהייט פארבלייבן באַ דעם גאראדזש און אים אָנפירן אַף ווייטער מיט אַ קלוגער דערפארענער האנט. אפשר וועט ער אזוי ארום פארגעסן ווערן פון דער אונטערוועלט. בעניטאַ וועט ווערן אַן אָנגעזעענע, וויכטיקע פערזאָן אין דעם געגנט. וועט ווערן בארימט אַלס דער בעסטער אָטאָמאָביל־מעכאַניקער אַף מיילן און מיילן ארום.

ער מאכט זיך טאמעוואטע, בעניטאַ. ליגט זיך צעלייגט אונטער אַ מאשין מיטן פנים ארויף, דרייט און קלאַפּט. זיינע אויערן לאָזן ניט אַפּ דעם גערויש פון יעדן דורכפאָרנדיקן אָטאָמאָביל. זיינע אויערן ווייסן שוין וואָס פאַר אַ מאשין פאָרט מיט גוטע כוונות און וואָס פאַר אַ מאשין טראָגט זיך מיט בייזע געדאנקען. ער פארשטייט די שפראך פון יאָגנדיקע רעדער. ער פאַר־שטייט דעם גאנג פון די וועגן.

אזאַ שיינער יונגער פרילינג־טאָג קומט ארוים פון וואלד און צעלייגט זיך אַף דעם גרויסן ברייטן וועג, וואָס ציט זיך ווייט־ווייט איבערן לאנד און פארפירט אזש ביז קיין לאָס אַנדזשעלעס. „פאַריקאַסאַ, באַנדאַלינאַ, זיג, זיג, זיג", קלאַפּט בעניטאַ מיטן העמערל. ס'ווערט גוט אַפן הארצן, ס'ווערט פארגעסן די געפאר אין דעם ריטמישן קלאַפּן פון העמערל.

אָבער פּלוצלונג ווערט פארפרוירן די האנט. דאָס העמערל גיט דעם לעצטן קלאַפּ און ס'ווערט שטיל. זיינע אויערן האָבן פארנומען אַ פאַר־דעכטיקן גערויש פון אַ געוויסער מאשין, וואָס קומט אָן נעענטער און נעענטער. ער רוקט זיך ארוים פון אונטער דעם אָטאָמאָביל. ער שמייכלט צו זיין פוילישן ארויסהעלפער מיט גרויסע ווייסע ציין. ער לאָזט זיך אריין אין גאראדזש. ער קריכט אריין אין אַ גרויסער מאשין, וואָס שטייט פארדוקט צווישן די צענדליקער מאשינען. דער פוילישער בחור זעט, וואָס דער באַלע־באָס זיינער טוט, און ער דערשרעקט זיך שטארק. ס'ווילט זיך אים אַליין אויך ארייַנקריכן ערגעץ אין אַ מאשין און ליגן דאָרטן אזוי פארשטעקט.

דריי הויכע יונגען מיט מערדערישע פּנים'ער פרעגן זיך באַם פוילישן בחור אַף בעניטאַ'ן. פון דערשרעק בלייבט באַ יענעם דאָס מויל אָפן און ער קאָן דאָס ניט פארמאכן.

— וואו איז בעניטאַ? אַ טאַיער האָט געפּלאַצט אין אונזער אָטאָמאָביל.

— מאכט איינער צו אים בלומרשט כיטרע.

די איבעריקע צוויי לאָזן זיך איבערן גאראדזש. שנעל און פלינק כאַפּן זיי ארום יעדער פּיצעלע אינעווייניק. מען לויפט צום אָפיס, מען רייסט אויף

די טיר. מען נישטערט און מען זוכט. מען קוקט אריין דורך די פענצטער פון די אָטאָמאָבילן, וואָס שטייען אויסגעשטעלט איינער לעבן אַנדערן אינעווייניק אין גאראַדזש. איינער גיט אַ וואונק צו די איבעריקע מיט קלוגשאַפט אין זיינע אויגן. ער איז אַ קלוגער, יענער וואָס האָט דער ערשטער דערזען דורך אַ פענצטערל די איינגעקאָרטשעטע פיגור פון בעניטאָ'ן אינעווייניק אין אַ פאַרשטופטן אָטאָמאָביל.

ס'גיבן זיך אַ צעקנאַל דריי גרויסע רעוואָלווערן, ס'גיבן אַ הילך אָפּ אַלע ווענט. ס'יאָגט אַוועק דער פרעמדער אָטאָמאָביל מיט די דריי מערדער־יונגען. ער שרייט געוואַלד, דער פוילישער ארויסהעלפער, אין ליכטיקן אינדרויסן צו אַלע פאַרביי־יאָגנדיקע מאַשינען...

# דאָרטן האָבן זיי אים טאַקע געפּאַקט

מויש דאַרף זיך באַהאַלטן און ער ווייסט ניט וואו. וועגן אָפּפאָרן פון ניו יאָרק טראַכט ער אפילו ניט. פאַר מויש'ן איז אויסער ניו יאָרק ניטאָ שוין מער קיין וועלט. ער איז אָפטמאָל געוועזן אויך אין פילאַדעלפיע און אין אַנדערע שטעטלעך אַרום, אָבער ס'איז אויסגעקומען ווי אין אַ חלום. די ריכטיקע ממשות'דיקע וועלט הויבט זיך אָן פאַר אים בלויז אין ניו יאָרק. זיין ניו יאָרק איז ניט די וועסט-סאַיד, ניט בראָנקס און ניט ברוקלין, אָדער אַן אַנדער טייל פון דער גרויסער ריזיקער שטאָט; זיין ניו יאָרק איז דאָרטן, וואו קלינטאָן סטריט געפינט זיך: דער איסט-ריווער, וויליאַמסבורגער בריק, דזשאָו'ס ספּיק-איזי און די נאָענטע גאַסן אַרום.

ער גייט אַרום אָן אַ היטל, מויש. ער האָט ערגעץ פאַרלוירן זיין היטל, בלאָנקעט ער אַרום מיט אַ הוילן קאָפּ, מיט צעטומלטע לאַנגע אויערן, מיט אַ פאַרוואַקסענעם פּרישטשעוואַטן פּנים און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען.

באַנאַכט האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ פאַרלאָזענער באַרזשע אַפן איסט-ריווער. געלעגן דאָרטן אַן איינגעקאָרטשעטער און זיך געלאָזט וויגן פון די וואַסערן אין דער פייכטער פינצטערער וועלט מיט די מיליאָנען פייערלעך אַרום און אַרום.

ניו יאָרק האָט געהאַלטן אין איין רעדן צו אים מיט מילי-מיליאָסן רייד און ער האָט קיין איין וואָרט ניט פאַרשטאַנען. ער האָט קיינמאָל גאָרניט פאַרשטאַנען. אַזוי איז ער שוין געבוירן געוואָרן אַ ניט-פאַרשטייענדיקער אין זיין קלינטאָן סטריט. געזען טראַמוויען, עלעווייטאָרס, סאָבווייען, מויערן וואָס גרייכן צום הימל, מאַשינען, עלעקטריק, ראַדיאָ, ריידעוודיקע מואווי-בילדער, און האָט גאָרניט פאַרשטאַנען פון וואַנעט עס נעמט זיך. געמיינט, אַז ס'איז שוין שטענדיק געווען אַזוי פון זינט די וועלט שטייט. פאַר אים, איידער ער איז געבוירן געוואָרן, איז נאָך ניט געווען קיין וועלט. די וועלט האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמען מיט אים. מיט אים איז אויך געוואָרן מאַיק, היימי, בוטשי, לואי, בעניטאָ. מיט מאַיק'ס טויט איז אַף דער וועלט געשען אַ שוידערלעכע קאַטאַסטראָפע, און ער ווייסט שוין ניט ווי אַזוי די וועלט וועט איצט אָנגיין.

געבוירן געוואָרן איז ער אין דער גרויסער ברומעניש פון ניו יאָרק,

אין דער איילעניש און יאָגעניש פון צענדליקער טויזנטער מענטשן. אַלע טעג און אַלע נעכט — זיינען גאַלע ברומעניש און גאַלע געיעג און געלויפעריי.

ער האָט קיינמאָל אַף זיין לעבן ניט געזונגען קיין לידער. ער האָט אָפט געהערט, ווי די מאַמע זיינע ברומט אַ ניגונ׳דל, ווי זיין שוועסטער מרים זינגט אַ לידל, האָט דאָס אים אָנגערירט, אָבער אַליין האָט ער ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מען טוט דאָס. טאַראַראַ־בום־טי־איי איז געווען דאָס איינציקע געזאַנג, וואָס ער האָט געקאָנט אויסזינגען.

פרויען האָט ער ניט ליב געהאַט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מען האָט זיי ליב. אַז ער איז געגאַנגען מיט דער חברה צו פרויען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז בלויז חוזק צו מאַכן פון זיי. דער גאַנצער פּראָצעס פון זיין מיט אַ פרוי איז בײַ אים געווען הוילער חוזק, „פאָן״ אַזעלכער.

ליב געהאַט האָט ער בלויז זיין חבר מאַיק׳ן. מילד איז ער אויך געווען צו זיין שוועסטער מרים׳ען, וואָס פלעגט צו אים ריידן מיט אַ גוט קול, וואָס האָט געזאָרגט וועגן אים, ווען ער איז געווען קראַנק, וואָס פלעגט פאַר אים דערוואַרעמען די וועטשערע, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט.

כליאַפּ, כליאַפּ גיסן זיך די וואַסערן צו די ווענט פון דער באַרזשע. מויש שטייגט אַרויף מיט איר, לאָזט זיך גלייך אַראָפּ, און זיין ניו יאָרק רעדט צו אים מיט מילי־מיליאַסן רייד.

הריטשעט ער, מויש. ער וויינט. ער וויל, מען זאָל האָבן רחמנות אַף אים. קיינער אָבער אין דער דאָזיקער פרעמדער פינצטערניש האָט ניט רחמנות אַף אים.

:: :: ::

ס׳איז געוואָרן ליכטיק. דער טאָג האָט אים געצויגן צו זיין בלאָק. עס האָט זיך אים פאַרגלוסט אַריינאָטעמען דעם ריח פון זיין היים, דעם ריח פון באַנאַנעס, צוגעפוילטע עפּל, פאַרלעגערטע באַרן, געבראָטענע סוויט־פּאָטייטאָס, דאָס האָוועניש און קאָכעניש. ס׳האָט אים אַזש פאַרכאַפּט דאָס אָטעם פון גרויס גלוסטעניש ווען ער איז אָנגעקומען אַף דער גאַס, וואו ער איז געבוירן געוואָרן.

דאָרטן האָבן זיי אים טאַקע געפּאַקט.

ניט ווייט פון דעם הויז, וואו ער האָט אַמאָל געוואוינט, איז ער געפאַלן מיטן פּנים צו די היימישע שטיינער פון קלינטאָן סטריט.

## לואי און שוירלי

לואי האָט זיך ניט געקאָנט טרייסטן. בּאַ דער אַרבּעט שטייענדיק מיט דער בּאַרשט און שמירנדיק אַ וואַנט, זיינען אים פון צייט צו צייט די אויגן אָנגעגאָסן געוואָרן מיט טרערן. ער האָט זיך געוואָלט צעבּליפּען און זיך גוט אויסוויינען נאָך זיינע אומגעקומענע חברים, מיט וועלכע ער האָט געלעבּט אַלע זיינע יאָרן.

לואי דער פּעינטער און זיין ווייבּ שוירלי וואוינען אין צוויי צימערן. איז וואַרעם דאָרטן און זיכער. זייער בּעט, וואָס שטייט אַ הויכס, אַ ציכטיקס, און אַ ווייס, איז דער קוואַל פון וואוילזיין. פון דאָרטן שפּרייט זיך די וואַרעמקייט און די זיכערקייט צו יעדער שטיקל מעבּל, צו יעדער שטיקל כּלי, אַפילו צו די פאַרהענגלעך דערגרייכט עס.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען דער וויטיק נאָך זיינע חברים און נאָך זיינע פריערדיקע יאָרן איז אָנגעקומען אַ שאַרפער און אַ קלאָרער און לואי האָט זיך צעבּליפּעט. שוירלי האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט גרוים דערשרעק. ס'ערשטע מאָל, וואָס זי הערט אים וויינען. זי האָט שוין אָבּער גלייך פאַרשטאַנען. אַ הייסע, אַ צעוואַרעמטע פון שלאָף, האָט זי אים אַרומגענומען און ס'האָט לואי'ן דער אָטעם פאַרכאַפּט. ער האָט שוין ניט געקאָנט וויינען נאָך זיינע חברים, ווייל די גאַנצע וועלט איז אין דער מינוט געוואָרן זייער גרוים און בּרייט. ס'זיינען ניט געווען קיין הייזער, ניט קיין ווענט, ניט קיין זאַכן, ניט קיין בּעט, ס'איז געווען אַ גרויסע פרייד, וואָס האָט זיך געשפּרייט און געצויגן און אָנגעפילט דאָס גאַנצע לעבּן.

## בּעסי

אָפּגעוואַשן אַלע טרערן. אַ בּרודער מיט אַ שוועסטער האָט פאַרלוירן דאָס דאָזיקע הויז, געבּליבּן זיינען בּלויז צוויי קינדער: מרים און ליוסי, און אַ מאַמע, וואָס „פאַרט שוין פון יאַריד". די מאַמע, וואָס פאַרט שוין פונעם יאַריד, האָט זיך פאַרטאַיעט און זיך איינגעהערט שטילערהייט צו אירע טעג, וואָס פירן זי צום סוף......

# ליוסי

איר אייגענער אומגליק, דער טויט פון איר שוועסטער און פון איר ברודער, האָט ליוסי׳ן אַנגעשראָקן ביז גאָר. זי איז געוואָרן אַזאַ שטילינקע און געהאָרכזאַמע. גיט געוואָלט אָפּטרעטן פון מענדל׳ען, זיך געטוליעט צו אים, צו דעם איינציקן, וואָס גיט איר אַן אָנהאַלט. אַזוי לאַנג שטיל און געהאָרכזאַם געווען, ביז זי האָט אים אַריינגעפּאַקט. ער איז געוואָרן אירער. און אַז ער איז געוואָרן אירער, האָט זיך אויפגעוועקט די אַמאָליקע ליוסי, די אָפּלאַכערקע, די אָפּשפּעטערקע. זי האָט אויך אָנגעהויבן אָפּצולאַכן און אָפּצושפּעטן פון מענדל׳ען, פון זיין קליינעם וואוקס, פון זיינע ברילן, פון זיין קורצזיכטיקייט. אין איר אָפּלאַכן און אָפּשפּעטן איז געווען אַ סך ליבשאַפט און שטאָלץ. אַ שטאָלץ, וואָס דער דאָזיקער קלוגער, היימישער פאַרשווינדל איז אירער; אַ ליבשאַפט, וואָס ער טראָגט אריין אַזוי פיל פריילעכקייט אין איר לעבן, וואָס ער פירט זי אריין אין אַ פאַרשטענדלעכער וועלט, וואָס ער וועקט אין איר אויף אַלע כחות צו זיין אַקטיוו און ווירקנדיק צווישן די מענטשן פון איר גלייכן.

# דער סוף און דער אָנהויב

שמייכלען זיי ביידע אַף דעם וויליאַמסבורג בריק. אַ גרויסער בלויער פרילינג שפּרייט זיך אונטערן הימל אַף אַלע דעכער פון ניו יאָרק.

שטיקלעך גאָלד בליצן אַרויס פון מרים׳ס קופּער־רויטע האָר. אירע אויגן, אויסגעקוקשטע פון דער ליכטיקייט, קוקן אַף מאיקל׳ען מיט גרויס וואונדער, אַקוראַט ווי זי וואָלט אים איצט דערזען צום ערשטן מאָל. זי זיצט אַף אַ באַנק און ער שטייט מיט פאַררייסענע אויגן צו די הויכע רייזן־מויערן אַפן ברעג.

— פאַרוואָס זעצסטו זיך ניט לעבן מיר, מאיקל?

ער וויל שטיין, ער וויל קוקן אַף ניו יאָרק, אַף זיין שיינעם, פּראַכטפולן ניו יאָרק.

— שטעל זיך אויך אויף, מרים, און קוק ווי עס שפּרייט זיך די גרויסע, גרויסע שטאָט.

יאָ, זי זעט, מרים, ווי עס שפּרייט זיך די וואונדערלעכע שטאָט, ווי דער פרילינג ציט גאָלד פון די מיליאָנען פענצטערלעך אין די הויכע ריזיקע הייזער, ווי עס גיסט זיך זון אַף אַלע דעכער.

— וואָס שווייגסטו איצט, מאיקל? און פאַרוואָס ביזטו אַזאַ פאַרטראַכטער?

— עס טראַכט זיך וועגן אונז, די אַמעריקאַנער־געבוירענע אינגלעך און מיידלעך, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אַף די שטיינער פון דער איסט־סאַיד אין די צענדליקער טויזנטער. עס טראַכט זיך וועגן אַלע אַרבעטער־מענטשן, וואָס האָבן זיך אַהער געצויגן פון אַלע לענדער און האָבן אויפגעבויט אונזער מעכטיקע און שיינע אַמעריקע.

מאיקל האָט זי אַרומגענומען בײַ דער טאַליע און מרים האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער ערד. מאיקל טראָגט זי אַוועק. זי הערט בלויז דאָס געזאַנג פון זיין יונגער שטימע, וואָס דערציילט איר, אַז אויב זייערע לעבנס וועלן ניט פאַר־

לווירן גיין אין די יאָרן פון די גרויסע קלאַסן־שלאַכטן, וועלן זיי נאָך זען אַ נייע איסט־סאַיד.

אינמיטן דער איסט־סאַיד וועט מען אויסלייגן איין גרויסן וואַלד מיט טייכלעך, מיט וועלדעלעך, מיט גערטנער, מיט בלומען־פעלדער, מיט מוזייען, מיט פּאַלאַצן פון רו און שפּיל. קינדערלעך אין די צענדליקער טויזנטער וועלן אַרומלויפן אין די גרינע גערטנער. מאַמעס פריידיקע און לויכטנדיקע, טאַטעס שמייכלענדיקע און זאָרגלאָזע וועלן זיצן נאָך דער אַרבעט אין גרויסער רו אַף די בענק. איבער אַלע אַלייען, אַ יונגנט, וואָס וועט פאַרהילכן אַלע בוימער.

---

(סוף)

# פּאַרטייטשער
## פון די ענגלישע ווערטער

כאַווער-פאַווער — גלאָסאַר — 1.

אָ דזשי — אַ יעזוס.

אייז-קרים — פאַרפרוירנס, געמאַכט פון דער פעטסקייט פון מילך און באַזיסט.

„אָ קעפּטעין, מאַי קעפּטעין" — אָ קאַפּי-טאַן, מיין קאַפּיטאַן.

אָוועראָלס — אַרבעטס-קליידער.

אינפאָרמעישאָן-דעסק — אינפאָרמאַציע-טיש.

איסט-סאַיד — מזרח-זייט פון דער שטאָט ניו יאָרק, וואו די מערסטע אָרעמע אימיגראַנטן וואוינען.

איסט-ריווער — אַ טייך, צווישן ניו יאָרק און ברוקלין.

„איים" — דער העכסטער צייכן פאַר גוט לערנען זיך.

אַלראַיט — אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין.

אָלד-באָי — אַלטער גוטער-פריינט.

אַסעמבלי — שטאָט-ראַט.

אָפּעריטאָר — אַ שטעפּער. דער וואָס אָפּערירט מיט אַ מאַשין.

אָלד-קאָונטרי— דאָס אַלטע לאַנד, מיינענדיק אייראָפּע.

אַמבולאַנס — דער אָטאָמאָביל פון גיכער-הילף.

אָפּים — קאַנצעלאַריע.

אַפּיל — ווענדונג.

אָשער — אַ מאַן אין אַ טעאַטער, וואָס ציינט אָן דעם פּלאַץ צו די צושויער.

אָ-קעי — זייער גוט.

באָט — אָבער.

באַמבינאָ — קינד אין איטאַליעניש.

באַדער — דולעניש.

באַרבער — שערער.

באַוערי סעיווינגס בענק — אַ באַרימטע באַנק אין ניו יאָרק.

באַי, באַי — זוי, זוי — מיינענדיק זייט געזונט, אָדער אַ גוטן טאָג.

באָי — אינגל.

באָל — פּילקע, גומענער אָנגעבלאָזענער קייקל.

באָנדלעך — בינטלעך, פּעקלעך מיט אַרבעט.

באָארד אָוו עדיוקיישאָן — בילדונגס-ראַט.

בוטלעגער — דער וואָס האַנדלט אומגעזעצלעך מיט אַלקאָהאָל-געטראַנקען.

ביגל-ברעט — די ברעט, אַף וועלכער מען פּרעסט.

בויערי — אַ גאַס אין ניו יאָרק, וואו עס דרייען זיך אַרום די אָרעמסטע, דער אָפּפאַל פון דער מענטשהייט.

באָס — באַלעבאָס.

בלאָק — קוואַרטאַל.

בעיז-באָל — אַ באַליבטע קאָלעקטיווע שפּיל אין אַמעריקע פון שלאָגן די פּילקע.

באָראָס — דיסטריקטן. ניו יאָרק ווערט צעטיילט אַף פינף באָראָס: מאַנהעטן, ברוקלין, בראָנקס, קווינס און ריטשמאָנד (סטעטן איילאַנד).

ביזנעס — געשעפט, מסחר.

ביזי — פאַרנומען, באַשעפטיקט, געפּאַקט, ס'טוט זיך, מ'טוט אַ סך מסחר, זייער לעבעדיק.

בראָנקס-ריווער — דער טייך, וואָס געפינט זיך אין דער בראָנקס.

באָרדער— אַ קוואַרטיראַנט, אַ קאַמערניק.

בעלוויו-האָספּיטאַל — איינער פון די גרעסטע שטאָטישע שפּיטאָלן.

גאַז — אַ כעמישער ברען-שטאָף, וואָס ווערט באַנוצט אין די הײמען אַלס הײצונג- און באַלײכטונג-מיטל.

גאָלף-זאָקן — אַזױנע זאָקן, וואָס די רײכע באַנוצן ספּעציעל ווען זײ שפּילן די פעלד-שפּיל גאָלף.

גאָרילאַ — דער נאָמען פון אַ געוויסן מין מאַלפּעס. גאָרילאַ-פּנים — אַ ברוטאַל פּנים.

גוד-באַי — זײט געזונט, אַ באַגריסונג ווען מען גײט אָפּ.

גוד-איווניגג — אַ גוטן אָוונט.

גוד-טאַים — אַ גוטע צײט, מײנענדיק, אַז מען פאַרברענגט זײער גוט.

גענג — אַ באַנדע.

גענגסטער — באַנדיט.

געסאָפּערט — געליטן.

גראָסערי — אַ שפּײז-קראָם.

גרענד-סענטראַל— אײנער פון די הױפּט-וואָקזאַלן אין ניו יאָרק.

גאַראַדזש — דאָרט וואו מען מאַכט צורעכט אָטאָמאָבילן.

ברעיד — גראַד.

גרעיד „איי" — דער בעסטער גראַד.

דאַבל-קראָסער — אַ דאָפּלטער מסור, פאַררעטער.

דאַים — אַ מטבעה פון צען סענט.

דאַון-טאַון — די אונטערשטע טײל פון שטאָט.

דזשאַב — אַן אַרבעט, אַ שטעלע.

דזשוניאָר — יונגער.

דזשעניטאָר — אױפזעער איבער אַ הױז (דוואָרניק).

דזשיגס — טאַנץ-פיגורן.

דעטעקטיוו — געהײם-אַגענט פון דער פּאָליצײ.

דעטס-ראַיט — יאָ, ריכטיק.

דיער-סער — טײערער האַר.

דרעסער — אַ קאָמאָדע מיט אַ שפּיגל.

דרעס — אַ קלײד.

האַי-סקול — מיטל-שול.

האָל — קאָרידאָר, אַ זאַל.

האַמבורגער-סטעיק — געהאַקט פלײש, אַזאַ קאָטלעט, זײער אַ פּאָפּולער געריכט אין די ביליקע רעסטאָראַנען.

האָלד-אָפּ — רויבערײ.

האָדסאָן — אַ גרויסער, ברײטער טײך.

האַרלעם-ריווער — אַ טײך אין אַ געגנט פון ניו יאָרק, וואָס הײסט האַרלעם.

האַו-דו-יו-דו — וואָס מאַכט איר?

האַו-דו-יו-דו-יורסעלף — וואָס מאַכט איר אַלײן?

האָט-דאָג — אַ פראַנקפורטער, אַזױנע קישקעלעך, פון די פּאָפּולערסטע מאכלים אין אַמעריקע.

וואָלוואָרטס פינף און צען סענט סטאָר — קראָמען, צעשפּרײט איבער גאַנץ אַמעריקע, וואָס געהערן צום מיליאָנער וואָולוואָירט.

ווילאַ — אַ הױז אַרומגערינגלט מיט נאַטור-שײנקײטן.

ווײטער — קעלנער.

טאָוסט — אַ פײערלעכע באַגריסונג.

טאַימס-סקווער — אַ געגנט אין ניו יאָרק פון די רײכסטע טעאַטערן, קאַבאַרעטן און האָטעלן.

טײפּרײטערין — מײדל וואָס אַרבעט אויף אַ שרײב-מאַשין.

טײער — דער אָנגעבלאָזענער גומענער רינג פון אַן אָטאָמאָביל-ראָד.

טענעמענט-הויז — אַ הױז פון עטלעכע שטאָק, וואו עס וואוינען אַ סך שכנים.

טעקסי— אַן אָטאָמאָביל, וואָס מען דינגט אויף צו פאָרן.

טראָבל — אַ צרה.

טראָק — אַ לאַסט-אָטאָמאָביל.

טרײד — אַ פּראָפעסיע.

טרעפיק — דורכפאָר.

טשענס — אַ געלעגנהײט.

טשעק — אַ געלט-אָנווײזונג אויף אַ באַנק.

יוניאָן-סקווער — אַ געגנט אין ניו יאָרק מיט אַ פּאַרקל, דאָרטן ווערן אָפּגע-האַלטן אַרבעטער-דעמאָנסטראַציעס.
יוניאָן-סוט — מענערשע וועש, העמד און גאַטקעס געמאַכט פון איין שטיק.
יוקעלעילי — זייער אַ פּאָפּולער שפּיל-אינסטרומענט, ווי אַ באַלאַלאַיקע.
יאַנקי — אַן עכטער אַמעריקאַנער פון די מזרח-שטאַטן.
יעס סער — יאָ, מיין האַר.

לאַנטש-רום — אַ שפּייז-צימער, אַ קליין רעסטאָראַנדל.
לאָיער — אַדוואָקאַט.
לאָנג-איילאַנד — אַ געגנט אין ניו יאָרק באַם ברעג פון ים.
לענדלאָרד — אייגנטימער פון הויז.
ליפּסטיק — ליפּן-פאַרב.
ליידי — דאַמע.
לייברערי — ביבליאָטעק.

מאַ — מאַמע.
מאָב — אַ המון.
מאָסטאַרד — זענעפט, גאָרטשיצע.
מאָרג — טויטן-הויז פאַר אָרעמע.
מואווי — קינעמאַטאָגראַף.
מיטינג — פאַרזאַמלונג.
מיסטער — הער.
מיס — פרייליין.
מיסעס — מאַדאַם.
מאַנקי-ביזנעס — מאַלפּישע שטיק.

נוירס — באַרעמהערציקע שוועסטער.
ניקל — מטבע פון פינף סענט.
ניקערס — קורצע הויזן.

סאָבוויי — אַ באַן, וואָס לויפט אונטער-ערד.
סאָ-לאָנג — צום ווידערזען.
סאַפּער — וועטשערע.
סאַלאַמי — דאַרע קישקע.
סאָוט — דרום.
ספּירטש-לייט — אַ חאַנט-לעמפּעלע, אָן עלעקטרישעס.
סוויט-פּאַטייטאָ — אַזאַ בולבע, וואָס וואַקסט אין אַמעריקע און איז זייער זיס.
סוויט-האַרט — זיס-האַרץ (געליבטער).
סוויט-קאָרן — פּאַפּשויעס, קוקורוזע.
סוועל-קיד — אַ ווילער יאַט.
סטאָר — קראָם.
סטודיאָ — אַטעליע, דער אַרבעט-צימער פון מאָלער.
סטיישאָן — סטאַנציע.
סטיק דעם אַפּ, יו בעסטאַרד ! — הענט אין דער הויך, ממזר !
סטעיק — אַ געבראָטן שטיק פלייש.
סטריט — גאַס.
סטרעטשער — אַ טראָג-בעטל.
סענט — די קלענסטע מטבע, זעלבע ווי פּעני.
סטופּ — אַריינגאַנג. זיצן אַפּן סטופּ מיינט, ווען די שכנים צוזעצן זיך אויף די טרעפּ פון אַריינגאַנג.
סטייט — שטאַט.
סיט-דאַון — אַנידערגעזעצט זאָל ווערן !
סאָשעל דירעקטאָר — אַ פאַרוויילונגס-דירעקטאָר.
סעטלמענט-הויז — אַ געזעלשאַפטלעכער צענטער, וואָס איז אויפגעשטעלט גע-וואָרן דורך פילאַנטראָפּן אין אַן אָרע-מער געגנט.
סטרייק — שטרייק.
סטרייק-פּלאַקאַט — אַ שטרייק-שילד.
ספּענגעלס — אַזוינע קרעלן.
ספּיק-איזי — אַ ווייַן-שענקל.
סענדוויטש — צוויי שטיקלעך ברויט און עטוואָס שפּייז אינמיטן.

עפּל סאָוס — עפּל-קאָמפּאָט. אין דעם פאַל איז דאָס אַ גאַנץ אויסדרוק.

עלעוועיטער — אַ באַן וואָס לויפט אַף אַ בריק אויפגעשטעלט אינמיטן דער גאַס.

עלעוועיטער — אַ הייבער. אין די הויכע הייזער פון פילע שטאָק, ווערן מענטשן אַרויפגעהויבן דורך דעם עלעוועיטער.

עקסידענט — אומגליקס-פאַל.

עקסקיוז מי — אַנטשולדיקט.

פאַרמער — ערד-אַרבעטער.

פאַן — חוזק.

פאָרמאַן — אויפזעער איבער אַרבעטער אין אַ פאַבריק.

פאַונטעין-פען — אַ פען מיט אַן אייגענעם טינט-קוואַל.

פאַר-קאָוט — אַ פוטער-מאַנטל.

פוירנישד רום — אַ מעבלירטער צימער.

פוירנישד רום טו לעט — אַ מעבלירטן צימער צו פאַרדינגען (אָפּצולאָזן).

פוט-באָל — פוס-באַל.

פאָ — פאַרקירצונג פון פאַפאַ.

פאַדזשאַמעס — נאַכט-קליידער.

פאַרטי — אַ שמחה'לע.

פאָרטער — אַ טרעגער, אָדער אַ שווייצאַר.

פאַבליק-סקול — פאָלקס-שול.

פאָליטישען — אַ פאָליטיקער (אין דעם זינען מיינט דאָס, אַ מענטש, וואָס שפּילט אין פאַרדאָרבענער פאָליטיק.)

פליז — ביטע.

פושקאַרט — דעם פעדלערס וועגעלע.

פלאָמבער — דער וואָס מאַכט די וואַסער-לייטונג.

פלאָמבינג — וואַסער-לייטונג.

פלענטי — איבערגענוג.

פיקעט-לאַין — שורות סטרייקער, וואָס גייען אום פאַר די פאַבריקן מיט סטרייק-שילדן.

פעדלער — אַ הענדלער, וואָס פאַרקויפט זיינע סחורות אַף אַ וועגעלע, אָדער ער טראָגט זיי אַרום מיט זיך אין אַ פעקל.

פעני — די קלענסטע מטבעה אין אַמעריקע (זע סענט).

פעינטער — אַ פאַרבער.

פראָהיבישאָן — פאַרבאָט, מיינענדיק דאָס געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטן צו האַנדלען מיט אַלקאָהאָלישע געטראַנקען.

פרעצעלס — בייגל.

קאָנסאָמפּשאָניק — אַ טשאַכאָטעטשניק, אַ קראַנקער אַף די לונגען.

קאָלעדזש — אוניווערזיטעט.

קאַפּן-מאַכער — היטל-מאַכער.

קאָרנער — ראָג.

קאַסינאָ — אַ טאַנץ-זאַל.

קאָמפּאַני-הייזער — הייזלעך, וואָס ווערן אויסגעבויט פון די פאַבריקאַנטן אַרום די פאַבריקן, און פאַרדינגען זיי צו די אַרבעטער.

קאַסטימער — קונה.

קאַרפּעטס — טעפּיכער.

קוני-איילאַנד — אַ געגנט אין ברוקלין, וואָס ליגט באַם ים. (זייער אַ פּאָפּולער באַד-פּלאַץ).

קוואָדער — אַ פערטל דאָלאַר.

קלאָוק-מאַכער — מאַנטל-מאַכער.

קענטעלאָפּס — קליינע דיניעס.

קעיק — לעקעך.

קענדי — צוקערקעס.

קענדי-סטאָר — אַ קראָם פון צוקערקעס.

ראָלער-סקעיטס — שיך אַף רעדלעך.

ראָש-אָור — געאייל-שטונדע.

ראַסבערים — מאַלינעס. אַ גאַסן אויסדרוק, וואָס מיינט, אַז מען גלויבט ניט, וואָס יענער דערציילט דיר.

רום — אַ צימער.

רום טו לעט — אַ צימער צו פאַרדינגען.

רעיז — אַ הוספה.

רענט — דירה-געלט.

רעדזשיסטער — אַ קאַסע אַזאַ, וואָס רעגיסטרירט די איינגאַמע.

רעדס — רויטע, מיינענדיק באָלשעוויקעס.

רעפאָרמאַטאָרי — אַן אויסבעסערונגס-אַנשטאַלט.

רעקאָרד — גראַמאָפאָן-פּלאַסטינקע.

שאַפּ — אַרבעטס-פּלאַץ.

שאַקס — אויסדרוק פון איבערראַשונג.

שי סעיד דאַיד, יו סי — זי האָט געזאָגט געשטאָרבן, דו זעסט ?

שעריף — אָרדענונג-היטער.